STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06402

DER VEG TSUM ZIG

Earl Browder

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער וועג צום זיג

פון

אוירל בראַודער

איבערזעצט פון

נ. בוכוואַלד

מיט אַ פאָררעדע צו דער אידישער אויסגאַבע

פון

א. ביטעלמאַן

אַרויסגעגעבן פון

פאַרלאַג „מאָרגן-פרייהייט"

ניו יאָרק, 1943.

געזעצט און געדרוקט אין דער פראָמפט פרעס, 113 פערטע עוועניו, ניו יאָרק.

209

געווידמעט מיין פֿרוי ראַאיסאַ, מיין נאָענטסטע מיטאַרבעטערין אין משך פֿון זעכצן יאָר, וואָס האָט אינספּירירט אָט־דעם בוך.

אינהאַלט

פאָררעדע צו דער אידישער אויסגאַבע—א. ביטעלמאַן 7

פאָרוואָרט 23

אַריינפיר—ראָבערט מאַינאַר 31

ערשטער טייל : די מלחמה

קאַפיטל איינס :

דער כאַראַקטער פון דער איצטיגער מלחמה 43

קאַפיטל צוויי :

אַ קורצע מלחמה אָדער אַ לאַנגע ? 53

צווייטער טייל : אַ פאַראייניגט לאַנד

קאַפיטל דריי :

היטלער'ס געהיימער וואָפן—דער פינפטער קאָלום 64

קאַפיטל פיר :

מאַרטין דאַיעז, אויסערגעוויינלעכער פינפטער קאָלומניסט 74

קאַפיטל פינף :

איז קאָמוניזם אַ געפאַר ? 85

קאַפיטל זעקס :

די פראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער איניגקייט 96

קאַפיטל זיבן :

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און נאַציאָנאַלע איניגקייט 106

קאַפיטל אַכט :

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און נאַציאָנאַלע איניגקייט 124

קאַפיטל ניין :

די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און נאַציאָנאַלע איניגקייט 128

קאַפּיטל צען:
די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און נאַציאָנאַלע אייניקייט 138

קאַפּיטל עלף:
ספּעציעלע פּראָבלעמען פון דער צוויי־פּאַרטיי סיסטעם 148

דריטער טייל: די פאַראייניגטע מלוכות

קאַפּיטל צוועלף:
וואָס זיינען די פאַראייניגטע מלוכות? 156

קאַפּיטל דרייצן:
דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פאַראייניגטע מלוכות 165

קאַפּיטל פערצן:
ענגלאַנד און אַמעריקע 177

קאַפּיטל פופצן:
כינע ווי אַ בירגער פון דער וועלט 186

קאַפּיטל זעכצן:
איז אינדיע אַ מיטגליד פון די פאַראייניגטע מלוכות? 198

קאַפּיטל זיבעצן:
אַפריקע ווי אַ קראַפט אין דער מלחמה 208

קאַפּיטל אַכצן:
דער קאַמף פאַר לאַטיין־אַמעריקע 215

פערטער טייל: די עקאָנאָמיק פון קריג

קאַפּיטל ניינצן:
פון אַ „ווירטשאַפט פון שפע" צו אַ ווירטשאַפט פון קריג 226

קאַפּיטל צוואַנציג:
די אַרבעטער אין אַ קריגס־ווירטשאַפט 236

פינפטער טייל: דער זיג—און דערנאָך

קאַפּיטל איין־און־צוואַנציג:
די וועלט נאָך דער מלחמה 250

נאָכשריפט 255

פאָררעדע צו דער אידישער אויסגאַבע

פון א. ביטעלמאַן

דער אידישער לייענער וועט באַזונדערס שטאַרק הנאה האָבן פון אוירל בראַודער׳ס בוך. ראשית דערפאַר, וואָס דאָס איז דער ערשטער בוך אין אידיש, וואָס שטעלט אַוועק און פאַרענטפערט גרינטלעך די הויפּט־פראַגן פון דער מלחמה און פונעם זיג. אויף ענגליש זיינען די לעצטע צייט דערשינען פיל ביכער, וואָס באַהאַנדלען דעם ענין. אויף אידיש אָבער האָבן מיר נאָך דערווייל ניט געהאַט קיין איין ווערק פון דעם דאָזיגן מין. צווייטנס, גיט אונז בראַודער׳ס בוך די מעגלעכקייט אַ קוק צו טאָן אויף אַ נייעם אופן אויף די ספּעציעל־אידישע פראַגן, וואָס די מלחמה האָט פאַר אונז אַרויס־גערוקט. אַזוי אַרום, האָפן מיר, וועט דער אידישער לייענער טאָפּלט באַגריסן די דערשיינונג פון דעם בוך אין אידיש.

אוודאי איז דאָס נישט די אויפגאַבע פון אַ פאָררעדע איבערצודערציילן דעם אינהאַלט פון דעם ווערק. עס וועט אָבער זיין באַרעכטיגט צו ציען דעם לייענער׳ס אויפמערקזאַמקייט אויף די הויפּט־מאָמענטן פונעם ווערק, און ספּעציעל זיך אָפּשטעלן אויף די אויספירן, וואָס קענען געמאַכט ווערן פון דער לייזונג פון יענע וויכטיגע פראַגן, וואָס האָבן צו טאָן מיט בויען די אידישע פאָלקס־אייניגקייט ביי אונז אין לאַנד.

אוירל בראַודער׳ס בוך עפנט זיך מיט אַן אָפּשאַצונג פון דעם כאַראַקטער פון דעם איצטיגן קריג. דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס דאָס פאָלק ווייסט נאָך ניט פאַרוואָס עס שלאָגט זיך געגן היטלער׳ן און געגן דער גאַנצער „אַקס”. דאָס פאָלק ווייסט שוין גאַנץ גענוי, אַז אין דעם איצטיגן קריג האַנדלט זיך עס ממש וועגן דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק און פון אונזער לאַנד. אָבער צו וויסן בלויז דאָס אַליין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז נישט גענוג. און נישט נאָר איז וויסן אַליין נישט גענוג פאַר דער פולשטענדיגער מאָביליזירונג פון אַלע אונזערע כחות פאַרן זיג, נאָר איבערהויפּט איז עס ניט גענוג פאַר אויסאַרבעטן די נויטיגע פּאָליטיק, אָן וועלכער דער זיג וואָלט געווען אוממעגלעך.

דעריבער שטעלט אוירל בראודער פעסט צוערשט, אז דער איצטיגער קריג איז א קאמף פאר לעבן און טויט געגן דעם גרעסטן שונא, וואס דער מענטשלעכער פראגרעס האט ווען עס איז געהאט; אז דאס איז א קאמף פאר נאציאנאלער עקזיסטענץ און נאציאנאלער באפרייאונג, און אז די מלחמה געגן דעם היטלעריזם אנטוויקלט זיך ווי אן אמת'ע פאלקס־מלחמה.

אוודאי זיינען דא אין אונזער געזעלשאפטלעכן לעבן אזעלכע כחות, וואס שטערן דעם קריג. דאס זיינען פריער פאר אלץ און הויפטזאכלעך די פראָ־פאשיסטישע עלעמענטן. זיי שטעלן מיט זיך פאר די הויפט־געפאר און די גרעסטע געפאר. עס זיינען אבער פאראן אויך אזוינע כחות, וואס כאטש זיי זיינען ניט פראָ־פאשיסטיש, כאטש זיי גייען צוזאמען מיטן פאלק, זיינען זיי דאך ניט מיטן גאנצן הארצן אין דעם קריג. זיי שרעקן זיך פאר דעם, וואס דאס איז א פאלקס־מלחמה און וואס דאס פאלק שפילט און וועט שפילן די אנטשיידנדיגע ראלע אין דעם זיג. צוליב דער שרעק האבן מיר שוין ניט איין מאל ביינעוואוינט פארשיידענע וואקלענישן מצד איינפלוסרייכע עלעמענטן אין אונזער לאנד, — וואקלענישן וואס האבן דער מלחמה קיין גוטס ניט געטאן. צום ביישפיל, — אין דער פראגע פון דעם צווייטן פראנט און אין אזעלכע פראגן ווי די פולשטענדיגע מאביליזאציע פון די עקאנאמישע רעסורסן פון אונזער לאנד פאר דער מלחמה, און די נויטיגקייט פון פירן אן אנט־שיידענעם קאמף געגן די דעפיטיסטן.

די וואקלענישן מצד איינפלוסרייכע עלעמענטן אין אונזער לאנד, וואס שטייען בכלל־גענומען אויף די פאזיציעס פון געווינען די מלחמה, האבן ביי פיל מענטשן ניט איין מאל ארויסגערופן א צווייפל אין דער פיאיגקייט פון די דאזיגע עלעמענטן צו פירן א פאלקס־קריג. אט מיט דער פראגע, הויפט־זאכלעך, באשעפטיגט זיך אוירל בראודער אין די ערשטע קאפיטלען פון זיין בוך. און וואס איז זיין ענטפער?

זיין ענטפער איז, אז עס איז ניטא קיין גרונט פאר אזעלכע צווייפלען. ער האלט, אז די פארזיכערונג פאר דעם, אז דער קריג וועט געפירט ווערן ביזן סוף, ניט געקוקט אויף אלע וואקלענישן אין געוויסע פירנדיגע קרייזן, שטאמט הויפטזאכלעך דערפון, וואס דער אבסאלוטער זיג אין דער מלחמה איז נויטיג פאר אונזער נאציאנאלער עקזיסטענץ, פאר דער פארטזעצונג פון אונזער נאציאנאלן לעבן און אויך דערפאר וואס די אנטשלאסנקייט צו זיגן ליגט „אין די הערצער פון די מאסן פון פאלק".

פון דעם קומען מיר דירעקט צו די פאליסים, וואס אונזער רעגירונג פירט דורך אין דעם איצטיגן קריג. מיר קומען, מיט אנדערע ווערטער, צו דער פראגע: וואס זיינען עס פאר א פאליסים, וועלכע זיינען נויטיג צו פארזיכערן א זיגרייכע אנפירונג פון דער מלחמה און דעם ענדגילטיגן זיג?

רעדנדיג וועגן אַט־דער עיקר־זאַך, וועגן די פּאָליסיס, פאָרמולירט בראַודער פיר הויפּט־פּונקטן. ערשטנס, די איינינקייט פון פאָלק. צווייטנס, די איינינ־קייט פון די פאַראייניגטע מלוכות. דריטנס, די אַנזאַמלונג פון נייע פאַר־בינדעטע, איבערהויפּט צווישן די פעלקער פון אזיע, אפריקע און לאַטיין־אַמעריקע. און פערטנס, די פולע מאָביליזאַציע פון דער אַמעריקאַנער אינ־דוסטריע פאַר דער מלחמה. בראַודער האַלט, אַז אַט־די הויפּט־פּונקטן פון דער פּאָליטיק פון אונזער לאַנד זיינען געקניפּט און געבונדן איינער מיטן צווייטן, אַז דאָס זיינען טיילן פון דעם פּראָגראַם און דער סטראַטעגיע פון זיג.

בכלל גערעדט, זיינען דאָס טאַקע די פּאָליסיס פון אונזער לאַנד און פון אונזער רעגירונג. און דאָס איז זייער גוט. ווען עס קומט אָבער צו דער טאָג־טעגלעכער פירונג פון דער מלחמה, באַווייזן זיך שוועריגקייטן. ווען עס קומט צום אויסאַרבעטן די קאָנקרעטע און פּראַקטישע שריט, וואָס דאַרפן פאַר־ווירקלעכן די קריגס־פּאָליטיק פון אונזער רעגירונג, באַמערקן מיר צו אָפט, אַז זאַכן ווערן ניט געטאָן מיט דער נויטיגער שנעלקייט און אַנטשלאָסנקייט. מיר באַמערקן, אַז ניט אַלעמאָל האָבן מיר אין אַ פולער מאָס די נויטיגע נאַציאָנאַלע איינינקייט, וואָס זאָל ברענגען דערצו, אַז די מיטלען, וואָס זיינען, דאַכט זיך, פון אַלעמען אָנערקענט, זאָלן דורכגעפירט ווערן. און דאָס ברענגט בראַודער׳ן צו דער פראַגע: פון וואַנען שטאַמען די שטערונגען און שטרויכלונגען, וואָס פאַרהאַלטן און שוואַכן אָפּ די מלחמה־קראַפט פון אונזער לאַנד?

נאַטירלעך, קומען צוערשט יענע געפערלעכע כחות אין אונזער געזעל־שאַפטלעכן לעבן, וואָס ווערן געוויינטלעך באַצייכנט מיט דעם נאָמען: „פינפטער קאָלום". די טיילן פון בוך, וואָס דעקן אויף די פולע באַדייטונג פון דעם פינפטן קאָלום אין אונזער לאַנד, דאַרפן געלייענט ווערן מיט באַ־זונדערער אויפמערקזאַמקייט. דאָ ווילן מיר נאָר אָנמערקן די וויכטיגקייט פון דעם „מעמאָראַנדום", וואָס בראַודער ציטירט און אַנאַליזירט אין דעם צווייטן קאַפּיטל. דער דאָזיגער מעמאָראַנדום איז אין תוך גענומען אַ קריגס־פּלאַטפאָרמע פאַר דעם אַמעריקאַנער פאַשיזם, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון היטלער־אַגענטן בשותפות מיט פּראָ־פאַשיסטישע עלעמענטן דאָ אין לאַנד, נאָך אַזוי ווייט צוריק ווי אין 1937.

דער הויפּט־צוועק פון דער דאָזיגער פּלאַטפאָרמע איז געווען — צו מאַכן פון אַמעריקע דאָס, וואָס היטלער׳ן איז געלונגען צו מאַכן פון פראַנקרייך. און אין תוך גענומען — מיט די זעלביגע מיטלען. דאָס הייסט, באַשאַפן דאָ אין לאַנד אַ פיינטלעכע שטעלונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַזוי אַרום אונז איזאָלירן פון איינעם פון אונזערע גרעסטע און בעסטע פריינט. נאָכדעם — קומט דער פאַרזוך אויפצוהייבן אַ ווילדע אַנטי־קאָמוניסטישע העצע אין

לאַנד, אויפן גרונט אַז קאָמוניזם איז די גרעסטע געפאַר. און צולעצט — דאָס, וואָס דער לייענער וועט זיך שוין מסתמא אַליין אָנשטויסן — אַז די אידן זיינען אַ גרויסע געפאַר פאַר אַמעריקע און פאַר דער וועלט. מיט אַנדערע ווערטער, אַ פאַרזוך אויפצוהויבן אַ העצערישע אַנטיסעמיטישע און פּאָגראָם־שטימונג אין אַמעריקע.

עס איז שוין איצט קלאָר, אַז אַנטיסעמיטיזם איז געווען איינער פון היטלער׳ס הויפּט־מיטלען. דאָס איז אויך איצט אַזוי: פאַשיסטן אומעטום מאַכן פון אַנטיסעמיטיזם זייער הויפּט־געווער. מיר זעען דאָס אין אַמעריקע, אין אונזער אייגן לאַנד, וואו אַלע פאַשיסטישע באַנדעס רייטן אויפן פערדל פון אידן־האַס, און פאָדערן אַז אונזער פאָלק זאָל אויסגעראָטן ווערן. דער־פאַר טאַקע איז דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם געוואָרן, און דאַרף ווערן נאָך מער, דער הייליגער חוב פון אַלע פרייהייט־ליבנדיגע מענטשן. מען דאַרף באַשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז דער אַנטיסעמיטיזם זאָל ניט קענען לעבן: זאָל אונז דער „מעמאָראַנדום" נאָכאַמאָל דערמאָנען, אַז די אַמעריקאַנער פאַשיסטן און היטלער־אַגענטן האָבן געפּלאַנעוועט נאָך אין 1937 אַן אויסראָטונג־מלחמה געגן די אידן.

די מאַכער פון דעם דאָזיגן מעמאָראַנדום איז די קונץ ניט געלונגען. אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די כחות, אויף וועמען היטלער האָט געבויט זיינע פּלענער, זיינען שוין אינגאַנצן פאַרשוואונדן, אָדער אַז זיי זיינען געוואָרן אינגאַנצן מאַכטלאָז. דעם דאָזיגן טעות טאָר מען ניט מאַכן. ס׳איז גענוג זיך בלויז צו דערמאָנען, אַז מיר האָבן נאָך אינעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס אַ דאַיעז־קאָמיטע און אַ גאַנץ באַדייטנדיגע גרופּע פון האַלבע און גאַנצע דעפּיטיסטן. מיר רעדן שוין ניט וועגן דעם קריסטשיען פראָנט, דעם פאָטערל קאָגלין און ענלעכע. מיט דעם וואָס ער דעקט אויף גרינטלעך די פּולע באַדייטונג און די גרויסע געפאַר פון דער אַזוי־גערופענער „רעד־בעיטינג", מאַכט בראַודער אַ גרויסן ביישטייער צו אונזער זיג.

עס קען זיך אימיצן דאַכטן, אַז פּראָפעסיאָנעלע קאָמוניסטן־פרעסעריי און „רעד־בעיטינג" איז אַן אומשולדיגע זאַך. נאָר אַז מען ווערט פאַרטיג מיט בראַודער׳ס בוך, איז מען געצוואונגען צו דענקען גאַנץ אַנדערש. בראַודער באַווייזט, אַז „רעד־בעיטינג" איז דאָס הויפּט־געווער, מיט וועלכן היטלער׳ן איז אין דער פאַרגאַנגענהייט געלונגען אַזוי אָפּצושוואַכן אינערלעך זיינע געגנער, אַז פאַר זיינע אַרמייען איז שוין שפּעטער די מיליטערישע אויפגאַבע געוואָרן פאַרהעלטניסמעסיג גרינג.

וואָרים, אין וואָס אייגנטלעך דריקט זיך אויס די אַרבעט פון די „רעד־בעיטערס"? זי דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס מען זוכט צו באַשאַפן אַ גישט־עקזיסטירנדיגע געפאַר — קאָמוניזם — כדי צו באַהאַלטן אַן אמת׳ע

און גרויסע געפאַר — דעם פאַשיזם. אזוי האָט עס געאַרבעט אויף דער וועלט אַ גאַנצע ריי יאָרן, און דער עסק האָט געצאָלט היטלער׳ן גרויסע דיווידענדן. איצט אַרבעט עס שוין ניט אַזוי. מענטשן זיינען קליגער געוואָרן, אָבער די געפאַר איז נאָך אַלץ דאָ און עס זיינען נאָך אַלץ דאָ „רעד־בעיטערס״.

בראַודער׳ס גרויסער פאַרדינסט באַשטייט טאַקע אין דעם וואָס, ערשטנס, האָט ער אויפגעדעקט די וואָרצלען און די געפערלעכע רעזולטאַטן פון „רעד־בעיטינג״, און צווייטנס, וואָס ער באַווייזט, אַז די נאַציאָנאַלע איינינקייט פון אַמעריקאַנער פאָלק, פון אַלע קלאַסן און פאַרטייען, וואָס ווילן געווינען די מלחמה, אריינגערעכנט די קאָמוניסטן, איז ניט נאָר מעגלעך, נאָר איז אַ לעבנס־נויטווענדיגקייט פאַרן זיג. דאָס מיינט — אַ לעבנס־נויטווענדיגקייט פאַר דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ און פרייהייט פון אונזער לאַנד און פון אונזער פאָלק.

בראַודער האָט אויך צו זאָגן עטוואָס זייער אינטערעסאַנטס וועגן דער באַציאונג פון געוויסע פאַטריאָטישע קרייזן צום אַמעריקאַנער קאָמוניזם און צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ס׳זיינען ביי אונז, ווי מען ווייסט, דאָ מענטשן, וואָס זיינען אויפריכטיג און ערנסט פאַר דער פּאָליטיק פון די פאַראייניגטע מלוכות און פאַר דער ענגער פאַרבינדונג צווישן אונזער לאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער די זעלבע מענטשן קענען נאָך אַלץ ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אין אונזער לאַנד גופא קען אויך און דאַרף געשאַפן ווערן אַזא נאַציאָנאַלע איינינקייט, וואָס זאָל אַריינגעמען אין זיך אַלע פאַטריאָטישע כחות פון לאַנד. און ווער צווייפלט דאָס היינט אין דער פאַטריאָטישקייט פון די קאָמוניסטן? אדרבה, די באַהויפּטונג ווערט נאָך אַלץ געמאַכט, אַז אַמעריקאַנער קאָמוניסטן מוזן זיין פאַטריאָטיש אין דער איציגער מלחמה, מחמת זיי גייט דער עיקר אָן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַוודאי איז דאָס אַן איין־זייטיגע און דעריבער פאַלשע באַהויפּטונג.

אַז די קאָמוניסטן גייט אָן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן זיי קיינמאָל ניט געלייקנט. אָבער זיי זיינען אַלע מאָל באַשטאַנען אויף דעם, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד גייט זיי אָן טאַקע דערפאַר, ווייל זיי זיינען פאַראינטערעסירט פריער פאַר אַלץ אין אַמעריקע און אין אַמעריקאַנער פאָלק. נאָר ווי דאָס זאָל ניט זיין, זיינען כמעט אַלע, אויסער דעם פינפטן קאָלום, איצט איבערצייגט אין דער פאַטריאָטישקייט פון די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן. און דאָך באַגעגענען מיר נאָך אין געוויסע פאַטריאָטישע קרייזן אַ שטעלונג און אַ געפיל, אַז מיט די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן איז נישט אַלץ אין אָרדענונג. דאָס איז פאַר זיך אַליין שלעכט. נאָר דאָס ווערט אויך געפערלעך אין דעם איצטיגן מאָמענט, ווען דער פינפטער קאָלום זוכט צו עקספּלואַטירן, אויסצונוצן אַזעלכע שטימונגען, כדי אויפצובורען אַנטי־קאָמוניסטישע באַוועגונגען און אַזוי

ארום צעטיילן אונזער פאָלק און אָפּשוואַכן דעם מלחמה־כח פון אונזער לאַנד.

דער אויספיר פון בראַודער'ס אָפּהאַנדלונג אין דער פראַגע איז פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיגקייט. ער באַווייזט, אַז פּונקט ווי אין די פאַר־אייניגטע מלוכות זיינען זיך צוזאַמענגעקומען לענדער און פעלקער פון פאַר־שיידענע אידעאָלאָגיעס און געזעלשאַפטלעכע אָרדענונגען, אַט אַזוי און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס קומען זיך צונויף קלאַסן און פּאַרטייען פון פאַר־שיידענע אידעאָלאָגיעס אין יעדן לאַנד באַזונדער, פאַר דעם זעלביגן געמיינ־שאַפטלעכן צוועק. אָט־דעם איינפאַכן אמת מוז מען איינשטעלן און באַ־פעסטיגן אין די מוחות פון אַלע פּאַטריאָטישע עלעמענטן אין אונזער לאַנד. אָן דעם קען ניט זיין קיין פולשטענדיגע נאַציאָנאַלע איינהייט.

ס'איז פאַרשטענדלעך דעריבער, אַז די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער איינהייט פאַרנעמען אין דעם בוך אַ גרויסן אָרט. ווי דער לייענער וועט זיך אַליין איבערצייגן, זיינען דאָס ניט קיין פּשוט'ע פּראָבלעמען, כאָטש דער צוועק אַליין איז זייער אַן איינפאַכער. די קאָמפּליצירטקייט און די שוועריג־קייט פון דעם ענין נעמען זיך דערפון, וואָס מיר האָבן אין אונזער לאַנד פאַרשיידענע קלאַסן און פאַרשיידענע פּאַרטייען — קלאַסן און פּאַרטייען מיט ראַדיקאַל־פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס און פונדאַמענטאַלע פּראָגראַמען, וואָס זיינען ניט קוקנדיג אויף דעם אַלעם בלוטיג פאַראינטערעסירט, אַז אונזער לאַנד זאָל ניט אונטערגיין און אַז מיר זאָלן באַזיגן אונזערע שונאים. ס'איז קלאָר דעריבער, אַז נאַציאָנאַלע איינהייט ביי אונז אין לאַנד קען געבויט ווערן און ווערט געבויט אויף איין וועג: אַז קלאַסן, גרופּן און פּאַרטייען זאָלן אוועקלייגן זייערע פאַרשיידנהייטן אָן אַ זייט און זיך צוזאַמענקומען פאַר געמיינשאַפטלעכער אַרבעט אויף די פּונקטן, אין וועלכע זיי זיינען אַלע איינשטימיג. דאָס פאָדערט מצד יעדן קלאַס, גרופּע און פּאַרטיי אַ גרייטקייט צו אונטערוואַרפן שמאָלע און קליינע אינטערעסן לטובת די באַלדיגע גרויסע אינטערעסן פונעם לאַנד און פונעם פאָלק. דאָס פאָדערט אויך אַ גרייטקייט מצד יעדן טייל פון אונזער באַפעלקערונג צו שליכטן די קאָנפליקטן איבער די קלענערע פראַגן אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס זאָל ניט נאָר ניט שעדיגן דעם גרויסן אַלגעמיינעם אינטערעס, נאָר פאַרקערט, ס'זאָל ברענגען נוצן דעם דאָזיגן אינטערעס — צו געווינען די מלחמה. טאַקע דערפאַר איז אַזוי וויכטיג דער פערטער טייל פון בוך, וואָס באַהאַנדלט די פראַגע פון אונזער קריגס־ווירטשאַפט.

מען דאַרף דאָ אָנמערקן די ספּעציעלע וויכטיגקייט פון יענע טיילן פון בוך, וואָס באַהאַנדלען אויף אַ זייער פּראַקטישן און קאָנקרעטן אופן די נייע באַציאונגען, וואָס שטעלן זיך איין און מוזן באַפעסטיגט ווערן צווישן די עקזיסטירנדיגע פּאָליטישע פּאַרטייען דאָ אין לאַנד — דעמאָקראַטן, רעפּוב־

ליקאַנער, סאָציאַליסטן, לעיבאָריסטן, קאָמוניסטן, און אויך צווישן די פאַר־שיידענע קלאַסן פון אונזער געזעלשאַפט — אַרבעטער, קאַפּיטאַליסטן, פאַרמערס, פּראָפעסיאָנאַלן און אַזוי ווייטער. און פון די דאָזיגע אָפּ־האַנדלונגען קען מען זייער גוט זען ניט נאָר אַז פולע נאַציאָנאַלע אייניגקייט איז נויטיג, נאָר אַז זי איז מעגלעך.

אידישע פאָלקס־אייניגקייט אַלס כח אין דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער אייניגקייט

ווי שוין אָנגעמערקט, ליגט דער באַזונדערער ווערט פון בראַודער׳ס בוך פאַר דעם אידישן לייענער געגנוי אין דעם, וואָס דער בוך וואַרפט אַ קלאָר ליכט אויף די פּראַקטישע פּראָבלעמען פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט דאָ אין לאַנד. עס ווערט מיטאַמאָל קרישטאָל־קלאָר, אַז אויב עס איז מעגלעך און נויטיג אַן אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אייניגקייט, וואָס שליסט איין אַלע פּאַטריאָטישע כחות פון לאַנד, איז דאָך אוודאי און אוודאי נויטיג און מעגלעך אַ פאָלקס־אייניגקייט צווישן די אידן.

מען דאַרף זאָגן, אַז אַ פאָלקס־אייניגקייט צווישן די אידן האָט אין לויף פון די לעצטע חדשים געמאַכט באַדייטנדיגן פּראָגרעס. מען מעג זיך בלויז וואונדערן, וואָס דער פאָרשריט איז ניט געווען שנעלער און גרעסער. מחמת וואָס פאַר אַן אַנדער פאָלק אין דער וועלט שטייט נאָך אין גרעסערער געפאַר, ווי דאָס אידישע פאָלק?

אָבער אידישע פאָלקס־אייניגקייט באַוועגט זיך פאָרויס. דאָס קען מען זען און פילן אויף יעדן שריט און טריט. די אידן פון אַמעריקע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער מלחמה. אין אַ סך שטעט אַרבעטן אידישע אָרגאַניזאַציעס פאַראייניגט פאַרן זיג פון אונזער לאַנד. די פאָלקס־מאַסן פאָדערן גרעסערע און ברייטערע אייניגקייט. שוין מיט אַ יאָר צוריק האָט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, פילנדיג דעם דרוק פון פאָלק, אָנ־געמערקט אַ פּראָגראַם פון פאַראייניגטער מלחמה־אַקציע, וועלכע ווערט גע־שטיצט פון אַ סך אידישע אַרבעטער און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. צום ביי־שפּיל: דער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט און דער טרעיד־יוניאָן קאָמיטעט פאַר טאַנקען און עראָפּלאַנען. ס׳איז נאָר צום באַדויערן, וואָס די פירערשאַפט פונעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס האָט נאָך ביז איצט ניט אונטער־גענומען די נויטיגע מיטלען צו פאַרווירקלעכן שנעל זיין אייגענע פּראָגראַם פון פאַראייניגטער אידישער מלחמה־אַקציע. מען דאַרף זען אומבאַדינגט, אַז די פּראָגראַם זאָל פאַרווירקלעכט ווערן וואָס גיכער.

דער וואוקס פון אידישער פאָלקס-איינינגקייט איז געקומען באזונדערס צום אויסדרוק אין דעם אַפּרוף פון די אַמעריקאַנער אידן אויף דער ברייטער באַוועגונג, וואָס מען רופט געווײנלעך „ראַשיען וואָר רעליף". און דאָס איז נאַטירלעך ניט קיין צופאַל. הילף פאַרן סאָוועטן-פאַרבאַנד, וואָס פאַר אַ פאַרמעגן דאָס זאָל ניט אָננעמען, איז גלייך פון אָנפאַנג באַטראַכט געוואָרן ביי די אידישע פאָלקס-מאַסן אין אַמעריקע, ווי אויך ביים גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק, ווי הילף פאַר אַמעריקע אַליין, פאַר אונז דאָ. דאָס ווערט באַטראַכט ווי הילף פאַר דער מלחמה, הילף פאַרן זיג. און כאָטש עס זיינען געווען און עס זיינען נאָך אַלץ דאָ אַזעלכע (ווי צום ביישפּיל, הלל ראָגאָף, נ. כאַנין, דוד ווערטהיים און ענלעכע), וואָס פּרואוון איינרעדן דעם עולם, אַז הילף פאַרן סאָוועטן-פאַרבאַנד מיינט ניט געגעוי דאָס זעלבע וואָס הילף פאַר אַמעריקע, פונדעסטוועגן גייט דאָס אידישע פאָלק, און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק בכלל, אין זיינע אייגענע דרכים.

ס'איז אמת, אַז אין דעם „ראַשיען וואָר רעליף" האָבן די אידישע פאָלקס-מאַסן פון אַמעריקע אריינגעלייגט אַ ספּעציעלן ענטוזיאַזם, ברען און איבערגעבנקייט. אָבער אויך דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך — פאַרשטענדלעך פאַר יעדן אויפריכטיגן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט. אונזער פּרעזידענט אַליין און זיין וויצע-פּרעזידענט און פיל אַנגעזעענע פירער אין אַמעריקע, ווי אויך פון די אַנדערע פאַראייניגטע מלוכות, האָבן ניט איין מאָל אָנגעוויזן פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. זיי האָבן געזאָגט, אַז רוסלאַנד האָט ביז איצט געטאָן פאַר דעם זיג אין דער מלחמה מער ווי אַלע אַנדערע פאַראייניגטע מלוכות צוזאַמענגענומען. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז די רויטע אַרמיי האָט זיך געשלאָגן און שלאָגט זיך מיט אַ בראַווקייט און מסירת נפש, וואָס איז נאָך ביז איצט ניט געזען געוואָרן. און דערפאַר פילן מיר אַלע, אַז מיר זיינען שולדיג דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד אַ גרויסן חוב און אַז וויפיל מיר זאָלן ניט טאָן אָפּצוצאָלן דעם חוב, האָבן מיר נאָך אַלץ ניט געטאָן גענוג. נו, איז וואָס איז דאָ שלעכטס? אדרבה, אַזאַ געפיל אַליין איז איינער פון די גרעסטע כחות צו מאָביליזירן אונזער אייגן לאַנד פאַרן זיג אין דער מלחמה.

אויסער דעם, זיינען די אידישע פאָלקס-מאַסן פון אַמעריקע באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין דעם גורל פון אונזערע אידישע ברידער און שוועסטער אין דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. דאָס איז אויך ניט קיין עוולה. און אוודאי איז עס ניט קיין עוולה, נאָר פאַרקערט, זייער נאַטירלעך, וואָס די אידישע פאָלקס-מאַסן אין אַמעריקע זיינען אַזוי באַגייסטערט און שטאָלץ מיט דער בראַווקייט פון די אידישע קעמפער אין דער רויטער אַרמיי. אויך די דאָזיגע געפילן שטאַרקן דעם מלחמה-כח און די אידישע איינינגקייט אין אַמעריקע און במילא דעם מלחמה-כח און שטאַרקייט פון אַמעריקאַנער פאָלק. ס'איז

דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס דער אידישער קאונסיל פון „ראַשיען וואָר רעליף״, וועלכער איז געקומען צום לעבן אַלס ענטפער פון די אַמעריקאַנער אידן אויף דעם קאַמפּס־רוף פון אונזערע סאָוועטישע ברידער דורך דעם אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, איז אַזוי שנעל געוואָרן איינער פון די באַליבטסטע און וויכטיגסטע כחות אינעם אידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן פון אַמעריקע.

דאָ איז ניט דאָס פּלאַץ אויסצורעכענען גענוי אַלע פאָרמען און אויס־דרוקן פון דער באַוועגונג פאַר אידישער פאָלקס־אייניגקייט אין אַמעריקע. דאָך מוז מען אָנווייזן אויף אַזעלכע וויכטיגע דערשיינונגען ווי די שטרעבונגען צו אידישער פאָלקס־אייניגקייט אין די רייען פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן און אין די קרייזן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט פונעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. קלאָרער און באַשטימטער האָבן די שטרעבונגען פאַר אידישער פאָלקס־אייניגקייט געפונען זייער אויסדרוק אין דעם קאָמיטעט פון אידישע שרייבער און קינסטלער אונטערן פאָרזיץ פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. דער כח פון די דאָזיגע אייניגקייט־טענדענצן שטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג צווישן די צענדליגער טויזנטער אידן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין די פאַרשיידענע לאַנדסמאַנשאַפטן — א כח, וואָס זיין ווערט טאָר ניט אונטערגעשאַצט ווערן. נישט קיין קליינעם אָרט אין דער אייניגקייט־באַוועגונג פאַרנעמט יענער טייל פון דעם אידישן פאָלק אין אַמעריקע, וואָס מען באַצייכנט געוויינלעך אַלס די רעליגיעזע אידן, אָרטאָדאָקסישע און אַנדערע. מען דאַרף אפילו זאָגן, אַז צווישן דעם דאָזיגן טייל פון אונזער פאָלק באַמערקט זיך א באַזונדער וואַרעמע איבערגעבנקייט צו דער באַוועגונג פאַר אידישער פאָלקס־אייניגקייט אין אַלע אירע פאָרמען. און פאַרבייגייענדיג לאָמיר אויך פאַרצייכענען דעם אויסער־געוויינלעך וויכטיגן פאַקט, וואָס אויף די כוואַליעס פון דער וואַקסנדיגער אידישער פאָלקס־אייניגקייט הויבט אויך אָן צו פאַרשווינדן די אָפּגעזונדערט־קייט צווישן דעם אַמעריקאַנער־געבוירענעם איד און דעם איד דעם אימיגראַנט.

ספּעציעל אָבער מוז אונטערשטראָכן ווערן דער כח פון דער אידישער אייניגקייט־באַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע און אין יענע טרעיד־יוניאָנס, וואו אידישע אַרבעטער זיינען גרויס אין צאָל. די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, אַלס א טייל פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג פון לאַנד, מאַכן זייער א גרויסן בייטראָג צום קריג און זיג פון אַמעריקע. זיי האָבן שוין אויך גענומען באַגרייפן, אַז זיי האָבן א באַזונדערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער בויאונג פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט אין אַמעריקע. ס׳איז נויטיג, אַז די גרעסטע מאַסן פון דער אידישער אַרבעטער־שאַפט אין לאַנד זאָלן זיך דורכדרינגען אין א פולער מאָס מיט דער פאַר־שטענדעניש אַז זיי, די אידישע אַרבעטער, זיינען דער רוקנביין פון אונזער

פאָלק, פון זיין אייניגקייט אין קאמף געגן היטלעריזם, אין דעם קאמף פאר אונזער צוקונפט און וויטערדיגער עקזיסטענץ. און דאָס איז געווי דער גייסט, וואָס נעמט באהערשן אַלע ברייטערע שיכטן פון אידישע ארבעטער און פון אידישע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס. מען קען דאָס זען כמעט אין יעדער אַזוי־גערופענער אידישער טרעיד־יוניאָן. מען זעט דאָס אין דער ארבעט פון דער אידישער סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן, מען זעט דאָס אומעטום, וואו עס אַרבעטן און קעמפן אידישע ארבעטער.

די גלענצענדיגע קאמפאַניע פאר טאַנקען און עראָפּלאַנען פאר דער רויטער ארמיי, וואָס אַ ריי אידישע ארבעטער־ און פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן דורכגעפירט אין די לעצטע חדשים (די אידישע סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן, טרעיד־יוניאָנס, לאַנדסמאַנשאַפטן, איקאָר, איקוף, אידישער מוזיק־פאַרבאַנד), האָט באַוויזן אויף אַ זייער דראַמאַטישן אופן, ווי רייף די אַמעריקאַנער אידישע פאָלקס־מאַסן זיינען פאר אידישער אייניגקייט. די קאמפאַניע האָט אויך באַוויזן, דורך דער גרינדונג פון דעם אידישן טרעיד־יוניאָן קאָמיטעט פאר טאַנקען און עראָפּלאַנען, אַז אידישע אַרבעטער דאָ אין לאַנד, הי־געבוירענע און אימיגראַנטן, שטעלן זיך אין די פאָדערשטע רייען אין דער באַוועגונג פאר אידישער פאָלקס־אייניגקייט.

ווען אין שיקאַגאָ, למשל, האָט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס און דער אידישער קאָונסיל פון „ראַשיען וואָר רעליף" באַשלאָסן צו אונטער־נעמען אַ געמיינשאַפטלעכע קאמפאַניע, אין וועלכער עס ווערן אריינגעצויגן די ברייטסטע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג, איז דאָס אַ באַוויז, אַז אידישע פאָלקס־אייניגקייט וואַקסט, כאָטש זי איז נאָך ווייט ניט דער־גרייכט געוואָרן. און ווען דער אידישער טרעיד־יוניאָן קאָמיטעט פאר טאַנקען און עראָפּלאַנען שליסט זיך אָן אָן דער קאמפאַניע פאר מיליטערישע שפּיטאָלן, וואָס ווערט געפירט פון דעם „יונאַיטעד דזשואיש וואָר עפאָרט" פון אַמערי־קאַנער אידישן קאָנגרעס, איז דאָס נאָך אַ באַוויז, אַז די באַוועגונג וואַקסט, כאָטש זי באַגעגנט פון טאָג צו טאָג אומגעהויערע שטערונגען און שטרויכלונגען.

וועגן די דאָזיגע שטערונגען מוז מען דאָ זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

ווער זיינען די געגנער פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט?

ס'זיינען דאָ געגנער און געגנער. ס'זיינען דאָ אַזעלכע געגנער, וואָס זיינען אין עצם שונאים פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט, מענטשן וואָס שטעלן זיך ניט אָפּ פאר קיין שום זאַך, אבי ניט צו דערלאָזן די דאָזיגע אייניגקייט. און עס זיינען אויך דאָ פּאַסיווע געגנער, מענטשן וואָס האָבן ליב צו רעדן

ווענן דעם, אַז איינינקייט איז ניט קיין לייכטער ענין און וואָס האָבן זיך ליב ספּעציעל צו באַרימען, אַז זיי האָבן צוויפלען בנוגע דער מעגלעכקייט פון איינינקייט, וואָס שליסט איין קאָמוניסטן. מוז מען דעריבער רעדן וועגן פאַרשיידענע סאָרטן געגנער, און אויף פאַרשיידענע אופנים.

ס'איז דאָ, למשל, די גרופּע וואָס פירט אָן מיטן „פאָרווערטס". דאָס זיינען געגנער פון אידישער פאָלקס־איינינקייט ביזן סוף, אַזוי צו זאָגן. און וועגן זיי איז ניט אַלעמאָל מעגלעך צו רעדן, ווי פון בלויז אידייאישע געגנער פון איינינקייט. זיי פירן זיך אויף מערסטנס ווי שונאים פון דער דאָזיגער איינינקייט.

ווי באַקאַנט, אָפּעריירט די „פאָרווערטס"־גרופּע הויפּטזאַכלעך מיט איין מיטל — די געפאַר פון קאָמוניזם, די געפאַר פון די „רויטע". די ליניע לויט וועלכער דער „פאָרווערטס" אַרבעט איז — „קיין איינינקייט מיט די קאָמוניסטן". און אַזוי ווי ביי דער „פאָרווערטס"־גרופּע איז כמעט יעדער אָנהענגער פון אידישער פאָלקס־איינינקייט אָדער אַ קאָמוניסט, אָדער אַ מיטלויפער, איז שוין דערפון קלאָר, אַז דער „פאָרווערטס" באַקעמפט און מוז באַקעמפן מיט אַלע מיטלען יעדן פאַרזוך פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט. ס'איז דעריבער קלאָר, אַז בנוגע דעם דאָזיגן סאָרט געגנער פון אידישער פאָלקס־איינינקייט זיינען מיר באַרעכטיגט צו זאָגן, אַז דאָס זיינען שונאים פון אידישער פאָלקס־איינינקייט, און אַז זייער „רעד־בעיטינג" טראָגט מיט זיך גרויסע געפאַרן פאַר די אידן פון אַמעריקע און פאַר דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינינקייט בכלל. דאָס מוז פאַרשטאַנען ווערן פונקט אַזוי פּשוט ווי דאָס איז געזאָגט געוואָרן, מחמת מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ אידישער דערשיינונג, וואָס איז זייער ענלעך — אויב ניט לויט איר אורשפּרונג, איז לויט אירע קאָנסעקווענצן — אויף די פּאָליטישע שטרעמונגען, וואָס גרופּירן זיך אַרום דער דאַיעז־קאָמיטע און ענלעכע כחות.

ס'איז אוודאי אַ ווייטאָג און אַ שאַנד, וואָס אַזוינס זאָל זיך געפינען צווישן אידן אין אַ צייט, ווען די סאַמע פיזישע עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק שטייט אין קאָן. ס'איז אָבער אַ פאַקט, פון וועלכן מען מוז ציען באַשטימטע שלוסן.

ס'זיינען אָבער אויך דאָ געגנער פון אַן אַנדער מין, וואָס מען קען זיי אינגאַנצן ניט אַוועקשטעלן אויף איין ברעטל מיט די פירער פון „פאָרווערטס". מיר מיינען דאָ יענע מענטשן, וואָס דענקען אַז זיי האָבן ערנסטע קריוודעס צו די קאָמוניסטן און זיי קענען בשום אופן ניט פריי ווערן פון דעם געפיל. די מענטשן וואָלטן מיט זייער פאַרשטאַנד דווקא יאָ וועלן איינינקייט, נאָר דאָס האַרץ דערלאָזט זיי ניט.

ס'זיינען אויך דאָ אַנדערע, וואָס זעען איין מיט זייער אייגענעם פאַר־

שטאנד, אז אידישע פאָלקס־אייניגקייט איז א לעבנס־נויטווענדיגקייט און אז קאָמוניסטן זיינען זיי שטארק באהילפיג אין דער דאָזיגער אייניגקייט. וואָלטן זיי עס דעריבער געוואָלט. נאָר וואָס דען? זיי גלויבן ניט — אזוי זאָגן זיי — אז די קאָמוניסטן, איבערהויפּט די היגע אידישע קאָמוניסטן, וועלן זיך לאַנג אָנהאלטן אין זייער איצטיגער אייניגקייט־פּאָליטיק. עס דאַרף הייסן, אז אייניגקייט מיט די קאָמוניסטן וואָלט געווען זייער גוט, אָבער — אז מען קען מיט די קאָמוניסטן ניט זיין זיכער!

צו די געגנער, זעט איר, דאַרף מען רעדן, און רעדן א סך. ניט ווייל זיי דריקן אויס שטימונגען פון ברייטע פאָלקס־שיכטן. ניין, דאָס איז ניט אמת. די ברייטע פאָלקס־שיכטן פון אונזער פאָלק, וואָס זיי זאָלן ניט דענקען וועגן דער ריכטיגקייט אָדער פאַלשקייט פון דער קאָמוניסטישער פילאָזאָפיע, ווילן האָבן פולשטענדיגע פאָלקס־אייניגקייט צוזאמען אויך מיט די קאָמוניסטן. אָבער ניט געקוקט דערויף, איז עס א פאקט, אז א סך אידישע געזעלשאפט־לעכע טוער און שרייבער באלאנגען צו דעם מין געגנער פון פאָלקס־אייניגקייט, וואָס דענקען, אז מען קען ניט זיין אינגאנצן זיכער מיט די היגע אידישע קאָמוניסטן. מוז מען דעריבער דעם ענין שענקען גרויס אויפמערקזאמקייט. און עס איז אונזער פעסטע איבערצייגונג, אז ווען אזעלכע וועלן איבערלייענען בראודער'ס בוך און וועלן ווערן זיין ערלעך מיט זיך אליין, וועלן זיי אָנ־פאנגען א ביסעלע אנדערש טראכטן וועגן דעם גאנצן ענין.

וואָס איז שייך אונז, וואָלטן מיר דאָ אין דער פאָררעדע בלויז וועלן צוגעבן איין זאך. די היגע אידישע קאָמוניסטן און יענע געזעלשאפטלעכע כחות, וואָס גייען געוויינלעך מיט מיט די קאָמוניסטן, האָבן שוין באוויזן ניט בלויז מיט רייד נאָר מיט מעשים, אז זיי מיינען בלוטיג ערנסט מיט אידישער פאָלקס־אייניגקייט. זיי האָבן באוויזן, אז די אינטערעסן פונעם אידישן פאָלק און פון די פארשיידענע אידישע ישובים אין אלע טיילן פון דער וועלט גייעז זיי אָן צום ווינציגסטן פונקט אזוי נאָענט און שטארק, ווי אלע אנדערע אידן. זיי האָבן אויך באוויזן אין לויף פון פיל יאָרן, אז ווען עס קומט צו קעמפן קעגן פאשיזם, זיינען זיי ניט אין די הינטערשטע רייען און אויך ניט צווישן די צושויער און אפּלאָדירער, נאָר טאקע בפועל ממש אין פיזישן קאמף קעגן דעם הויפּט־שונא פון אונזער פאָלק.

מען קען אָבער און מען דאַרף איצט זאָגן מער ווי דאָס. אויפן גרונט פון אוירל בראודער'ס פונדאמענטאלע אויספירן וועגן דער שטאנדהאפטיג־קייט פון דער אמעריקאנער נאציאָנאַלער אייניגקייט און פון דער אייניגקייט פון די פאראייניגטע מלוכות, דאַרף מען זאָגן אָט וואָס: ביי די אידישע קאָמוניסטן איז דער געדאנק פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט נישט קיין צייט־ווייליגע און פאָריבערגייענדיגע זאך, נאָר א לאַנגער און דויערנדיגער ענין.

די אידישע קאָמוניסטן גלויבן, אַז דער איצטיגער קריג פון אונזער לאַנד געגן דער „אַקס“ און דער זיג איבער דער „אַקס“ מאַכט נויטיג און מעגלעך אַ דויערהאַפטע און סאָלידע צוזאַמענאַרבעט פון אַלע כחות אין אידישן פאָלק — אַ צוזאַמענאַרבעט פון דערגרייכן דעם זיג און פאַר דער איינאָרדענונג פון אַ פרייען לעבן פאַר אונזער פאָלק נאָך דעם זיג. אָט גענוי ווי אוירל בראודער שילדערט די זאַך פון שטאַנדפונקט פון גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק און פון אַלע פאַראייניגטע מלוכות! זאָל דער אידישער לייענער דעריבער דורכגיין מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט יענע טיילן פון בוך, וואָס באַהאַנדלען דעם דאָזיגן ענין.

אַ פאָר ספּעציעלע ווערטער דאַרף דאָ געזאָגט ווערן וועגן די ציוניסטן אין פאַרבינדונג מיט אידישער פאָלקס-איינינקייט. דאָס דאַרף געטאָן ווערן, ערשטנס צוליב דעם, ווייל די ציוניסטן פאַרנעמען אַ זייער וויכטיגן אָרט אין דעם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. צווייטנס, אויך דערפאַר, וואָס עס גייען אַרום צופיל פאַלשע באַגריפן וועגן דער באַציאונג פון די אידישע קאָמוניסטן צום ציוניזם פון איין זייט און צו פאַלעסטינע פון דער אַנדערער זייט. אפשר זיינען די היגע אידישע קאָמוניסטן אַליין טיילוויז שולדיג אין דעם, וואָס אַזעלכע פאַלשע באַגריפן גייען נאָך אַלץ אַרום אפילו צווישן אויפריכטיגע מענטשן. אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז שוין לאַנג צייט, אַז מענטשן וואָס ווילן וויסן דעם אמת, זאָלן אים באמת וויסן.

די היגע אידישע קאָמוניסטן האָבן שוין לאַנג קלאָר געמאַכט, אַז זיי מאַכן אַן אונטערשייד צווישן ציוניזם אַלס אַ פּאָליטישע באַוועגונג און פאַרטיי און דעם אידישן ישוב אין פאַלעסטינע. צו די צוויי דערשיינונגען האָבן די אידישע קאָמוניסטן, נאַטירלעך, פאַרשיידענע באַציאונגען. דעם אידישן ישוב אין פאַלעסטינע אַנערקענען די אידישע קאָמוניסטן אַלס אַ וויכטיגן טייל פון אונזער פאָלק — אַ ישוב, וועלכער בויט אַן אָרגאַניזירט נאַציאָנאַל לעבן אין יענעם טייל פון דער וועלט, אין פאַלעסטינע. נאָכמער — אין דעם איצטיגן קריג שאַצן מיר אַלע אָפּ זייער הויך די ביישטייערן, וואָס דער אידישער ישוב אין פאַלעסטינע מאַכט צו דער מלחמה געגן דער „אַקס“. טאַקע צוליב דעם זיינען די היגע אידישע קאָמוניסטן מיט דער מיינונג, וואָס זיי האָבן פיל מאָל אויסגעדריקט, אַז די אַמעריקאַנער אידן דאַרפן שטיצן מיט אַלע מעגלעכקייטן דעם פאַרלאַנג פון דעם אידישן ישוב אין פאַלעסטינע, אַז מען זאָל מעגלעך מאַכן פאַר אים ער זאָל זיך קענען אין אַ פולער מאָס באַטייליגן אין דער מלחמה אַלס אַ פרייער און אָרגאַניזירטער נאַציאָנאַלער ישוב.

נעמענדיג אַזאַ שטעלונג, וועלכע איז שוין איצט ווייט באַקאַנט, האָבן די אידישע קאָמוניסטן ניט געדאַרפט מאַכן און האָבן ניט געמאַכט קיין שום

ברוך מיט זייער פונדאַמענטאַלן גלויבן, אַז די צוקונפט פון דעם אידישן ישוב אין פאַלעסטינע, וואָס די אַמעריקאַנער אידן דאַרפן העלפן בויען, ליגט אין דער ענגסטער און ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט צווישן אַלע פעלקער פון נאָענטן און מיטעלן מזרח און איבערהויפט צווישן די אידן און די אַראַבער — אין פאַלעסטינע גופא און אין אַלע אַנדערע לענדער פון יענעם וועלט־טייל. פאַרקערט, אַזאַ סאָרט ברידערלעכער צוזאַמענלעבן צווישן דעם אידישן ישוב אין פאַלעסטינע און די אַראַבער איז ניט אין קיין ווידערשפרוך מיט דעם וואוילזיין און פראָגרעס פון די פאַלעסטינער אידן און מיט זייער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג, ווי אַן אָרגאַניזירטער און פרייער אידישער נאַציאָנאַלער קיבוץ. ביידע זאַכן גייען האַנט אין האַנט.

וואָס איז שייך דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז דאָס נאָר איין ריכטונג, פון אַ סך אינעם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן — אַ ריכטונג, וואָס האָט איר אייגענע פילאָזאָפיע וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס אידישקייט און וועלכע פירט איר אייגענע פאָליטיק ווי אַ פאַרטיי, אין דעם ענין פאַלעסטינע. פאַרשטענדלעך, אַז קאָמוניסטן זיינען ניט קיין ציוניסטן. קאָמוניסטן שטרעבן צו אַ געזעלשאַפט, וואָס איז פריי פון יעדן מין אונטערדריקונג און עקספלואַטאַציע. זייערע לערער זיינען מאַרקס, ענגעלס, לענין און סטאַלין. די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע האָט איינגעזאַפט די בעסטע און שענסטע פרייהייט־טראַדיציעס פון אונזער אידישן פאָלק, פון אונזער אַמעריקע, און פון אַלע פעלקער: דאָס איז די פראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג — במילא איז עס גאַנץ אַנדערש פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. וואָלט זיך עס איצט געהאַנדלט וועגן אויסקעמפן צווישן דעם אידישן פאָלק די פראַגע וועמענס אידעאָלאָגיע עס איז גערעכט, די קאָמוניסטישע אָדער די ציוניסטישע, וואָלט דאָס אוודאי געווען דער הויפט־שטרייט צווישן קאָמוניסטן און ציוניסטן. אָבער דאַרף מען נאָך איצטער עמיצן באַווייזן, אַז דאָס איז ניט די הויפט־פראַגע, — אַז די הויפט־פראַגע איז ווי אַזוי אַלע אידן פון אַלע אידעאָלאָגיעס קענען אַרבעטן צוזאַמען צו ראַטעווען אונזער פאָלק? און אויב דאָס איז אַזוי, איז שוין במילא קלאָר, אַז קאָמוניסטן, ציוניסטן, סאָציאַליסטן און אַלע אַנדערע אידן קענען אַרבעטן צוזאַמען אויף אַ געמיינשאַפטלעכער פאָלקס־פלאַטפאָרמע פון אידישער איינינקייט, אַלס טייל פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינינקייט, קעגן דעם הויפט־שונא.

און ווען מיר רעדן וועגן אידישער פאָלקס־איינינקייט, מיינען מיר אַזאַ פלאַטפאָרמע, וואָס נעמט אַריין און באַשיצט די אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק אין אַלע לענדער, צווישן אַלע פעלקער, וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אָדער סיסטעם עס זאָל צווישן זיי ניט עקזיסטירן. אמת, עס זיינען דאָ אַזעלכע ציוניסטן, וואָס שרעקן זיך פאַר דעם פאַקט וואָס דער אידישער

ישוב אין פּאַלעסטינע האָט אויפֿגעהערט צו זיין אַ פּאַרטיי־זאַך בלויז פֿון איין פּאָליטישער ריכטונג צווישן אידן און איז געוואָרן אַן ענין פֿאַרן גאַנצן אידישן פֿאָלק. מיר זעען באמת ניט איין פֿאַרוואָס זיי זאָלן זיך שרעקן, סיידן זייערע מאָטיוון זיינען בלויז פֿון אַן ענגן און שמאָלן פּאַרטיי־כאַראַקטער. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז ציוניסטן וואָס קוקן אויף דעם ענין פֿון שטאַנדפּונקט פֿון פֿאָלק, באַגריסן דעם דאָזיגן פֿאַקט. און מיר ווילן האָפֿן, אַז זיי וועלן ציען דערפֿון די נויטיגע שלוסן, נעמלעך — אַז ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, אַריינגערעכנט קאָמוניסטן, קענען אַרבעטן צוזאַמען פֿאַר אידישער פֿאָלקס־איינִיגקייט אויך אין דעם ענין פֿון פּאַלעסטינער ישוב.

דאָ איז ניט דאָס אָרט און ס׳איז אויך ניט די אויפֿגאַבע פֿון איין מענטשן אָדער גרופּע, אויסצולייגן אַ פּראָגראַם פֿון אידישער פֿאָלקס־איינִיגקייט, ס׳איז אָבער נויטיג און באַרעכטיגט אָנצואווייזן די ריכטונג, אין וועלכער אַזאַ פּראָגראַם וואָלט געדאַרפֿט גיין.

זאָגן מיר דעריבער אַזוי. אַלע אידן פֿון אַמעריקע, אָפּגעזען פֿון פּאַרטיי, אָדער קלאַס, דאַרפֿן קענען אַרבעטן צוזאַמען פֿאַר דער מלחמה, פֿאַר דעם זיג פֿון אונזער לאַנד, צו שטאַרקן די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע איינִיגקייט אַרום אונזער הויפּט־קאָמאַנדיר, פֿאַר דעם, אַז דער אַנטיסעמיטיזם זאָל אויסגעראָטן ווערן און צוזאַמען מיט אים דער פֿינפֿטער קאָלום און אַלע טעטיגקייטן, וואָס העצן־אויף איין טייל פֿון אונזער באַפֿעלקערונג קעגן אַנדערן. די דאָזיגע אידישע פֿאָלקס־איינִיגקייט דאַרף אַרבעטן פֿאַר דעם, אַז עס זאָל כסדר וואַקסן די סאָלידאַריטעט פֿון די פֿאַראייניגטע מלוכות און אַז דער בונד צווישן ענגלאַנד, סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און אַמעריקע זאָל כסדר געשטאַרקט ווערן.

אויפֿן גרונט פֿון אַזאַ געמיינשאַפֿטלעכער אַרבעט, אין וועלכער די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג פֿון אַמעריקע און דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס קענען און דאַרפֿן שפּילן אַ זייער וויכטיגע ראָלע, דאַרף די דאָזיגע אידישע פֿאָלקס־איינִיגקייט אויסאיבן איר גאַנצן איינפֿלוס פֿאַר דעם, אַז עס זאָלן איינגעשטעלט ווערן ענגע און ברידערלעכע באַציאונגען צווישן די אידן פֿון אַמעריקע און אונזערע ברידער אין דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דאָס איז אַ לעבנס־נויטווענדיגקייט פֿאַר אונזער פֿאָלק. וועגן דעם דאַרף מען רעדן פּשוט:

יענע אידן צווישן אונז, וואָס דערלאָזן ניט, אַז ס׳זאָל זיך איינשטעלן אַן ענגע און ברידערלעכע פֿאַרבינדונג צווישן די אידן פֿון אַמעריקע און די אידן פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, שעדיגן דערמיט נישט נאָר אידישע פֿאָלקס־איינִיגקייט — וואָס דאָס איז גענוג ערנסט — נאָר זיי שטערן אויך די פֿאַרשטאַרקונג פֿון די פֿאַרבינדונגען צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. זיי שטערן די פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער ענגליש־סאָוועטיש־

אמעריקאנער קאאליציע. זיי שטערן די פארשטארקונג פון די פאראייניגטע מלוכות, דאס פאדערט די צוקונפט פון דעם אידישן ישוב אין פאלעסטינע.

אידישע פאלקס־איניקייט אין אמעריקע וועט ווירקן לטובת דעם אידישן ישוב אין פאלעסטינע. זי וועט דארפן שטיצן דאס רעכט פון דעם אידישן ישוב זיך צו באטייליגן אין א פולער מאס אין דער מלחמה פון די פאר־אייניגטע מלוכות אלס א פרייער און ארגאניזירטער נאציאנאלער ישוב, אין ברידערלעכער פארבינדונג מיט דער אראבישער באפעלקערונג אין פאלעסטינע און מיט אלע אראבישע פעלקער. דאס פאדערט דער זיג פון די פאראייניגטע מלוכות, דאס פאדערט די צוקונפט פון דעם אידישן שוב אין פאלעסטינע.

אידישע פאלקס־אייניגקייט אין אמעריקע וועט מיטארבעטן מיט — און וועט שטיצן — די אידן פון די נאצי־אקופירטע לענדער אין זייער קאמף פאר באפרייאונג. א פאראייניגטע אמעריקאנער אידנשאפט וועט שטיצן די אידן פון די נאצי־אקופירטע געגנטן און זייערע פאדערונגען אויך נאך דעם זיג, אז מען זאל זיי פארזיכערן די אלגעמיינע דעמאקראטישע פרייהייטן פון אלע אנדערע בירגער און אויך זייערע ספעציעלע נאציאנאלע רעכט. אזא פאראייניגטע אמעריקאנער אידנשאפט וואלט אויך געקענט מיט דעם גרעסטן דערפאלג מיטארבעטן מיט די אידן פון ענגלאנד און פון לאטיין־אמעריקע פאר די אלגעמיינע אינטערעסן פון אונזער פאלק.

מיר האפן, אז דער אידישער לייענער פון בראודער'ס בוך וועט זיך איבערצייגן אין דער גערעכטיגקייט פון אונזערע טענות, אז אידישע פאלקס־אייניגקייט אין אמעריקע איז מעגלעך און נויטיג. מיר ווילן אויך האפן, אז די דרינגענדע טאג־טעגלעכע באדערפענישן פון דער מלחמה און די שרייענ־דיגע ליידן פון אונזער פאלק אין די געגנטן, וואו דער שונא האט שוין אריינגעדרונגען און האט אזוי מערדערלעך פארוויסט — אז די דרינגענדע נויטן פון דער מלחמה וועלן אונטעראיילן דעם באוואוסטזיין און די האנד־לונגען פון די פירער פון די אמעריקאנער אידן. די צייט שטייט נים. יעדער טאג, וואס פארצייכנט נים קיין פראגרעס אין פרט פון פאלקס־אייניגקייט, איז א פארלוסט. פאראנטווארטלעכע פירער און טוער פון אידישן פאלק אין אמעריקע קענען זיך נים דערלויבן היינט צו טאג צו גיין פאמעלעך.

מען מוז זיך פאראייניגן. מען מוז איזאלירן און פולשטענדיג באזייגן יענע „רעד־בעיטערישע" עלעמענטן אינעם אידישן לעבן פון אמעריקע, וואס דערלאזן נים צו קיין אייניגקייט. נאר אויף אזא אופן וועלן די אמעריקאנער אידן קענען מאכן זייער פולן בייטראג צום זיג פון אונזער לאנד און פון אונזער פאלק.

פאָרוואָרט

דער דאָזיגער בוך האָט צו טאָן מיט די פּראָבלעמען פון דער איצטיגער מלחמה: די באַדינגונגען פאַר דעם זיג פון די פאַראייניגטע מלוכות און די פּראָבלעמען פון דעם וועלט־איבערבוי נאָך דער מלחמה, אויף וויפיל זיי האָבן צו טאָן מיט געווינען די מלחמה.

צוליב וואָס באַדאַרף מען „נאָך אַ בוך" וועגן דער מלחמה? פאַראַן שוין איבערגענוג מלחמה־ביכער, וואָס מערסטע פון זיי דרעשן־איבער די זעלביגע שטרוי נאָר אויף אַן אַנדער אופן. אויב „נאָך אַ בוך" זאָל זיך באַרעכטיגן פאַר מער ווי אַ ספּעציאַליזירטער גרופּע מענטשן, דאַרף ער ביי־טראָגן עפּעס נייעס צו דעם מאַטעריאַל פאַר דער דיסקוסיע אָדער אַנטוויקלען אַ שטאַנדפּונקט, וואָס קאָן ניט איגנאָרירט ווערן אין אַן ערנסטער אָפּשאַצונג פון דער מלחמה.

אָט־דער בוך באַרעכטיגט זיך פאַר דעם אַלגעמיינעם לייענער ווי אַ סיסטעמאַטישע דערקלערונג פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פאַרוואָס זאָל דער אַלגעמיינער לייענער זיך אינטערעסירן מיט דעם שטאַנדפּונקט פון אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר גאָר אַ קליינע מינדערהייט פון אַמעריקאַנער פאָלק?

דער ענטפער אויף אָט־דער פראַגע איז אַ פּשוט'ער. די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן זיינען טאַקע אַ פאַרהעלטניסמעסיג קליינע מינדערהייט־פּאַרטיי, אָבער קאָמוניזם און זיין שייכות צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן פון אונזער צייט שפּילט אַן אַנטשיידנדיגע ראָלע, אויף איין אופן אָדער אַ צווייטן, אין דעם עפנטלעכן דענקען און דיסקוסיע. די אינפאָרמאַציע, די מיינונג און דער אורטייל, וואָס אַ מענטש ווייזט אַרויס בנוגע קאָמוניזם (און די קאָמוניסטן), וועט באַשטימען ווי אַזוי אַזאַ מענטש וועט אויפנעמען היטלער'ס פּראָפּאַגאַנדע און וועט זייער ערנסט באַווירקן די שטעלונג זיינע צו די וויכטיגסטע און קריטישסטע פראַגן פון דער מלחמה. ס'איז דעריבער געוואָרן דער חוב און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יעדן איינעם פון דעם „אַלגעמיינעם עולם" זיך צו אינפאָרמירן וועגן דעם קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט. אין מלחמה־צייט

איז עס געפערלעכער ווי ווען עס איז צו טראַכטן לויט פּאַרטייגע פּאַראָורטיילן און מיסאינפאָרמאַציע.

אין דעם „ניו יאָרק טאַימס מאַגאַזין" פון אַפּריל 12, 1942 איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון דזשאָזעף ע. דעיוויס, געוועזענער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, אונטער דעם קאָפּ: „איז קאָמוניזם אַ געפאַר פאַר אונז?" מר. דעיוויס דערקלערט אין די פאָלגנדיגע ווערטער פאַרוואָס ער האַלט עס פאַר וויכטיג צו שרייבן איבער אָט־דער פראַגע:

„1. מיר זיינען פאַרנומען אין אַ פאַרצווייפלטער מלחמה; אונזער לאַגע איז אַ העכסט־געפערלעכע.

„2. דער ציל, וואָס היטלער'ס פּראָפּאַגאַנדע־אָפענסיווע האָט שטענדיג געזוכט צו דערגרייכן, איז געווען די איינרעדעניש, אַז צוליב דער געפאַר פון די 'רויטע' דאַרף היטלער באַגריסט ווערן ווי דער רעטער פון ציוויליזאַציע.

„3. ס'איז פאַראַן אַזוי פיל מיסאינפאָרמאַציע און אומוויסן וועגן קאָמוניזם אין אַמעריקע", אַז מר. דעיוויס האָט געפונען פאַר נויטיג אָפּצוגעבן אַ סך פלייס, כדי אָפּצולייקענען אַז „קאָמוניזם איז אַ געפאַר", ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אָט־דער געדאַנק „העלפט היטלער'ן, ניט אונז."

אָבער אָט־דער געדאַנק, וואָס „העלפט היטלער'ן, ניט אונז", ווערט בסדר פאַרשפּרייט אין אַמעריקע ניט בלויז דורך פאָטער קאָגלין, דעם „קריסטשען פראָנט", פאָטער קאָראַן, דעם נאַצי־„בונד" און ענלעכע פּערזאָנען און גרופּן. דאָס איז אויך די ספּעציעלע אַרבעט פון אַ ספּעציעלער קאָנגרעס־קאָמיסיע פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג מיט אַ גרויסן אַפּאַראַט ספּעציאַליזירטע אָנגעשטעלטע, וואָס טוען אָט־די אַרבעט און קריגן באַצאָלט פון דער רעגירונג — די קאָמיטע אונטער דער אָנפירונג פון מאַרטין דאַיעז. און אפילו אין דעם יאָר, ווען אונזער לאַנד איז אָפיציעל אין קריג געגן היטלער'ן און זיינע יאַפּאַנעזער און אַנדערע מיטלויפער, האָט דער קאָנגרעס ווידער אַמאָל גוטגעהייסן די אַרבעט פון מאַרטין דאַיעז, וועלכער פאַרשפּרייט אַ געדאַנק, וואָס „העלפט היטלער'ן, ניט אונז".

די איצטיגע מלחמה איז ניט „פאַר אָדער געגן" קאָמוניזם. ס'איז דער צוועק פון היטלער'ס פּראָפּאַגאַנדע אויפצוהייבן אָט־די שטרייט־פראַגע, כדי צו שאַפן צעטומלעניש צווישן זיינע שונאים. אָבער ווען היטלער און זיין „אַקס" זאָלן געווינען, וואָלט פאַרניכטעט געוואָרן ניט דער קאָמוניזם, נאָר דאָס רעכט פון אַלע פעלקער און לענדער, אַריינגערעכנט אַמעריקע, צו באַ־

שטימען זייער אייגענעם גורל. דאָס וואָלט געפירט צו א צוזאַמענבראָך פון ציוויליזאַציע בכלל. ווען היטלער און זיינע באַנדיטן וועלן צעשמעטערט ווערן, וועט עס זיין א זיג ניט פאַר דעם קאָמוניזם, נאָר פאַר דעם רעכט פון יעדן לאַנד צו באַשטימען צי דאָרט זאָל גילטן א קאַפּיטאַליסטישע, אָדער קאָמוניסטישע, אָדער סאָציאַליסטישע סיסטעם, אָדער אַן אַנדער מין אָר־דענונג, וואָס האָט נאָך קיין נאָמען נישט. עס וועט זיין א זיג פאַר דעמאָקראַטיע בכלל.

יעדער אַמעריקאַנער, וואָס איז ביים קלאָרן זינען — מעג ער זיין א קאַפּיטאַליסט אָדער ניט — מוז באַנעמען אָט־דעם איינפאַכן אמת. בלויז מענטשן, וואָס זיינען באַהערשט פון א מאַניע, בלויז גייסטיג־צערודערטע מענטשן קאָנען ערנסט גלויבן, אז די איצטיגע מלחמה איז א קריג צווישן קאָמוניזם און אַנטי־קאָמוניזם. אָבער ווען איינער ווייסט אפילו נישט וואָס די קאָמוניסטן ווילן אין דער איצטיגער מלחמה, איז אזא איינער מאַכטלאָז און אַנטוואָפנט אַנטקעגן אָט־דער היטלערישער פּראָפּאַגאַנדע.

בלויז אומוויסנהייט מאַכט עס מעגלעך פאַר א מאַרטין דאַיעז, א פאָטער קאָגלין, לאָרא אינגאַלס, ווינראַד, עליזאַבעט דילינג, פאָטער קאָראַן און אַנדערע פון זייער מין צו טענה'ן, אז קאָמוניזם איז די שטרייט־פראַגע פון דער איצטיגער מלחמה; אז מיר דאַרפן מורא האָבן פאַר א זיג, ווייל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז א מיטגליד פון די פאַראייניגטע מלוכות, און אויף אזא אופן סאַבאָטאַזשירן אונזער מלחמה־אָנשטרענגונג. ווען דער עולם וואָלט זיין אינפאָרמירט, וואָלט אזא היטלערישע פּראָפּאַגאַנדע זיך נישט געוואַגט צו באַווייזן אין עפנטלעכע פלעצער.

ס'איז דעריבער קלאָר, אז די פּראָבלעמען פון דער מלחמה, וואָס אָן איר איז געוועגדט דאָס לעבן אָדער טויט פון אונזער לאַנד, זיינען ענג פאַרבונדן מיט די באַגריפן און מיינונגען וועגן די אַלגעמיינע אייגנשאַפטן פון קאָמוניזם, וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי א גרויסע קאָמוניסטיש־געפירטע מלוכה און וועגן יענע אַמעריקאַנער, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

קיינער קאָן נישט טראַכטן קלאָר און ריכטיג וועגן וועלכער ס'איז פּראָבלעם, וואָס האָט צו טאָן מיט אַן אורטייל וועגן קאָמוניזם, אויב ער נעמט זיך ניט די מי אויסצוגעפינען באָטש וויפיל־ניט־איז וואָס די קאָמוניסטן אַליין האָבן צו זאָגן. אָט־דער בוך איז א פאַרזוך פאָרצוברענגען אַן אויטאָריטעטע דערקלערונג וועגן דעם קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט בנוגע דער מלחמה און די נאָך־מלחמה פּראָבלעמען. דער בוך איז געשריבן קודם־כל פאַר דעם „אַלגעמיינעם עולם”, דאָס הייסט — יענע דענקענדיגע מענטשן פון אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג, וואָס זייערע קאָלעקטיווע אורטיילן ווערן

פאראייניגט אונטער א דעמאקראטישער אָרדענונג און באווירקן די פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

„מיסאינפאָרמאציע און אומוויסן" וועגן די קאָמוניסטן האָט זיך שוין ארויסגעוויזן צו זיין זייער געפערלעך פאר די נאציאָנאַלע אינטערעסן פון אמעריקע. די היטלער־דאיעז פּראָפּאגאנדע וועגן דער „געפאר פון קאָמוניזם" איז געווען אזוי דערפאָלגרייך אין די פאראייניגטע שטאטן, אז אין מיטן פון יאָר 1941 איז אונזער פאָלק געווען כמעט אינגאנצן אין דער פינצטער בנוגע דער אמת'ער לאגע אויף דער וועלט. אמעריקאנער האָבן געגלויבט בנוגע די וויכטיגסטע פראגן פון דער מלחמה אזוינע זאכן, וואָס זיינען שוין באוויזן געוואָרן צו זיין פאנטאסטיש־פאלש. ווי א לאנד און א פאָלק האָבן מיר אמעריקאנער נישט געוואוסט די וויכטיגסטע זאכן וועגן דער געפערלעכער וועלט, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט. היינט ווי אזוי האָבן מיר געקאָנט האָבן א ריכטיגע פאליסי, וואָס זאָל אָנצייכענען אונזער קורס אין אָט־דער געפערלעכער וועלט?

ווען היטלער איז באפאלן דעם סאָוועטן־פארבאנד אָן וואָרנונג דעם 22טן יוני, 1941, האָבן די העכסטע מיליטערישע אויטאָריטעטן פון אונזער לאנד, צוזאמען מיט א כמעט איינשטימיגער פרעסע פאָראויסגעזאָגט, אז די רויטע ארמיי וועט פולשטענדיג פארניכטעט ווערן אין עטלעכע וואָכן אָדער העכסטנס אין עטלעכע חדשים; אז די סאָוועט־רעגירונג וועט זיך שנעל פאנאנדערפאלן פון אינעווייניג; אז היטלער וועט שנעל באזיגן און פארנעמען די בעסטע טעריטאָריעס און וועט אויפשטעלן זיינע א ליאלקע־רעגירונג אין דעם איבעריגן טייל פון רוסלאנד. דאָס וואָס די אמעריקאנער עפנטלעכע מיינונג האָט נישט דערוואָרט אין מערב־אייראָפּע, האָט זי דערוואָרט אין סאָוועטן־פארבאנד; אָבער איןביידע פאלן איז אָט־די מיינונג געווען פול־שטענדיג פאלש. היטלער האָט באהערשט מערב־אייראָפּע אין עטלעכע וואָכן, אָבער אין דעם סאָוועטן־פארבאנד האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דעם ערשטן ערנסטן ווידערשטאנד, איז אָפּגעשטעלט און צוריקגעשטויסן געוואָרן מיט ריזיגע פארלוסטן פון מענטשן און מאטעריאַלן, און ס'האָט ענדלעך געפּלאצט די לעגענדע וועגן זיין אומבאזיגבארקייט. פאר אמעריקע, וואָס האָט געליטן פון „מיסאינפאָרמאציע און אומוויסן", איז דאָס אַלץ געקומען ווי די גרעסטע איבערראשונג, ווי עפּעס אזוינס, וואָס איז געווען פולשטענדיג אין גאנצן צו דער פריערדיגער „בילדונג", עפּעס אַן אומפארשטענדלעכע זאך, א נס. אמעריקאנער, ווי א פאָלק און א מלוכה, האָבן געלעבט אין א וועלט פון אויסטראכטעניש; מיר האָבן פשוט נישט געקענט דיווירקלעכע וועלט.

איצט ווייסן אַלע, אז דאָס איז אמת. אָבער וויפיל האָבן א טראכט געטאָן וועגן דער טיפערער באדייטונג פון אָט־דעם ריזיגן פאקט אין דער וועלט־

געשיכטע, וואָס ענדערט די גאַנצע פּערספּעקטיווע פון אונזער אייגענער נאַציאָנאַלער צוקונפט? און וויפיל אַמעריקאַנער האָבן געענדערט זייערע אַלטע פאָראורטיילן און געוואוינהייטן פון דענקען, וועלכע זיינען געווען איינגעוואָרצלט אין באַגריפן, וואָס זייער פאַלשקייט איז שוין באַוויזן געוואָרן?

אַמעריקאַנער זיינען געוואָרן אַזוי צוגעוואוינט צו האָבן צוטרוי צו אַלערליי אילוזיעס און ליגנס, אַז מיר האָבן נישט געקאָנט אין ערגעץ באַמערקן די וואָרע ווירקלעכקייט. „געדענקט פּוירל האַרבאָר" איז אַ גוטער לאָזונג, אָבער דאָס רוב מענטשן ווייסן נאָך ניט אויף קלאָר וואָס אייגנטלעך זיי דאַרפן געדענקען וועגן פּוירל האַרבאָר. דאָס ערשטע וואָס מען דאַרף געדענקען וועגן פּוירל האַרבאָר איז, אַז דאָס איז אַ מאָנומענט פאַר דער אינטעלעקטועלער בלינדקייט פון אונזער לאַנד — אַ בלינדקייט, וואָס מיר האָבן אויף זיך אַליין אַרויפגעצוואונגען, ווייל מיר האָבן זיך איינגערעדט, אַז מיר זעען דאָס, וואָס אונזערע פאָראורטיילן האָבן אונז געהייסן זען, און מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גלויבן אונזערע אייגענע אויגן, ווען מיר האָבן געזען זאַכן, וואָס האָבן נישט געשטימט מיט אונזערע פאָראורטיילן. יעדער איינער, וואָס האָט געצווייגן די אויפמערקזאַמקייט צו דער ווירקלעכקייט, איז פאַרשריגן געוואָרן ווי אַ „קאָמוניסט", אַ „געפאַר", וואָס דאַרף אונטערדריקט ווערן; אַן עניין, וואָס דאַרף אונטערזוכט ווערן פון דער דאַיעז־קאַמיטע. מיר האָבן באַצאָלט דעם פּרייז פאַר אונזער בלינדקייט און דומהייט מיט אונזערע טויטע אין פּוירל האַרבאָר.

גיט נאָר אַ טראַכט אויף צוריק. מיט וואָסערע דריי יאָר צוריק האָט אַ זייער הויך־באַצאָלטער צייטונג־קאָלומניסט, וועלכער באַרימט זיך אַז ער איז אַ „רעד־בעיטער", אויף אַ קונציגן אופן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַרבעטגעבער אויף דעם פאַקט, וואָס זייערע סטענאָגראַפיסטקעס באָיקאָטירן יאַפּאַנעזער זייד און טראָגן באַוולנע זאָקן אָנשטאָט זיידענע. „היט זיך", האָט אויסגערופן יענער קאָלומניסט, „די וואָס טראָגן באַוולנע זאָקן, זיינען רויטע. זיי וועלן אַרויסגעבן אייערע סודות צום שונא. זאָגט אָפּ אַלע סטענאָגראַפיסטקעס, וואָס ווילן נישט טראָגן קיין זיידענע זאָקן." אַזויפיל אַרבעטגעבער האָבן געפאָלגט אָט־די עצה, אַז אַ סך סטענאָגראַפיסטקעס האָבן זיך דערשראָקן, אַז מען וועט זיי אַוועקשטעלן אויף אַ שוואַרצער ליסטע. דאָס האָט געהאָלפן ברעכן דעם באָיקאָט געגן יאַפּאַנעזער זייד. און יאַפּאַן האָט דורכדעם געקראָגן די מעגלעכקייט איינצוקויפן אין אַמעריקע נאָך שיף־טראַנספּאָרטן מיט „סקרעפּ"־אייזן, כדי צו מאַכן באָמבעס אויף צו באָמבאַרדירן פּוירל האַרבאָר.

איצט שטייט אַמעריקע אין אַ מלחמה אויף לעבן און טויט מיט דייטשלאַנד, איטאַליע, יאַפּאַן און זייערע נאָכפאָלגער. אין דער לעצטער שעה האָט

אמעריקע, דורך דער פירערשאפט פון פרעזידענט רוזוועלט, גענומען די איניציאַטיווע צו אָרגאַניזירן די פאַראייניגטע מלוכות מיט דעם אַנגלאָ־סאָוועטיש־אַמעריקאַנישן בונד אָן דער שפּיץ. ענדלעך האָבן מיר אַ פּאָליסי, וואָס — אויב זי זאָל ענערגיש דורכגעפירט ווערן — שאַפט זי די מעגלעכקייט צו ברענגען צו אַ שלום די העסלעכע קאַריערע פון היטלער און קאָמפּאַני.

זיינען מיר פייאיג און גרייט דורכצופירן אין לעבן אונזער פּראָקלאַמירטע פּאָליסי? די געפאַר איז גרויס, אַז אונזער לאַנד זאָל ווידער אָפּגעצויגן ווערן פון דעם וועג, וואָס פירט צו זיג. די געפאַר נעמט זיך דערפון, וואָס מיר האָבן נאָך נישט אויפגעגעבן, ווי אַ לאַנד און אַ פאָלק, די פאָראורטיילן און געוואוינהייטן, וואָס האָבן דערפירט די וועלט צו די איצטיגע קאַטאַסטראָפעס.

אָט־דער בוך איז אַ פּאַרזוך צו העלפן צעברעכן אָט־די אַלטע פאָר־אורטיילן און די מיסאינפאָרמאַציע, וואָס היטלער האָט דאָס די גאַנצע צייט אויסגענוצט ווי זיין הויפּט געהיים־וואָפן אויף צו באַהערשן לאַנד נאָך לאַנד.

עס וועט אפשר נים אָנקומען גרינג דעם „אַלגעמיינעם לייענער”, דעם טיפּישן פאָרשטייער פון דעם „אַלגעמיינעם עולם”, צו פועל'ן ביי זיך דורכ־צולייענען דעם בוך, און אויב ער וועט אים יאָ לייענען — צו שאַצן אים אָן פאָראורטיילן. ערשטנס, איז דער „אַלגעמיינער לייענער” גרינטלעך גע־וואָרנט געוואָרן, אַז דער פאַרפאַסער איז אַ „פאַרברעכער” נאַר־וואָס אַרויס פון פּריזאָן — אַ מענטש, וואָס זיין וואָרט קאָן מען נישט טרויען. ערשט נים לאַנג צוריק האָט דער זייער הויכגעשטעלטער מר. מאַרק סאָליוואַן, צום ביישפּיל, געפונען פאַר נויטיג צו וואָרנען זיינע לייענער, אַז „אוירל בראָודער איז אַ ליגנער”. אַזוי ווי דער „אַלגעמיינער לייענער” האָט נישט קיין מיטלען צו קריגן אַ זעלבסטשטענדיגע מיינונג איבער דער פראַגע, קאָן איך בלויז אַפּעלירן צו זיין אָרנטלעכן פאַרלאַנג צו דערגיין דעם אמת און אים בעטן ער זאָל אורטיילן וועגן דעם בוך אויף דעם גרונט פון דעם אינהאַלט, וואָס ער געפינט דאָרט, שטעלנדיג די אָנגעגעבענע אַרגומענטן צו דער פּראָבע פון זיין אייגענער דערפאַרונג און „קאָמאָן סענס”.

איך וועל אין דעם בוך נים פאַרשווענדן אומזיסט דעם לייענער'ס צייט און מיין אייגענע מיט אַ באַטראַכטונג פון מיין „שרעקלעכן פאַרברעכן”, וואָס דאַרף, הייסט עס, דיסקרעדיטירן מיינע און מיין פאַרטיי'ס ווערטער און טאַטן.

די איינציגע פאַרטיידיגונג, וואָס איך דאַרף דאָ ברענגען צוליב דעם „אַלגעמיינעם לייענער”, איז אַן איינפאַכער אויסצוג פון דעם דאָקומענט, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן פאַר דעם סופרים־קאָורט מיט דער אונטער־שריפט פון דעם דאַמאָלדיגן סאָליסיטאָר־דזשענעראַל בידל, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין איינער פון די בלינדסטע קרבנות פון דער „אַנטי־קאָמוניסטישער” קאַמפּאַניע. כדי צו פאַרטיידיגן פאַר דעם סופרים־קאָורט

דעם אורטייל און די שטראָף, וואָס איז אויף מיר אַרויפגעלייגט געוואָרן, האָט די אָנקלאַגע געפונען פאַר נויטיג צו באַגרינדן די קלאַגע דורכאויס אויף אַ טעכנישן באַזיס, צו כאַראַקטעריזירן דעם „פאַרברעכן" ווי איינעם פון יענע „אַקטן, וואָס אין זיך גופא זיינען זיי ניט שעדלעך", צו אָנערקענען אַז דער „פאַרברעכן" איז ניט פאַרבונדן מיט „מאָראַלישער פאַרדאָרבנהייט", אַז „דאָס איז ניט געווען קיין פאַרברעכן אונטער 'קאָמאָן לאָ'", דאָס הייסט — די ניט-געשריבענע אָבער גילטיגע כללים פון געזעץ; אַז מיין „פאַרברעכן" האָט נישט געבראַכט „קיין דירעקטן שאָדן דער רעגירונג"; אַז „עס דאַרף אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אַקט אָן אַ שלעכטער אַבזיכט". אַזוי ווי די רעגירונג אַליין האָט דורך דער פען פון מר. בידל צוגעגעבן פאַר דעם העכסטן געריכט, אין דער צייט ווען זי איז געווען אַנטשלאָסן מיך צו שיקן אין פריזאָן, אַז זי האָט ניט געגן מיר קיין קלאַגן פון שלעכטע אַבזיכטן אָדער מאָראַלישער פאַרדאָרבנהייט, דאַרף איך מער ווי דאָס ניט פאָרברענגען פאַר דעם „אַל-געמיינעם עולם" ווי אַן ענטפער אויף די אַטאַקעס, וואָס ווערן געמאַכט אויף מיין פערזענלעכן כאַראַקטער.

ווען איך בין באַפרייט געוואָרן פון אַטלאַנטא פעניטענטשיערי דעם 16טן מאַי דורך פרעזידענט רוזוועלט'ס שטראָף-פאַרלייכטערונג „אין די אינטערעסן פון נאַציאָנאַלער איינינקייט" (איך בין באַפרייט געוואָרן אָן שום באַדינגונגען), האָט אַ באַוואוסטער פאַרלאַג מיר פאָרגעשלאָגן זייער גינסטיגע באַדינגונגען איך זאָל שרייבן אַ בוך, וואָס די פירמע זאָל אַרויסגעבן. אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט אין זינען צו שרייבן דעם איצטיגן בוך, בין איך גערן איינגעגאַנגען אויף דעם פאָרשלאַג, מיט דער האָפענונג, אַז דורך אַזאַ בכובד'יגן פאַרלאַג וועל איך דערגרייכן צו אַ נייעם און ברייטערן עולם. איך האָב אָבער אויסגעפונען, צו מיין אַנטוישונג, אַז זיי האָבן דערוואַרט פון מיר אַ מין בוך וועגן די „פריזאָן מעמוּאַרן פון אַ באַרימטן פאַרברעכער"; און זיי האָבן זיך, קאָנטיג, אויף אַן אמת'ן דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק צו פאַרעפנטלעכן מיינע אַן ערנסטע פאָליטישע אָפהאַנדלונג. זייער עולם, האָבן זיי געזאָגט, אינטערעסירט זיך בלויז מיט פערזענלעכקייטן. אַזוי ווי זייער פּלאַן האָט נישט געשטימט מיט מיינעם, האָב איך זיך ווידער געווענדט צו מיין אַלטן פאַרלאַג, וואָס מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן — „אינטער-נעשאָנאַל פּאָבלישערס".*) איך האָף צו באַווייזן דורך דעם בוך, אַז אַזאַ מיינונג וועגן דעם אַמעריקאַנער לייענער איז פאַלש. איך גלויב, אַז דער אַמעריקאַנער עולם אינטערעסירט זיך מיט טיפערע זאַכן ווי בלויז פערזענ-

*) דער דאָזיגער בוך, ווי אַנדערע ווערק פון אוירל בראַודער, איז אַרויסגעגעבן אין אָריגינאַל פון דעם פאַרלאַג „אינטערנעשאָנאַל פּאָבלישערס."—איבערזעצער.

לעכקייטן. איך בין זיכער, אַז דער ברייטער אַמעריקאַנער לייענער אינ־טערעסירט זיך היינט־צו־טאָג, מער ווי ווען עס איז פריער, מיט פּרינציפּן און פּאָליסים. איך דערוואַרט צו זען, אַז אַט־דער אינטערעס זאָל ווירקן מער און מער אין דער ריכטונג פון צעברעכן אַלע פאָראורטיילן און דערנראָבן זיך צום באַהאַלטענעם אמת. אויב דער בוך וועט העלפן אין אַט־דער גרויסער אַרבעט פאַר אונז אַלעמען, וועט ער זיך דערמיט גענוג באַרעכטיגן.

אוירל בראַודער.

סעפּטעמבער, 1942.

אַ ר י י נ פּ י ר

פון ראָבערט מײַנאָר

דער דאָזיגער בוך איז אַן אָפּשאַצונג פון דער מלחמה און פון דער נויטיגקייט זי צו געווינען, לויט ווי דער אָנגעזעענסטער פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זעט די לאַגע אין האַרבסט פון 1942.

די הויפּט־פּראַגע אין דער איצטיגער מלחמה איז נישט קאָמוניזם, נאָר די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פון אונזער לאַנד. די מאָס פון דעם ליִענער'ס איינשטימיגקייט אָדער נישט־איינשטימיגקייט מיט דעם קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט בכלל איז נישט די מאָס פון דער ווערט, וואָס אָט־דער בוך האָט פאַר אים. די מאָס פון דער ווערט וועט דער ליִענער געפינען אין דער קלאָרקייט פון אַרגומענטאַציע, אין דער באַוויזענער גילטיגקייט פון די געמאַכטע פאָרשלאָגן און אין דער קראַפט פון דעם רוף צו אַלע מענער, פרויען און יוגנטלעכע מענטשן צו קעמפן, ווי מענטשן האָבן קיינמאָל פריער נישט געקעמפט, כדי די אַמעריקע, וואָס מיר האָבן ליב, זאָל נישט פאַרניכטעט ווערן.

אין דעם משך פון פיל יאָרן איז אוירל בראַודער געווען אַ פאָרשטייער פון אַ באַשטימטער ליניע פון אויסלענדישער פּאָליטיק. איבער אָט־דער פראַגע האָט ער, דאַכט זיך, געהאַלטן מער רעדעס און אין מער שטעט פון אונזער לאַנד ווי וועלכער ס'איז אַנדערער רעדנער, און ער האָט גערעדט צו מער מענטשן, ווי עס הערן זיך געוויינטלעך צו צו פּאָליטישע פירער פון אַ קלענערן ראַנג ווי פרעזידענט — אַן אַמט פאַר וועלכן ער איז צוויי מאָל געווען דער קאַנדידאַט פון זיין פּאַרטיי. זיינע געדרוקטע און גערעדטע ווערטער וועגן דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון אַמעריקע זיינען אַריין אין דער אומגאַנג־שפּראַך פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט, פון אַלאַסקאַ ביז דער אַרגענטינער רעפּובליק, און זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָפּולערע לאָזונגען נישט בלויז אויף דער ענגלישער שפּראַך, נאָר אויך אויף דער פּאָרטוגעזישער און שפּאַנישער שפּראַך פון לאַטיין־אַמעריקע. אין כינע ווערן זיינע מיינונגען וועגן אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען — וואָס ער האָט געשריבן און אויסגעדריקט מינדלעך אין כינע און אין אַמעריקע וועגן כינע — ציטירט און רעספּעקטירט ווי די ווערטער פון אַ שטענדיג־לאָיאַלן פריינט.

יעדער אַמעריקאַנער מיט אַ נאָרמאַלן פאַרשטאַנד און געפיל פון לאָיאַלי־טעט אָנערקענט איצט, אַז די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט און פרייהייט פון די פאַראייניגטע שטאַטן — יאָ, אונזער סאַמע עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק און אַ לאַנד — איז געווענדט אָן אונזער אָנטייל אין אַ קאָאַליציע, וואָס זאָל פאַר אונז מעגלעך מאַכן צו צעשמעטערן די היטלער־יאַפּאַנישע „אַקס". אַזאַ קאָאַליציע עקזיסטירט איצט אונטערן נאָמען פאַראייניגטע מלוכות („יונאַיטעד נעישאָנס") און האָט זיך פאַרפליכטעט צו קעמפן פאַר אַלוועלטלעכער פריי־הייט. צווישן די ערשטע אַמעריקאַנער, וואָס איז געווען נישט ווייניגער אויסגעהאַלטן ווי ווער ס'ניט איז אין אָנווייזן אויף דער נויטיגקייט פון אַזאַ קאָאַליציע, איז געווען דער פאַרפאַסער פון אָט־דעם בוך. בראָודער'ס יעדער וואָרט און אַקט אין די לעצטע אַכט יאָר האָט געשטימט מיט זיין רוף צו אַן אויסלענדישער פּאָליטיק, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף אַ קאָאַליציע פון דעמאָקראַטישע מלוכות צו באַשיצן דעם וועלט־פרידן אַזוי לאַנג ווי עס לאָזט זיך און צו צעשמעטערן און אויסראָטן די אינטערנאַציאָנאַלע פאַשיסטישע שרצים, ווען ס'וועט מער נישט מעגלעך זיין צו איינהיטן דעם פרידן. נאָך אין 1934, ווען די געפאַר פון דער פאַשיסטישער „אַקס" האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן אין די צוגרייטונגען, וואָס נאַצי־דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן מאַכן פאַר מלחמה אין אייראָפּע, און אין דעם אָנגריף פון פאַשיסטישער איטאַליע געגן עטיאָפּיע, האָט בראָודער גערופן צו אַ פאַראייניגטער אָנ־שטרענגונג אָפּצושטעלן באַצייטנס די אָנקומענדיקע וועלט־מלחמה. ער האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז „דער פאַשיזם קאָן באַזיגט ווערן בלויז דעמאָלט, ווען אַלע וואָס ליידן פון אים וועלן איצט זיך אויפהויבן צו אַ פעסטער, ענערגישער פאַראייניגטער אַקציע געגן פאַשיזם און מלחמה".*)

דורך די יאָרן 1934, 1935 און 1936 האָט בראָודער אָנגעפירט אַ גלענ־צענדע קאַמפּאַניע פאַר דעם צוועק, אַז אַמעריקע, צוזאַמען מיט ענגלאַנד, פראַנקרייך און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, זאָל אָנווענדן סאַנקציעס פאַר דער שוץ פון עטיאָפּיע. אין יוני, 1936, ווען איטאַליע האָט פאַרענדיגט איר דעראָבערונג פון עטיאָפּיע און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די נייע אַגרעסיווע שריט פון יאַפּאַן געגן כינע, בעת דער היטלער־מוסאָליני „אויפ־שטאַנד" האָט זיך געזאָלט אָנהויבן אין שפּאַניע אין דריי וואָכן אַרום, האָט בראָודער געוואָרנט, אַז „די באַנדע, וואָס ווערט געפירט פון היטלער, מוסאָ־ליני און די יאַפּאַנישע מיליטאַריסטן, גרייט זיך צו פאַרניכטן די ציוויליזאַציע גופא" און אַז אַמעריקע איז דורך היסטאָרישער אומפאַרמיידלעכקייט איינ־געשלאָסן צווישן די פעלקער, געגן וועמען זיי וועלן אָנווענדן „זייער וואָנ־

*) „קאָמוניזם אין די יונאַיטעד סטעיטס", זייט 238, ניו יאָרק, 1934.

זיניגן פאַרזוך צו פאַראייביגן זייער הערשאַפט און צו באַהערשן די וועלט".
כדי צו פאַרמיידן אַט־די געפאַר, האָט בראָודער געפאָדערט „איין פאַראייניגטע
אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליסי", וואָס אַרום איר זאָלן מאָביליזירט ווערן „די
וואַקסנדיגע אַרמייען פון פאָרטשריט און פרידן".*)

צו דעם האָט ער צוגעגעבן:

„דאָס פאָדערט, אַז עס זאָל אָנערקענט ווערן די ראָל פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און עס זאָל אין דער פולער מאָס אויסגענוצט ווערן אַט־די גרויסע מאַכט."**) ער האָט געשטרעבט צו דער קאָאָפּעראַציע צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד נישט בלויז אויף דעם גרונט פון דער פּאָליטישער און היסטאָרישער פייאיגקייט פון יענעם לאַנד, נאָר כדי אויסצונוצן „אַט־די גרויסע מאַכט" פאַרן צוועק פון פאַרשטאַרקן די פאַראייניגטע שטאַטן. דאָס איז געווען עפּעס נייס. אין דעם משך פון צוואַנציק יאָר האָבן קאָמוניסטן און נישט־קאָמוניסטישע טרעיד־יוניאָניסטן פאַרטיידיגט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי אַ יונגע סאָציאַליסטישע מלוכה, וואָס לויט איר היסטאָרישן כאַראַקטער האָט זי פאַרדינט זייער פאַראייניגטע שוץ; און ווירקלעך, די ווייט־פון־קאָמוניסטישע טרעיד־יוניאָנס אין ענגלאַנד האָבן דורך זייער וואָרנונג וועגן אַקציע פאַרמיטן אין 1921 אַ מלחמה פון ענגלאַנד געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער דאָ איז די לאַגע געווען אַ פאַרקערטע: די יונגע סאָציאַליסטישע מלוכה איז רייף געוואָרן און איז אַליין געוואָרן גענוג שטאַרק אויף צו ווערן אַ מעכטיגע שוץ פאַר דעמאָקראַטיע איבער דער גאַנצער וועלט.

עס איז איצט גרינג צו זען דעם גרויסן שאָדן, וואָס לינדבערג האָט אָנגעטאָן אין היטלער'ס אינטערעסן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע וועגן דער „שוואַכקייט" און „אומפייאיגקייט" פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איצט, נאָכדעם ווי לינדבערג'ס טעאָריע איז פאַרניכטעט געוואָרן אויף דעם שלאַכטפעלד און איז פאַרביטן געוואָרן מיט גענעראַל מעקאַרטור'ס אָפּשאַצונג, אַז „די האָפענונגען פון ציוויליזאַציע רוען אויף די ווירדיגע פאָנען פון דער מוטיגער רוסישער אַרמיי", איז עס גרינגער צו פאַרשטיין דעם פאָרשלאַג וועגן אַ קאָאַליציע פון פאַראייניגטע מלוכות, אין וועלכער אַמעריקע און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָלן שאַפן די צוויי גרויסע און פעסטע ווינקל־שטיינער. בראָודער האָט געשטיצט פּרעזידענט רוזוועלט'ס באַרימטע רעדע אין שיקאַגאָ אין 1937 וועגן „שאַפן אַ קאַראַנטין געגן די אַגרעסאָרס" ווי דעם „איינציגן וועג, וואָס קאָן ראַטעווען די וועלט פון אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע". דער כסדר'דיגער

---

*) „די פּיפּל'ס פראָנט", זייט 70, ניו יאָרק, 1935.

**) באַריכט צו דער ניינטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן, דאָרט, זייט 20.

רוף פון בראָודער'ן און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: „די פאַשיסטישע מלחמה־מאַכער קאָנען אָפּגעשטעלט ווערן, זיי מוזן אָפּגעשטעלט ווערן — דאָס איז די אויפגאַבע פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט" *) האָט אָפּגעקלונגען דורך די יאָרן פון דעם פּאָרויסגאַנג פון די „אַקס"־מלוכות צו די צווילינג־פאַרברעכנס פון יוני 22 און דעצעמבער 7, 1941. ווען דאָס זאָל נישט זיין פאַרצייכנט אין די געדרוקטע רעקאָרדס, וואָלט עס געווען כמעט אוממעגלעך צו גלויבן, אַז בראָודער האָט מיט קנאַפּע פיר יאָר אין פאָרויס אָנגעגעבן דעם נאָמען און דעם פּלאַץ פון יאַפּאַנ'ס אָנגריף אויף פּוירל האַרבאָר, דערקלערנדיג, אַז אַ פאַרטזעצונג פון אונזערע שעדלעכע פּאָליסים וועט „זיכער איבערצייגן די חוצפה'דיגע מיליטאַריסטן פון טאָקיאָ, אַז איצט איז די צייט פאַר זיי איבערצונעמען די פיליפּניען, האַוואַי, גוּאַם, און אַלאַסקאַ, ווי גאַראַנטיעס פאַר דער צוקונפט, ווען אַמעריקע וועט זיך אפשר דערוועגן".**)

און זעען מיר דען נישט איצט די קלאָרע סימנים, אַז פראַנקאָ'ס שפּאַניע איז פאַר היטלער'ן אַ מיטל צו עפענען אַ וועג צו דרום־אַמעריקע? איז עס נישט איראָניש, וואָס בראָודער איז ערשט ניט לאַנג אַרויס פון פּריזאָן, וואו ער איז פאַרשיקט געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט „באַנוצט" אַ פולשטענדיג אויטענטישן פּאַספּאָרט, כדי צו באַזוכן שפּאַניע, וואו ס'איז באַשטעטיגט געוואָרן זיין וואָרנונג, אַז „אַ פראַנקאָ־שפּאַניע, היטלער'ס און מוסאָליני'ס אַ ליאַלקע, איז איינער פון די שליסלען פאַר דער פאַשיסטישער באַהערשונג פון אונזערע שכנים דרום־צו און פאַר דער אַרומרינגלונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן"? ***)

עס פרייט אונז, וואָס דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אַ מענטש, וואָס האָט כסדר אויפגעפאָדערט די פעלקער פון לאַטיין־אַמעריקע — נישט בלויז איצט, נאָר אויך אין די טעג פון מינכען — צו באַשטיין דערויף, אַז עס זאָל אויפגעבויט ווערן „אַ מעכטיגע שוץ־וואַנט געגן נאַצי־אָנגריפן אין דער מערב־העמיספערע".

אַ פאַרטזעצונג פון לינדבערג'ס טעאָריע איז אויסגעדריקט אין דער טענה, אַז אַ געוויסע צייט האָט עקזיסטירט „אַ בונד צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און נאַצי־דייטשלאַנד". אויף דעם גרונט פון אָט־דעם ליגן איז באַזירט געוואָרן די ווייטערדיגע פאַלשע באַהויפּטונג, אַז די אַמעריקאַנער

---

*) דאָרט, זייט 334.

**) „ניו רעפּאָבליק", פעברואַר 2, 1938.

***) „פאַיטינג פאָר פּיעס", זייט 190, ניו יאָרק, 1939.

קאָמוניסטן האָבן מיט זייער פאַרדאַמונג פון ביידע צדדים אין דער מלחמה ווי אימפּעריאַליסטישע געגנער אין די חדשים צווישן סעפּטעמבער 1939 און יוני 1941, באַוויזן, אַז זיי זיינען נישט קיין אויסגעהאַלטענע שונאים פון היטלער'ן.

ערשטנס, אפילו ווען איינער וואָלטווירקלעך געקאָנט דערגנידעריגן זיין פאַרשטאַנד אויף אַזוי פיל, אַז ס'זאָל מעגלעך זיין זיך פאָרצושטעלן די גרויסע רויטע אַרמיי פון סאָוועט־רוסלאַנד ווי אַ פאַרבינדעטע פון נאַצי־דייטשלאַנד, איז עס דען נישט קלאָר, אַז צוויי אַזוינע מעכטיגע מלוכות וואָלטן שוין לאַנג געווען גרינג באַזיגט די גאַנצע וועלט? קיין מענטש האָט נישט געקאָנט גלויבן, אַז אַזאַ בונד האָט ווען ניט איז עקזיסטירט, סיידן ער האָט געגלויבט לינדבערג'ס ליגן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז „שוואַך". אָט־דער פונדאַמענטאַלער ליגן האָט געשאַפן דעם ווינקל־שטיין פון דעם מינכען־פּאַקט, וואָס האָט שוין געקאָסט דער וועלט וואָסערע צען מיליאָן לעבנס און האָט געבראַכט די פאַרשקלאַפונג פון קאָנטינענטאַלער איירָאָפּע, און ווערט איצט אויפגעלעבט אויף אַ געהיימען אופן, וואָס דאָס קאָן קאָסטן ענגלאַנד און אירלאַנד זייער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ און אַריבערוואַרפן די מלחמה מיט דער פולער קראַפט איבער דעם שמאָלן טראָפּישן אַטלאַנטיק קיין בראַזיל און אַרגענטינע, דורך ווירקונגען אויף דער אַמעריקאַנער און ענגלישער רעגירונג ניט צו עפענען דעם צווייטן פראָנט איצט, בעת דער אַנטשיידנדיגער קאַמף ווערט אויסגעפאָכטן פאַר דעם איירָאָפּייאישן קאָנטינענט.

צווייטנס, ווען אין די גורל־טעג פון אויגוסט 1939 האָבן די רעגירונגען פון פראַנקרייך און ענגלאַנד צוריקגעוויזן די פאָרשלאָגן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד וועגן מיליטערישער אַקציע געגן דייטשלאַנד מצד דער רויטער אַרמיי, מיט דעם רעכט דורכצוגיין דורך פּוילן און די באַלטישע מלוכות, איז אויך בראָודער נישט געווען ניט־אויסגעהאַלטן אָדער אומגערעכט אין זיין אויספיר, אַז דורך צוריקווייזן אָט־די פאָרשלאָגן האָבן די „מינכען"־רעגירונגען פון לאָנדאָן און פּאַריז באַוויזן זייער אומפייאיגקייט צו אָר־גאַניזירן די קאָלעקטיווע פאַרטיידיגונג פון איירָאָפּע. זיין אויספיר איז באַ־שטעטיגט געוואָרן, ווען די דעמאָלטיגע רעגירונגען פון פּאַריז און לאָנדאָן האָבן נאָך דער פאָרמעלער מלחמה־דערקלערונג אין סעפּטעמבער 1939 איבערגעלאָזט פּוילן אויף הפקר און האָבן אין משך פון זיבן חדשים נאָר נישט געפירט קיין מלחמה, נאָר זיי האָבן געפּרואווט בלויז „אַריבערשליסן די מלחמה" און זי פאַרוואַנדלען אין אַ קריג פון דייטשלאַנד געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. בלויז די וועלן זאָגן, אַז בראָודער איז ניט אויסגעהאַלטן, וועלכע פאַרשטייען נאָך אַלץ נישט די מינכען־פּאָליטיק — אפילו איצט, ווען דאָס לעבן פון די פאַראייניגטע שטאַטן איז אָפּהענגיג אָן דעם אָנטייל אין

די שלאַכטן אויף דעם אייראָפּייאישן קאָנטינענט, וואו עס ווערט איצט אויס־געפּאָכטן דער אויסגאַנג פון דער גאַנצער מלחמה.

נאָר אפשר איז אָט־די אויסגעהאַלטנקייט בלויז אַ צופאַל, וועלכער נעמט זיך דערפון, וואָס בראָודער איז אויסן געווען דעם וואוילזיין פון אַ פרעמדער מלוכה, וואָס צופעליג פאַלט איצט צוזאַמען איר וואוילזיין מיט אונזער אייגענעם?

דער איינפאַכער ענטפער איז, אַז אויסלענדישע פּאָליטיק איז שטענדיג אַ פּאָליטיק פון אויסקלייבן די פריינט און דערקענען די שונאים צווישן פרעמדע מלוכות. די פראַגע איז, צי מיר האָבן אויסגעקליבן פריינט, וואָס זיינען פייאיג צו קעמפן ווירקזאַם אויף אונזער זייט געגן די שונאים, וואָס מיר האָבן פאַראויסגעזען; אָדער צי מיר האָבן, פאַרקערט, איינגעשטעלט דאָס סאַמע לעבן פון אונזער לאַנד אויף אַ פּאָליסי פון אָפּפרעמדן אונזערע פריינט און „אַפּיזן" אונזערע שונאים. אַ טרויעריג־גרויסע צאָל פון בראָודער'ס קריטיקער היינט־צו־טאָג זיינען מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט איינשטעלן אין קאָן דאָס לעבן פון די פאַראייניגטע שטאַטן אויף דעם „פרידן אין אונזער צייט", וואָס טשעמבערלעין האָט צוריקגעבראַכט פון מינכען. זיי האָבן געראָטן אונזער לאַנד צו זוכן אונזער שוץ אין היטלער'ס אויבער־הערשאַפט איבער אייראָפּע און יאַפּאַן'ס אויבערהערשאַפט אין אזיע, באַזירט אויף אַן אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד, איטאַליע, פראַנקרייך און ענגלאַנד וועגן צערייסן טשעכאָסלאָוואַקיע אויף שטיקער — אַן אָפּמאַך, וואָס איז געווען געווענדט געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד און כינע, און — לויט דער היסטאָרישער לאָגיק — געגן די פאַראייניגטע שטאַטן.

ס'איז שטענדיג אויסגעפאַלן אויף דעם גורל פון דעמאָקראַטן, ווען זיי האָבן געזוכט, ווי אַ שוץ געגן רעאַקציאָנערע מלוכות, צו פאַרבינדן זייערע לענדער מיט אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן נאָר־וואָס דורכגעמאַכט אַ רעוואָ־לוציע, וואָס האָט זיי געגעבן נייעם לעבנס־כח, צו הערן די באַשולדיגונג, אַז זיי „אונטערוואַרפן די אינטערעסן פון זייער לאַנד צו די אינטערעסן פון אַ פרעמדער מלוכה". דער קלאַסישער ביישפּיל איז דזשעפערסאָן, וועלכער האָט מיט רעכט געהאַלטן, אַז אַמעריקע'ס נאַציאָנאַלע אינטערעסן האָבן געפאָדערט אַ פריינטלעכע קאָאָפּעראַציע מיט דער נייער פראַנצויזישער רעפּובליק, וואָס איז אַנטשטאַנען אין 1792. דער טיפער גלויבן פון דעם יונגן לאַפאַיעט אין דער רעפּובליקאַנער זאַך פון וואַשינגטאָן און דזשעפער־סאָן איז נישט געווען פאַרפירעריש, ווען ער האָט אים דערפירט צום גלויבן, אַז פראַנקרייך קאָן געפינען איר בעסטן פריינט אין דער אַמעריקאַנער רעפּובליק; און דערמיט וואָס ער איז געקומען צו אָט־דעם שלוס, איז לאַפאַיעט געווען נאָך מער פראַנצויזישער פּאַטריאָט. ס'איז געווען מאָדנע

„אינטערעסאַנט" צו הערן ווי מענטשן, וואָס האָבן באַגריסט טשעמבערלעין'ס אַקט פון פאַרקויפן טשעכאָסלאָוואַקיע צו היטלער'ן, האָבן געשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן בראַודער'ס פּאַטריאָטיזם דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַלטן פון אַ דערנעענטערונג מיט רוסלאַנד.

אַ טייל פון דער פּרעסע, וואָס ספּעקולירט אויף דעם אומוויסן פון אירע לייענער וועגן דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַרשפּרייט און דערמוטיגט די איינרעדעניש, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז „אַ באַשעפעניש פון אַ פרעמדער מלוכה", דאָס הייסט — פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער ערנסטע פאָרשער האָבן נישט קיין תירוץ צו זיין אומוויסנדיג וועגן דעם פאַקט, אַז אין אַמעריקע זיינען געווען קאָמוניסטן מיט אַ סך יאָרן פריער ווי אין רוסלאַנד; אַז אַ גרויסער אַמעריקאַנער געלערנטער*) האָט געהאַט אַ שעפערישן חלק, צוזאַמען מיט מאַרקס'ן און ענגעלס'ן, אין דער אַנטוויקלונג פון דער קאָמוניסטישער וועלט־אַנשויאונג און אַז זיין ווערק איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט די געלטער, וואָס דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט אַסיגנירט; אַז אייבראַהאַם לינקאָלן האָט באַשטימט די אָנגעזעענסטע קאָמוניסטישע פירער פאַר הויכע אָפיצערן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און זיי האָבן געקעמפט מיט אויסצייכענונג אין אונזער בירגער־קריג מיט פינף און צוואַנציג יאָר פריער, איידער ס'איז אין רוסלאַנד אַנטשטאַנען וועלכע ס'איז קאָמוניסטישע באַוועגונג. אוירל בראַודער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (וואָס איר לינקער פליגל איז שפּעטער געוואָרן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי) מיט צען יאָר פריער, איידער דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געבוירן געוואָרן; און אויב די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט גוואַלדיג סטימולירט זיין דענקען, איז אָבער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פּונקט אַזוי ווייניג אַ שאַפונג פון אַ „פרעמדער מלוכה", ווי טאָמאַס דזשעפערסאָנ'ס דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געווען די שאַפונג פון דעם פראַנצויזישן קאָנווענט, אָדער די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי פון לינקאָלן — די שאַפונג פון וועלכער ס'איז פון די אייראָפּייאישע רעוואָלוציעס פון 1848, וואָס לינקאָלן איז פון זיי אַזוי טיף אויפגערודערט געוואָרן.

דער פאַקט, וואָס אוירל בראַודער און די קאָמוניסטן פון 1914—1918 האָבן ביטער באַקעמפט דעם אָנטייל פון אונזער לאַנד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט אָנגעגעבן ווי אַ באַווייז, אַז די קאָמוניסטן האָבן קיין רעכט נישט צו אורטיילן וועגן דער איצטיגער מלחמה. אין דער אמת'ן איז דאָס אָבער אַ קוואַל פון פרעסטיזש פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צווישן די פּאַטריאָטישסטע מאַסן פון פאָלק. ס'איז שוין אַוועק די צייט, ווען מלחמות

---

*) לואיס הענרי מאָרגאַן (1818—1881), פּראָפעסאָר פון „ענשיענט סאָסאַייעטי".

קאָנען געפירט ווערן אָפּגעזען פון דער פראַגע פון „גערעכט אָדער אומגע־רעכט״. די ניו יאָרקער „דעילי ניוס״, א ציימונג, וואָס אונטערשטיצט חוצפה׳דיג די אידייע פון „אפיזן״ היטלער׳ן, האָט געהאַלטן, אַז אַמעריקע איז געווען אומגערעכט אין דעם פעריאָד פון דער אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון מלחמה מיט דייטשלאַנד און יאַפּאַן. נאָך דעם 7טן דעצעמבער, 1941, האָט יענע צייטונג כלומרשט געענדערט איר שטעלונג און פאַרעפנט־לעכט א לייט־אַרטיקל, וואָס האָט געהאַט ווי אַן אויבערשריפט דעם באַרימטן לאָזונג פון סטיווען דיקעיטור: „אונזער לאַנד! זאָל עס אין דעם פאַרקער מיט אויסלענדישע מלוכות שטענדיג זיין גערעכט; אָבער אונזער לאַנד — גערעכט צי אומגערעכט.״ דער לאָזונג, האָט די צייטונג געמאָלדן, וועט גע־דרוקט ווערן טעגלעך אין דעם „קאָפּ״ פון דער פאָדערבלאַט, „ביז ווייטער־דיגער מעלדונג״. אָבער די אַנטריסטונג איז געשטיגן. דער דאָזיגער לאָזונג האָט געקאָנט פאַרשטאַנען ווערן בלויז אין דעם זין, אַז אונזער לאַנד איז אומגערעכט. די צייטונג האָט דעם לאָזונג אַרונטערגענומען.

דער היסטאָרישער אויסרוף פון סטיווען דיקעיטור איז געווען פול־שטענדיג באַרעכטיגט אין זיין צייט. אונזער יונגע רעוואָלוציאָנערע רע־פּובליק, דאָס ריזן־קינד פון וועלט־דעמאָקראַטיע, האָט אין יענער צייט נישט געקאָנט זיין אַנדערש ווי גערעכט. די יונגע דעמאָקראַטיע איז געשטיצט גע־וואָרן פון אַלע אויפגעקלערטע מענטשן; „אונזער לאַנד״ איז געווען „גע־רעכט״ נישט־געקוקט אויף דעם „רעכט אָדער אומרעכט״ פון א באַזונדערן סכסוך. אַלץ וואָס האָט געשטערט אָדער געשטעלט אין געפאַר „די איינציגע פאָלקס־רעגירונג אין דער וועלט״, ווי קאַרל מאַרקס האָט שפּעטער באַצייכנט די יונגע אַמעריקאַנער רעפּובליק, איז געשטאַנען אין וועג פון פאָרטשריט און האָט געמוזט באַזייטיגט ווערן.

אָבער די עפּאָכע פון סטיווען דיקעיטור איז געקומען צו א שלום. אין דעם טאָג אין יאַנואַר 1848, ווען דער יונגער קאָנגרעססמאַן לינקאָלן פון אילינאָי האָט אַרויסגעשלעפּט זיינע אומגעשיקטע פיס פון אונטער א דעסק אין קאָנגרעס און האָט זיך אויפגעשטעלט צו פאַרדאַמען די מלחמה, וואָס אונזער לאַנד האָט דעמאָלט געפירט געגן מעקסיקאָ, איז די עפּאָכע פון סטיווען דיקעיטור פאַרשוואונדן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון אייבראַהאַם לינקאָלן. דאָס האָט צום ערשטן מאָל אַן אַמעריקאַנער שטאַטסמאַן געשטעלט אונטער א פראַגע־צייכן, פון דעם שטאַנדפּונקט פון היסטאָרישן פאָרטשריט, די גערעכטיגקייט פון א מלחמה, וואָס אונזער לאַנד האָט געפירט. געגן לינקאָלנ׳ען האָט זיך אויפגעהויבן א שטורעם פון רעדעס מיטן נוסח „גערעכט־אָדער־אומגערעכט״. און דער באַריידעווודיגסטער פון אַלע איז געווען סענאַ־טאָר דזשעפערסאָן דעיוויס פון אַלאַבאַמאַ. געגן לינקאָלנ׳ס אַרויסטריט האָט

דעיווים אַרויסגעשטעלט לינקאָלנ'ס אייגענעם לאָזונג, אַז דאָס פאָלק האָט „אַ רעכט אויפצושטיין און אַראָפּוואַרפן די עקזיסטירנדיגע רעגירונג און גרינדן אַ נייע, וואָס געפעלט זיי בעסער".

אָבער לינקאָלן, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון פאָלק צו פרעגן: „איז דאָס אַ גערעכטע מלחמה"? — דער זעלביגער לינקאָלן, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דאָס רעכט צו „פאַנאַנדערדרייסן אָדער אומוואַרפן" די אָדער וועלכע ס'איז אַנדערע רעגירונג, ווי אַ רעוואָלוציאָנעריש רעכט, וואָס געהערט אויסשליסלעך צו די פּאַטריאָטישע כחות פון מענטשלעכן פּראָגרעס — איז געווען דער לינקאָלן, וואָס האָט פאַרניכטעט מיט פייער און שווערד יענע, וואָס האָבן זיך פאַררופן אויף אָט־דעם רעכט פאַר די צוועקן פון ריקשריט און שקלאַפעריי.

מלחמות קאָנען מער נישט געוואונען ווערן אָפּגעזען פון דער פראַגע פון „גערעכט אָדער אומגערעכט".

אָט־דער בוך איז אַ שטים, וואָס זאָגט וועגן דער איצטיגער מלחמה דאָס, וואָס לינקאָלן האָט געזאָגט וועגן דער מלחמה פון 1861: אַז ס'איז אַ גערעכטע מלחמה, וועלכע איז ווערט איינגאַנצן דאָס בלוט און די טרערן, וואָס מענער און פרויען קאָנען אַוועקגעבן צו געווינען זי; אַז ס'איז אַ מלחמה פאַרן רעכט צו בלייבן לעבן; אַז אויב מיר וועלן די מלחמה נישט געווינען, וועלן פאַרשווינדן נישט בלויז אונזערע רעכט, אונזער וואוילזיין און אונזער גליק, נאָר דאָס סאַמע לעבן פון אונזער פאָלק און לאַנד וועט פאַרשווינדן און די רעגירונג פון פאָלק וועט „אומקומען אויף דער ערד".

אָט־דער בוך איז נישט סתם אַ דרשה וועגן דער עטיק פון דער מלחמה. דאָס איז דער ברויזנדיגער רעאַליזם פון דעם רוף פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע: „דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר!" די וואָרנונג, אַז אונזער אַמעריקאַנער פאָטערלאַנד — אויב מיר וועלן דערפאַר נישט קעמפן מיט אַלע כחות — וועט פאַרלאָרן ווערן; אַז אונזער פאָלק וועט פאַרשקלאַפט ווערן דורך אויסלענדישע דעראָבערער און דער עקאָנאָמישער בנין אונזערער וועט צעבראָכן ווערן, אַזוי ווי דאָס האָט פּאַסירט אין פראַנקרייך — דאָס איז די וואָרנונג פון דעם פאָרשטייער פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, וואָס האָט נישט קיין גרינג לעבן.

אוירל בראָודער שפּיגלט אָפּ די ווירקלעכקייט פון געשיכטע, ווען ער רופט אונז צו אומדערשראָקענע ענדערונגען און צופּאַסונגען, וואָס זיינען נויטיג צו געווינען די מלחמה.

צו די ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס זינגען: „עס וועט שטענדיג זיין ענגלאַנד", קומט דער ענטפער פון דער געשיכטע: „נישט דוקא; סיידן ס'וועט געפירט ווערן אַ דרייסטע און געשיקטע מלחמה." צו אַן אַמעריקע, וואָס

רעדט וועגן איר אוצר פון שטאָל און מאַשינען, גאָלד און מענטשן־קראַפט, ענטפערט די געשיכטע: „אַט דערפאַר טאַקע וועסטו זיכער באַפאַלן ווערן פון דעם רויבער.״ פאַר אַמעריקאַנער און ענגלענדער, וואָס וועלן דערלויבן, אַז די גרעסטע שלאַכטן פון אַלע צייטן זאָלן געפאָכטן ווערן אָן אונזער אַריינוואַרפן זיך מיט דער פולער מאַכט אין דעם צענטער פון דעם אַנטשיידנ־דיגן געראַנגל, האָט די געשיכטע בלויז דעם צוזאָג פון אומקום.

אַזאַ מין מלחמה איז דאָס.

פאַר אינדיע און טשילי און אַרגענטינע לייענט די געשיכטע די פאַסירונגען אין כינע און די פיליפינען. און צו אַלע פעלקער פון דער וועלט זאָגט זי, אַז דער גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט איז געווענדט אָן דער איצטיגער פאָלקס־מלחמה.

צו דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג רופט בראודער, אַ מענטש פון ברייטן פּרעסטיזש, צו מאַכן דעם בייטראָג, וואָס קאָן נישט קומען פון קיין אַנדער קוואַל און וואָס מוז געמאַכט ווערן, נישט קאַרגנדיג קיין בלוט אָדער שוויים און אַפילו נישט די דרייסטקייט צו טראַכטן אומדערשראָקן.

ערשטער טייל

די מלחמה

קאַפּיטל איינס

דער כאַראַקטער פון דער איצטיגער מלחמה

דעם 7טן דעצעמבער, 1941, האָט דער יאַפּאַנישער אימפעריאַליזם אָנגעגריפן די אַמעריקאַנער באַזע אין פּוירל האַרבאָר אָן וואָרנונג און פאַראורזאַכט שווערע פאַרלוסטן. גלייכצייטיג האָבן די יאַפּאַנישע כחות זיך אַ לאָז געטאָן צום דרום־פּאַסיפיק, בעת דייטשלאַנד און איטאַליע האָבן „דערקלערט" די מלחמה, וואָס זיי האָבן שוין פּאַקטיש לאַנג געפירט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג אָנערקענט, אַז זי געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון קריג מיט די „אַקס"־מלוכות. דעם 1טן יאַנואַר, 1942, אין וואַשינגטאָן, האָבן די פאָרשטייער פון 26 רעגירונגען אונטערגעשריבן דעם פּאַקט פון די פאַראייניגטע מלוכות.

אַזוי אַרום איז אַמעריקע געוואָרן אַ פולשטענדיגער קריגס־צד („בעלידזשערענט") אין דער מלחמה און אַ פולער שותף מיט די אַנדערע מלוכות, וואָס זיינען געשטאַנען אין קריג מיט דער „אַקס". די איצטיגע מלחמה נעמט אַרום אַלע קאָנטינענטן. איר אויסגאַנג וועט אויף דורות־לאַנג אַנטשיידן דעם גורל פון אַלע לענדער און פעלקער, אָפּגעזען דערפון צי זיי זיינען אַקטיווע „בעלידזשערענטס" אָדער ניט.

נאַצי־דייטשלאַנד האָט באַזיגט און אָקופּירט, אָדער דערפירט צו אַן אונטערטעניגקייט לאַגע אַלע לענדער פון אייראָפּע, חוץ דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. צוזאַמען מיט פאַשיסטישער איטאַליע גרייפט היטלער אָן אויף דעם סועץ־קאַנאַל אין צפון־אַפריקע און עגיפּטן. יאַפּאַן האָט מיט שטוינענדיגער שנעלקייט פאַרכאַפּט די פיליפּינען, טאַילאַנד, מאַלעיאַ, אינדאָנעזיע, בורמאַ און אַ טייל פון די דרום־פּאַציפישע אינזלען, און האָט שוין אַריינגעשטעלט אַ פוס אין די אַלעאוטישע אינזלען, די צוטריט־שטיינער צו אַלאַסקאַ, שפּאַרנדיג גלייכצייטיג פאָרויס צו נייע פּאָזיציעס אין כינע. פאַר די פאַראייניגטע מלוכות איז די מלחמה ביז איצט געווען אַ כמעט־נישט־אונטערבראָכענע ריי מיליטערישע קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן נישט. די אַמעריקאַנער און פיליפּינער כחות אונטער גענעראַל מעקאַרטור האָבן געפאָכטן

א בריליאַנטענע אָבער האָפנונגסלאָזע אָפּהאַלט־שלאַכט אויף דעם האַלב־אינזל באַטאַן. דער אַמעריקאַנער קריגס־פלאָט האָט דערלאַנגט אַ צאָל ווענטלעכע קלעפּ דעם יאַפּאַנישן קריגס־פלאָט אין דעם קאָראַל־ים און ביי מידוועי. כינע האָט די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן איר לאַנגן העראָאישן ווידערשטאַנד געגן יאַפּאַן. אָבער די פּאָזיציע פון די פאַראייניגטע מלוכות אין דעם פּאַסיפיק בלייבט אַן אויסערגעוויינטלעך שווערע. בלויז אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט די „אַקס" זיך אָנגעשטויסן אויף אַן ערנסטן מיליטערישן ווידער־שטאַנד, וואָס האָט ענדלעך אָפּגעשטעלט היטלער׳ס אַרמייען און האָט, אַריבערגייענדיג צו דער קאָנטער־אָפענסיווע, ערנסט פאַרוואונדעט דעם נאַצי־מאָנסטער און דערמיט געמאַכט אַ סוף צו דער לעגענדע פון אומבאַזיגבאַר־קייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַרומגערינגלט אין פריערדיגע מיליטערישע קאַמפּאַניעס.

די „אַקס" מאַכט אַן ערנסטן פאַרזוך צו באַהערשן די וועלט. זי איז נאָך נישט געשלאָגן.

וואָס אַ היטלער־זיג באַטייט פאַר דער מענטשהייט איז שוין קלאָר באַוויזן געוואָרן דורך זיינע איינפירונגען אין די באַזיגטע לענדער. אין פראַנקרייך, דאָס פאָרטגעשריטנסטע פון די באַזיגטע לענדער, גייט־אָן היטלער מיט אַ סיסטעמאַטישער פאַרניכטונג פון ציוויליזאַציע און מיט דע־אינדוסטריאַלי־זירן דאָס לאַנד, וואָס רעדוצירט עס צו אַ פאַר־קאַפּיטאַליסטישער שטופע פון אַנטוויקלונג, צו אַ מיטלאַלטערלעכער קולטור, צו אַ קאָלאָניאַלער ווירט־שאַפט ווי אַ פּראָדוצירער פון רוי־שטאָפן און שקלאַפן־אַרבעט פאַר דער דייטשער „הערן"־ראַסע. אין די אָקופּירטע געגנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט פאַנאַנדערגעוויקלט די זעלביגע פּראָגראַם פון פאַרשקלאַפונג אין אירע ברוטאַלסטע פאָרמען, פּונקט ווי דאָס ווערט געטאָן אין פּוילן און אין אַלע באַזיגטע לענדער. ס׳איז באַוויזן געוואָרן אויסער יעדן צוויפל, אַז „פּאַקס גערמאַניקאַ", דער „דייטשער פרידן" אונטער היטלעריזם מיינט, אַז די מענטשהייט וועט צוריקגעשלידערט ווערן צו דער פינצטערניש פון פאַר־היסטאָרישער שקלאַפעריי, פאַרשטאַרקט און אָנגעהאַלטן דורך דער מאָדערנ־סטער מיליטערישער טעכניק. גאַנצע פעלקער וועלן ווערן אויסגעראָטן און מלוכות פאַרניכטעט. דער מענטשלעכער פאָרטשריט פון יאָרהונדערטער וועט אָפּגעמעקט ווערן.

פאַר אַזאַ שקלאַפן־סיסטעם איז נישטאָ קיין אָפּשטעל־פּונקט ביז דעם ענדציל פון פולשטענדיגער וועלט־באַהערשונג. ווי נאָר היטלער׳ס אַרמייען האָבן זיך דורכגעבראָכן אַ וועג דורך די גרענעצן פון מערב־ און צענטראַל־אייראָפּע, איז זיין מלחמה איינמאָל פאַר אַלעמאָל געוואָרן אַ מלחמה צוליב וועלט־דעראָבערונג. היטלער האָט אָפן פּראָקלאַמירט זיין אַבזיכט צו באַ־

הערשן אויך די פֿאַראייניגטע שטאַטן. דאָס איז געוואָרן פֿאָרויסבאַשטימט, ווען ער איז אַריבער די גרענעץ פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אַן אַקט וואָס איז געגליכן צום „אַריבערגיין דעם רוביקאָן" אין אַ קאַמפּאַניע פֿאַר וועלט־באַהערשונג, וואָס קאָן זיך נישט באַפֿרידיגן מיט ווייניגער ווי פֿאַרכאַפּן דעם רייכסטן מלחמה־רויב, די פֿאַראייניגטע שטאַטן. נאָר אַפֿילו ווען ער זאָל נישט צוגעלאָזט ווערן צו אָט־דעם ציל, ווייסן מיר, אַז ער קאָן אים קיינמאָל נישט אויפֿגעבן, ווייל ווען די מלחמה איז געוואָרן אַלוועלטלעך, איז שוין אוממעגלעך געוואָרן אַ פֿרידן צווישן דעם טריאומפֿירנדיגן נאַציזם און די פֿאַראייניגטע שטאַטן, סיידן דאָס זאָל זיין אַ פֿרידן פֿון קאַפּיטולאַציע און דער ענדלעכער פֿאַרניכטונג פֿון דער טעריטאָריעלער גאַנצקייט און זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ פֿון אונזער לאַנד. לינקאָלנ׳ס פֿאָרמולירונג פֿון דער גרונט־פֿראַגע פֿאַר אונזער לאַנד אין 1860, „דאָס לאַנד קאָן נישט בלייבן האַלב־שקלאַפֿיש און האַלב־פֿריי", איז איצט אינגאַנצן גילטיג פֿאַר דער גאַנצער וועלט. שטייענדיג אַנטקעגן דעם נאַציזם שטייען מיר פּנים צו פּנים מיט אַ „קאָנפֿליקט, וואָס קאָן נישט אונטערדריקט ווערן". ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער מעגלעכער אויסוועג פֿאַר אַמעריקע, צי פֿאַר אַן אַנדער לאַנד, חוץ זיג אָדער טויט.

דאָס זיינען די פֿונדאַמענטאַלע פֿאַקטן, וואָס באַשטימען דעם כאַראַקטער פֿון דער איצטיגער מלחמה. זי איז ריכטיג באַצייכנט געוואָרן ווי אַ מלחמה פֿאַרן רעכט צו בלייבן לעבן. ס׳איז אַ פֿאָלקס־מלחמה פֿאַר נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג.

דער כאַראַקטער פֿון דער מלחמה ווערט נישט באַשטימט דורך די דעקלאַראַציעס פֿון שטאַטסלייט. ער פֿליסט אַרויס פֿון דעם כאַראַקטער פֿון די קעמפֿנדיגע כחות, די פּאָליסים וואָס זיי ווענדן־אָן, די רעזולטאַטן, וואָס יעדער פֿון זיי זוכט צו דערגרייכן דורך דער מלחמה און פֿון דער לאָגיק פֿון דעם קאַמף, וואָס פֿליסט אַרויס אוממײַדלעך פֿון אָט־דער כחות־פֿאַרהעלטעניש. ווייל ביים אורטיילן וועגן דעם כאַראַקטער פֿון אַ מלחמה איז נויטיג שטענדיג צו האָבן אין זינען דעם אמת, וואָס קלאַוזעוויץ האָט פֿאָרמולירט אין דער באַרימטער אַקסיאָמע: „מלחמה איז בלויז אַ פֿאָרטזעצונג פֿון מלוכה־פּאָליטיק דורך אַנדערע (דאָס הייסט — מיליטערישע) מיטלען."

די איצטיגע מלחמה מצד דער „אַקס" איז די פֿאָרטזעצונג פֿון היטלער׳ס פּאָליטיק פֿון אַלוועלטלעכער פֿאַרשקלאַפֿונג. מצד די פֿאַראייניגטע מלוכות איז דאָס אַ פֿאָלקס־מלחמה פֿאַר נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג. מיר זאָגן נישט, אַז די מלחמה איז דורכאויס פֿון אַזאַ כאַראַקטער; ווי אַלע מאָדערנע מלחמות, איז די איצטיגע מלחמה אַנטשטאַנען פֿון דעם פֿאַרשיידנאַרטיגסטן געמיש

פון אורזאכן, מאָטיוון, פּאָליסיס. דאָס איז איר הערשנדיגער, אַנטשיידנדיגער כאַראַקטער־שטריך, ווייל אַ זיג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות היט־איין די פאָרבאַדינגונגען פאַר מענטשלעכן פאָרטשריט, בעת אַ זיג פאַר דער „אַקס" פאַרניכטעט די דאָזיגע פאָרבאַדינגונגען.

עס איז גרינג אָנצואווייזן נישט אויף איינעם, נאָר אויף טויזנטער אומ־דעמאָקראַטישע אַספּעקטן פון די פּאָליסיס, פּירונגען און געוואוינהייטן פון דענקען, וואָס באַהערשן שוין לאַנג אַמעריקע (און ענגלאַנד), פאַרלעצנדיג אונזער דעמאָקראַטישע און אַנטי־אימפּעריאַליסטישע טראַדיציע און אור־שפּרונג. אָבער די דאָזיגע זאַכן זיינען מער נישט אַנטשיידנדיג בנוגע דעם כאַראַקטער פון דער מלחמה, כאָטש זייער ענדערונג און באַזייטיגונג וועט זיין אַנטשיידנדיג פאַר דעם זיג אין דער מלחמה. אַט־די זאַכן וועלן גע־ענדערט און באַזייטיגט אין די פּאָליסיס פון די פאַראייניגטע מלוכות, ווייל זיי זיינען שטערונגען אויף דעם וועג צום זיג. אַזוי ווי דער איינציגער וועג צום זיג איז אויפצוהויבן, אָרגאַניזירן און באַוואָפנען יעדן פאָלק און לאַנד פון דער וועלט, וואָס איז וויליג צו שטעלן זיך געגן דער נאַצי־באַהערשונג, וועלן די אומדעמאָקראַטישע און אימפּעריאַליסטישע טענדענצן און כחות אין די פאַראייניגטע מלוכות געענדערט און אַנידערגעבראַכן, בעת די פאַר־שקלאַפונג־טענדענץ פון דער „אַקס" ווערט אַבסאָלוט. אין איר טרייב צו וועלט־באַהערשונג איז די „אַקס" געצוואונגען דורך דער לאָגיק פון דעם קאַמף איינצופירן אַלץ מער עקסטרעמע פאַרשקלאַפונג פון לענדער און פעלקער; פאַרקערט, די פאַראייניגטע מלוכות זיינען דורך דער זעלבינער לאָגיק געטריבן אויף דעם וועג פון אַלוועלטלעכער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

דורך אַט־דער פאַרשטענדעניש בנוגע די כחות־פאַרהעלטעניש אין דער מלחמה דערלערנען מיר דעם כאַראַקטער אירן, אָפּגעזען פון וועלכע ס'איז פאָרמעלע און אָפיציעלע דעקלאַראַציעס וועגן מלחמה־צילן.

ס'איז וויכטיג, אַז די מענטשן, וואָס דירעקטירן און שאַפן די פּאָליטיק פון אַמעריקע, זאָלן אָנהויבן פאַרשטיין אַט־דעם כאַראַקטער פון דער מלחמה; ווייל ניט אַלעמאָל איז דאָס געווען אַזוי. אין 1941 האָט מר. הענרי ר. ליוס געלאָזט הערן זיין שעדלעכן לאָזונג: „דאָס איז דער אַמעריקאַנער יאָר־הונדערט", דערקלערנדיג, אַז אַמעריקע האַלט איצט ביים איבערנעמען די בריטישע אימפּעריע (מיט ענגלאַנד ווי דעם קלענערן שותף) און וועט „הערשן איבער דער וועלט" אין די קומענדיגע הונדערט יאָר, — אַן „אַמערי־קאַניזירטע" ווערסיע פון היטלעריזם. און מר. ליוס האָט דעמאָלט געקראָגן הויכע אָנערקענונג; בלויז די „נישט־אָנשטענדיגע" קאָמוניסטן האָבן גע־וואַגט אָפּצואוואַרפן זיין לאָזונג. און אַזוי שפּעט ווי דעם 10טן דעצעמבער, 1940, האָט דר. וואָרדזשיל דזשאָרדאַן, פּרעזידענט פון דער „נעשאָנאַל

אינדאַסטריעל קאָנפערענס באָארד", רעדנדיג אויף דעם צוזאַמענפאָר פון דער „אינוועסטמענט בענקערס אַסאָסיאיישאָן", אויסגעדריקט דעם געדאַנק, וואָס האָט דעמאָלט אָפּגעשפּיגלט די אָנשויאונג פון דעם הערשנדיגן קלאַס אין אַמעריקע, אין די פאָלגנדיגע קלאַסישע ווערטער:

„וואָס דער אויסגאַנג פון דער מלחמה זאָל נישט זיין, האָט אַמעריקע זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ קאַריערע פון אימפּעריאַליזם, סיי אין וועלט־פראַגן און סיי אויף אַלע אַנדערע געביטן פון איר לעבן. . . . אַפילו ווען ענגלאַנד זאָל, דורך אונזער הילף, אַרויסקומען אַן אומבאַזיגטע פון דעם קאַמף, וועט זי זיין אַזוי פאַראָרעמט עקאָנאָמיש און פאַרקריפּלט אין פּרעסטיזש, אַז ס'איז אומוואַרשיינלעך, אַז זי זאָל ווידער קאָנען פאַרנעמען די דאָמינירנדיגע פּאָזיציע אין וועלט־ענינים, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן. אין בעסטן פאַל וועט ענגלאַנד ווערן אַ קלענערער פאַרטנער אין אַ נייעם אַנגלאָ־זאַקסישן אימפּעריאַליזם, אין וועלכן די עקאָנאָמישע רעסורסן און די מיליטערישע און ים־קראַפט פון די פאַראייניגטע שטאַטן וועט זיין דער גראַוויטעט־צענטער. צו דרום אין אונזער העמיספערע און מערב־צו אין דעם פּאַסיפיק שפּרייט זיך דער וועג פון אימפּעריע, און אין מאָדערנע טערמינען פון עקאָנאָמישער מאַכט אַזוי גוט ווי פּאָליטישן פּרעסטיזש גייט די רוט פון מאַכט אַריבער צו די פאַראייניגטע שטאַטן. אַט־דאָס אַלץ ליגט הינטער דעם אויסדרוק 'נאַציאָנאַלע שוץ' — טיילווייז טיף באַהאַלטן און טיילווייז זייער נאָענט צו דער אויבערפלאַך און גרייט אַרויסצוקומען צו אונז מיט אַן אַרויסרוף."

אין דעם משך פון 1941 איז אין אַמעריקע נישט אויפגעהויבן געוואָרן קיין אויטאָריטעטע שטים, וואָס זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַט־די באַגריפן. אמת, דעם 14טן אויגוסט, 1941, האָבן רוזוועלט און טשוירטשיל פּראָקלאַמירט דעם עפּאָכע־מאַכנדיגן אַטלאַנטיק טשאַרטער, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ פאַרפליכטונג געגן דעראָבערן פרעמדע לענדער און מיט אָנערקענען דעם פּרינציפּ פון זעלבסט־באַשטימונג פון מלוכות. ס'איז אמת, אַז אַט־די צוויי שטאַטסלייט האָבן געענדערט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג די אַלטע פּאָליטיק פון פיינטשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָבן אים באַגריסט ווי אַ פאַרבינדעטן. די ליוסעס און די דזשאָרדאַנס פון אַמעריקע האָבן דאָס אָבער אויסגעטייטשט ווי בלויז „טאַקטיק" און דעם טשאַרטער ווי בלויז נאָך אַ מין „ווילסאָנ'ס 14 פּונקטן", וואָס וועט, הייסט עס, גענוצט ווערן צו אונטערגראָבן דעם שונא'ס „מאָראַל", אָבער נישט צו באַשטימען ווירקלעכע פּאָליסי. און דאָך זיינען זיי נישט געטאַדלט געוואָרן.

ערשט אין מאַי 1942 האָט דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק און די וועלט גע־קראָגן די ערשטע קלינגעוודיגע דעקלאַראַציע פֿון פּאָליסי, וואָס איז געקומען פֿון וואַשינגטאָן און האָט געוויזן, אַז אונזערע אָפיציעלע פירער האָבן שוין אָנערקענט דעם פאַרענדערטן כאַראַקטער פון דער מלחמה און ציען דערפון די שלוסן פון אַ פּאָליסי פאַר אַ פאָלקס־מלחמה פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. דאָס איז געקומען אין דער רעדע פון וויס־פּרעזידענט הענרי א. וואָלאַס דעם 8טן מאַי; און דערנאָך אין דער רעדע פון דעם מלוכה אונטער־סעקרעטאַר (אַנדער־סעקרעטאַרי אָוו סטעיט) סאַמנער וועלס דעם 30טן מאַי. איך באַטראַכט די פאָלגנדיגע פונקטן פאַר די וויכטיגסטע אין וואָלאַס'עס רעדע:

1. ער האָט ספּעציפיש זיך אָפּגעזאָגט פון דער ליוס־דזשאָרדאַן אויפ־פאַסונג פון אַ גראַנדיעזן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, ווען ער האָט דער־קלערט:

„געוויסע מענטשן האָבן גערעדט וועגן דעם 'אַמעריקאַנער יאָר־הונדערט'. איך זאָג, אַז דער יאָרהונדערט, אין וועלכן מיר טרעטן אריין — דער יאָרהונדערט, וואָס וועט ארויסקומען פון אָט־דער מלחמה — קאָן און מוז זיין דער יאָרהונדערט פון דעם פּשוט'ן מענטשן. . . . קיין מלוכה וועט נישט האָבן דאָס גאָט־געגעבענע רעכט צו עקספּלואַטירן אַנדערע מלוכות. . . . עס טאָר נישט זיין קיין מיליטערישער אָדער עקאָנאָמישער אימפּעריאַליזם. . . . עס קאָנען נישט זיין קיין פּריווי־לעגירטע פעלקער. מיר אַליין אין אַמעריקע זיינען פּונקט אַזוי ווייניג אַ הערן־ראַסע ווי די נאַצים."

2. ער האָט רעקאָרדירט דעם אמת'ן כאַראַקטער פון דער מלחמה מיט די ווערטער:

„דאָס איז אַ קאַמף צווישן אַ שקלאַפן־וועלט און אַ פרייער וועלט. פּונקט ווי אַמעריקע האָט אין 1862 נישט געקאָנט בלייבן האַלב־שקלאַפיש און האַלב־פריי, אַזוי מוז די וועלט אין 1942 מאַכן אַן אויס־וואַל פון אַ פולשטענדיגן זיג פאַר איין צד אָדער דעם צווייטן."

3. ער האָט אָנגעגעבן אַ געמיינשאַפטלעכן היסטאָרישן „פאַמיליען־יחוס" פאַר די פאַראייניגטע מלוכות און זייער געמיינשאַפטלעכער זאַך, דעם באַזיס פאַר אידעאָלאָגישער אייניגקייט פון אַלע אַליאירטע פעלקער, אין דעם באַגריף פון דער „פעלקער־רעוואָלוציע":

„דער מאַרש פון פרייהייט אין די לעצטע הונדערט און פופציג יאָר איז געווען אַ לאַנג־אויסגעצויגענע פעלקער־רעוואָלוציע. אין אָט־דער

גרויסער רעוואָלוציע פון פאָלק איז געווען די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע פון 1775, די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1792, די לאַטיין־אַמעריקאַנישע רעוואָלוציעס פון דער באָליוואַר־עפּאָכע, די דייטשע רעוואָלוציע פון 1848 און די רוסישע רעוואָלוציע פון 1918. יעדע האָט גערעדט פאַר דעם פּשוט'ן מענטשן אין טערמינען פון בלוט אויפן שלאַכט־פעלד. . . . די פעלקער־רעוואָלוציע שטרעבט צו פרידן און נישט צו גוואַלד־מאַכט, אָבער ווען די רעכט פון דעם פּשוט'ן מענטשן ווערן אָנגעגריפן, לאָזט זי לויז די ווילדע קראַפט פון אַ בעריכע, וואָס האָט פאַרלאָרן אירם אַ קינד."

4. ער האָט ארויסגעלייגט דעם פינגער אויף היטלער'ס „געהיים־וואָפן", אויף דעם פינפטן קאָלום, דעם פאַרמאַסקירטן שונא אין דער היים, און זיינע ערגסטע פאַרשטייער, די וואָס „סאַבאָטאַזשירן דעם פאַרשטאַנד". ער האָט געזאָגט:

„מיר מוזן זיין באַזונדער צוגעגרייט צו דערשטיקן די פינפטע קאָלומניסטן אין אַמעריקע, וואָס ווילן פּרואוון סאַבאָטאַזשירן ניט בלויז אונזערע קריגס־פאַבריקן, נאָר — וואָס איז נאָך וויכטיגער — אונזערע מוחות, אונזער פאַרשטאַנד."

איך האַלט זיך אָפּ אומיסטן פון באַטאָנען מר. וואָלאַס'עס צוזאָגן וועגן אַ בעסערער וועלט נאָך דער מלחמה, הויך ווי זיי זיינען איינגעגלידערט אין די אויבן־דערמאָנטע דעקלאַראַציעס פון פּאָליסי. דאָס איז דערפאַר, וואָס איך לייג מער געוויכט אויף פּאָליסי — אויף ריכטיגער פּאָליסי — ווי אויף אַלע גוטע אַבזיכטן אין דער וועלט. גוטע אַבזיכטן, ווי ס'איז לאַנג באַוואוסט, טויגן בלויז אויף צו ברוקירן דעם וועג צום גיהנום, סיידן זיי קריגן ממשות דורך קאָנקרעטער, רעאַליסטישער פּאָליסי. די האַרבע פאַקטן ווייזן, אַז די איצטיגע מלחמה ווערט געפירט נישט כדי צו שאַפן אַ בעסערע וועלט, נאָר כדי נישט צו דערלאָזן, אַז די וועלט זאָל ווערן איינגאַנצן אומדערטרעגלעך.

ס'איז כדאַי צו באַמערקן, אַז מר. סאַמנער וועלס, וואָס זיין רעדע פון דעם 30טן מאַי פאַרנעמט אַ פּלאַץ, לויט איר באַדייטונג, זייט ביי זייט מיט מר. וואָלאַס'עס רעדע, איז פון אַלע מיטגלידער פון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע באַקאַנט ווי דער „געבראָטענער רעאַליסט". אַליין מער וויכטיג איז עס דעריבער, ווען מיר געפינען אויס, אַז מר. וועלס לאָזט אויסקלינגען די זעלביגע קלאַנגען ווי דער אידעאַליסטישער מר. וואָלאַס. פון מר. וועלס'עס ווערטער קלייב איך אויס די פאָלגנדיגע ווי די וויכטיגסטע פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעפינירן אַ פּאָליסי:

1. די אָנערקענונג, אַז אונזער שונא איז אַ פראַנקענשטיין־מאָנסטער, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן דורך אונזערע אייגענע טעות׳ן. אַט־די זעלבסט־קריטיק איז דער אָנהויב פון חכמה. וועלס האָט געזאָגט:

„און איצט זיינען מיר פאַרטאָן אין דער גרעסטער מלחמה, וואָס די מענטשהייט האָט דורכגעמאַכט. מיר שניידן די ביטערע פרוכט פון אונזערע אייגענע זינד און פון אונזער מאַנגל אין זעאונג. מיר צאָלן טייער אויך פאַר דעם מאַנגל אין שטאַטסמאַנשאַפט און פאַר די גראָבע טעות׳ן פון טאָן און פאַרפעלן צו טאָן, וואָס זיינען אַזוי טראַגיש אָנט־פּלעקט אין די פּאַליסים פון אַנדערע מלוכות, וועלכע האָבן געהאַט זייער פולן חלק פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אָנפירונג מיט די ענינים פון דער מענטשהייט אין דעם משך פון לעצטן דור.״

2. דאָס אָפּזאָגן זיך פון דעם „קלוגן געדאַנק״, אַז אַנדערע פעלקער זאָלן אויסקעמפן אונזערע שלאַכטן. מיר לייענען אין וועלס׳עס רעדע:

„די וואָס לאָזן זיך וואויל־גיין מיט פאַלשן אָפּטימיזם; די וואָס גלויבן, אַז די פעלקער, וועלכע קעמפן מיט אונז פאַר אונזער געמיינ־שאַפטלעכער זאַך, דאַרפן אונז פאַרשפּאָרן אונזער געהעריגן חלק קרבנות; די וואָס זיינען אומווילינג אָוועקצוגעבן אַלץ וואָס איז זייערס אין אַט־דעם קאַמף פאַר דעם, אַז עס זאָל לעבן בלייבן אַלץ וואָס איז פיין און אָנשטענדיג אויף דער וועלט — זיי דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי שונאים פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק.״

3. די אָנערקענונג פון דער „פאָלקס־מלחמה״ און דאָס אָפּזאָגן זיך פון דעם ציל פון אַן אַמעריקאַנער אימפּעריע אָדער אַן „אַמעריקאַנער יאָר־הונדערט״:

„דאָס איז באמת אַ פאָלקס־מלחמה. ס׳איז אַ מלחמה וואָס קאָן נישט באַטראַכט ווערן ווי געוואונען ביז די פונדאַמענטאַלע רעכט פון די פעלקער אויף דער ערד וועלן נישט געזיכערט ווערן. אויף קיין אַנדער אופן קאָן קיין אמת׳ער פרידן נישט דערגרייכט ווערן.

„אויב די איצטיגע מלחמה איז ווירקלעך אַ מלחמה פאַר דער באַ־פרייאונג פון פעלקער, מוז זי גאַראַנטירן די סואווערענע גלייכהייט פון מלוכות איבער דער גאַנצער וועלט, אַזוי גוט ווי אין די אַמעריקעס. אונזער זיג מוז מיט זיך ברענגען די באַפרייאונג פון אַלע פעלקער. דיס־קרימינאַציע צווישן פעלקער מחמת זייער ראַסע, גלויבן אָדער הויט־

> קאָליר מוז אָפּגעשאַפט ווערן. די עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם איז געענדיגט. דאָס רעכט פון אַ פאָלק אויף זיין פרייהייט מוז אָנערקענט ווערן, ווי די ציוויליזירטע וועלט האָט שוין לאַנג אָנערקענט דאָס רעכט פון אַ יחיד אויף זיין פּערזענלעכער פרייהייט. די פּרינציפּן פון דעם אַטלאַנטיק טשאַרטער מוזן גאַראַנטירט ווערן פאַר דער גאַנצער וועלט — אין אַלע אָקעאַנען און אויף אַלע קאָנטינענטן.״

עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס גיבן נאָך דער שטימונג פון אַ גרינגן און ביליגן ציניזם און שפּעטן־אָפּ פון אָט־דער טיף־גייענדיגער ענדערונג אין דעם כאַראַקטער פון די הערשנדיגע אויסדרוקן בנוגע פּאָליסי צווישן 1941 און 1942; מענטשן, וואָס ווייזן אָן אויף די מיליטערישע קאַטאַסטראָפעס פון דער צווישן־צייט און ציטירן דאָס אַלטע ווערטל: „דער טייוול איז קראַנק, דער טייוול וויל ווערן אַ מאָנאַך.״

איך קאָן זיך בשום אופן נישט אָנשליסן אָן אָט־דעם ציניש[ן] צוגאַנג. פאַר מיר איז דער באַווייז וועגן דער אויפריכטיגקייט פון אָט־די פּראָקלאַמירטע פּאָליסים נאָר גרעסער גראָד דערפאַר, וואָס איך גלויב, אַז זיי ווערן דיקטירט דורך די באַדערפעניש[ן] פון דער מלחמה, אַז זיי זיינען נויטיגע פאָרבאַדינגונגען פאַר אונזער זיג, פאַר אונזער נאַציאָנאַלן לעבן־בלייבן. אין דער געשיכטע קריגט לינקאָלן נישט ווייניגער כבוד פאַר זיין פּראָקלאַמאַציע פון באַפרייאונג דערפאַר וואָס זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צוליב מאָטיוון פון מיליטערישער נויטווענדיגקייט מער ווי צוליב מאָראַלישן דראַנג. עס איז אמת, אַז די פּאָליסי פון זיג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות אין דער איצטיגער מלחמה ווערט געשמידט דורך דעם שרעקלעכן האַמער פון מלחמה אויף דער קאָוואַדלע פון נויטווענדיגקייט און איז נישט קיין פּראָדוקט פון אידעאָלאָגיע. אָבער דאָס שאַפט נישט קיין גרונט צו צווייפלען אין דער אויפריכטיגקייט אָדער האַפט פון דער פּאָליסי, נאָר פּונקט פאַרקערט: ס׳איז די טיפסטע גאַראַנטיע. איך קאָן אָננעמען אָט־די פּאָליסי־דערקלערונגען ווי גילטיג, אָן רעזערוואַציע, ווייל איך געפין זייער גאַראַנטיע נישט אין די הערצער פון די שטאַטסלייט מיט זייערע אַלע רעזערוואַציעס, נאָר אין די אייזערנע און ברוטאַלע נויטווענדיגקייטן פון נאַציאָנאַלן לעבן־בלייבן — און אין די הערצער פון די מאַסן פון פאָלק, וואָס גלויבן אין אָט־די פּאָליסים אָן שום רעזערוואַציעס.

בעת סאָמנער וועלס האָט געהאַלטן זיין היסטאָרישע רעדע, זיינען אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן געבראַכט די עפּאָכע־מאַכנדיגע מעלדונג פון דעם 11טן יוני וועגן דעם אַנגלאָ־סאָוועטישן פּאַקט פאַר אַ בונד אויף צוואַנציג יאָר; וועגן דער אַמעריקאַניש־סאָוועטישער „לענד־ליס״ פאַר־

שטענדיגונג, וואָס האָט אוועקגעשטעלט אונזערע באַציאונגען מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף דעם זעלביגן באַזיס ווי אונזערע באַציאונגען מיט ענגלאַנד און וועלכע האָט אָנגעדייטעט אויף דער נאָך־מלחמה קאָאָפּעראַציע מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד; און די פאַרשטענדיגונג צווישן די דריי גרויסע פירנדיגע מיטגלידער פון די פאַראייניגטע מלוכות וועגן דער נויטיגקייט פון דעם צווייטן פראָנט אין אייראָפּע.

די פאַרשיידענע פאַקטן און פאַרשטענדיגונגען, וואָס זיינען געמאָלדן געוואָרן דעם 11טן יוני, פאַרענדיגן דעם פונדאַמענט פאַר דער פּאָליסי, וואָס איז נויטיג פאַרן זיג פון די פאַראייניגטע מלוכות. זיי באַשטעטיגן דעם כאַראַקטער פון דער מלחמה ווי אַ פאָלקס־מלחמה פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. זיי קרעפטיגן דעם בונד פון די דריי מלוכות, וואָס זייער ענגע קאָאָפּעראַציע איז לעבנס־וויכטיג פאַרן זיג און פאַר אויפהויבן, באַוואָפּענען און פירן די פעלקער פון דער וועלט צום זיג. זיי דערלאַנגען אַ צעשמעטערנדיגן קלאַפּ היטלער׳ס פינפטן קאָלום. זיי עפענען די פערספּעקטיווע פון אַ נאָך־מלחמה וועלט, וואו עס וועט מעגלעך זיין איבערצובויען די חרוב׳ע לענדער און שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרדענונג צווישן פעלקער, אויסמיידנדיג אַ סך פון דעם אומנויטיגן כאַאָס און בירגער־קריג, וואָס איז געקומען נאָך דעם וואַפן־שטילשטאַנד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיי רופן אַרויס דעם ענטוזיאַזם און דעם קאַמפס־גייסט פון פאָלק, די „מאָראַל", וואָס איז לויט דער אָפּשאַצונג פון גענעראַלע מיליטערישע פירער שטענדיג ווערט דריי מאָל אַזוי פיל ווי באַוואָפענונג, אַלס אַ מיטל צום זיג.

באמת, די פעלקער פון דער וועלט מאַרשירן־אויף. דער זיג איבער דער מאָנסטערהאַפטער נאַצי־„אַקס", וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרשקלאַפן די מענטשהייט, זעט זיך אָן קלאָר אין פאָרויס. דער וועג מעג זיין שווער, אָבער דאָס פאָלק איז גרייט און רייסט זיך צו טאָן זיין חלק. פירערשאַפט און אָרגאַניזאַציע אין דער ריכטונג פון אַריינברענגען דעם הויפּט־פּלאַן פאַר זיג אין יעדן געביט פון מלחמה־טעטיגקייט, אין יעדן ווינקל פון אַ פולשטענדיגער מאָביליזאַציע פון אַלע מיטלען — דאָס זיינען די פּראָבלעמען צו וועלכע עס דאַרפן איצט געווענדט ווערן אַלע אונזערע געדאַנקען. מיר וויסן וואוהין מיר גייען. איצט וועלן מיר גיין מיט שנעלערע טריט אויף דעם קלאָרן וועג.

קאפיטל צוויי

אַ קורצע מלחמה אָדער אַ לאַנגע?

עס ווערט נאָכאַנאַנד דעבאַטירט אין דער עפנטלעכקייט די פראַגע צי די מלחמה דאַרף זיין אַ לאַנגע אָדער אַ קורצע. נישט געקוקט דערויף, וואָס אין אַזאַ פאָרמולירונג איז פאַראַן אַ געוויסע אומקלאָרקייט, מעגן מיר אָבער נעמען אָט־די פראַגע ווי דעם אויסגאַנג־פונקט פאַר אַ באַטראַכטונג, וואָס זאָל אונז ברענגען נעענטער צו די אמת׳ע גרונט־פראַגן.

דער מיליטערישער ענד־ציל פון די פאַראייניגטע מלוכות איז צו פאַרניכטן די רעזשימען פון די „אַקס"־מלוכות און עטאַבלירן אויף זייער אָרט אַזוינע רעזשימען, וואָס זאָלן שאַפן די גאַראַנטיעס געגן אַן אויפלעבונג פון דער פּאָליטיק פון אַגרעסיע. ווייניגער ווי דאָס קאָן נישט ברענגען קיין זיג.

די פראַגע ווי לאַנג די מלחמה דאַרף אָנהאַלטן איז דעריבער אָפּהענגיג אָן דעם, וויפיל צייט ס׳איז נויטיג צו געווינען אַזאַ זיג. די וואָס באַטראַכטן די פראַגע אין אַנדערע טערמינען, זיינען אין דער אמת׳ן די קרבנות פון אַ באַהאַלטענעם דעפיטיזם.

פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטישע און מיליטערישע אַזוי גוט ווי היימישע, מוז פאַרבייגן אַלע אַנדערע שטרעבונגען צוליב דעם ציל פון אַ זיג אין דער מעגלעך שנעלסטער צייט — צו מאַכן די מלחמה אַזוי קורץ ווי מעגלעך, ווי דעם איינציגן מיטל צו דערפירן צו אַ מינימום די דעפיטיסטישע איינפלוסן און דעם קאָסט אין מענטשלעכע לעבנס און אָנגעזאַמלטע מאַטעריעלע מיטלען. צו דער זעלביגער צייט מוז אונזער לאַנד און די פאַראייניגטע מלוכות בכלל זיין גרייט צו פירן די מלחמה אַזוי לאַנג ווי דאָס וועט זיין נויטיג פאַר אַ זיג, צו זיין מאָראַליש און מאַטעריעל צוגעגרייט פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ לאַנגער מלחמה.

מיר וועלן פאַרקירצן די מלחמה אויף וויפיל מיר וועלן צונויפזאַמלען אַלע אונדזערע כחות און זיי אַריינוואַרפן אויף דער וואָג־שאָל פון קריג. מיר וועלן מאַכן די מלחמה לענגער מיט יעדן צייט־פאַרלוסט און מיט יעדן אָפּהאַלט, וואָס מיר דערלויבן.

די דעבאַטע וועגן אַ לאַנגער אָדער אַ קורצער מלחמה איז, הייסט עס, נישט קיין דעבאַטע מיט ווערטער, נאָר אַ דעבאַטע וואָס ווערט אָנגעפירט פון איין זייט אויף דער שפּראַך פון דער ענערגיע, מיט וועלכער מיר זאַמלען צונויף אַלע כחות און וואַרפן זיי אַריין אין דעם קאַמף — דער שטאַרקסטער און דער איינציגער ענדגילטיגער „אַרגומענט" פאַר אַ קורצער מלחמה — און פון דער אַנדערער זייט דורך דעם, אויף וויפיל מיר דערלויבן אַז „פּאָליטיק־ווי־געוויינטלעך" („פּאָליטיקס עז יוזשועל") און „געשעפט־ווי־געוויינטלעך" („ביזנעס עז יוזשועל") זאָלן שטערן, אָפּשוואַכן און אונטערגראָבן די מלחמה־אָנשטרענגונג — דער „אַרגומענט", וואָס ווירקט צו פאַרלענגערן די מלחמה און פאַרגרעסערן אירע קאָסטן.

די דעבאַטע איבער דער פראַגע: „אַ לאַנגע מלחמה אָדער אַ קורצע" קאָן ברענגען בלויז צעטומלעניש, אויב מיר באַגרייפן ניט פולשטענדיג, אַז דער ענטפער איז געווענדט אָן דעם, וואָס מיר וועלן טאָן פון איצט־אָן. מיר וועלן אַנטשיידן די דאָזיגע פראַגע דורך דעם אופן פון אונזער האַנדלונג ווי אַ מלוכה, ווי גרופּן און ווי יחידים. די מלחמה ווערט דעריבער אויסגעקעמפט דורך יעדן אַקט און וואָרט און אַפילו דורך יעדן געדאַנק פון יעדן אַמעריקאַנער, פון זיין גרופּע און זיין לאַנד בכלל. דער סך־הכל פון אַלע אונזערע אַקטן, ווערטער און געדאַנקען וועט אַנטשיידן צי מיר אַמעריקאַנער, ווי אַ מלוכה און אַ פאָלק, פאַרמאָגן די פייאיגקייטן צו מאַכן דאָס פאַר אַ קורצער מלחמה.

די אַנטשלאָסנהייט, מוט, אויסדויער, געדולד, ענערגיע, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע אייגנשאַפטן און פייאיגקייטן פון אונזער לאַנד ווערן דורך דער מלחמה געשטעלט צו דער פּראָבע. איבערהויפּט ווערט אויסגעפּרובירט אונזער פייאיגקייט צו טראַכטן קלאָר — די שווערסטע פון אַלע פּראָבעס.

מיר אַמעריקאַנער האָבן, ווי אַ פאָלק, קוים אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן די פונדאַמענטאַלסטע פראַגן אין פאַרבינדונג מיט דער איצטיגער מלחמה.

ווי אַזוי וועלן מיר אָפּשטעלן די שטייגנדיגע כוואַליעס פון די זיגן, וואָס די „אַקס" האָט פאַרצייכנט, ווען מיר האָבן נאָך כמעט ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין ווי אַזוי די „אַקס" האָט אָפּגעהאַלטן אירע זיגן? מיר טראַכטן נאָך אַלץ שמאָל, שטיקלעכוויז, וועגן דעם אָדער יענעם שטריך אָדער פּראָבלעם פון דער מלחמה, און מיר באַגרייפן ניט אָדער מיר פאַרגעסן, אַז אַ „גלאָבאַלע מלחמה", אַ מלחמה איבער דעם גאַנצן ערד־קיילעך, פאָדערט פון יעדן איינעם פון אונז, וואָס איז ערנסט אַנטשלאָסן צו באַווירקן דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה, אַ וועלט־אויסקוק, אַ „גלאָבאַלן" אופן פון דענקען.

די פּראָדוקציע פון געווער, די מאָביליזאַציע פון אונזער ווירטשאַפט פאַר דעם איינציגן צוועק פון מלחמה איז די פונדאַמענטאַלע באַדערפעניש

פּאַר אַ זיג; און די שנעלקייט פון דער מאָביליזאַציע איז אַ פונדאַמענטאַל־וויכטיגער עלעמענט, וואָס באַשטימט צי די מלחמה זאָל זיין אַ קורצע אָדער אַ לאַנגע. אָט־דער מאָמענט פון אונזער קריגס־פּאָליסי ווערט אָפּגעשאַצט און פאַרשטאַנען ברייטער ווי אַנדערע פראַגן. איך וויל ניט מינימיזירן די וויכטיגקייט דערפון, און איך וועל שפּעטער זיך אָפּשטעלן לענגער אויף דער פראַגע פון קריגס־פּראָדוקציע און ברייטע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. אָבער צום אָנהויב פון מיין אָפּהאַנדלונג איז נויטיג צו באַטאָנען מער ווי אַלץ, אַז געווער, אַפילו אַ ריזיגע איבערוואָג אין געווער, איז ניט גענוג פאַר אַ שנעלן זיג.

איך ווייס ניט פון קיין זאַך וואָס קאָן אַזוי פולשטענדיג אונטערשטרייכן דעם דאָזיגן אמת ווי דער איינפאַכער פאַקט — וואָס צו־אָפט פאַרגעסט מען דאָס — אַז דייטשלאַנד, דער ווינקל־שטיין און פעסטונג פון דער וועלט־מאַכט פון די „אַקס"־מלוכות, איז צוריק מיט צען יאָר געווען אַן אומבאַוואָפנטע און הילפלאָזע מלוכה, און אַז אירע איצטיגע פּאַרטנערס, יאַפּאַן און איטאַליע, זיינען געווען צווייט־קלאַסיגע מלוכות, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט עקאָנאָמישע קריזיסן און זיינען געווען אָנגעוויזן אויף אַמעריקאַנער הילף. אַמעריקע, ענגלאַנד, און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד — וואָס איצט זיינען זיי די הויפּט־מאַכט פון די פאַראייניגטע מלוכות — צוזאַמען מיט פראַנקרייך, וואָס איצט איז זי היטלער'ס הילפלאָזער קרבן, האָבן צוריק מיט צען יאָר פאַרמאָגט אָדער קאָנטראָלירט פולע ניינציג פּראָצענט פון דערווירקזאַמער מיליטערישער שלאָג־קראַפט פון דער וועלט. אָבער אין ווייניגער ווי צען יאָר איז אָט־די פאַרהעלטעניש פון מיליטערישע כחות אַזוי דראַסטיש געענדערט געוואָרן, אַז דייטשלאַנד האָט צעשמעטערט יעדע מיליטערישע מאַכט אין אייראָפּע, מיט דער אויסנאַם פון דער רויטער אַרמיי, און צוזאַמען מיט איטאַליע באַדראָעט זי דעם סועץ־קאַנאַל און דעם נאָענטן מזרח, בעת יאַפּאַן האָט פאַרכאַפּט כמעט דעם גאַנצן ווייטן מזרח מיט דער אויסנאַם פון אויסטראַליע און מזרח־סיביר, און די „אַקס" דראָעט ערנסט צו באַהערשן די גאַנצע וועלט. ווען מיליטערישע מאַכט זאָל זיין אַלץ־אַנטשיידנדיג, וואָלט די „אַקס" גאָר אינגאַנצן נישט געקאָנט געווען צו־שטאַנד קומען. דאָס איז אַן אמת פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, און אַמעריקאַנער הויבן ערשט אָן באַנעמען די אַלע אויספירן פון אָט־דעם אמת. מען טאָר אָט־דעם אמת קיין מאָל ניט פאַרגעסן; אין זיינע אויספירן ליגן די ענטפערס אויף די אַלע פּראָבלעמען אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע צי מיר מוזן פירן אַ קורצע מלחמה אָדער אַ לאַנגע.

היינט־צו־טאָג, אין דעם ברען פון דער מלחמה אויף לעבן און טויט, פון דער גלאָבאַלער מלחמה, וואָס וועט אַנטשיידן דעם גורל פון דער מענטשהייט

אויף דורות, ווידערהאָלן מיר די מערסטע טעות'ן פון פּאָליסי, אין איין פּאָרם אָדער אַ צווייטער, וועלכע האָבן צוריק מיט צען יאָר אויפגעבויט דעם שטיק גאָרנישט היטלער און אים פּאָרוואַנדלט אין אַ זינער, וואָס פּאַרמעסט זיך צו באַהערשן די וועלט. מיר האָבן בלויז טיילווייז דערלערנט די נויטיגע לעקציעס, און אויב מיר וועלן זיי ניט דערלערנען גרינטלעך, וועט די מלחמה אין בעסטן פאַל זיין אַ לאַנגע, אַ שווערע און אַ קאַטאַסטראָפישע.

מיר ווידערהאָלן דעם פונדאַמענטאַלן טעות פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל מיר טרייסטן זיך, אַז נאָך אַלעמען איז אַמעריקע פּאָטענציעל אַזוי מעכטיג ווי אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט צוזאַמענגענומען און אַז אויב נויטיג קאָנען מיר צעברעכן היטלער'ן די ביינער איינע אַליין „מיט איין האַנט צוגעבונדן", לויטן אויסדרוק פון טראַדיציאָנעלער אַמעריקאַנער באַרימעריי. אָט־דער גייסט פון באַקוועמער זעלבסט־צופרידנהייט, שוין נישט אַזוי אויסגעשפּראָכן ווי פאַר פּוירל האַרבאָר, איז נאָך אַלץ אַ געדאַנקען־געוואוינהייט ביי אַ סך מענטשן, וואָס פאַרנעמען פּאָזיציעס פון מאַכט און איינפלוס — אַ געוואוינהייט, וואָס איז נאָך שטאַרקער, ווען זי איז אומבאַוואוסטזיניג. מיר מוזן זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז אויב מיר וועלן ניט אויסשניידן מיטן וואָרצל די טעות'ן פון די לעצטע צען יאָר, וואָס האָבן אונז און די גאַנצע וועלט דערפירט צו אַ קאַטאַסטראָפע, איז עס גאַנץ מעגלעך, אַז אַמעריקע זאָל באַזיגט ווערן און מיאוס באַזיגט ווערן. און דעמאָלט איז עס שוין נישט קיין אונטערשייד, צי די מלחמה איז אַ לאַנגע אָדער אַ קורצע.

אַ נידערלאַגע פאַר אַמעריקע אין אָט־דער מלחמה — מיר טאָרן נישט מיד ווערן דאָס צו ווידערהאָלן — וועט נישט זיין בלויז אַ „באַדויערלעכער אינצידענט" אין אונזער געשיכטע. דאָס וועט זיין דער סוף פון דער געשיכטע פון די פאַראייניגטע שטאַטן. צוקונפטיגע היסטאָריקער וואָלטן אין אַזאַ פאַל — נאָך דעם ווי די מענטשהייט וואָלט זיך פיינלעך באַפרייט פון נאַצי־שקלאַפעריי און ווידער דערגרייכט צו אַ ציוויליזירטער שטופע — צוקונפטיגע היסטאָריקער וואָלטן געדעדט וועגן די פאַראייניגטע שטאַטן ווי וועגן אַ „בריליאַנטענעם עקספּערימענט", וואָס האָט אָנגעהאַלטן ווייניגער ווי צוויי הונדערט יאָר, פול מיט צוזאָג און האָפענונג, און איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך דער פאַטאַלער אומפייאיגקייט פון די פירער זיינע זיך אַריינצוטראַכטן געניג טיף אויף צו בייקומען דעם העכסטן קריזיס, כאָטש עס זיינען אין די הענט פון די פירער געווען אַלע מאַטעריעלע מיטלען דערצו. עס איז נויטיג צו אָנערקענען אָט־די שענדלעכע מעגלעכקייט, כדי מיר זאָלן באַוועגן יעדן אַמעריקאַנער אָנצושטרענגען אַלע זיינע כחות — אינטעלעקטועלע, מאָראַלישע און פיזישע — אַז אַזאַ סוף פון אונזער געשיכטע זאָל ווערן אוממעגלעך; צו אָרגאַניזירן די מאַכט פון אַמעריקע פולשטענדיג

און זי אַריינוואַרפן אויף דער וואָגשאָל פון שלאַכט כל זמן אַ זיג איז נאָך אַלץ מעגלעך.

דער ווילן צום זיג, דאָס אונטערוואַרפן אַלצדינג דעם ציל פון זיג מוז ווערן דער אויסגאַנגס־פונקט פאַר באַנעמען די פּאַליסים, וועלכע קאָנען פירן צום זיג.

די פּאָליסים, וואָס זיינען נויטיג פאַר דעם מעגלעך־שנעלסטן זיג, זיינען די, וואָס וועלן אויף דעם ווירקזאַמסטן אופן דערגרייכן די פאָלגנדיגע צוועקן:

1. די איינינגקייט פון פאָלק, די באַוואוסטזיניגע קאָאָפּעראַציע פון דער גרעסטער מערהייט פון פאָלק און פון אַלע וויכטיגע גרופּן אין דער מאַקסימום אָנשטרענגונג פון אַלע כחות פון לאַנד; דאָס ווערט אָפטמאָל באַצייכנט מיט דעם אויסדרוק „ציווילע מאָראַל”.

2. די ענגסטע און שטאַרקסטע איינינקייט מיט די קעמפנדיגע פאַר־בינדעטע („עלאַים”) פון אונזער לאַנד — דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, ענגלאַנד און כינע — און די קרעפטיגונג פון די פאַראייניגטע מלוכות אַרום אָט־דעם בונד.

3. געווינען נייע פאַרבינדעטע, רעקרוטירן נייע כחות געגן דער „אַקס” אין אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע און לאַטיין־אַמעריקע; די אויפזאַמלונג פון אַלע מעגלעכע רעזערוון אין דעם קאַמף.

4. די פולע מאָביליזאַציע פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע, אַזוי גוט ווי פון דער אינדוסטריע פון די פאַראייניגטע מלוכות, און פון דער גאַנצערווירטשאַפט, אַריינגערעכנט די לאַנדווירטשאַפט, כדי צו פּראָדוצירן אַלצדינג, וואָס איז נויטיג פאַר דעם זיג אין דער מלחמה.

אָט־די ענד־צילן פון פּאָליסי, וואָס ווערן דאָ אָנגעגעבן אין אַן אַל־געמיינער פאָרם, זיינען געקניפּט און געבונדן און אָפּהענגיג איינער פון צווייטן. אַלע זיינען זיי אין אַ גלייכער מאָס נויטיג פאַרן זיג, און די שנעלקייט און גרינטלעכקייט, מיט וועלכער זיי וועלן פאַרווירקלעכט ווערן, וועט אַנט־שיידן צי די מלחמה וועט זיין אַ קורצע אָדער אַ לאַנגע.

ווי אויבן אויסגעדריקט, אין זייער אַלגעמיינסטער פאָרם, וועלן אָט־די ענד־צילן פון פּאָליסי אַרויסרופן זייער ווייניג אויסזעצונג אָדער שטרייט. יעדער איינער, חוץ אַ באַוואוסטזיניגן שונא פון די פאַראייניגטע שטאַטן, האָט דעם שטאַרקן פאַרלאַנג, אָדער ער איז צום ווינציגסטן וויליג, אַז אָט־די צילן זאָלן דערגרייכט ווערן, אויב — דער פאַטאַלער „אויב” — דאָס קאָן געטאָן ווערן אויף באַדינגונגען, וואָס זיינען פאַר אים צופרידנשטעלנדיג. וועלכער מענטש האָט נישט דעם שטאַרקן פאַרלאַנג, אַז ס׳זאָל געשאַפן ווערן נאַציאָנאַלע איינינקייט — אויב דאָס לאַנד זאָל זיך פאַראייניגן אויף זיינע אייגענע באַדינגונגען? און ווער זעצט־אויס אָדער קאָן אויסזעצן, אַז אַנדערע

מלוכות זאָלן זיך פאַראייניגן מיט אַמעריקע, אויב זיי זאָלן אָננעמען אונזערע באַדינגונגען פאַר אייניגקייט? און אַזוי כסדר. אָט אַזוי גרינג ווערט די איינשטימיגקייט איבער די אַלגעמיינע צילן אויפגעלייזט ביים ערשטן אָנריר און פאַרוואַנדלט אין דעם שאַרפסטן שטרייט איבער די מיטלען צו דערגרייכן די צילן.

דער פאָטאָלער „אויב”, וואָס שטייט ווי אַ שטרויכלונג אויף דעם וועג פון אויסאַרבעטן קאָנקרעטע פּאָליסיס, וועלכע זאָלן שאַפן די פאָרבאַדינגונגען פון זיג, קאָן ביינעקומען און אויפגעלייזט ווערן בלויז דורך אַנטקעגנשטעלן אַן אַנדער „אויב”: אויב מיר וועלן גיין צו־לאַנגזאַם ביים שאַפן אַ פאַר־שטענדיגונג איבער די ווירקזאַמע פּאָליסיס, וועט די מלחמה זיין אַ לאַנגע און קאָסטן אַ סך; אויב מיר וועלן אינגאַנצן ניט באַוויזן צו שאַפן אַזאַ פאַרשטענדיגונג, וועלן מיר פאַרניכטעט ווערן ווי אַ מלוכה און פאַרשקלאַפט ווערן ווי אַ פאָלק.

די גרויזאַמע באַדערפעניש פון דעם קאַמף פאַר בלייבן־לעבן, די אייזערנע געזעצן פון מיליטערישער נויטווענדיגקייט טרייבן אונז צו פאַרבייגן און באַזייטיגן אונזערע אַנדערשדיגע און אַפילו אַנטקעגנגעזעצטע אינטערעסן און אידייען צוליב אַ פאַרשטענדיגונג, וואָס קאָן געמאָסטן ווערן בלויז מיט איין מאָס: וועט דאָס העלפן פאַרגרעסערן די שלאָג־פיאיגקייט פון אונזער לאַנד און אונזערע פאַרבינדעטע? וועט דאָס העלפן געווינען די מלחמה אין דער מעגלעך־קירצסטער צייט?

אונטער די האַמער־קלעפּ פון מיליטערישע קאַטאַסטראָפעס האָבן מיר געמאַכט אונזערע ערשטע גרויסע שריט אין דער ריכטונג פון שאַפן אַ פּאָליסי אין דעם גייסט, וואָס איז דאָ אָנגעצייכנט געוואָרן: דער אַנגלאָ־סאָוועטיש־אַמעריקאַנער בונד און דער פּאַקט פון די פאַראייניגטע מלוכות. עס וואָלט ווירקלעך געווען טרויעריג, ווען מיר זאָלן דאַרפן האָבן אַ נייע קאַטאַסטראָפע, וואָס זאָל אונז יעדן מאָל שטויסן צו אַ נייעם שריט. דאָס וואָלט געווען אַ לאַנגער און בלוטיגער וועג צום זיג, אומנויטיג לאַנג און אומנויטיג בלוטיג.

אַ ווירקזאַמע מלחמה־פּאָליסי קאָן געשאַפן ווערן אויף איינעם פון צוויי וועגן. דער נאַצי־וועג איז די טעראָריסטישע דיקטאַטור פון אַ קליינער מינדער־הייט גרויזאַמע מענטשן, וואָס באַהערשן אַלצדינג דורך גוואַלד־מאַכט צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן. דער צווייטער, דער דעמאָקראַטישער וועג איז — צוצופּאַסן די פּאָליסי צו די פעסטגעשטעלטע אינטערעסן און אידייען פון דער מערהייט פון פאָלק און צו יעדער וויכטיגער און נויטיגער גרופּע אַזוי, אַז דאָס פעלד פון גרופּצווינגען אַזאַ פּאָליסי („דעמאָקראַטישע דיקטאַטור”) געגן אַן אָפּאָזיציע זאָל באַשרענקט ווערן אויף דער מעגלעך־קלענסטער צאָל פון די אומהיילבאַרע, וואָס לאָזן זיך נישט איבערצייגן און בלייבן איינגע־

שפּאַרט ביים שטעלן זייערע אייגענע אינטערעסן העכער ווי די אינטערעסן פון לאַנד.

מיר האָבן מעכטיגע גרופּן און פּערזאָנען אין אַמעריקע, וואָס זיינען פאַרליבט אין דעם נאַצי־וועג און וואָלטן וועלן באַוועגן אונזער לאַנד אין אַזאַ ריכטונג. צום ביישפּיל, עקס־פּרעזידענט הואָווער האָט אָנומעלטן פאַר־געשלאָגן ווי אַ „מלחמה־מיטל", אַז מיר זאָלן קאָפּירן די „נאַצי־עקאָנאָמיע". אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס ער רופט „נאַצי־עקאָנאָמיע"? ס'איז אַ סיסטעם, וואָס איז געבויט אויף שקלאַפן־אַרבעט. דאָס איז דער איינציגער אייגנטימלעכער שטריך פון דער נאַצי־עקאָנאָמיע: שקלאַפן־אַרבעט פאַר די דייטשן און אַ דרייפאַכע שקלאַפעריי פאַר די באַזיגטע פעלקער. ס'איז אַ קנאַפּער ספק, אַז דורך זיין פאָרשלאָג פאַרלאַנגט מר. הואָווער, אַז אַמעריקע זאָל אוועקגיין פון דעם דעמאָקראַטישן מעטאָד אין דער ריכטונג פון דער נאַצישער שקלאַפן־סיסטעם. דער פאַקט, וואָס ער רופט דאָס „עקאָנאָמיע", אַן אומשולדיג וואָרט, כדי צו פאַרמאַסקירן דעם געפערלעכן אינהאַלט דערפון, טאָר אונז נישט פאַרבלענדן בנוגע דעם געפערלעכן טייטש פון אַזאַ פאָרשלאָג, בנוגע זיין כאַראַקטער פון אונטערגראָבן די גאַנצע מלחמה־אָנשטרענגונג פון אַמעריקע און סאַבאָטאַזשירן דעם זיג. נאָך אַזאַ ביישפּיל קאָנען מיר זען אין דער טענדענץ, וואָס איז אויסגעדריקט דורך קאָנגרעסמאַן סמיט פון ווירדזשיניע (און אפשר פון אַ מערהייט פון קאָנגרעס) צו באַהאַנדלען די אַרבעטער אין דער מלחמה דורך דראַסטישע געזעצן, וואָס זאָלן פאַרקריפּלען די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג — פולשטענדיג אין דעם גייסט פון העבערט הואָווער.

צום גליק פאַר די אויסזיכטן פון זיג און פון אַ קורצער מלחמה, האָט פּרעזידענט רוזוועלט זיך נים אונטערגעגעבן צו אָט־די כחות און זייערע אידייען. עס איז מעגלעך צו גיין מיט דעם דעמאָקראַטישן וועג, בעת עס ווערט אויסגעהאַמערט אונזער נאַציאָנאַלע פּאָליסי פאַרן זיג.

צום שאָדן פאַר די אויסזיכטן פון זיג און פאַר אַ קורצער מלחמה, איז אונזער נאַציאָנאַלער געדאַנקען־גאַנג, ווי ער ווערט אויסגעדריקט אין די צייטונגען, אין אַזאַ כאַאָטישן, ווידערשפּרעכלעכן און צעטומעלטן צושטאַנד, אַז קיין ערגערס קאָן מען זיך גאָר נים פאָרשטעלן. אפילו נאָכדעם ווי די „גרויס־סטראַטעגיע" פון די פאַראייניגטע מלוכות איז קלאָר אויסגעדריקט געוואָרן אין די אַנגלאָ־סאָוועטיש־אַמעריקאַנישע אָפּמאַכן, וואָס זיינען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן דעם 11טן יוני, איז נאָך אַלץ נישט געמאַכט געוואָרן קיין אַלגעמיינער שריט צו רעווידירן, אין איינקלאַנג מיט אָט־דעם הויפּט־פּלאַן, די טויזנטער קלענערע פּאָליסים, אונזערע טעגלעכע געוואוינהייטן פון אַרבעט, אונזערע געדאַנקען און פאָראורטיילן, וואָס צוזאַמענגענומען שאַפן זיי דעם

עצם פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן און אָנשטרענגונג. אונזערע געוואוינהייטן, פּאַראורטיילן און קלענערע פּאָליסים ווידערשפּרעכן נאָך אַלץ און שטערן אונזער קריג־פּאָליסי אויף אומצאָליגע וועגן, ווייל זיי זיינען פּאַרמירט גע־וואָרן אויף דער באַזע פון מיסאינפאָרמאַציע און אומוויסן, אויף פאַלשטענדיג־פאַלשע באַגריפן וועגן דעם ווער עס זיינען אונזערע פריינט און ווער — אונזערע שונאים, ווער עס זיינען די שטאַרקע און ווער — די שוואַכע. מיר האָבן קאָרעגירט די הויפּט־פּאָליסי, אָבער מיר האָבן נאָך נישט אָנגעהויבן צוצופּאַסן אַלצדינג צו איר. עס מערקט זיך אַ שאַרפע צייט־הינטערשטעליג־קייט אין אונזער נאַציאָנאַלן דענקען.

גראָד ווען איך שרייב אָט־די שורות וואַרפט זיך מיר אין די אויגן אַן אינטערעסאַנטער ביישפּיל פון אָט־דער צייט־הינטערשטעליגקייט פון דענקען בעת איך קוק אויף דער עדיטאָריעל־זייט פון דער „ניו יאָרק טאַימס" פון דעם 13טן יולי. איינע פון די פּאַראַנטוואָרטלעכסטע קאָלום־שרייבערינס, ען אָ'העיר מעקאָרמיק, באַמערקט אויף אַ „נאָנשאַלאַנטן" אופן, אַנאַליזירנדיג אָביעקטיוו די ראָלע פון טערקיי אין דער מלחמה, אַז „פון סאַמע אָנהויב פון דעם קריג קאָן עס געזאָגט ווערן וועגן די טערקן, אַז זיי האָבן דערקענט אין דער מלחמה דאָס וואָס זי איז — אַ קאָנטעסט וועגן וועלט־אימפּעריע."

אָן אַ צאָל אַזוינע „לאַפּסוסן" אין דעם עפנטלעכן דענקען שפּיגלען אָפּ די מער וויכטיגע „לאַפּסוסן" פון פּאָליסי און אַקציע, וואָס האַלטן נאָך אָן. אין עצם מיינט עס, אַז בעת מיר האָבן אָפיציעל אָנערקענט, אַז „די עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם איז געענדיגט", טראַכטן מיר נאָך אַלץ און האַנדלען אויף דער השערה, אַז די מלחמה איז נאָך אַלץ „אַ קאָנטעסט וועגן וועלט־אימפּעריע". מיר פירן די פאָלקס־מלחמה פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אין אַ סך הינזיכטן, נאָך אַלץ אַזוי, ווי פון אונזער זייט וואָלט עס געווען אַ מלחמה צוליב אימפּעריע. צו אָפט האַנדלען מיר לויט דער טעאָריע, אַז צו פּראָקלאַמירן פרומע מלחמה־צילן איז אַלץ, וואָס מיר באַדאַרפן האָבן אויף צו ענדערן דעם כאַראַקטער פון דער מלחמה, וועלכע ווערט אויסגעקעמפט לויט די זעלביגע מעטאָדן און פּאָליסים ווי פריער.

דער אמת, צו וועלכן מיר מוזן זיך אומקערן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל און וועלכער איז דער צענטראַלער אמת פאַר דעם צוועק פון געווינען די מלחמה, איז דער פאַקט, אַז אויב מיר ווילן אָנפירן די איצטיגע מלחמה ווי אַן אימפּעריאַליסטישע מלחמה, זיינען מיר שוין איצט האָפענונגסלאָז באַזיגט. מיר קאָנען אַנדערש נישט געווינען די מלחמה ווי דורך באַוואָפענען און פאַראייניגן אַלע פעלקער צו קעמפן פאַר זייער אייגענער פרייהייט און זעלבסט־שטענדיגקייט. אָט־דער כאַראַקטער פון דער מלחמה איז נישט עפּעס אַזוינס,

וואָס וועט קומען ווי דער רעזולטאַט פון זיג, נאָר פאַרקערט, דער זיג וועט קומען ווי אַ רעזולטאַט פון אויסקעמפן אַזאַ מין מלחמה.

עס איז נישט גרינג אַזוי גרינגטלעך צו רעווידירן און קאָרעגירן אונזערע נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן און געוואוינהייטן פון טראַכטן און ארבעטן. דאָס איז בלויז אַן אנדער אופן פון זאָגן, אַז עס איז נישט גרינג צו פאַרניכטן די „אַקס" און אָפּהאַלטן אַ פולשטענדיגן זיג.

ווען דאָס זאָל זיין אַ גרינגע פּראָבלעם צו לייזן, וואָלט זי געלייזט געוואָרן נאָך איידער מיר זיינען צוגעטראָטן צו דער דיסקוסיע וועגן דעם. בלויז די שווערסטע פּראָבלעמען רופן אַרויס אונזערע גרעסטע און ווערטפולסטע אָנשטרענגונגען.

מיר ווייסן, אַז אָט־די פּראָבלעם וועט געלייזט ווערן, ווייל זי מוז געלייזט ווערן כדי צו ראַטעווען אַמעריקע און די וועלט פון שקלאַפעריי. נויטווענדיג־קייט איז די מוטער ניט בלויז פון דערפינדונג, נאָר אויך פון נייע פּאָליסים און אַ נייעם אופן פון טראַכטן פאַר גאַנצע פעלקער און לענדער.

מיר ווילן מאַכן די איצטיגע מלחמה אַזוי קורץ ווי מעגלעך, אָפּהאַלטן אַ זיג אַזוי שנעל ווי מעגלעך דורך פאַרווירקלעכן וואָס שנעלער אַזאַ ווירק־זאַמע פאַרשטענדיגונג וועגן די פּאָליסים, וואָס זאָלן פאַראייניגן די מאַסן פון אַמעריקאַנער פאָלק און אַלע וויכטיגע גרופּירונגען אין ענטוזיאַסטישער אָנשטרענגונג און מסירת־נפש ; פּאָליסים וואָס וועלן אונז פאַראייניגן מיט אונזערע פאַרבינדעטע און אונזערע פּאָטענציעלע פאַרבינדעטע אין אַ פעסטן בונד פון געגנזייטיגן צוטרוי און קאָאָפּעראַציע ; פּאָליסים וואָס וועלן לייזן די פּראָבלעמען פון אויסנוצן ביז צו אַ מאַקסימום דיווירטשאַפט פון אַמעריקע פאַרן זיג.

דאָס מיינט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז די שנעלקייט, מיט וועלכער דער זיג וועט קומען, איז דירעקט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער שנעלקייט, מיט וועלכער מיר וועלן ענדערן אַלע אונזערע געדאַנקען, אַקציעס און פּאָליסים, כדי זיי צו ברענגען אין פולשטענדיגער האַרמאָניע מיט דעם כאַראַקטער פון דער מלחמה ווי די פאַרטזעצונג פון דער „פאָלקס־רעוואָלוציע", דאָס הייסט — פון דער פאָלקס־מלחמה פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

אויב מיר וועלן דאָס דערגרייכן אויף אַ לאַנגזאַמען אופן, וועלן מיר מוזן זיין גרייט צו אַ לאַנגער און קאַטאַסטראָפישער מלחמה. אויב מיר וועלן אינגאַנצן נישט באַוויזן דאָס צו דערגרייכן, וועלן מיר אונטערפאַלן דער נאַצי־שקלאַפעריי.

דאָס, אין קורצן, איז דער תוך פון דער דעבאַטע איבער דער פראַגע : „אַ קורצע מלחמה אָדער אַ לאַנגע ?"

צווייטער טייל

אַ פֿאַראייניגט לאַנד

קאפיטל דריי

היטלערס געהיימער וואָפן—דער פינפטער קאָלום

אין 1937, ווען היטלער האָט געוואָרפן זיינע איבערפאַל־כחות געגן מאַדריד, כדי צו פאַרניכטן די שפאַנישע רעפובליק און מאַכן יענע שטאָט פאַר דער ערשטער באַזיגטער הויפט־שטאָט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער אַנטפּלעקט דעם סוד פון אַלע זיינע שפּעטערדיגע דערפאָלגן, זיין „געהיימען וואַפן”. דאָס איז געווען זיין אופן פון אויסנוצן געבירטיגע ליאַלקעס ווי גענעראַל פראַנקאָ, וואָס זאָלן פאַר זיינעטוועגן מאַכן אַן אָפענעם אויפשטאַנד, קאָאָרדינירט מיט זיינע באַהאַלטענע אַגענטן הינטער די רע־פובליקאַנער ליניעס, וועלכע האָבן געאַרבעט צו צעשפּאַלטן די רעפובליקאַנער איינינקייט, צו שאַפן שטרייטן, צו סאַבאָטאַזשירן יעדע מלחמה־אָנשטרענגונג און ענדלעך צו עפענען די טויערן פאַר די אָנפאַלער.

דער דאָזיגער געהיימער וואַפן האָט געקראָגן זיין קלאַסישן נאָמען דורך אַ מין צופאַל. איינער פון תליון פראַנקאָ'ס גענעראַלן אין דער דינסט ביי היטלער'ן, קוויעפאָ דע לאַנאָ, האָט אין זיין באַרימעריי איבער דער ראַדיאָ וועגן דעם, ווי אַזוי מאַדריד וועט גענומען ווערן, געזאָגט: פיר קאָלומס פון אונזער אַרמיי דערנעענטערן זיך צו מאַדריד פון פיר ריכטונגען, און ווען זיי וועלן אָנקומען, וועט זיך מיט זיי פאַראייניגן דער פינפטער קאָלום, וואָס געפינט זיך אינעווייניג אין שטאָט, גרייט צו עפענען די טויערן פאַר זיי.” אַזוי איז אַנטשטאַנען דער היסטאָרישער אויסדרוק, „פינפטער קאָלום”. גענעראַל פראַנקאָ איז געווען דער ערשטער „קוויזלינג”, אָבער די קוויזלינגס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין אָנגענומענעם נאָמען ביז 1940.

דער פינפטער קאָלום איז דאָס סאַמע קאָמפּליצירטסטע געווער פון מאָדערנער קריג־פירונג. בלויז אַ טייל דערפון באַווייזט זיך עפנטלעך און לאָזט זיך דערקאָנען, איידער די נאַצים פאַרענדיגן זייער דעראָבערונג; ביז דעמאָלט בלייבט ער פאַרבאָרגן און באַהאַלט זיך אָפטמאָל הינטער אַן אַנטי־נאַצי מאַסקע. ער טוט זיין אַרבעט אין דער פינצטער. אַ סך פון זיין גע־שיכטע וועט מסתמא קיינמאָל נישט אויפגעדעקט ווערן — אַזוי טיף איז

ער באהאלטן. מיר קאָנען בלויז שטודירן כאראקטעריסטישע מוסטערן פון זיין ארבעט, זיך אויסלערנען צו דערקענען זיינע פארשיידענע פארמען דורך אויסגעפינען די רעזולטאטן פון זיין ארבעט און נאָכפאָלגן אויף צוריק די שפורן פון דעם פארברעכן צו די פארברעכער און זייערע באהעלטענישן. פון צייט צו צייט געפינען מיר זייערע אייגענע דאָקומענטן, וואָס ווארפן א סך ליכט אויף זייער כאראקטער, ארבעט און פערסאָנאל.

אזא דאָקומענט פון דעם פינפטן קאָלום אין אמעריקע איז נישט לאנג צוריק פארעפנטלעכט געוואָרן דורך דער וואָכנשריפט „אין פעקט"*), רעדאקטירט פון דזשארדזש סעלדעס.

דאָס איז א „מעמאָראנדום", געשריבן דעם 23טן נאָוועמבער, 1937, כדי צו סומירן א פארשטענדיגונג, וואָס איז געשאפן געוואָרן אויף א צוזאמענקונפט פון צוויי נאצי־אגענטן מיט זיבן פראָמינענטע אמעריקאנער. מאנפרעד פרייהער פאָן קילינגער, איינער פון די צוויי אגענטן, איז נאָר־וואָס געהאט אנגעקומען פון בערלין אויפן וועג קיין סאן פראנציסקאָ ווי דער נייר באשטימטער נאצי־קאָנסול אין יענער שטאָט. באראָן פאָן טיפּלעסקירך, דער צווייטער אגענט, איז געווען דער נאצי־קאָנסול אין באָסטאָן. די נעמען פון די זיבן פּראָמינענטע אמעריקאנער זיינען נישט אויפגעדעקט געוואָרן, נאָר מען זאָגט, אז איינער פון זיי איז א סענאטאָר און די אנדערע זיינען פּראָמינענטע אינדוסטריאליסטן און פינאנץ־מענטשן. זייער „מעמאָראנדום" וועגן א פארשטענדיגונג איז די פּלאטפאָרם פאר א כאראקטעריסטישן אפּטייל פון דעם פינפטן קאָלום פון דעם טיפ „קלאייוודען סעט", וואָס האָט געבראכט א קאטאסטראָפע פאר ענגלאנד.

ס'איז אזא טיפּישער מוסטער און ווארפט אזוי פיל ליכט אויף דעם פינפטן קאָלום אין אמעריקע און אויף אונזערע נאציאָנאלע פּראָבלעמען בכלל, אז איך גיב דאָ איבער דעם גאנצן „מעמאָראנדום". אָט איז ער:

„מעמאָראנדום

„דער צוועק פון דעם דאָזיגן אָנוואורף איז נישט צו פארפליכטן וועמען ניט איז פון די, וואָס האָבן זיך באטייליגט אין אונזער פאָרמעלער קאָנפערענץ. פאָרקערט, דער מעמאָראנדום דארף בלויז אנטהאלטן און פּרעזערווירן די הויפּט־טעמעס פון אונזער געשפּרעך, וועלכער קאָן —

*) „אין פעקט", נומער 92, יולי 13, 1942.

אויב דאָס איז דער פאַרלאַנג — באַריכטעט ווערן צו געהעריגע אָרגאַני־זאַציעס אָדער יחידים, וואָס האָבן די קאָמפּעטענץ און די פּריווילעגיע צו ציען פּראַקטישע שלוסן אָדער מאַכן געהעריגע שריט.

„1. איינער פון אונזערע דייטשע געסט האָט באַטאָנט אין זיין סטעיטמענט, אַז ער האָט נישט קיין אויטאָריטעט אָנצוגעבן וועלכן ס'איז אָפיציעלן שטאַנדפּונקט. דאָך איז עס זיין פּערזענלעכער איינדרוק, נאָך יאָרן־לאַנגער דינסט אין פאַרבינדונג מיט קאָנסולערע פאָרטרעטערשאַפטן דאָ אין לאַנד, אַז אַ ראַדיקאַלע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין אַמע־ריקע'ס אויסלענדישער פּאָליטיק אין באַצוג צו דייטשלאַנד. 'אונזער לאַנד', האָט ער געזאָגט, 'איז געווען צוגעוואוינט צו באַטראַכטן די פאַראייניגטע שטאַטן ווי אַ קוואַל פון פריינטלעכן איינפלוס. אַמעריקע'ס בייטראָגן האָבן פאַרלייכטערט דייטשלאַנד'ס לאַסט אונטער דעם פרידנס־אָפּמאַך. פּרעזידענט הואווער'ס שריט, וואָס האָט געפירט צו דער פולשטענדיגער באַזייטיגונג פון דעם פינאַנציעלן חוב, וועלכער איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דעם ווערסאַלער אָפּמאַך, איז שטענדיג באַטראַכט געוואָרן ווי אַ כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פון דער אַמערי־קאַנער שטעלונג צום דייטשן פאָלק.'

„'די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע האָט אַריינגעבראַכט וויכטיגע ענדערונגען, וואָס האָבן די ווירקונג צו ענדערן די דייטשע מיינונג וועגן דער אַמעריקאַנער שטעלונג. ס'איז דערלויבט געוואָרן, אַז אַ געוויסע אַגיטאַציע זאָל ווערן אַ שטערונג פאַר די דייטשיש־אַמעריקאַנער באַ־ציאונגען. אָנשטאָט צו קאָאָפּערירן אין אויפעפענען ריזיגע פּאָטענציעלע מערק, זיינען דייטשלאַנד און אַמעריקע געווען געצוואונגען זיך אָנ־צושליסן אין פיינטלעכע דיפּלאָמאַטישע לאַגערן. די פּאָטענציעלע מערק, כינע און רוסלאַנד, קאָנען אָבער ניט אָרגאַניזירט ווערן אָן דער אַקטיווער קאָאָפּעראַציע פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל. אַזוי אַרום ווערט צוריק־געהאַלטן די (עקאָנאָמישע) דערהאָלונג פון דער וועלט.

„'דייטשלאַנד איז דעריבער וויליג צו אונטערנעמען אַלץ, וואָס איז מענטשלעך־מעגלעך, כדי צוצוקומען דירעקט צו די פינאַנציעלע און אינדוסטריעלע פירער פון די פאַראייניגטע שטאַטן. די שאַפונג פון אַ יאַפּאַנעזער מאָנאָפּאָליע אין ווייטן מזרח איז ניט ווינטשענסווערט. אויך נישט, אַז עס האָט שוין דערביי, קיין כינעזישער זיג. די נייע פּרעזידענט־וואַלן מוזן ברענגען אַמעריקע אויף דער זייט פון די מלוכות, וואָס קעמפן פאַר דער רעאָרגאַניזאַציע פון די וועלט־מערק.

„׳צו שטיצן יענע שטרעמונגען אין דער אַמעריקאַנער עפנטלעכער מיינונג, וואָס זיינען באַשטימט פאַר אַזאַ ענדערונג, איז די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון דער דייטשער אויסלענדישער פּאָליטיק. די דאָזיגע שטיצע שליסט איין נישט בלויז דאָס באַאיינפלוסן די דייטשיש־אַמעריקאַנער שטימען פאַר אַ פּרעזידענט־קאַנדידאַט, וואָס איז באַשטימט אין סימ־פּאַטיע מיט די אויבן־דערמאָנטע צילן, נאָר אויך יעדע מעגלעכע קאָ־אָפּעראַציע מיט אמת־נאַציאָנאַלע כחות. דאָס, פאַרשטייט זיך, קאָן נישט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אַריינמישונג אין די אַמעריקאַנער אינער־לעכע ענינים, ווייל די קאָנקרעטע פאָרם אַזוי גוט ווי דער פּאַרנעם פון אַזאַ שטיצע מוז באַשטימט ווערן דורך די באַטרעפנדע פּאָליטישע גרופּן.׳

„2. אונזער צווייטער דייטשער גאַסט, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג באַשטימט געוואָרן אויף אַ דיפּלאָמאַטישן פּאָסט אין אונזער לאַנד, האָט דערגאַנצט די אויבן־אָנגעגעבענע סטעיטמענטס מיט די פאָלגנדיגע פּונקטן:

„דייטשלאַנד ווערט מיסרעפּרעזענטירט אויף אַ גראָבן אופן פאַר דעם אַמעריקאַנער עולם דורך אידישער פּראָפּאַגאַנדע. ׳כדי צו מאַכן קלאָר דאָס בילד׳, האָט ער געזאָגט, ׳איז נויטיג זיך צו דערמאָנען, אַז דאָס דייטשלאַנד פון דער רעפּובליקאַנער פּעריאָדע האָט אַריינגעבראַכט אַ מערקווירדיגע צעטומלעניש אין די מוחות פון די דייטשן. די מלוכה איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מין וואוילטעטיגער אַנשטאַלט פאַרן פאָלק. שעפערישער קאַפּיטאַל איז באַלעסטיגט געוואָרן אַריבער דער מאָס דורך די רעזולטאַטן פון אוטאָפּישער געזעצגעבונג פאַר סאָציאַלן וואוילזיין. אַרבעטלאָזיגקייט־זיכערונג, צאָלונגען אין פאַלן פון קראַנקהייט, עלטער און טויט, סאָציאַלע זיכערונג און מלחמה־פּענסיעס האָבן שוין אַזוי אויך געשאַפן שרעקלעכע שטערונגען. טרעיד־יוניאָן לוין און שטונדן האָבן פאַרגרעסערט פּראָדוקציע־קאָסטן אַריבער די וועלט־סטאַנדאַרדס.׳

„וואָס איז די וויכטיגסטע דערגרייכונג פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם? ׳דער גייסט פון דעם נייעם דייטשלאַנד האָט געהאָלפן שאַפן אַ מין נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט. איבערטריבענע פאָדערונגען און סאָציאַלע לייסטונג זיינען פאַרקלענערט געוואָרן און פּראָדוקציע־קאָסטן זיינען רעאַליסטיש געבראַכט געוואָרן אין האַרמאָניע מיט די פאָדערונגען פון קאָנקורענץ אויף די וועלט־מערק. אָט דאָס האָבן מיר אויפגעטאָן. נישט מער און נישט ווייניגער. עס איז אמת, אַז אַ סך אויסזעצונגען האָבן געמוזט באַזייטיגט ווערן. דער באַגריף וועגן שילדערן די מלוכה

ווי אַן אַלערהעכסטע וואוילטעטיגע אַגענטור האָט געמוזט אויסגעוואָרצלט ווערן און אָנשטאָט דעם האָט געמוזט נאָכגעפאָלגט ווערן אַ פּאָליסי פון פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע. מיר האָבן דעריבער געמוזט שטיל־מאַכן אַלע צענטערס, פון וועלכע קלאַסן־קאַמף איז אויפגעהעצט געוואָרן און אַריינזעצן אין נעפּעגעניש געפּערלעכע אוטאָפּיסטן און סענטימענטאַלע פילאַנטראָפּן. עס איז אמת, אַז אידישע פּראָפּאַגאַנדע האָט באַוויזן צו שלאָגן קאַפּיטאַל פון געוויסע שטרענגע מיטלען און צו פאַרלוימדן דאָס נייע דייטשלאַנד פאַר דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט. דאָס איז אָן צווייפל אַ שעדלעכער פאַקט. מיר האָבן אָבער געקראָגן מער דורך דעם ווידערגעבורט פון נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט און פון דער קאָאָפּעראַציע פון אַלעמען פאַר דעם זעלביגן צוועק.

„נישט וועלנדיג שאַפן קיין סימן פון אַריינמישן זיך אין היימישע פראַגן אין אַמעריקע, מוז איך אָבער אָנווייזן, אַז די אַמעריקע פון היינט־צו־טאָג שטעלט מיט זיך פאָר אַ בילד, וואָס איז שטאַרק ענלעך צום סאָציאַל־דעמאָקראַטישן דייטשלאַנד. אומרעאַליסטישע „וואוילזיין־געזעצגעבונג" דורכגעפירט לויט דער איניציאַטיווע פון דער אַדמיניסטראַציע, כאַאָטישע קלאַסן־קאַמפן און לוין־פּאָדערונגען אַבסאָלוט אויסער יעדער פּראָפּאָרציע, שטאַרקער אידישער איינפלוס אין דעם פּאָליטישן, קולטורעלן און עפנטלעכן לעבן פון לאַנד זיינען באַאומרואיגנדע דערשיינונגען. מיר דייטשן, אין יעדן פאַל, זיינען באַאומרואיגט. מיר פירן־אָן גוטע אַרבעט פאַר וועלט־דערהאָלונג און מיר ווייסן וואָס פאַר אַ פּאָטענציעלע געפאַר אַ פאַרגרעסערטער רויטער איינפלוס אין אַמעריקע וואָלט געשאַפן פאַר דער גאַנצער וועלט.

„נאָך אַ באַאומרואיגנדיגע כאַראַקטעריסטיק פון דער סיטואַציע איז דער מאַנגל אין איינִיגקייט און קלאָר־זעענדיגער פירערשאַפט אין דעם צעוואָרפענעם נאַציאָנאַלן לאַגער. איר קאָנט נישט אָנהויבן קיין שטאַרקן פאַראייניגטן טרייב פון אַלע כחות און אַגענטורן פאַר דער אויפלעבונג פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַליזם אַזוי לאַנג ווי אָט־די לאַגע עקזיסטירט.

„עס איז צייט אַ טראַכט צו טאָן ערנסט וועגן דער צענטראַליזאַציע פון אַלע כחות פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַליזם און טראַדיציאָנאַליזם. מיר דייטשן זוכן די קאָאָפּעראַציע פון אַלע אַמעריקאַנער נאַציאָנאַליסטן. איבערהויפּט גלויבן מיר אין דער קאָאָפּעראַציע מיט די עקאָנאָמישע פירער פון לאַנד, וואָס פאַר אַ פּאַסיגע פאָרם אַזאַ קאָאָפּעראַציע זאָל נישט אָננעמען. ס'איז פאַראַן וויניג פאַרשטענדעניש אויף דער זייט

פון דער אמעריקאנער רעגירונג; מיר גלויבן אָבער, אז עס מוז זיין א פארשטענדניש וועגן אונזער שטאַנדפונקט אויף דער זייט פון געשעפטסלייט.

„׳מיר וואָלטן וועלן פאָרשלאָגן די אידייע פון אזוינע נישט־פאָרמעלע קאָנפערענצן צווישן פאַראנטוואָרטלעכע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פירער, כדי צו באטראַכטן פראַגן פון נאציאָנאַלער און אינטערנאציאָנאַלער וויכטיגקייט, וואָס באווירקן די עקאָנאָמישע און, יאָ, די פּאָליטישע דערהאָלונג.׳

„די פאָלגנדיגע מיינונגען זיינען אויסגעדריקט געוואָרן דורך די אמעריקאַנער אָנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ:

„(א) דאָס וועזענטלעכע אין דעם דייטשן פאָרשלאַג איז צו שאַפן אַן ענדערונג אין דעם גייסט פון אונזער לאַנד ווי ער איז אויסגעדריקט געוואָרן אין די לעצטע וואַלן. דאָס איז מעגלעך, אָבער גאָר נישט גרינג. דאָס פאָלק מוז צוערשט ווערן באוואוסטזיניג וועגן די קאטאַס־טראָפישע עקאָנאָמישע רעזולטאטן פון די פּאָליסים פון דער איצטיגער אדמיניסטראַציע. נאָך אזא רעאָריענטאַציע פון דער עפנטלעכער מיינונג מוז אָנגעהויבן ווערן א שטאַרקע קאמפּאַניע אין דער פרעסע און איבער דער ראַדיאָ. טעכניש בלייבט די פראַגע, צי אזא קאמפּאַניע זאָל קאָנ־צענטרירט ווערן אַרום דער רעפּובליקאַנער נאציאָנאַלער קאָמיטע.

„(ב) פּאָרויסזעענדיגע געשעפטסלייט וועלן גערן זיך באטייליגן אין קאָנפערענצן פון אַזאַ־דעם סאָרט. פון זיי קאָן ארויסקומען א ריזיגע אינספּיראַציע. ס׳איז ניטאָ קיין אורזאַך פאַרוואָס מיר זאָלן ניט לער־נען פון די ׳עמוירדזשענסים׳, וועלכע זיינען ענלעך צו די, וואָס הערשן אין אונזער אייגן לאַנד, און פון די מעטאָדן דורך וועלכע וויט־זיכטיגע רעגירונגען האָבן זיי געפּרואווט בייקומען. עס איז אויך קלאָר, אַז פאַבריקאַנטן, וועלכע גיבן געוויינטלעך ביישטייערונגען צו אַלע קאַנדי־דאַטן, מוזן באַגרייפן, אַז זייער שטיצע דאַרף רעזערווירט ווערן פאַר יענעם קאַנדידאַט, וואָס זיי אַליין דאַרפן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אויסקלייבן אים.

„מיר מוזן אויך אָנערקענען, אַז די עקאָנאָמישע פירער פון אונזער לאַנד מוזן זיך פאַראייניגן אין דער איצטיגער ׳עמוירדזשענסי׳. עס דאַרף שוין איצט זיין קלאָר פאַר זיי, אַז זיי קאָנען קיין סך נישט דער־וואַרטן פון וואַשינגטאָן. מיר וועלן זיך מוזן נעמען צו קאָנקרעטער פּלאַנירונג.

„מיר קאָנען אַלע איינשטימען, אַז ס'איז ווינטשענסווערט צו איבער־ציייגן אונזערע עקאָנאָמישע פירער, אַז ס'איז אַ גוטע אינוועסטירונג צו אָנהויבן סובסידירן אונזערע פּאַטריאָטישע בירגער־אָרגאַניזאַציעס און פאַרזיכערן זייער פאַרשמעלצונג פאַר דעם געמיינשאַפטלעכן צוועק.

„פאַראייניגטע פירעשאַפט מיט איין אָנגעזעענעם פירער וועט זיין אַ געזונטע פּאָליסי. מיר וועלן זיין דאַנקבאַר פאַר יעדער הילף, וואָס אונזערע דייטשע פריינט קאָנען אונז געבן אין אָט־דעם זין.

„(ג) די אַמעריקאַנער אויסלענדישע פּאָליטיק מוז הויפּטזאַכלעך באַשיצט ווערן פון דער געפאַר פון דער סאָוועטיזאַציע פון ווייטן מזרח. מער ווי ווען עס איז מוזן מיר אַכטונג געבן דורכן קאָנגרעס אויף דעם, וואָס דער סטעיט־דעפּאַרטמענט טוט. דערנעענטערונג מיט דייטשלאַנד, כאָטש ס'איז נישט פּאָפּולער, איז אַ נויטווענדיגקייט, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט די שטאַרקע פּראָ־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט אָנגעפירט און געפינט שטיצע אין די פאַראייניגטע שטאַטן. ס'איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, אַז פירנדיגע און איינפלוסרייכע פיגורן אין אונזער עקאָנאָמישן לעבן און אין די פּאָליסי־מאַכנדיגע קערפּער־שאַפטן פון ביידע פּאָליטישע פּאַרטייען זאָלן אינפאָרמירט ווערן וועגן אָט־דעם ערשטן געשפּרעך און איבערציייגט ווערן צו דיסקוטירן די מעגלעכקייטן פון אַ נישט־פּאַרטייאישער קאָאָפּעראַציע איבער אָט־דעם געגנשטאַנד."

דאָס איז באמת אַ מערקווירדיגער דאָקומענט. ווי אין אַן „עקס־רעי" פאָטאָגראַפיע פון אַן עמבריאָן, קאָן מען דאָ קלאָר זען די אַמעריקאַנער קאָפּיע פון דעם פּראָצעס, דורך וועלכן די קרופּס און די טיסענס אין דייטשלאַנד, מיט דער קאָאָפּעראַציע פון זייערע פראַנצויזישע, בריטישע און אַמעריקאַנער קאָלעגן, האָבן דערהויבן היטלער'ן און זיין נאַצי־אונטערוועלט צו דער הער־שאַפט איבער דעם דייטשן פאָלק; דער זעלביגער פּראָצעס, דורך וועלכן פראַנקרייך איז אָפּגעשוואַכט און פאַרראַטן געוואָרן און ענדלעך איבער־געגעבן געוואָרן צום באַזיגער אַ געבונדענע הענט און פיס; דער פּראָצעס דורך וועלכן שפּאַניע, טשעכאָסלאָוואַקיע און עסטרייך זיינען באַהערשט גע־וואָרן; דער פּראָצעס, וואָס האָט צולעצט געשאַפן דעם שענדלעכן סימבאָל פון קוויזלינג אין נאָרוועגיע, דער פּראָטאָטיפּ פון דעם ענדגילטיגן רעזולטאַט און ציל פון דעם פינפטן קאָלום; דער פּראָצעס, וואָס האָט געשאַפן אַ לאַוואַל, אַ פּעטען און דאַרלאַ אין ווישי־פראַנקרייך.

די נאַצי־שלאַנג האָט געפונען אַ סך וואַרעמע ערטער אויף צו לייגן ענלעכע אייער, פון וועלכע עס זאָלן זיך אויסבריען פינפטע קאָלומס נישט בלויז אין מערב־אייראָפּע, נאָר אויך אין אַמעריקע.

אונטער דער שוץ פון גראַד אַזוינע „אויבערשטע״ פינפטע קאָלומס, מיט זייער רייכטום, מאַכט, פּרעסטיזש און אַ שיין פון רעספּעקטאַביליטעט און פּאַטריאָטיזם, ווערן געפלאָדיעט און פאַרמערט אַלע קלענערע אָפּטיילן פון פינפטן קאָלום, ביז צו די סאַמע אונטערשטע סאַבאָטאַזשניקעס, שפּיאָנען און מערדער פון דעם „דויטש־אַמעריקאַנער בונד״ און דעם „קריסטשען פראָנט״.

אָט־די גרופּע איז איינע פון אַ סך אַזוינע, וואָס האָבן זיך געטראָפן און קאָנספּירירט מיט באַראָן פאָן קילינגער און באַראָן פאָן טיפּלעסקירך געגן זייער אייגן לאַנד; איינע פון די טויזנט פאַרשווערונגען, וואָס האָבן דירעקט צוגעגרייט דעם באָדן און דערפירט צו דייטשלאַנד׳ס מלחמה־דערקלערונג געגן אַמעריקע אין דעצעמבער פון 1941.

דער צענטראַלער געדאַנק פון אָט־דעם „מעמאָראַנדום״, אַרום וועלכן אַלע אַנדערע פּלענער זיינען אָרגאַניזירט, איז דער זעלביגער ווי דער צענטראַלער געדאַנק פון אַלע פינפטע קאָלומס אין אייראָפּע. פּונקט ווי דער „קלאַיוודען־סעט״ אין ענגלאַנד איז געווען באַקאַנט מיט זיין פריידיגן אַ דערנעענטערונג מיט דייטשלאַנד און פיינטשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד; פּונקט ווי די „200 פאַמיליעס״ אין פראַנקרייך, מיט זייערע לאַוואַלס און פּעטענס, האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף אָפּברעכן דעם פראַנצויזיש־סאָוועטישן פּאַקט פאַר געגנזייטיקער הילף און האָבן ענדלעך דורכגעפירט זייער וואונטש אין מינכען אין 1938, אַזוי איז אויך דער אַמעריקאַנער פינפטער קאָלום באַשעפטיקט מיט נישט דערלאָזן די אַנטוויקלונג פון פריינטלעכע באַציאונגען צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַרויסווייזנדיק אין דער זעלבער צייט אַ טיפן צוטרוי און סימפּאַטיע צו היטלער׳ן, ווי אַ מוסטער וואָס דאַרף שטודירט און נאָכגעפאָלגט ווערן.

באַמערקט אין דעם „מעמאָראַנדום״ ווי געשיקט די נאַצי־אינטריגאַנטן קנעלן מיט זייערע אַמעריקאַנער שילער ווי אַזוי צו אַטאַקירן די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע אַלס אַ „רויטע״ און „באַאיינפלוסט פון אידן״; ווי אַזוי זיי לאָקן מיט דער אויסזיכט פון אומבאַגרענעצטע פּראָפיטן און פאַרצוגן אויף דעם וועלט־מאַרק דורך דער פאַרניכטונג פון טרעיד־יוניאָן לוין און שטונדן ווי אַ מיטל צו פאַרקלענערן קאָסטן; ווי זיי אַנטוויקלען די טעכניק פון „ענדערן דעם גייסט פון אונזער לאַנד, ווי ער איז אויסגעדריקט געוואָרן אין די לעצטע וואַלן״. באַמערקט זייער אָנבאָט צו טיילן דעם רויב פון אַ באַזיגטער כינע און רוסלאַנד מיט די אַמעריקאַנער געשעפטסלייט — אַ

רייצנדיגער אָנבאַט אונטערצוקויפן די, וואָס זוכן קודם־כל שנעלע און גרינגע פּראָפיטן.

דאָ האָט איר דעם פונדאַמענטאַלן ביישפּיל פון „סאַבאָטאַזשירן דעם פּאַרשטאַנד" מצד דעם פינפטן קאָלום, וועגן וועלכן וויס־פּרעזידענט וואָלאַס האָט געוואָרנט. אַמעריקאַנער ווערן אַריינגעצויגן אין פאַרשווערונגען צו באַהערשן אַמעריקע דורך אַפּעלירן צו זייערע פּאַראורטיילן און זייער גיריגקייט. דאָס זיינען די „געקליבענע", די מענטשן פון הויכן שטאַנד און רייכטום, דער „אויבערשטער" פינפטער קאָלום. אונטער זיי ווערט שפּעטער רעקרוטירט אַ קאָרפּוס פון נעדונגענע שרייבער, וואָס פאַרקויפן זייער פּען און זייער פיייגקייט צו איבערזעצן אָט־די פּראָגראַם אויף אַ שפּראַך פון בלומרשט־זעלבסטשטענדיגע און אומאייננגעציגע צייטונגס־אַרטיקלען און „קאָלומס", וואָס קאָנצענטרירן זיך הויפּטזאַכלעך אויף שאַפן העצעס וועגן דער „קאָמוניסטישער געפאַר", וועגן דער „רויטער שרעק" און אויף אַרויס־רופן אַנטאַגאָניזם און שרעק בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. און דער עיקר — ס'ווערט געשאַפן אַ „נישט־פּאַרטייאישע קאָאָפּעראַציע" אין דעם אַמערי־קאַנער קאָנגרעס גופא פאַר דעם צוועק פון דורכפירן דעם „סאַבאָטאַזש פון פּאַרשטאַנד" — אונטערן אויסרייד פון אויפדעקן און באַקעמפן דעם פינפטן קאָלום. אָט־דאָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך דער אַזוי־גערופענער „קאָ־מיטע פאַר דער אויספאָרשונג פון אומאַמעריקאַנער טעטיגקייטן", מיט קאָנגרעסמאַן מאַרטין דאַיעז אָן דער שפּיץ.

די דאַיעז־קאָמיטע און איר אַרבעט איז די אָנגעזעענסטע דערגרייכונג פון היטלער'ס פינפטן קאָלום אין די פאַראייניגטע שטאַטן. זי שעפּט איר אינספּיראַציע דירעקט פון די אידייען און איינפלוסן, וואָס זיינען פאַרטראָטן אין דער צוזאַמענקונפט, וואָס די נאַציס האָבן פאַררופן און וואָס האָט פאַרפאַסט דעם אויבן־ציטירטן „מעמאָראַנדום". די קאָמיטע האָט געשאַפן אַן אָפיציעלע רעגירונגס־„ספּאָנסאָרשיפּ" פאַר דעם פינפטן קאָלום. זי האָט באַוויזן צו סאַבאָטאַזשירן אַמעריקאַנער פּאָליסי אַ סך מער ווי מען קאָן דאָס אויסרעכענען. זי האָט פאַרבלאָקירט יעדן פאַרזוך פון יענע קרעפטן אין אַמעריקע, אַריינגערעכנט דעם פּרעזידענט גופא, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אַ פּאָליסי, וועלכע וואָלט פאַרמיטן די מלחמה. זי האָט אַריינגעשריבן היט־לער'ס אָנשויאונגען אין די געזעצן פון לאַנד. זי האָט אָרגאַניזירט אַ „מכשפה־געיעג" געגן יעדער אָנגעזעענער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געפּריידיגט די אידייע פון די פאַראייניגטע מלוכות, ווען דאָס וואָלט געווען באַזיגט היטלער'ן און זיינע פאַרבינדעטע פאַר אַ פאַרהעלטנישמעסיג קליינעם קאָסט. זי האָט געשטערט און געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט דעם פּרעזידענט אויף יעדן שריט און טריט און האָט צולעצט, מיט דער הילף פון אירע פאַרבינדעטע

פון דעם איראָפּייאישן פינפטן קאָלום, געצוואונגען דעם פּרעזידענט אין 1939 און 1940 זיך צו בויגן פאַר זייער פּאָליסי און ברענגען די פאַראייניגטע שטאַטן צום שוועל פון קריג נישט געגן די נאַציס, נאָר געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די דאַיעז־קאָמיטע האָט דורך איר פאַרקריפּלען די פּאָליסי, דעם אויסקוק און די פאַרשטענדעניש פון אונזער אייגן לאַנד אַמעריקע, דעם מעכטיגסטן לאַנד אין דער וועלט, געמאַכט דעם גרעסטן בייטראָג צום ברענגען אויף דער וועלט די מלחמה־קאַטאַסטראָפע. זי האָט געבראַכט די פאַראייניגטע שטאַטן פּנים אל פּנים מיט מעגלעכער מפּלה און פאַרניכטונג. און ערגער פון אַלץ — זי גייט נאָך אָן מיט איר אַרבעט ביז היינטיגן טאָג, אין סאַמע מיטן פון דער מלחמה פאַר אונזער עקזיסטענץ.

די דאַיעז־קאָמיטע פאָדערט דעריבער אַ ברייטערע באַטראַכטונג, וואָס דאָס וועט זיין די טעמע פון דעם קומענדיגן קאַפּיטל.

קאפיטל פיר

מאַרטין דאַיעז, אויסעראָרדנטלעכער פינפטער קאָלומניסט

די געשיכטע פון מאַרטין דאַיעז איז אפשר די שטוינענדיגסטע פון אַלע פאַנטאַסטישע געשיכטעס, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון דער איצטיגער מלחמה.

אוועקגעשטעלט אָן דער שפּיץ פון אַ קאָנגרעס־קאָמיטע צו אונטערזוכן „אום־אַמעריקאַנער טעטיגקייטן”, האָט מאַרטין דאַיעז דורכגעפירט אין די פאַראייניגטע שטאַטן גראָד די אַרבעט, וואָס היטלער און קאָמפּאַני אין בערלין האָבן געוואונטשן מער ווי אַלץ. אין נאָמען פון באַקעמפן דעם פינפטן קאָלום איז מאַרטין דאַיעז געוואָרן אונזער אַמעריקאַנער אויסעראָרדנטלעכער פינפטער קאָלומניסט. און ער האָט געקראָגן די גוטהייסונג פון קאָנגרעס פאַר זיין אַרבעט, און ער האַלט נאָך אַלץ אָן אָט־די גוטהייסונג. ער האָט באַליידיגט, געשטערט, געסטראַשעט און צונישט־געמאַכט די פּאַליסים פון דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן — און די גרעסטע שטראָף, וואָס ער האָט ווען געקראָגן, איז געווען אַ לייכטער פּאַטש אין האַנט. ער איז דער דערפאָלגרייכסטער פון אַלע פינפטע קאָלומניסטן אויף אַ פּאָזיציע, וואו זיין פּראָפּעסיע שפּילט די וויכטיגסטע ראָלע — אין דעם סאַמע האַרץ פון דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן.

באַטראַכט די באַווייזן!

דאָס איינציגע, וואָס היטלער און קאָמפּאַני האָבן געוואָלט מער ווי אַלץ, כדי צו געווינען די איצטיגע מלחמה און אַזוי אַרום באַהערשן די וועלט, אַריינגערעכנט די פאַראייניגטע שטאַטן, איז געווען — צו האַלטן זיינע צו־קינפטיגע קרבנות צעטיילט. דאָס האָט געמיינט, ערשטנס — נישט דערלאָזן די גרינדונג פון די פאַראייניגטע מלוכות, נישט דערלאָזן — אום יעדן פּרייז — צו קיין בונד פון די צוויי מעכטיגסטע שונאים זיינע, אַמעריקע און דעם

סאָוועטן־פאַרבאַנד. די איינע אינסטיטוציע און די איינע פּערזאָן, וואָס האָט צום מערסטן געהאָלפן היטלער'ן אין אָט־דער ריכטונג איז געווען די דאַיעז־קאָמיטע און מאַרטין דאַיעז אַליין.

מאַרטין דאַיעז'עס אַרבעט איז רעקאָרדירט אין מיליאָנען ווערטער פון קאָנגרעסיאָנעלע באַריכטן און נאָך מיליאָנען ווערטער אין די צייטונגען פון לאַנד. פּאַר אַ פּולער איבערזיכט פון זיין עפנטלעכן רעקאָרד וואָלטן נויטיג געווען פיל בענדער. אָבער פּאַר אַ קורצער און שליסלעכער איבערזיכט פון דעם דאַיעז־רעקאָרד האָבן מיר די הילף פון מאַרטין דאַיעז גופא. ווייל מאַרטין דאַיעז האָט אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט אַ בוך. ער רופט דאָס: „דער טראָיאַנער פערד אין אַמעריקע: אַ באַריכט צו דער נאַציע." דעם בוך האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם צווייטן יאָר פון דער מלחמה דער פאַרלאַג „דאָד, מיד ענד קאָ." ס'איז די קאָנצענטרירטע עסענץ פון מאַרטין דאַיעז.

דער בוך איז אַ לײדנשאַפטלעכער און נאָכאַנאַנדיגער רוף צו מלחמה. זיין ציל איז צוצוגרייטן אַמעריקע צו מלחמה.

אָבער די מלחמה, וואָס מאַרטין דאַיעז האָט צוגעגרייט, איז ניט געווען די מלחמה, אין וועלכער אַמעריקע קעמפט איצט. מאַרטין דאַיעז האָט זיך געגרייט אָריינצושלעפּן אַמעריקע אין אַ מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי אַ פאָרשפּיל צו היטלער'ס מלחמה געגן אַמעריקע. ער האָט זיך געגרייט פאַר היטלער'ס מלחמה, מיט אַמעריקע ווי היטלער'ס שותף, לויט דעם מוסטער פון איטאַליע אָדער ווישי. ער האָט געקערט וועלטן נישט צו דער־לאָזן צו קיין בונד צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר דעם צוועק צו באַזיגן היטלער'ן. ער האָט מיט אַלע מיטלען געשטערט די גרינדונג פון די פאַראייניגטע מלוכות, וואָס גאַראַנטירט היטלער'ס מפּלה.

מאַרטין דאַיעז'ס בוך איז אַ פולשטענדיגער און ענדגילטיגער באַווייז פון די דאָזיגע באַהויפּטונגען.

דאַיעז הויבט אָן זיין בוך מיט אַ באַשרייבונג פון דעם זיבעטן וועלט־קאָנגרעס פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין מאָסקווע אין אויגוסט 1935. ער זאָגט, אַז „סטאַלין האָט פאַררופן" דעם קאָנגרעס ווי אַ טייל פון דער „קאָמוניסטישער וועלט־פאַרשווערונג", וואָס איז געצילט צו „פאַרניכטן די אַמעריקאַנער רעגירונג און אינסטיטוציעס" דורך אַנטי־פאַשיסטישע פּאָליטיק, וואָס דאַרפן שפּילן די ראָלע פון דעם „טראָיאַנער פערד" געגן אַמעריקע. ער שילדערט סטאַלינ'ען „אָן דער שפּיץ פון 150 דיוויזיעס פון אוניפאָרמירטע סאָוועטישע טרופּן", וואָס מאַרשירן דורך אַמעריקאַנער גאַסן. ער זאָגט, אַז „די סאָוועטישע אַריינדרינגונג אין אַמעריקע האָט זיך שוין אָנגעהויבן". ער זאָגט, אַז אַלע אַמעריקאַנער, וואָס זיינען נישט גרייט צו שטיצן אַן אַמעריקאַנער מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווייזן זיך דערמיט

ארויס צו זיין „פאררעטער". דאָס אַלץ איז באַזירט אויף זיין ווערסיע פון דעם זיבעטן וועלט־קאָנגרעס אין 1935.

אָט־דאָס בילד איז דער היפוך פון דעם אמת. דער זיבעטער וועלט־קאָנגרעס האָט אויסגעשאַלט דעם אַלאַרם געגן היטלער'ס פּלענער צו באַהערשן די וועלט און האָט פאָרגעשלאָגן, אַז אַלע אַנטי־נאַציס זאָלן פאַרבייגן זייערע פּאָליטישע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, כדי צו באַזיגן היטלער'ן. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז אַמעריקע מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָלן געפינען אַ וועג צו קאָאָפּערירן אויף דעם געביט פון אָנהאַלטן דעם פרידן אויף דער וועלט, וואָס דאָס האָט געמיינט — אָפּצוהאַלטן היטלער'ס פאָראויסגאַנג. ווייט פון פאָרצושלאָגן די פאַרניכטונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, ווי דאַיעז זאָגט, האָט ער פאָרגעשלאָגן צו פאַרטיידיגן די אַמעריקאַנער רעגירונג געגן איר ערגסטן שונא. דער גאַנצער קאָנגרעס איז געווען אַ מאָביליזאַציע געגן היטלער'ן, וואָס האָט געזוכט צו שאַפן גאַראַנטיעס פאַר די דעמאָקראַטישע לענדער אין דעם קאַמף געגן היטלער'ן און האָט אָנגעבאָטן אין נאָמען פון די קאָמוניסטן פון אַלע לענדער צו סובאָרדינירן אַלע אַנדערע צילן צום הויפּט־ציל פון שאַפן אַ געמיינשאַפטלעכן „פאָלקס־פראָנט" געגן נאַציזם און פאַשיזם. די קאָמוניסטן פון אַלע לענדער האָבן דאָרט אָנגענומען אַ פייערלעכן באַשלוס אָנצובאָטן זייער מיטהילף צו די דעמאָקראַטישע רעגירונגען אין דעם קאַמף געגן היטלער'ן; אויפצוגעבן זייער אָפּאָזיציע־ראָלע און נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו שטיצן אַזוינע רעגירונגען און אפילו צו טיילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין קאָאַליציע־רעגירונגען אין יענע לענדער, וואו די קאָמוניסטישע פאַרטייען זיינען געווען שטאַרק — נייע פּאָליסים פון גרויס ערנסטקייט. דאָס איז געאָרג דימיטראָוו — דער העלד פון דעם לייפּציגער רייכסטאַג־פייער פּראָצעס, דער ערשטער מענטש, וואָס האָט געהאַט באַזיגט די נאַציס — געווען דער וואָרט־פירער פאַר אָט־דעם פאָרשלאַג וועגן אַ פּאָליסי פון די פאַראייניגטע מלוכות.*)

היטלער און די נאַצי־פּרעסע האָבן אויפגעהויבן אַ שטאַרקע קוויטשעריי געגן דעם זיבעטן וועלט־קאָנגרעס. אין פראַנקרייך האָבן די לאַוואַלס, דאָריאָס און פעטענס אויפגענומען די נאַצי־געשרייען; אין בעלגיע האָט לעאָן דעגרעל און זיינע רעקסיסטן ווידערהאָלט די זעלביגע לאָזונגען; אין נאָרוועגיע איז דער געמיינער קוויזלינג געווען דער פאָרשטייער פון אָט־דעם אויסגעשריי;

---

*) פאַר אַ דעטאַליזירטער באַקאַנטשאַפט מיט דימיטראָוו'ס היסטאָרישע ווערטער שיקן מיר אָפּ דעם לייענער צו דער בראָשור־אויסגאַבע פון זיין רעדע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַמעריקע אין 1935 אין אַ האַלבן מיליאָן עקזעמפּלאַרן; די רעדע איז אויך אַריין אין געאָרג דימיטראָוו'ס בוך, „די יונאַיטעד פראָנט", זייטן 9—94, ניו יאָרק, 1938.

אין ענגלאַנד איז דאָס געווען דער „קלאַיוודען־סעט" און די טשעמבערלעין־חברותא. אין אַמעריקע איז אין פאָרויס פון אָט־דער העצע געגאַנגען מר. מאַרטין דאַיעז צוזאַמען מיט פּאַטער קאָגלין, מיט דעם „דויטש־אַמעריקאַנער בונד", מיט מרס. עליזאַבעט דילינג און די אַלע פערזאָנען און גרופּן, וואָס זיינען איצט פולשטענדיג אויפגעדעקט ווי דעפיטיסטן און פאַררעטערישע עלעמענטן אין אונזער מלחמה אויף לעבן און טויט געגן היטלעריזם. אַלע ווי איינער האָבן זיי וואָרט אין וואָרט ווידערהאָלט די אידייען און לאָזונגען פון היטלער'ס „אַנטי־קאָמינטערן", וועלכער איז געווען דער פונדאַמענט פאַר דעם „אַקס"־אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן. אַלע ווי איינער האָבן זיי געשאַפן רעקלאַמע פאַר היטלער'ס פּלאַן פון וועלט־באַהערשונג און פאַר זיין אָנשטעל פון אַ „הייליגן קרייץ־צוג געגן באָל־שעוויזם". אין דייטשלאַנד איז דאָס געווען אַ פאַרראַט געגן דייטשן פאָלק אין די אינטערעסן פון מאָנאָפּאָליסטישן גרויס־קאַפּיטאַל, אָבער אין אַנדערע לענדער איז דאָס געווען אַ פאַרראַט געגן דער גאַנצער מלוכה, אַריינגערעכנט די גרויסע און קליינע קאַפּיטאַליסטן, אַזוי גוט ווי די מיטל־קלאַסן, די פאַרמער און די אַרבעטער.

וועמענס אינטערעסן האָט געדינט אָט־די פאַרלוימדונג געגן סטאַלין'ען, געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד און געגן די קאָמוניסטן פון אַלע לענדער? קלאָר, אַז דאָס האָט געדינט בלויז היטלער'ן. גראָד אָט־די אידייע, האָט אַמ־באַסאַדאָר דעיווויס אויסגעפונען, „העלפט היטלער'ן, ניט אונז". גראָד אָט־די אידייע האָט געפירט צו דעם קאַטאַסטראָפישן „מינכען"־פאַרראַט אין 1938, וואָס האָט פאַרניכטעט טשעכאָסלאָוואַקיע, אָפּגעבראָכן דעם פראַנצויזיש־סאָוועטישן בונד און צוגעגרייט די פאַרניכטונג פון פראַנקרייך; גראָד אָט־די אידייע האָט אָוועקגעשטעלט היטלער'ס ליאַלקע ביי דער מאַכט אין שפּאַניע, באַהערשנדיג דעם מערב־אַריינגאַנג צו דעם מיטל־לענדישן ים און דעם אידעאָלאָגישן און געאָגראַפישן צוטריט צו לאַטיין־אַמעריקע; גראָד דאָס האָט אַנטוואָפנט און דעמאָביליזירט די דעמאָקראַטיעס און לויז־געלאָזט היטלער'ס מלחמה אויף דער וועלט. אָט־די אידייע איז געווען היטלער'ס „געהיים־וואָפן".

מאַרטין דאַיעז'ס בוך, „דער טראָיאַנער פערד", איז אַ טיפּישער לערן־בוך פון היטלער'ס „אַנטי־קאָמינטערן". דאָס שטעלט מיט זיך פאַר היטלער'ס אַ מאַכט־צענטער אינערהאַלב דער אַמעריקאַנער רעגירונג, וועלכער סאַבאָ־טאַזשירט אונזער אויסלענדישע פּאָליטיק, שרייבט אַריין היטלער'ס וואונטשן אין אונזערע געזעצן, פאַרדאַרבט אונזערע קוואַלן פון אינפאָרמאַציע, „סאַ־באָטאַזשירט דעם פאַרשטאַנד" פון פאָלק און שוואַכט־אָפּ אַמעריקע פאַר היטלער'ס באַהערשונג.

מארטין דאיעז'עס גאנצע ארבעט איז באשטאנען און באשטייט אין ארויסברענגען, שפייזן און פארשפרייטן דעם געדאנק, אז אונזער פאר־בינדעטער, דער סאוועטן־פארבאנד, איז אין דער אמת'ן דער געפערלעכסטער און כמעט דער איינציגער שונא פון אמעריקע. דאס איז שטענדיג געווען און בלייבט א געמיינער ליגן, א געפערלעכער ליגן, א ליגן וואס דראעט אונזער לאנד היינט־צו־טאג מיט נידערלאגע און פארניכטונג. אבער אויף אט־דעם ליגן איז געבויט די גאנצע ארבעט פון היטלער'ס אגענטן אין אמעריקע און די גאנצע ארבעט פון מארטין דאיעז, דעם הויפט פון דער קאנגרעס־קאמיטע פון דער אמעריקאנער רעגירונג, וואס איר איז פארטרויט געווארן די אויפ־גאבע פון באשיצן אונזער לאנד געגן די אינערלעכע שונאים.

מארטין דאיעז אליין גיט־צו, אויף זיין אייגענעם פארקריפלטן אופן, אז אויב זיין אנקלאגע געגן דעם סאוועטן־פארבאנד ווי דעם „שונא פון אמעריקע" איז פאלש, דעמאלט ברעכט צוזאמען, פאלט אנידער און איז באנקראט אלצדינג, וואס ער האט געזאגט און געטאן. אויף זייט 230 פון זיין בוך גיט ער צו, אז „געוויס, אויב דער סאוועטן־פארבאנד פארטרעט ווירקלעך די אינטערעסן פון דער גרויסער מערהייט אמעריקאנער . . . ווי די קאמוניסטישע פארטיי האט אפן דערקלערט ביי פיל געלעגנהייטן, דעמאלט וועט די געשיכטע לויבן . . . איר שטיצע פאר דעם סאוועטן־פארבאנד."

וויינינגער ווי א יאר נאכדעם ווי מר. דאיעז האט דאס געשריבן, האט אונזער „עקטינג סעקרעטערי אוו סטעיט", מר. סמאנער וועלס, אין אן אויס־טויש פון נאטעס מיט דעם סאוועטן־פארבאנד פעסטגעשטעלט די אמערי־קאנער פאליסי, אז די פארטיידיגונג פון דעם סאוועטן־פארבאנד „איז אין די אינטערעסן פון דער נאציאנאלער פארטיידיגונג פון די פאראייניגטע שטאטן." *) דאס איז דער ענטפער פון דער געשיכטע צו מר. דאיעז'ן. דאס איז געגעבן בארעכטיגונג אין די אויגן פון אלע ארנטלעכע אמעריקאנער, אפ־געזען פון זייערע פאליטישע מיינונגען, פאר דער שטעלונג פון כסדר'דיגן צוטרוי צום סאוועטן־פארבאנד און פאר זיין פארטיידיגונג.

מר. דאיעז איז כסדר געווען באוואוסטזיניג וועגן דער מלחמה. אין זיין בוך באריכטעט ער ווי אזוי ער האט זיך געגרייט צו מלחמה. ווען איך בין נערופן געווארן פאר זיין קאמיטע, האט ער געפאדערט אן ענטפער אויף דער פראגע אויב איך וועל שטיצן די אמעריקאנער רעגירונג, ווען זי וועט אטאקירט ווערן פון דעם סאוועטן־פארבאנד. איך האב געענטפערט, אז די פראגע איז א פראוואקאציע מיטן צוועק צו פארערגערן די באציאונגען מיט דעם סאוועטן־פארבאנד; אז איך קאן זיך נישט פארשטעלן, אז דער סאוועטן־

*) אויסטויש פון נאטעס, אויגוסט 6, 1941.

פאַרבאַנד זאָל אַטאַקירן אַמעריקע; אַז ס׳איז אומפאַראַנטוואָרטלעך אַזוי צו רעדן וועגן באַציאונגען מיט אַ פריינטלעכן און מעכטיגן לאַנד. מר. דאַיעז האָט דעמאָלט געלאָזט זיין אונטערזאָגער מר. מעטיוס מיר שטעלן נאָך פראַגן, וואָס אַנטפּלעקן זיין גרונט־געדאַנק און זיין ציל. ער האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַזוי וויכטיג, אַז ער האָט דאָס איבערגעדרוקט אין זיין בוך (זייט 208). אָט איז די קריטישע פראַגע און מיין ענטפער:

„מר. מעטיוס: אָבער אָנגענומען אַז זי (די אַמעריקאַנער רעגירונג) וועט אַטאַקירן די סאָוועט־רעגירונג אָדער אַריינגעצויגן ווערן אין אַ מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס וועט דעמאָלט זיין?

„מר. בראַודער: אויב עס זאָל מעגלעך זיין פאַר דער אַמעריקאַנער רעגירונג דאָס צו טאָן, אָדער אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג וועט אָנהויבן אַן אַנגריף־מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלט איך געווען אַבסאָלוט געגן אַזאַ מלחמה און וואָלט געטאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך כדי זי אָפּצושטעלן.״

באַמערקט, אַז ניט דאָ און ניט ביי וועלכער ס׳איז אַנדער געלעגנהייט אין דער אַרבעט פון מר. דאַיעז׳עס קאָמיטע האָט ער קיין איין עדות ניט געפרעגט, אויב יענער וועט שטיצן די אַמעריקאַנער רעגירונג אין אַ מלחמה געגן דייטשלאַנד, אָדער יאַפּאַן, אָדער איטאַליע. ער איז נישט געווען און איז איצט נישט פאַראינטערעסירט אין צוגרייטן זיך פאַר אַזאַ מלחמה אָדער אין געווינען זי. ער איז געווען פאַראינטערעסירט אין צוגרייטן זיך פאַר דעם פאַל, אַז אַמעריקע „וועט אַטאַקירן די סאָוועט־רעגירונג אָדער אַריינגעצויגן ווערן אין אַ מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד״. און יעדער איינער, וואָס האָט ניט איינגעשטימט מיט אָט־דעם ציל, איז באַלד געשטעמפּלט געוואָרן ווי אַ שונא פון אונזער לאַנד.

דענקט אָבער ניט, אַז מר. דאַיעז האָט געצילט זיינע באָמבעס בלויז געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און געגן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן. ניין, ער נעמט אַרום די גאַנצע גאַמע פראַגן און צילן, וואָס זיינען אָנגעוויזן אין בראָן פאָן קילינגער׳ס „מעמאָראַנדום״ וועגן דער פּאָליסי פון דעם פינפטן קאָלום אין אַמעריקע. ער גיט אָן די כללים ווי אַזוי צו דערקענען זיינע „אומ־אַמעריקאַנער״ פאַרדעכטיגע מענטשן, וואָס דאַרפן אַרויסגעטריבן ווערן פון עפנטלעכן לעבן און פון רעגירונגס־שטעלעס; די כללים זיינען אַזוי ברייט, אַז זיי שליסן איין יעדע פּראָגרעסיווע פיגור אין לאַנד. ער שטעלט, צום ביישפּיל, די פראַגע:

„מאכט אייער ארגאניזאציע א פארזוך, דורך איר אפיציעלן ארגאן, דורך לעקציעס און רעדנער צו פאפולאריזירן דעם סאוועטן־פארבאנד?"

אויב יא, ווערט יעדער מיטגליד אדער „מיטרייזענדער" פון יענער אר־גאניזאציע אוועקגעשטעלט אויף מר. דאיעז'עס שווארצן צעטל און איז אויס־געשטעלט צו דער געפאר באלד אפגעזאגט צו ווערן פון זיין שטעלע אין א פארהער, אויב ער האט א רעגירונגס־שטעלע; צו א העצע אין די צייטונגען, וואס זאל אים בארויבן פון באשעפטיגונג, אויב ער ארבעט פאר א פריוואטן ארבעטגעבער; צו דעפארטאציע, אויב ער איז נישט קיין אמעריקאנער בירגער; צו דער אנולירונג פון זיינע בירגער־פאפירן, אויב ער איז א נאטוראליזירטער בירגער. און ביז צו דעם טאג, ווען אט־די שורות ווערן געשריבן, דינט מר. דאיעז'עס פארמולע ווי די אפיציעלע דירעקטיווע, וואס קאנטראלירט די „רייניגונג" פון די „אונטערגרעבערישע" עלעמענטן צווישן די פעדעראלע רעגירונגס־אנגעשטעלטע. צענדליגער טויזנטער אמעריקאנער ווערן ארויסגעטריבן פון רעגירונגס־ און פריוואטע שטעלעס ווי „אונטער־גרעבער" דערפאר, וואס זיי האבן ארויסגעוויזן סימפאטיע צום סאוועטן־פארבאנד אדער בלויז דערפאר, וואס זיי ווערן פארדעכטיגט אין אזא סימ־פאטיע. מר. דאיעז האט אבער נישט אנגעגעבן קיין איינציגן כלל אדער פראגע אויף צו דערקענען און באזייטיגן די אגענטן פון היטלער און קאמפאני.

מיט וואס פאר א פרייד מוז היטלער, גערינג און געבעלס לייענען די באריכטן פון מארטין דאיעז ביי זייערע דעסקס אין בערלין! אין קיין איינעם פון די באזיגטע לענדער האבן זיי נישט געהאט אזעלכע מעכטיגע אגענטן איידער זייערע ארמייען האבן אריינגעמארשירט!

בעראן פאן קילינגער האט געראטן זיינע אמעריקאנער מיטארבעטער, אז „דער באגריף, וואס שילדערט די מלוכה ווי אן אלערהעכסטע פילאנ־טראפישע אגענטור, מוז אויסגעווארצלט ווערן".

מארטין דאיעז זאגט נאך ווי אן עכא: „ווען א דעמאקראטישע רעגירונג נעמט אויף זיך די פאראנטווארטלעכקייט פאר אפשאפן ארעמקייט און ארבעטסלאזיגקייט, גרייט זי פשוט צו דעם וועג פאר א דיקטאטור" (זייט 355). „די מענער און פרויען, וואס זיינען אנטלאפן פון דער אונטער־דריקערישער טיראניע פון אייראפע צו דער ווילדערניש פון אמעריקע, האבן נישט געזוכט קיין עקאנאמישע זיכערקייט" (זייט 358).

אבער די דעמאקראטישע וועלט ענטפערט דעם בעראן פאן קילינגער און מארטין דאיעז'ן מיט די ווערטער, געשריבן פון פרענקלין ד. רוזוועלט און ווינסטאן טשורטשיל, אין דעם דאקומענט, וואס איז באקאנט ווי דער

„אטלאַנטיק טשאַרטער" און איז איצט די געמיינשאַפטלעכע פּלאַטפאָרמע פון די פאַראייניגטע מלוכות:

„פינפטנס, האָבן זיי דעם וואונטש צו שאַפן די פולשטענדיגסטע קאָאָפּעראַציע פון אַלע מלוכות אויף דעם עקאָנאָמישן געביט מיט דעם צוועק צו זיכערן פאַר אַלעמען פאַרבעסערטע סטאַנדאַרדס פאַר אַרבעטער, עקאָנאָמישן פאָרטשריט און סאָציאַלע זיכערקייט."

בּאַראָן פאָן קילינגער האָט געהעצט זיינע אַמעריקאַנער תּלמידים געגן „נישט־רעאַליסטישער וואוילזיין־געזעצגעבונג לויט דער אינציאַטיווע פון דער אַדמיניסטראַציע" ווי אַ באַוויז פון „אַ שטייגנדיגן רויטן איינפלוס אין די פאַראייניגטע שטאַטן".

מאַרטין דאַיעז זאָגט נאָך ווי אַן עכאָ: „דער פּרעזידענט מוז שוין איצט זיכער באַגרייפן, אַז זיינע נאָכפאָלגער פון לינקן פליגל אין דער רעגירונג זיינען דער פאַנטאַן־קאָפּ פון אונטערגרעבערישע טעטיגקייטן" (זייט 364).

אָבער בעת מאַרטין דאַיעז זאָגט נאָך ווי אַן עכאָ אַלצדינג וואָס די בערלינער ראַדיאָ שיקט קיין אַמעריקע, ווידערשפּרעכט ער דירעקט דער אָפיציעלער אַמעריקאַנער פּאָליסי.

ווען די אַמעריקאַנער רעגירונג דערקלערט, אַז די פאַרטיידיגונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד „איז אין די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיגונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן", ענטפערט מאַרטין דאַיעז: „איך האָף, אַז רוסלאַנד וועט געשלאָגן ווערן."

ווען זיין אויפמערקזאַמקייט ווערט געצויגן צו זיין שטעלונג, וואָס ווידערשפּרעכט דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון זיין רעגירונג, ענטפערט מאַרטין דאַיעז, אַז ער „קאָן נישט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם איבערקוליען־זיך פון דער אַדמיניסטראַציע אין אויסלענדישער פּאָליטיק".*)

ווען פּרעזידענט רוזוועלט האָט געוואָרנט, אַז די „אינטריגעס און פּלענער פון די אַגרעסאָרישע לענדער געגן אַמעריקאַנער זיכערקייט זיינען אַזוי קלאָר, אַז די פאַראייניגטע שטאַטן און די אַנדערע לענדער פון די אַמעריקעס זיינען באַשטימט אין געפאַר", און האָט אָנגערופן דייטשלאַנד ווי דעם כּסדר'דיגן אַגרעסאָר, „נאָכאַנאַנד פון דעם קלאַפּ געגן עסטרייך ביז דער איצטיגער מלחמה געגן רוסלאַנד",**) האָט מאַרטין דאַיעז ציניש געענטפערט:

*) „קליוולאַנד פּלעין דילער", אָקטאָבער 20, 1941.

**) מעסעדזש צום קאָנגרעס, יולי 21, 1941.

„ס'איז דאָ די זייער ערנסטע געפאַר, אַז אונזער רעגירונג האָט דורך איר הילף צו רוסלאַנד אויף דעם מזרח־פראָנט געעפנט פאַר סטאַלינ'ען אַ נייעם מערב־פראָנט דאָ אין דער הויפּט־שטאָט פון אַמעריקע.״ *)

די דעמאָקראַטישע כחות פון פאָלק האָבן אָבער ענדלעך געפונען אַ שטים, אין דער פּערזאָן פון וויס־פּרעזידענט וואָלאַס, וואָס האָט געענטפערט מאַרטין דאַיעז'ן, וועלכער האָט לעצטנס געפאָדערט די „רייניגונג״ פון נאָך אַ צאָל רעגירונגס־אָנגעשטעלטע פון „לינקן פליגל״, דאָס הייסט — פון די וואָס גלויבן אין דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער״ — מיט דער אָנקלאַגע, אַז מר. דאַיעז דינט היטלערין נאָך בעסער ווי זיינע באַצאָלטע אַגענטן.

וויס־פּרעזידענט וואָלאַס האָט כאַראַקטעריזירט די טעטיגקייטן פון מאַרטין דאַיעז אין די פאָלגנדיגע ווערטער:

„דער אמת איז, אַז די ווירקונג אויף אונזער 'מאָראַל' וואָלט געווען ווייניגער שעדלעך, ווען מר. דאַיעז וואָלט געווען ביי היטלער'ן אויף געהאַלט. . . . אין רואיגערע צייטן וואָלט דאָס אים געמאַכט צו לייטיש געלעכטער איבערן גאַנצן לאַנד. אָבער אין אָט־די טעג פון קריזיס און שפּאַנונג קאָנען מיר נישט דולדן קיין אַבזיכטלעכע און אומאָרנט־לעכע פּאַרזוכן צו צעטומלען דעם עולם. . . . ס'איז די ערנסטע פליכט פון אַלע פּאַטריאָטישע בירגער צו באַקעמפן דעם שונא אין אונזער אייגענער סביבה, וואָס באַהאַלט זיך אונטער אַלערליי צודעקן, וואָס דער געפערלעכסטער פון זיי איז אַ פאַלשער פּאַטריאָטיזם. יעדער מענטש, וואָס זוכט אונטערצוגראָבן דעם גלויבן אין אונזער רעגירונג דורך מיס־ברויכן בייזוויליג מיט איזאָלירטע פאַקטן, איז אַ גרעסערע געפאַר פאַר אונזער נאַציאָנאַלער זיכערקייט, ווי טויזנטער 'אַקס'־סאָלדאַטן אויף אונזער אייגענעם באָדן. היטלער און די יאַפּאַנעזער ווייסן דאָס בעסער ווי ווער ניט איז. מיר אַמעריקאַנער מוזן זיך רעכענען מיט די איּמ־פּליקאַציעס פון אָט־דעם העסלעכן אמת.״ **)

מיט געהאַלט אָדער אָן געהאַלט — ווער קאָן זיין זיכער וואָס איז וואָס? — אַרבעטן היטלער'ס אַגענטן, זיין פינפטער קאָלום אין אַמעריקע, לויט די ליניעס, וואָס זיינען אָנגעצייכנט אין דער „מעמאָראַנדום״־פּלאַטפאָרם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אונטער דער פירערשאַפט און אָנווייזונג פון באַראָן פאָן קילינגער, וועלכער איז נאָר־וואָס געקומען פון היטלער'ן, און פון באַראָן

*) „ניו יאָרק טאַימס״, אָקטאָבער 20, 1941.

**) „קאָנגרעשאָנאַל רעקאָרד״, מערץ 30, 1942.

פאַן טיפּלעסקירך, אַ לאַנג־יאָריגער נאַצי־אַגענט אין אַמעריקע. די דאָזיגע פּלאַטפאָרם קאָן סיסטעמאַטיש סומירט ווערן דורך די פאָלגנדיגע פּונקטן :

1. אַמעריקע דאַרף געפינען אַ דערנעענטערונג צום „נײַ־דייטשלאַנד". פון וועלכן אונזער לאַנד האָט אַ סך צו לערנען, און טאָר ניט אַרײַן אין אַ סאָלידאַריטעט־בונד מיט ענגלאַנד, כינע און ספּעציעל מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די פּאַראַיייניגטע מלוכות מוזן צעשפּליטערט ווערן. דער קאָנגרעס מוז זיך שטעלן געגן דער אַדמיניסטראַציע, ספּעציעל אין אויסלענדישער פּאָליטיק.

2. די איינציגע ערנסטע און דויערהאַפטע געפאַר פאַר דער וועלט איז קאָמוניזם, וואָס איז פאַרטראָטן קודם־כּל דורך דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דורך קאָמוניסטן אין אַלע לענדער און דורך אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן, וואָס זיינען פריינטלעך צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און וואָס גלויבן אין סאָציאַלער זיכערקייט.

3. אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן, וואָס דאַרפן באַצייכנט ווערן ווי „קאָמוניסטן", אַפילו ווען אַ גרויסע מערהייט פון זיי איז דאָס ניט, דאַרפן אַרײַנגערעכנט ווערן אין דעם „פינפטן קאָלום" און אַרויסגעטריבן ווערן פון אַלע איינפלוס־פּאָזיציעס אין דער רעגירונג און אין דעם עפנטלעכן לעבן, און זייערע שטעלעס דאַרפן געגעבן ווערן צו מענטשן, וועלכע זיינען צופרידנשטעלנדיג פאַר מאַרטין דאַיעז'ן און פאַר היטלער'ן.

4. „מיר דייטשן זוכן די קאָאָפּעראַציע פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַליסטן. איבערהויפּט גלויבן מיר אין דער קאָאָפּעראַציע מיט די עקאָנאָמישע פירער." „מיר דייטשן" מוזן אַרײַנברענגען אַזוינע פריינט אין דעם קריגס־אַפּאַראַט אין וואַשינגטאָן ; זיי מוזן אין אַ פולערער מאָס קאָנטראָלירן דעם קאָנגרעס ; זיי מוזן „ענדערן דעם גייסט פון לאַנד ווי ער איז אויסגעדריקט געוואָרן אין די לעצטע וואַלן".

5. דער „אויבערשטער" פינפטער קאָלום מוז זיין פאָרזיכטיג און דערלויבן בלויז די דריבנע פישלעך זיך צו אַנטפּלעקן אין אָפענער אַרבעט פון שעדיגעריי און סאַבאָטאַזש, בעת די וויכטיגע פערזאָנען „הויבן אָן סובסידירן אונזערע פּאַטריאָטישע בירגער־אָרגאַניזאַציעס", כּדי זיך צוצוגרייטן צו אַ „צוריקקער" אין דעם פּסיכאָלאָגישן מאָמענט. דערווייל דאַרפן די פריינט פון „מיר דייטשן" פאָדערן, אַז וויכטיגע מלחמה־שריט זאָלן אָפּגעלייגט ווערן, און גוואַלדעווען וועגן דער געפאַר פון אַ „נייעם דונקערק".

מאַרטין דאַיעז און אַלע, וואָס דענקען ווי ער און וואָס שטיצן אים, זיינען דער הויפּט־אָנשפּאַר פון היטלער'ס פינפטן קאָלום ביים דורכפירן אָט־די פּלאַטפאָרם אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון אונזער לאַנד.

ניט אומזיסט ציטירט די בערלינער ראַדיאָ מאַרטין דאַיעז'ן ביז היינט־צו־טאָג ווי איר הויפּט־אויטאָריטעט איבער אַמעריקאַנער ענינים, ווי אַן עפנטלעכע פּערזענלעכקייט אין אַמעריקע, וועמען די נאַציס קאָנען גוטהייסן אָן באַדינגונגען.

ס'איז נישט געווען קיין צופאַל, וואָס פּראָ־נאַציס און מיטגלידער פון דעם נאַצי־„בונד" האָבן געמאַכט עפנטלעכע באַנקעטן לכבוד מאַרטין דאַיעז. ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס מאַרטין דאַיעז באַשעפטיגט מיטגלידער פון בערלינער „אַנטי־קאָמינטערן" ווי זיינע אַרויסהעלפער.

אָבער פאַרוואָס זאָל דער קאָנגרעס פון די פאַראייניגטע שטאַטן נאָך אַלץ שטימען צוטרוי צו מר. דאַיעז'ן און באַזאָרגן אים מיט אומבאַגרענעצטע מלוכה־פאָנדן אויף אָנצופירן זיין אַרבעט, וואָס „העלפט היטלער'ן, ניט אונז"?

ווי אַזוי קאָן אַ לאַנד קעמפן ביז צום זיג אין אַ וועלט־מלחמה פאַר אונזער עקזיסטענץ, אין אַ קריג אויף לעבן און טויט פאַר די פאַראייניגטע מלוכות, ווען די מאַכט פון קאָנגרעס ווערט איבערגעגעבן צו מענטשן, וואָס באַהאַנדלען אונזערע שונאים ווי פריינט, באַהאַנדלען אונזערע פריינט ווי שונאים און שאַפן דערמיט אַ שרעקלעכע צעטומלעניש אין די מוחות פון עולם?

ווי אַזוי קאָנען מיר באַזיגן אַ מעכטיגן, בייזוויליגן און טייוועלש־כיטרען שונא, ווען מיר דערלויבן אים נאָך אַלץ צו „סאַבאָטאַזשירן אונזער פאַר־שטאַנד", ווען מיר טראַכטן נאָך אַלץ אַזוי, ווי ער וויל אַז מיר זאָלן טראַכטן?

דאָס איז די פראַגע, וואָס עס רופט אַרויס מאַרטין דאַיעז און מענטשן פון זיין טיפּ.

ס'איז אַ פראַגע פון זיג אָדער טויט און פאַרשקלאַפונג, אַ פראַגע פון דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ אָדער דער שענדלעכער מפּלה פון אונזער לאַנד.

ס'איז שוין באמת צייט, אַז אונזער לאַנד זאָל ענטפערן מר. דאַיעז'ן.

קאַפּיטל פינף

איז קאָמוניזם אַ געפאַר?

געוויסע פון מיינע לייענער קאָנען קריגן דעם איינדרוק, אַז אין דעם פריערדיגן קאַפּיטל האָב איך פאַררעכנט פאַר אַ נאַצי־אַגענט יעדן איינעם וואָס דענקט, אַז קאָמוניזם איז אַ געפאַר. דאָס איז נישט מיין אַבזיכט. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז חוץ אַזוינע מענטשן ווי מאַרטין דאַיעז, וואָס מאַכן „רעד־בעיטינג" פאַר אַ פּראָפעסיע צוליב באַהאַלטענע און געמיינע מאָטיוון, זיינען דאָ אַ סך מענטשן, וואָס גלויבן אויפריכטיג, אַז קאָמוניזם איז אַ געפאַר, וואָס מוז ענערגיש באַקעמפט ווערן — כאָטש זיי זיינען נישט גרייט, ווי די דאַיעז־לייט, מקריב צו זיין דעם זיג אין דער איצטיגער מלחמה צוליב זייער אַנטי־קאָמוניזם. פאַראַן אַלערליי גראַדן פון אַנטי־קאָמוניסטישן געדאַנק און געפיל אין די פאַראייניגטע שטאַטן, און די וואָס סימפּאַטיזירן שטאַרק מיטן קאָמוניזם זיינען אַ פאַרהעלטנישמעסיג קליינע מינדערהייט אין אַמעריקע. די גרויסע מערהייט איז פּשוט נישט־קאָמוניסטיש.

דער אַרטיקל, „איז קאָמוניזם אַ געפאַר פאַר אונז?" פון דזשאָזעף ע. דעיוויס אין דער „ניו יאָרק טאַימס" פון דעם 12טן אַפּריל, איז קאָנטיג געשריבן געוואָרן מחמת דער ברייט־פאַרשפּרייטער מורא פאַרן קאָמוניזם, וואָס האָט געשטערט צו אַנטוויקלען די נויטיגע אויסלענדישע פּאָליסי פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג; די מורא פאַר אונזער פאַרבינדעטן, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דערפאַר וואָס קאָמוניסטן שטייען אין דער פירערשאַפט פון יענעם לאַנד. אויך מיט זיין בארימטן בוך „מישאָן טו מאָסקאָו" איז מר. דעיוויס אויסן צו פאַריאָגן אָט־דעם שרעק און פאַרבעסערן די באַציאונגען פון צוטרוי צווישן די צוויי גרויסע פאַרבינדעטע — אַ צוטרוי, וואָס איז נויטיג פאַרן זיג. די מורא פאַן קאָמוניזם און קאָמוניסטן איז דאָס, וואָס מאַרטין דאַיעז און היטלער'ס אַגענטן בכלל נוצן־אויס פאַר זייערע אייגענע טונקעלע צוועקן און האַלטן־אויף דורך אַלערליי שאַרלאַטאַנישע שטיק. דאָך איז עס נויטיג צו ענטפערן אויף דער פראַגע — אָפּגעזען פון מר. דאַיעז'עס חשבונות — צי קאָמוניזם איז אַ געפאַר פאַר די פאַראייניגטע שטאַטן.

דאָס מורא־האָבן פאַר די קאָמוניסטן איז אַ פאַקט. ס'איז אַ פאַקט, וואָס

שטערט די אַמעריקאַנער פּאָליטיק היינט־צו־טאָג. ס׳איז אַ פאַקט, וואָס שטערט אָנצופירן די מלחמה אויף אַ זיגרייכן אופן. דער שרעק מוז דעריבער אויפגעלייזט ווערן אין די אינטערעסן פון זיג.

פאַר דעם צוועק פון דעם דאָזיגן בוך בין איך דעריבער נישט אויסן צו באַקערן נישט־קאָמוניסטן צו מיין פּאָליטישער פילאָזאָפיע און אויך נישט צו באַטראַכטן די מעלות פון דער ענדציל־פּראָגראַם פון אַ סאָציאַליסטישער אַמעריקע. די פראַגע איז: צי איז אין אַמעריקע פון 1942 — אַ קאַפּיטאַליס־טיש לאַנד, וואו די באַפעלקערונג איז אין דער גרויסער מערהייט נישט־קאָמוניסטיש און אַפילו אַנטי־קאָמוניסטיש — פאַראַן אַ גרונט פאַר וועמען ניט איז מורא צו האָבן פאַר די קאָמוניסטן אויף אַזוי פיל, אַז דאָס זאָל באַאיינפלוסן און פאַרקריפּלען זיינע טאָג־טעגלעכע געדאַנקען און האַנדלונגען אין דעם ברען פון דער מלחמה?

אַזוי פיל פון אָט־דעם שרעק פאַר קאָמוניזם איז אַן איינרעדעניש, געבויט אויף מיסאינפאָרמאַציע, אַז ס׳איז שווער דאָס צו באַקעמפן דירעקט. די מיסאינפאָרמאַציע איז אַזוי אַלץ־איינשליסנדיג, אַז ס׳איז פּונקט אַזוי שווער צו געפינען אַ צוגאַנג־פּונקט, וואו מ׳זאָל זיך קאָנען צונויפרעדן אויף אַ רואיגן לאָגישן אופן. אַזאַ צוגאַנג־פּונקט איז אָבער געשאַפן געוואָרן דורך דער איצטיגער איבער־שאַצונג בנוגע דער אינטערנאַציאָנאַלער ראָלע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן האָט זיך שוין געכאַפּט, אַז זי איז אויף אַן אומגלויבלעכן אופן מיסאינפאָרמירט גע־וואָרן וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מ׳האָט זיי געלערנט אין דעם משך פון יאָרן צו קוקן אויף יענעם לאַנד ווי אויף אונזער אַ שונא, צו באַטראַכטן דעם סאָוועטישן אופן פון לעבן ווי אַנטאַגאָניסטיש צו אונזער לעבנס־שטייגער אויף אַזוי פיל, אַז ס׳קאָן צווישן די צוויי נישט זיין קיין שלום; צו טראַכטן וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי וועגן אַ שוואַכן, צוריקגעשטאַנענעם און שיר נישט באַרבאַרישן לאַנד. פּלוצים האָט דער מעכטיגער פּראָזשעקטאָר פון מלחמה פאַר אונז אַנטפּלעקט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי אַ לאַנד, וואָס איז — ווייט פון צו זיין אַ שונא — גאָר אונזער שטאַרקסטער פריינט, אייגנטלעך דער איינציגער פריינט, וואָס האָט באַוויזן צוריקצוהאַלטן אונזער טויטלעכן שונא, בעת מיר גרייטן זיך פאַרן קאַמף. פּלוצים געפינען מיר אויס, אַז זייער אופן פון לעבן איז אונז גאָר נישט פרעמד אָדער דערווידער — אויף אַזוי פיל, אַז דער איבערצייגטער קאַפּיטאַליסט, מר. דעיוויס, צווייפלט בכלל צי ס׳איז גאָר דאָ אַזאַ זאַך ווי סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און אָנשטאָט דער פאַטאַלער צוריקגעשטאַנענקייט, וואָס האָט געמוזט הערשן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויב די קאָמוניסטישע פּראָגראַם

איז טאַקע אַזוי שרעקלעך, ווי מאַרטין דאַיעז שילדערט זי, געפינען מיר פּלוצים, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ שטאַרק, מאָדערן, פאַראייניגט לאַנד, וואָס האַלט אויס די פּראָבע פון דער שווערסטער פון אַלע מלחמות בעסער ווי אַלע אַנדערע לענדער.

אויב די מורא פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך דורך די געשעענישן פון דער איצטיגער מלחמה אַרויסגעוויזן צו זיין אַזוי פאַנטאַסטיש אין געגנ־זאַץ צו דערווירקלעכקייט, איז עס נישט לאָגיש צו ציִען דעם שלוס, אַז דער גאַנצער שרעק־קאָמפּלעקס, וואָס דאָס וואָרט „קאָמוניזם" רופט אַרויס ביי מענטשן, וועלכע זיינען געוויינטלעך ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, איז פּונקט אַזא פאַנטאַזיע?

אויב אונזער וועלט וועט רעגירט דורך כאַאָס אָדער ריינעם צופאַל, ציִ דורך זייער מיט־באַגלייטער, „שיקזאַל" — דעמאָלט איז אַלצדינג, פאַרשטייט זיך, אי לאָגיש, אי אומלאָגיש; און בלינדער פאַראורטייל הערשט אומ־געשטערט אין די פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן אָן דער מעגלעכקייט צו אַפּעלירן צום פאַרשטאַנד.

מיין אַרגומענט איז דעריבער געווענדט קודם־כּל צו אָט־דעם ברייט־פאַרשפּרייטן גלויבן צווישן אַמעריקאַנער מענטשן, אַז די וועלט איז געבויט אויף לאָגיק און פאַרשטאַנד, אַז „צופאַלן" און „שיקזאַל" הערשן נישט איבער דער געשיכטע; אַז אַלצדינג האָט אַן אורזאַך און אַז ענלעכע אורזאַכן פירן צו ענלעכע רעזולטאַטן. אויב אָט־דער גלויבן איז פאַלש, גיב איך צו, אַז איך האָב פאַרלאָרן מיין אַרגומענט און אַז מאַרטין דאַיעז קאָן פאַרנעמען דעם פּעדעסטאַל פון אייבראַהאַם לינקאָלן, היטלער קאָן זיין דער רעטער פון דער וועלט און דער טייוול קאָן הערשן אויפן הימל. אָבער דער געזונטער גלויבן פון פּשוט'ע מענטשן וועט צוזאַמען מיט מיר אָפּוואַרפן אָט־די אומ־זיניגע השערות. מיר לעבן פאַרט אין אַ וועלט, וואָס ווערט רעגירט דורך כּלל און געזעץ.

אויב דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז היינט־צו־טאָג אין דער פראָנט־ליניע, וואָס באַשיצט די מענטשלעכע ציוויליזאַציע און קולטור, אין דער פראָנט־ליניע, וואָס באַשיצט אונזער אייגן לאַנד אַמעריקע, איז דאָס נישט קיין „צופאַל", נאָר דער פּראָדוקט פון די טיפסטע געזעצן פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, געהערט ווי מענטשן אַרגומענטירן לייכט־שאַפּטלעך, אַז „רוסלאַנד", דאָס „רוסישע פאָלק" און נישט „די קאָמוניסטן", נישט דער „סאָציאַליסטישער סאָוועטן־פאַרבאַנד" שטייט ווי די שטאַרקע שוץ־פעסטונג פון ציוויליזאַציע; אַז „רוסלאַנד" שפּילט איר פּרעכטיגע און העראָאישע ראָלע נישט אַ דאַנק די קאָמוניסטן, נאָר טראָץ די קאָמוניסטן.

דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער און מאָדנער אַרגומענט. ער האָט זיין ווערט אויף וויפיל ער גיט־צו, אַז דאָס פאָלק, וואָס האָט אַ סאָציאַליסטישע סיסטעם, וואָס זיינע פירער זיינען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, איז „דאָך" די האָפענונג פון דער פרייער וועלט היינט־צו־טאָג. אפילו אָט־די טעאָריע, אַז דאָס צופעליגע איז גראָד דער „קאָמוניסטישער" טייל פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר די איינגעבוירענע טבע פון דעם רוסישן פאָלק מאַכט פאַר אים מעגלעך, „טראָץ" דער קאָמוניסטישער פירערשאַפט, אויסצוהאַלטן אויף אַ גלענצנדיגן אופן די גרויסע היסטאָרישע פּראָבע פון פייער — אַפילו אָט־די טעאָריע, ווי פאַלש און אומלאָגיש זי זאָל נישט זיין — באַשטעטיגט אַ גרויסן טייל פון מיין אַרגומענט, אַז די מורא פאַרן קאָמוניזם איז, מילד גערעדט, גוואַלדיג איבערטריבן געוואָרן. אויב קאָמוניסטישע פירערשאַפט און אַ סאָציאַליסטישע סיסטעם, ווי אָט־די טעאָריע האַלט, האָט גאָרנישט ניט בייגעטראָגן צו די וועלט־אויפרודערנדיגע אויפטועז פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האַלט צוריק די האָרדעס פון דעם מאַלפּע־מענטש היטלער, האָט זי אָבער צום ווינציגסטן נישט אָפּגעהאַלטן די פעלקער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פון דורכפירן זייער באַשערטע ראָלע. די דאָזיגע טעאָריע גיט דערמיט צו, אַז פּונקט אַזוי ווייניג וואָלטן קאָמוניסטן אָדער קאָמוניזם אין אַמעריקע געשטערט דעם אַמעריקאַנער פאָלק דורכצופירן זיין באַשערטע ראָלע. און פאַר די צוועקן פון דעם דאָזיגן קאַפּיטל, וואָס איז אויסן בלויז צו באַווייזן, אַז ס'איז נאַריש זיך צו שרעקן פאַרן קאָמוניזם אָדער די קאָמוניסטן, ווערט אונזער אַרגומענט דורכדעם באַשטעטיגט אין גאָר אַ גרויסער מאָס.

ס'איז פאַראַן נאָך אַ טעאָרעטישע שיטה, די „געשפּענסט־טעאָריע", וואָס פאַנגט־אָן פון דער באַרימטער פראַזע צום אָנהויב פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", געשריבן פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס אין 1848, דער דאָקומענט, וואָס באַצייכנט דעם אָנהויב פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם אָדער מאָדערנעם קאָמוניזם: „אַ געשפּענסט הויערט איבער אייראָפּע — דער געשפּענסט פון קאָמוניזם". די דאָזיגע טעאָריע טענה'ט, אַז — איינמאָל אַ געשפּענסט, אַלעמאָל אַ געשפּענסט! און זי טענה'ט ווייטער, אַז נעשפּענסטער זיינען שטענדיג שרעקלעכע באַשעפענישן און אַז מיר מוזן דעריבער שטענדיג ציטערן, ווען דאָס וואָרט „קאָמוניזם" ווערט דערמאָנט. מיר וואָלטן דאָס געמעגט רופן: „די בידל־טעאָריע". איך בין זיך מודה, אַז אַנטקעגן אָט־דער גוואַלדאָווגער טעאָריע פיל איך זיך הילפלאָז. איך ווייס נישט ווי אַזוי צו אַרגומענטירן מיט מענטשן, וואָס גלויבן אין געשפּענסטער. אפשר לוינט זיך עס בעסער נאָך אַלעמען צו דעבאַטירן בלויז מיט די, וואָס אַרגומענטירן אויף דעם באַזיס פון דער וואָרער וועלט. ס'איז ניטאָ קיין אַנדער באַקאַנטע רפואה געגן מורא פאַר געשפּענסטער, אַחוץ חוזק.

היינט־צו־טאָג איז פאַראַן אַ מער ממשות'דיגער געשפּענסט, וואָס הויערט נישט בלויז איבער אייראָפּע, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס איז דער געשפּענסט פון דעם נאַצי־פּאַרמעסט צו באַהערשן די וועלט. ס'איז נישט קיין קערפּערלאָזער געשפּענסט, ס'איז אַ מאָנסטער, וואָס איז באַוואָפנט מיט טויטלעך געווער און האָט שוין פאַרשקלאַפט דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּע און באַדראָעט די אַמעריקעס; ס'איז אַ געשפּענסט, וואָס שלינגט איין יעדן טאָג פון צוויי ביז זיבן פון אונזערע שיפן ביים אַטלאַנטישן ברעג. ווען מיר האָבן פאַר זיך אַזאַווירקלעכן און שרעקלעכן געשפּענסט, פאַר וועמען ס'איז דאָ גרונט מורא צו האָבן, איז עס אַ שאַנד צו פאַרשווענדן אונזער שרעק אויף נישט־געשטויגענע פּראָדוקטן פון אונזער פאַנטאַזיע.

ווען מיר בלייבן אין די ראַמען פון דער וואָרער וועלט, וואָס פאַר אַ גרונט איז פאַראַן מורא צו האָבן פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד דערפאַר וואָס ער איז קאָמוניסטיש? דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַן אומבאַפלעקטן רעקאָרד פון נאָכקומען זיינע אָפּמאַכן מיט אַנדערע לענדער. פאַרוואָס זיך שרעקן פאַרן סאָוועטישן רעזשים מער ווי פאַר דעם רעזשים פון ענגלאַנד, וואָס איר רעקאָרד איז — מילד גערעדט — זיכער נישט קיין בעסערער? אויב מיר האָבן מורא, אַז מיר וועלן זיך פאַנאַנדערגיין מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער צוקונפט, פאַרוואָס זיך נישט באַוואָרענען געגן דעם מיט אַ צוואַנציג־יאָריגן בונד, ווי די ענגלענדער האָבן אַזוי קלוג געטאָן?

אָדער אפשר שטימען מיר איין מיט הערבערט הואווער'ן, וועלכער האָט דערקלערט אין זיין לעצטן בוך, „די פּראָבלעמען פון דויערהאַפטן פרידן", אַז די ווידער־אויפשטעלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם איבער דער גאַנצער וועלט מוז געמאַכט ווערן פאַר אַ מלחמה־ציל, ווי דער פּרייז פון נאַציאָנאַלער איינינקייט אין אַמעריקע אין פאַרלויף פון דער מלחמה? *) מר. הואווער דערקלערט אין עצם, אַז עס איז אוממעגלעך צו האָבן אַ פרידלעכע מיט־עקזיסטענץ און קאָאָפּעראַציע נאָך דער מלחמה צווישן קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווי אַמעריקע און סאָציאַליסטישע לענדער ווי דער פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

אויב דאָס איז אמת, קאָנען די, וואָס ווילן איינהיטן דעם קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע, האָבן אַ גרונט זיך צו שרעקן פאַר די קאָמוניסטן. נאָר אויב דאָס איז אמת, איז דאָך אונזער גאַנצע מלחמה־פּראָגראַם פאַלש און אומ־פּראַקטיש. ווייל דער דאָזיגער געדאַנק ווידערשפּרעכט דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער" —ווי הואווער'ס מערסטע אידייען — און איז דעריבער אין

*) הערבערט הואווער און היו גיבסאָן, „די פּראָבלעמס אָוו לעסטינג פּיעס", זייטן 204‏-211, ניו יאָרק, 1942.

ווידערשפּרוך מיט דער דעקלאַרירטער פּאָליסי סיי פון די פאַראייניגטע שטאַטן און סיי פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווייל דער „אַטלאַנטיק טשאַרטער" דערקלערט:

„דריטנס, רעספּעקטירן זיי די רעכט פון אַלע פעלקער אויסצוקלייבן די רעגירונגס־פאָרם, אונטער וועלכער זיי וועלן לעבן; און זיי ווילן זען, אַז די סוּאווערענע רעכט און זעלבסט־רעגירונג זאָלן צוריקגעקערט ווערן צו יענע, וואָס זיינען מיט גוואַלד בארויבט געוואָרן פון זיי."

דער דאָזיגער פּונקט איז ווייטער אויסגעברייטערט געוואָרן דורך סאַמנער וועלס'ן אין זיין באַרימטער רעדע פון דעם 30טן מאַי:

„מיר וועלן, נאַטירלעך, רעספּעקטירן דאָס רעכט פון אַלע פעלקער צו באַשטימען פאַר זיך אַליין דעם טיפּ אינערלעכע עקאָנאָמישע אָר־גאַניזאַציע, וואָס איז צום בעסטן צוגעפּאַסט צו זייערע אומשטענדן. איך גלויב אָבער, אַז דאָ אין אונזער אייגן לאַנד וועלן מיר פּאָרטזעצן צו געפינען דעם בעסטן אויסדרוק פאַר אונזער אייגענעם און דעם אַל־געמיינעם וואוילזיין אונטער אַ סיסטעם, וואָס וועט געבן דעם גרעסטן אָנרעג און געלעגנהייט פאַר פּריוואַטער אונטערנעמונג."

דאָס איז אַ פּאָליסי, לויט וועלכער ס'איז מעגלעך צו האָבן אַ ווייטערדיגע קאָאָפּעראַציע צווישן די קאַפּיטאַליסטישע און די סאָציאַליסטישע לענדער נאָך דער מלחמה, און וואָס מאַכט מעגלעך אפילו פאַר די איבערגעגעבנסטע אָנהענגער פון דעם קאַפּיטאַליזם אָפּצוּוואַרפן זייער אומלאָגישן שרעק פאַרן קאָמוניזם, צום ווינציגסטן אויף וויפיל דאָס האָט צו טאָן מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

באַמערקט, אַז מר. הואַווער'ס טעאָריע באַהויפּטעט נישט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד באַשטייט אויף איינפירן סאָציאַליזם אין אַנדערע לענדער ווי אויף אַ גרונט־באַדינגונג פאַר פרידן. פאַרקערט, די טעאָריע אָנערקענט אייגנטלעך דעם פאַקט, וואָס איז שוין ביז איצט באַוואוסט איבער דער גאַנצער וועלט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די גאַנצע צייט געווען און וועט בלייבן אַ לאַנגע צייט נאָך דער מלחמה צופיל פאַרנומען מיט זיינע אייגענע פּראָבלעמען פון בויען זיין סאָציאַליסטישעווירטשאַפט און קולטור אויף זיינע ריזיגע טעריטאָריעס, אַז ער זאָל קאָנען אָפּגעבן אַ סך ענערגיע אין אויסלאַנד, אין וועלכער ס'איז פאָרם, חוץ דעם פרידלעכן אויסטויש פון סחורות. דער דאָזיגער פאַקט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אָפּגעזען פון וועלכער ס'איז מיינונג וועגן די סוביעקטיווע גוטע אַבזיכטן פון די סאָוועטישע פירער. ווען מיר גיבן נאָך צו דערצו דעם רעקאָרד פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד

אויף דעם געביט פון שטיצן ענערגיש יעדן פאַרזוך אָנצוהאַלטן דעם פרידן, ווערט עס ענדגילטיג באַוויזן, אַז מצד דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פרידלעכע מיט־עקזיסטענץ און קאָאָפּעראַציע ווינטשענסווערט און מעגלעך.

איז פאַרוואָס טענה'ט מר. הואווער, אַז פאַר אַמעריקע איז דאָס אומ־מעגלעך, ווייל אונזער לאַנד מוז מאָנען און אויסקעמפן די ווידער־אויפ־שטעלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם אין יעדן לאַנד? פאַרוואָס איז ער, ווי מאַרטין דאַיעז, באַשעפטיגט מיט צוגרייטן אונזער לאַנד צו פאַרפירן אַ מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד? אַ לענגערער שטודיום פון זיינע אָנשויאונגען קאָן פירן בלויז צו איין ענטפער אויף אָט־דער פראַגע: מר. הואווער דענקט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז אַזאַ דעליקאַטער מעכאַניזם, אַז ווען זי שטויסט זיך אָן וואו ניט איז אויף דער וועלט אויף וועלכער ס'איז קאָנקורענץ מיט אַ סאָציאַליסטישער סיסטעם, מוז זי פּשוט זיך צונויפקאָרטשען און שטאַרבן פון בויך־ווייטאָג; און אַז דעריבער איז עס נויטיג — כדי צו ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם — אַז מיר זאָלן דערמאָרדן דעם סאָציאַליזם דורך מלחמה, וואו נאָר ער זאָל זיך ניט באַווייזן.

מר. הואווער'ס מיינונג וועגן קאַפּיטאַליזם איז ערגער ווי דאָס ערגסטע וואָס איך, ווי אַ פאַרשטייער פון די קאָמוניסטן, האָב ווען עס איז געזאָגט געגן קאַפּיטאַליזם. ווייל איך בין פעסט איבערצייגט, אַז מר. הואווער'ס טעאָריע איז אַ פאַרלוימדונג געגן קאַפּיטאַליזם. איך גלויב, אַז עס איז מעגלעך פאַרן קאַפּיטאַליזם צו בלייבן אין אַמעריקע אפילו ווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד הערשט סאָציאַליזם.

דזשאָזעף ע. דעיוויס, דער געוועזענער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַרדינט דעם רעספּעקט און באַוואונדערונג פון אַלע אָרנטלעכע מענטשן פאַר זיין אַרבעט פון שאַפן באַציאונגען פון געגנזייטיגן צוטרוי צווישן אונזערע צוויי לענדער. אין זיין אַרבעט האָט ער אויפגעטאָן אַ סך אויף דעם געביט פון אויפלייזן דעם שרעק פאַר קאָמוניזם, ווייל אָט־דער שרעק האָט ביז דער לעצטער שעה געשטערט די גרינדונג פון די פאַראייניגטע חלוכות. ספּעציעל אין זיין בוך „מישיאָן טו מאָסקאָו" האָט מר. דעיוויס געגעבן דעם אַמעריקאַנער עולם אַן אינטימען בליק אויף אמת'ן, וואָס זיינען אַ לאַנגע צייט צוריקגעהאַלטן געוואָרן, און דאָס האָט קלאָר געמאַכט אַ סך פון די מיספאַרשטייענישן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אַרום דער רייניגונג פון היטלער'ס פינפטן קאָלום אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַרום דער סאָ־וועטישער שטעלונג צו אַמעריקע. ער האָט איבערצייגט די סאָוועטישע פירער, אַז אין אונזער לאַנד זיינען דאָ אָרנטלעכע קאַפּיטאַליסטן און כלל־טוער — אַ זאַך וואָס די סאָוועטישע פירער האָבן ערשט געדאַרפט אויסגעפינען פון זייער אייגענער דערפאַרונג און נישט פון טעאָריע. אַזוי אַרום האָט מר.

דעיוווים איןביידע לענדער און אויף פארשיידענע אופנים אויפגעטאָן א סך אויף דעם געביט פון שאפן דעם צוטרוי, וואָס צעמענטירט די פאַראייניגטע מלוכות און דעם ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנער בונד.

איך באַדויער דעריבער, וואָס איך האַלט פאַר נויטיג אַנצואווייזן אויף איין פּונקט אין מר. דעיווים'עס אַרגומענטאַציע, וואו ער איז לויט מיין מיינונג באַגאַנגען אַ טעות. ער טענה'ט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ניט קיין געפאַר פאַר די פאַראייניגטע שטאַטן, ווייל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַנט־וויקלט זיך אין דער ריכטונג פון קאַפּיטאַליזם; ווייל ס'איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נישטאָ קיין סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם. איך דענק, אַז מר. דעיווים האָט דאָ אַ טעות און איך דענק, אַז ס'איז געפערלעך צו בויען דעם צוטרוי צום סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף אַזאַ פאַלשן געדאַנק. דאָס וועט בלויז ברענגען אַנטוישונג צווישן די, וואָס איצט גלויבן זיי דאָס און שפּעטער וועלן זיי אויסגעפינען, אַז עס איז נישט אמת.

דאָס קערנדל אמת אין מר. דעיווים'עס אויספיר איבער אָט־דער פראַגע באַשטייט אין דעם, וואָס די סאָוועטישע סיסטעם האָט ווייניג געמיינשאַפט־לעכס מיט דעם, וואָס מען האָט אים געלערנט צו טראַכטן וועגן קאָמוניזם און סאָציאַליזם; אָבער דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס ער איז מיסאינפאָרמירט און מיס־דערצויגן געוואָרן איבער אָט־דער געגנשטאַנד און באַציט זיינע אידייען פון מענטשן און קרייזן, וועלכע האָבן מיסרעפּרעזענטירט דעם געגנ־שטאַנד, כדי אים צו דיסקרעדיטירן. דאָס איז נישט זיין שולד: ער האָט געקראָגן זיין בילדונג אין אַ סביבה, וואו מיסרעפּרעזענטירן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פּראָגראַם פון די קאָמוניסטן איז געווען אַ ספּעציעלע קונסט און אַ פּראָפעסיע; ער ברענגט דעריבער אַריין אַ נייעם פאָראורטייל, וועלכער איז אויף דעם מאָמענט ווייניגער שעדלעך, אויף דעם פּלאַץ פון דעם אַלטן פאָראורטייל, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַזוי קאַטאַסטראָפיש פאַר דער וועלט. אַ פאָראורטייל ווערט אָבער נישט קיין אמת בלויז דערמיט, וואָס ער איז ווייניגער שעדלעך ווי אַן אַנדער פאָראורטייל; און בלויז דער פולער אמת קאָן דינען אין דער פולער מאָס דעם ציל פון זיג און פון אַ פרידלעכער וועלט נאָך דער מלחמה.

דער אמת איז, אַז אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, געפירט פון קאָמוניסטן און דעם אַרבעטער־קלאַס, מוז מיט־עקזיסטירן און קאָאָפּערירן מיט אַ קאַפּי־טאַליסטיש לאַנד, געפירט פון לאַיערס, געשעפטלייט, אינדוסטריאַליסטן און פינאַנץ־מענטשן, אויף אַ באַזיס פון געגנזייטיגן רעספּעקט און פון טאָלערירן זייערע פאַרשיידענע סיסטעמען, געפינענדיג דורך דעם אַ געמיינשאַפטלעכן וועג פאַר דער רעקאָנסטרוקציע פון דער וועלט נאָך דער מלחמה. די אידעאָלאָגישע שוועריקייטן אויף ביידע זייטן מוזן אָפן באַגעגנט ווערן כדי

מען זאָל זיי קאָנען בייקומען. און איך האָב מורא, אַז מר. דעיווים האָט זיי נישט באַגעגנט ווי ס'געהער צו זיין. ס'איז פּונקט אַזוי גֿעפערלעך פֿאַר אים צו מיינען, אַז דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד גייט אַריבער צו אונזער אַמעריקאַנער סאָרט קאַפּיטאַליזם, ווי עס וואָלט געווען פֿאַר די סאָוועטישע פֿירער צו מיינען, אַז אַמעריקע גליטשט זיך אַריבער צום סאָציאַליזם, ווי די קאָמוניסטן פֿאַר־שטייען דאָס וואָרט. אָט־דער וועג פֿירט צו מיספֿאַרשטייעניש און שלעכטע באַציאונגען, ווייל אין ביידע פֿאַלן וואָלט געמוזט קומען אַן אַנטוישונג.

עס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ דערמוטיקונג צו געפֿינען אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן, וועלכע זעען אין דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַ סך זאַכן, וואָס לאָזן זיך לויבן און אַפילו נאָכטאָן. כאָטש דאָס קאָן דערקלערט ווערן נישט, ווי זיי דענקען, דורך אַ כלומרשטער אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פֿון קאַפּיטאַליזם אין יענעם לאַנד, נאָר דורך דעם פֿאַקט, וואָס סאָציאַליזם איז נישט דער אוטאָפּיזם און נישט דער אַנאַרכיזם, וואָס מ'האָט זיי געלערנט צו גלויבן — באַווייזט עס אָבער, אַז די ביטערקייט פֿון האַס און שרעק, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין אונזער לאַנד אַרום די ווערטער „קאָמוניזם" און „די קאָמוניסטן", איז אין אַ גרויסער מאָס געקינצלט און אומגויטיג און איז דעריבער פֿאַרמיידלעך.

דער אַרגומענט, וואָס איך האָב דאָ אַנטוויקלט אין קורצן, איז פֿאַר־געבראַכט געוואָרן פֿון אַ פֿאַרקערטן שטאַנדפּונקט, פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון אַן אָנהענגער פֿון קאַפּיטאַליזם, אויף זייער אַן אינטערעסאַנטן און ווערט־פֿולן אופֿן אין דער „ניו יאָרק טאַימס" פֿון יולי 12, 1942. אין אַ לענגערן בריוו, געדרוקט אויף דער עדיטאָריעלער זייט, האָט דר. ראַלף באַרטאָן פּערי פֿון קעימברידזש, מאַסאַטשוזעטס, געמאַכט זייער אַן ערנסטן און לויב־ווערטן ביישטייער צו אַ באַזיס פֿאַר פֿאַרשטענדיגונג צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, וואָס איז ברייטער און טיפֿער ווי די באַלדיגע באַדערפֿענישן פֿון דער מלחמה. דר. פּערי'ס בריוו איז אַ צייכן פֿון דער צייט, אַ סימפּטאָם פֿון אַ נאַציאָנאַלער געדאַנקען־שטרעמונג אונטער דעם סטימול פֿון די מלחמה־דערפֿאַרונגען — אַ שטרעמונג, וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצן אויסקריסטאַלי־זירט, נאָר איז פֿול מיט צוזאָג וועגן אַ גרויסן ביישטייער צום זיג און צו דער סטאַבילירונג פֿון אַן אמת'ן פֿרידן נאָך דער מלחמה.

וואָס איז שייך די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, צי זיי זיינען אַ געפֿאַר אָדער נישט, נעמט זיך דער הויפּט־שרעק פֿאַר זיי פֿון דעם גלויבן, אַז זיי זיינען אַגענטן פֿון אַן אויסלענדישער מאַכט, ענלעך צו היטלער'ס פֿינפֿטן קאָלום. אַזוי ווי איין טייל פֿון אָט־דער בבא־מעשה איז דיסקרעדיטירט געוואָרן און באַוויזן געוואָרן צו זיין פֿאַלש, וועט עס אפשר נישט זיין אַזוי שווער אויפֿצולייזן די צווייטע העלפֿט דערפֿון. אָבער אַזוי ווי דאָס וואָלט

געמיינט זיך אריינצולאָזן טיף אין געוויסע היימישע פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן ברייטער אַנטוויקלט ווערן אין ווייטערדיקע קאַפּיטלען, ווילן מיר שליסן אָט־דעם קאַפּיטל מיט אַ קורצער דערקלערונג וועגן דעם וואָס די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן זיינען גרייט בייצוטראָגן צו נאַציאָנאַלער אייניגקייט פאַרן זיג און פאַר דער נאָך־מלחמה רעקאָנסטרוקציע. איך ציטיר פון מיין רעדע, וואָס איך האָב געהאַלטן דעם 2טן יולי אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, ניו יאָרק:

„ווי אַ פאָרשטייער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דערקלער איך, אַז מיר סובאָרדינירן יעדן שטרייט־פּונקט צו דער איינער דרינגענדער נויטיקייט פון נאַציאָנאַלער אייניקייט אונטער דעם 'קאָמענדער־אין־טשיף' צו געווינען די מלחמה אַזוי שנעל ווי מעגלעך, וואָס דאָס מיינט מיט אַ מינימום קאָסט. . . .

„פון דעם מאָמענט, ווען די איצטיגע מלחמה און אונזער אָנטייל אין איר איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דערקלערט איר גרייטקייט צו סובאָרדינירן אָן שום באַדינגונגען אַלע שטרייט־פראַגן אין די אינטערעסן פון דעם הויפּט־ציל: צו געווינען די מלחמה. דערמיט האָבן מיר, צווישן אַנדערע זאַכן, געמיינט צו זאָגן, אַז אונזערע פאָרשלאָגן וועגן סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד וועלן נישט פאָרויסגעבראַכט ווערן אויף וועלכן עס איז אופן, וואָס קאָן שטערן די נאַציאָנאַלע אייניקייט פאַר דער מלחמה־אָנשטרענגונג.

„די געמאָלדענע פאַקטן פון דעם 11טן יוני, וואָס שאַפן דעם ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנער בונד, האָבן נישט בלויז געבראַכט אַן אַנטשיידונג וועגן באַלדיגע פּראָבלעמען פון צעשמעטערן די 'אַקס'. זיי האָבן אויך — און דאָס איז פּונקט אַזוי וויכטיג כדי צו געווינען די מלחמה — אָנגעצייכנט אַ נאָך־מלחמה קאָאָפּעראַציע פאַר די געמיינזאַמע אויפגאַבן פון וועלט־איבערבוי. אין דעם אַנגלאָ־סאָוועטישן פּאַקט איז דאָס פאַרקערפּערט אין אַ פאָרמעלן בונד אויף צוואַנציג יאָר. דאָס האָט אַ ריזיגע באַדייטונג און עפנט אַ נייע עפּאָכע אין אינטער־נאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן מיט מעגלעכע רעזולטאַטן, וואָס מיר קאָנען זיי איצט בלויז אָנהויבן צו פאַרשטיין. דאָס איז אַ פולשטענדיגער ענט־פער אויף די טענות פון אַלע פּעסימיסטן און שוואַרץ־זעער, וואָס ווילן אָפּשוואַכן אונזער ווילן צום זיג דורך אַ בילד פון קאַטאַסטראָפעס נאָך דער מלחמה.

„די פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער, צי זיי זיינען קאַפּיטאַליסטיש ווי די פאַראייניגטע שטאַטן, אָדער סאָציאַליסטיש ווי דער סאָוועטן־פאַר־באַנד, אָדער אין אַ צווישנדיגער פאָרם, וואָס קאָן ארויסוואַקסן, פאַר־

פליכטן זיך צו לעבן פרידלעך צוזאַמען און צו קאָאָפּערירן אין דער נאָך־מלחמה וועלט. אַלע מענטשן, וואָס האָבן דעם טיפן וואונטש אויס־צוראָטן פון דער וועלט דעם נאַציזם אין אַלע זיינע פאָרמען, וועלן נישט בלויז באַגריסן אָט־די געמאָלדענע פּראָגראַם ווי אַן אידעאַל, נאָר זיי וועלן דורך זייער יעדן וואָרט און טאָט העלפן פאַרווירקלעכן די פּראָגראַם אין לעבן.״ *)

קאַפּיטל זעקס

די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט

כדי ארויסצוקומען זיגרייך אין דער איצטיגער מלחמה, דאַרף דאָס פאָלק פון אונזער לאַנד זיין פאַראייניגט פאַר דעם דאָזיגן צוועק. דער נאַציאָנאַלער ווילן צום זיג איז פּונקט אַזוי שטאַרק, און ניט שטאַרקער, ווי די אייניגקייט פון פאָלק, וואָס איבט אויס דעם ווילן. אָן נאַציאָנאַלער אייניגקייט ווערן אויסגעשטראָכן אַלע אַנדערע עלעמענטן פון נאַציאָנאַלער קראַפט.

אונזער לאַנד קאָן ניט שאַפן די פאַלשע אייניגקייט פון אַ נאַצי־דייטש־לאַנד, וואָס איז אַרויפגעצוואונגען דורך גוואַלד־מאַכט און טעראָר פון אויבן, דורך אַ מיליטערישער דיקטאַטור, וועלכע איז באַזירט אויף די געמיינסטע מאָנאָפּאָל־אינטערעסן און באַנוצט מיטלאַלטערלעכע פייניגונג צוזאַמען מיט דער מאָדערנסטער וויסנשאַפטלעכער טעכניק, פאַרניכטנדיג דערמיט דעם ווילן פון פאָלק, כדי צו פאַרבייטן אים דורך דעם ווילן פון דער באַנדע נאַצישע גאָרגל־שניידער. אַלע פאַרזוכן צו שאַפן אַן אַמעריקאַנער נאַציזם העלפן בלויז די דייטשע נאַצים צו באַהערשן די וועלט.

אונזער לאַנד קאָן אויך נישט האָפן אין דער איצטיגער מלחמה צו געפינען יענע קוואַלן פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט, וואָס די סאָוועטישע פעלקער האָבן געפונען אין זייער סאָציאַליסטישן לעבן־שטייגער, וועלכער האָט מעגלעך געמאַכט פאַר זיי אַרויסצורופן די באַוואונדערונג פון פרייע פעלקער איבער דער גאַנצער וועלט פאַר זייער גלאָררייכער העלדישקייט ביים

*) אוירל בראָודער, „וויקטאָרי מאַסט בי וואָן״, זייטן 7-15, ניו יאָרק, 1942.

באַגעגענען און צוריקשטויסן די האָרדעס פון נאַצישער וועלט־באַהערשונג. ווייל אַמעריקע איז אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד און מוז באַגעגענען די פּראָבלעם פון געווינען די מלחמה ווי אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. אַזאַ טיפע רעוואָלוציע ווי דער איבערגאַנג פון אַ קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט און אַ סאָציאַלער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם צו אַ סיסטעם פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע קאָן אפילו נישט דעבאַטירט ווערן אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, איידער די מלחמה איז געוואונען, ווייל דאָס וואָלט געשטעלט אין געפאַר די אָנשטרענגונג צו געווינען די מלחמה.

נאַציאָנאַלע אייניגקייט אין אונזער לאַנד קאָן דעריבער נישט נאָכפאָלגן דעם מוסטער פון דעם שונא אָדער דעם מוסטער פון אונזער שטאַרקסטן קריג־שותף, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. קלאָר, אַז מיר מוזן געפינען אונזער אייגענעם וועג צו נאַציאָנאַלער אייניגקייט, וואָס דאָס איז די נויטיגע פאַר־באַדינגונג פאַר אַ זיג.

אָבער ווען מיר אונטערזוכן די גרונט־עלעמענטן, פון וועלכע אונזער נאַציאָנאַלע אייניגקייט דאַרף אויסגעשמידט ווערן, וועלן מיר אויסגעפינען, אַז מיר טיילן מיט דעם סאָוועטישן פאָלק דעם מעכטיגסטן פון אַלע עלעמענטן — אַ טיפן פּאַטריאָטיזם, אַ געפיל פון געמיינשאַפטלעכן גורל פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג, אַן אומבאַזיגבאַרע אַנטשלאָסנהייט, אַז אָט־דער גורל זאָל פאַר־ווירקלעכט ווערן דורך דעם אַמעריקאַנער פאָלק גופא און נישט דורך אַ פרעמדן אַריינדרינגער. דאָס איז די נשמה פון דעם פרעכטיגן העראָאיזם און די גלאָררייכע אויפטוען פון די סאָוועטישע פעלקער אין דער איצטיגער מלחמה, און דאָס איז און מוז אויך זיין די נשמה פון דער נאַציאָנאַלער אייניגקייט אין אַמעריקע, דורך וועלכער מיר וועלן זיך דערווערבן אונזער אייגענעם פולן חלק גלאָריע אין דעם זיג, וואָס וועט ריין מאַכן די וועלט פון נאַציזם און פון דעם סם פון דער פאַשיסטישער „אַקס". מיר וועלן אָט־דעם עלעמענט ווייטער באַצייכענען מיט זיין איינפאַכסטן נאָמען: פּאַטריאָטיזם.

דער גילטיגער „אַמעריקאַנער וועג פון לעבן", וואָס איז באַהערשט אין זיינע אַנטשיידנדיגע שטריכן דורך זיין קאַפּיטאַליסטישן שטאַנדפּונקט, מאַכט אוממעגלעך פאַר אונזער נאַציאָנאַלער אייניגקייט צו געפינען אַן אויסדרוק אין די פאָרמען און וועגן, וואָס זיינען גילטיג ביי די סאָוועטישע פעלקער. אָט־דעם פאַקט געפין איך פאַר נויטיג צו באַטאָנען און אויספאָרשן געגנוי צוליב עטלעכע טעמים: ערשטנס דערפאַר, וואָס דער אַלגעמיינער לייענער קאָן האָבן אַ פאַרדאַכט, אַז דער שרייבער, ווי אַ פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, האָט אפשר אַ וואונטש אָדער אַ נייגונג צו אימיטירן אומ־קריטיש דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַ מיינונג, אַז אַמעריקאַנער פאָליסי

דאַרף געבויט ווערן לויט דעם סאָוועטישן מוסטער. מיר מוזן אָפּוואַרפן אַלע אַזוינע געדאַנקען און אויפלייזן אַלע אַזוינע פאַרדאַכטן צווישן נישט־קאָמוניסטן, איידער מיר קאָנען שאַפן אַ באַזיס פאַר דיסקוטירן נאַציאָנאַלע איינִיגקייט אין אונזער לאַנד. צווייטנס, ווי אַ פּראַקטישער ענין, איז נאַציאָנאַלע איינִיגקייט אין אַמעריקע מער ווי אַלץ אַ פּראָבלעם פון צופּאַסן קלאַסן־אינטערעסן אין די שווערע קאַמפן, דורך וועלכע דאָס ווערט געוויינטלעך דערגרייכט; און אַזוי ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען ניטאָ אַזעלכע קלאַסן־אינטערעסן, קאָנען מיר ביי זיי נישט געפינען קיין ריכט־ליניע פאַר אונז אין אַמעריקע. נאַציאָנאַלע איינִיגקייט אין אַמעריקע קאָן דערגרייכט ווערן בלויז דורך אַ קאָמפּראָמיס צווישן אַנטקעגנגעזעצטע אינטערעסן, פאָדערונגען און שטרעבונגען פון פאַרשיידענע קלאַסן־גרופּירונגען (הויפּטזאַכלעך צווישן די, וואָס ווערן געוויינטלעך באַצייכנט ווי „קאַפּיטאַל און אַרבעט"), און דורך אַ קאָמפּראָמיס ,וואָס שטימט איין, צום ווייניגסטן צייטווייליג, צו שליכטן אַלע סכסוכים דורך אַרביטראַזש. די באַוועג־קראַפט הינטער אַזאַ קאָמפּראָמיס קאָן זיין בלויז עפּעס אַזוינס, וואָס איז געמיינשאַפטלעך פאַר אַלע צדדים — דאָס הייסט, פּאַטריאָטיזם, די געמיינשאַפטלעכע אַנטשלאָסנהייט צו געווינען די מלחמה, כדי אַמעריקע זאָל בלייבן לעבן, כדי דאָס אַמעריקאַנער פאָלק זאָל קאָנען אַנטשיידן זיין אייגענעם גורל און נישט ווערן קיין שקלאַפן ביי דער „אַקס".

דער פונדאַמענט פאַר אַזאַ איינִיגקייט איז, אין אַלגעמיינע שטריכן, אָוועקגעלייגט געוואָרן דורך די פּאָליסים, וואָס פּרעזידענט רוזוועלט האָט דעקלאַרירט. אין זייער קאָנקרעטער אָנווענדונג אויף שווערע און דעליקאַטע פּראָבלעמען זיינען אָט־די פּרינציפּן אויסגעדריקט אין דעם פּרעזידענט'ס באַרימטער זיבן־פּונקט פּראָגראַם, וואָס ער האָט פאָרגעבראַכט פאַר דעם קאָנגרעס דעם 27טן אַפּריל, 1942 און ברייטער דערקלערט אויף מאָרגן אין זיין ראַדיאָ־רעדע צום לאַנד. ס'איז די פּראָגראַם, וואָס ווערט אָפט באַצייכנט דורך דער גאַנגבאַרער פראַזע: „איקוואַליטי אָוו סעקריפאַיס" — דאָס הייסט, אַז אַלע זאָלן מקריב זיין אין אַ גלייכער מאָס אַלץ, וואָס איז נויטיג פאַרן זיג. ווען אָט־די פּראָגראַם זאָל אָנגענומען און דורכגעפירט ווערן, וואָלט זי געבראַכט אַ גאַראַנטיע פאַר יעדער קלאַס־גרופּירונג, אַז אַלץ וועט מאָבילי־זירט ווערן פאַרן זיג, אַז פּאָליסים וועלן באַשטימט ווערן בלויז דורך די באַדערפענישן פאַרן זיג, אַז ספּעציעלע אינטערעסן וועלן סובאָרדינירט ווערן צוליב אָט־דעם צוועק.

מיר אַמעריקאַנער קאָמוניסטן מאַכן אונזער ערשטן ביישטייער צו אָט־דער נאַציאָנאַלער איינִיגקייט דורך אויסדריקלעך סובאָרדינירן אונזער כאַראַק־טעריסטישסטע פּראָגראַמאַטישע פאָדערונג — פרידיגן סאָציאַליזם פאַר

אונזער לאַנד — צוליב דעם פּאַטריאָטישן ציל פון זיג. מיר דערקלערן, אַז מיר וועלן נישט פּרווון פאַרשטאַרקן אונזערע סאָציאַליסטישע פאַרשלאָגן אויף וועלכן ס'איז אופן, וואָס זאָל אונטערגראָבן אָדער אָפּשוואַכן די נאַציאָנאַלע איינהייט. מיר זיינען צווישן די ערשטע און ענערגישסטע, וואָס פאָדערן אויף די אַרבעטער־באַוועגונג צו קאָאָפּערירן פולשטענדיג מיט דער רעגירונג און די אַרבעטגעבער פאַר די געמיינשאַפטלעכע אויפגאַבן פון דער מלחמה.

די אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט, אויסגעדריקט אין דער אָרגאַניזירטער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, האָט אָנגענומען דעם פּרעזידענט'ס פּראָגראַם פאַר נאַציאָנאַלער איינהייט דורך דערקלערן, אַז ביז דער זיג וועט דערגרייכט ווערן, וועט דאָס כאַראַקטעריסטישסטע מיטל צו באַשיצן און פאַרבעסערן אַרבעט־באַדינגונגען — דער סטרייק — נישט באַנוצט ווערן. דאָס איז די געמיינשאַפטלעכע שטעלונג פון דער „אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר", דעם „קאָנגרעס פון אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס" (סי־אַי־אָ) און די אייזנבאַן־בראָדערהודס, וואָס נעמען אַרום כמעט די גאַנצע אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ גרויסע און שטייגנדיגע צאָל אַמעריקאַנער אינדוסטריאַליסטן, פינאַנסיסטן און זייערע עפנטלעכע פאַרשטייער און דענקער האָבן אָנגענומען די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער דאָזיגער פּראָגראַם, כאָטש אַ סך פון זיי דינגען זיך נאָך אַלץ וועגן די דעטאַלן פון איר אָנווענדונג.

דאָס איז דער פונדאַמענט פאַר נאַציאָנאַלער איינהייט אין די פאַראייניגטע שטאַטן. אויב אָט־דער פונדאַמענט וועט אויפגעבויט ווערן אויף אַן אויסגעהאַלטענעם אופן, איז נישטאָ קיין אורזאַך פאַרוואָס מיר זאָלן נישט געפינען אָט־די מאָס נאַציאָנאַלע איינהייט, וואָס איז אַזוי נויטיג פאַרן זיג.

ס'איז נישט גרינג אויסצואַרבעטן אַזאַ פּראָגראַם. „ביזנעס־עז־יוזשועל" („געשעפט ווי געוויינטלעך") און „פּאָליטיקס־עז־יוזשועל" („פּאָליטיק ווי געוויינטלעך") זיינען פּראַזן, וואָס דריקן אויס טיף־איינגעגלידערטע לעבנס־געוואוינהייטן, וואָס בלויז מיט גרויסע שוועריגקייטן ווערן זיי סובאָרדינירט צו די באַדערפעניש פון דער פּראָגראַם פאַר זיג. און אַלע שטרעבונגען אויפצולעבן די פאַר־מלחמה'דיגע פאַרביטערונגען און קאַמפן געפינען וויליגע פירער צווישן די, וואָס וואַרפן אָפּ דעם ציל פון זיג אָדער דעם מיטל צום זיג — נאַציאָנאַלע איינהייט. און אַזוי ווי נאַציאָנאַלע איינהייט איז אַזוי פּאָפּולער היינט־צו־טאָג, הויבן אפילו די שונאים אָן זייערע אַטאַקעס דורך שטיצן די נאַציאָנאַלע איינהייט מיטן מויל.

היינט־צו־טאָג, מער ווי ווען עס איז פריער, מוזן ווערטער באַשטעטיגט ווערן דורך מעשים, איידער מען קאָן זיי געטרויען. אַ וואָפּן־רוף פון ווערטער, בלויז אַ פּוסטער קלאַנג; זאָלן די טאַטן ענדלעך קומען, מיינע פריינט."

אָט־דער שפּרוך פון דעם גרויסן געטע װעגן אַ ציוויליזירטן דייטשלאַנד װאָלט באַדאַרפט באַנוצט װערן װי אַ נויטיגער ריכט־שנור אין דער מלחמה געגן נאַצי־דייטשלאַנד, װאָס לייקנט אָפּ אַלץ צו װאָס געטע האָט געשטרעבט. אַניט קאָנען מיר אויסדריקן דעם זעלביגן געדאַנק דורך דער אידיאָמאַטישער פּראַזע פון אונזער אייגענער מיזורי — מיר דאַרפן באַגעגענען יעדן צושטעלער פון גוטע צוזאָגן און שיינע װערטער מיט דער שאַרפער פאָדערונג: „שאָו מי!‟ („אַ־נו, װייז מיר!‟). עס קאָן נישט זיין קיין װירקזאַמע נאַציאָנאַלע אייניגקייט אויף אַ „קרעדיט־באַזיס‟; „דאָס בארע געלט‟ פון מעשים מוז באַשטעטיגן יעדן װאָרט.

אָט־דאָס איז די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט, װי ס׳איז די פּראָבלעם פון זיג: צו באַשטעטיגן די צוזאָגן דורך מעשים. װייל פּונקט װי אָט־דער שרעקלעכער מלחמה־שטורעם איז לויז־געלאָזט געוואָרן איבער דער װעלט דורך דעם, װאָס עס זיינען געבראָכן געוואָרן אַלערליי שיינע צוזאָגן, אַזוי קאָן דער זיג קומען פאַר די פרידן־ליבנדיגע פעלקער בלויז דעמאָלט, װען זיי װעלן זיך אויסלערנען דורכפירן אין לעבן די פּאָליטישע צוזאָגן מיט דער גאַנצער אומדערבאַרעמדיגקייט פון אַן אַמעריקאַנער געריכט, װאָס פירט־דורך אַ „מאָרטגעדזש‟־פאַרפליכטונג.

צו דער זעלביגער צייט מוז עס אָנערקענט װערן, אַז די באַדינגונגען פאַר דער נאַציאָנאַלער אייניגקייט (אויף װיפיל דאָס האָט צו טאָן מיט קאָמפּראָמיסן צווישן געגנזעצלעכע אינטערעסן) לאָזן זיך נישט פּינקטלעך אָפּװעגן און אָפּמעסטן. די פּראַזע „איקוואַליטי אָװ סעקריפאַיס‟ איז נישט קיין װיסנשאַפטלעכע פאָרמולע, נאָר אין בעסטן פאַל — אַן אומפּינקטלעכער מעטאָד, אַנטנומען פון פּראַקטישער דערפאַרונג. דאָס דריקט אויס אומגעפער דעם געדאַנק, אַז די עטאַבלירטע רעכט און גינסטיגע באַדינגונגען, װי זיי זיינען איינגעטיילט צווישן די װיכטיגסטע קלאַסן־גרופּירונגען פון דער באַפעלקערונג, װעלן נישט געענדערט װערן פונדאַמענטאַל דורכדעם, װאָס די דאָזיגע גרופּן װעלן אין דעם לויף פון דער מלחמה אויפגעבן די פריערדיגע מעטאָדן פון באַשיצן זיי — מעטאָדן, װאָס שליסן איין קאָנפליקטן און קאַמפן.

יעדער פאַרזוך אויסצוטייטשן בוכשטעבלעך די פּראַזע „איקוואַליטי אָװ סעקריפאַיס‟ אין דעם זין, אַז אַלע דאַרפן ברענגען אַ גלייכע מאָס קרבנות, װעט, נאַטירלעך, נישט העלפן צו דערפירן די מלחמה צו אַ זיג, נאָר פאַר־קערט—דאָס װעט האָפענונגסלאָז סאַבאָטאַזשירן דעם ציל. עס איז ניטאָ און עס קאָן ניט זיין קיין בוכשטעבלעכע גלייכקייט פון קרבנות פאַר די אַרבעטער און די קאַפּיטאַליסטן אין דער איצטיגער מלחמה. די אַרבעטער מוזן ברענגען די הויפּט־קרבנות און זיי האָבן גענוג געזונטן פאַרשטאַנד דאָס צו װיסן,

און גענוג פּאַטריאָטיזם נישט אויסצוזעצן געגן דעם. די אַרבעטער און די פּאַרמער, די מענער און פרויען וואָס האָרעווען, ברענגען שוין איצט און וועלן ווייטער ברענגען די גרעסטע מאָס קרבנות, וואָס אָן דעם וואָלט דער זיג אין דער איצטיגער מלחמה געווען אוממעגלעך. זיי דינגען זיך נישט און וועלן זיך נישט דינגען וועגן דער גענויער מאָס פון יעדן קרבן. זיי זיינען פאַראינטערעסירט בלויז אין אַ זיג און זיי זיינען גרייט צו צאָלן דעם נויטיגן פּרייז, וואָס דער פּרייז זאָל נישט זיין. זיי זיינען אָבער אויך אַנטשלאָסן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל ביישטייערן צום זיג אין דער מעגלעך־פולסטער מאָס, און אַז קיינע ספּעציעלע אינטערעסן זאָלן נישט שטערן, אָדער שוואַך־מאַכן, אָדער פאַרהאַלטן דעם זיג.

די מער וויסנשאַפטלעכע פאָרמולירונג פון אָט־דעם פּרינציפּ פון „גלייכקייט" קאָן דעריבער אויסגעדריקט ווערן אומגעפער אַזוי: „יעדע גרופּע און יחיד איז אין אַ גלייכער מאָס פאַרפליכטעט צו געבן אַלץ וואָס איז נויטיג פאַרן זיג — צי דאָס איז לעבן, אַרבעט אָדער אייגנטום." און כדי צו פאַרגאַנצן אָט־דעם באַגריף, איז נויטיג צוצוגעבן: „אַלע איינקונפטן זאָלן באַשרענקט ווערן אין לויף פון דער מלחמה צו דעם מינימום, וואָס איז נויטיג, אַז יעדער מענטש זאָל ברענגען דעם מאַקסימום לייסטונג אויף זיין געהעריגן געביט."

דער פּרעזידענט האָט אויסגעטייטשט זיינע פאָרשלאָגן מיט אַ ברייטער נאָכגיביגקייט צו די באַזיצנדיגע קלאַסן, ווען ער האָט צוגעשטימט, אַז אַן איינקונפט פון 25 טויזנט דאָלער אַ יאָר — נאָכדעם ווי אַלע שטייערן זיינען אָפּגעצאָלט — זאָל דערלויבט ווערן פאַר די רייכסטע יחידים, כדי אָנצוהאַלטן זייער לאָיאַליטעט און פּאַטריאָטיזם און צו זיכערן זייער שטיצע פאַר דער מלחמה. דאָס איז אַ גאַנץ באַקוועמער „סילינג" פאַר זייערע איינקונפטן, און ס'איז צו האָפן, אַז ער וועט דערגרייכן דעם געוואונטשטן ציל. דער קאָנגרעס האָט ביז איצט זיך אָפּגעזאָגט צו גלויבן, אַז די לאָיאַליטעט פון דעם אויבערשטן קלאַס צו זיין לאַנד קאָן גיין האַנט אין האַנט מיט אַזאַ „נידעריגן" לעבנס־סטאַנדאַרד, נאָר דאָס לאַנד בכלל איז, ווייזט אויס, איינשטימיג מיטן פּרעזידענט און וועט באַקערן דעם קאָנגרעס צו אָט־דעם שטאַנדפּונקט. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט נישט פּראָטעסטירט געגן אָט־דער גרויסמוטיגער הנחה צו די פּריווילעגירטע קלאַסן, פאַרשטייענדיג, אַז אפילו אין אַ באַלאַנסירטער ציוויליזאַציע דאַרף מען זיך באַגיין מילד און נאָכגיביג מיט אַזוינע מענטשן, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין לוקסוס און לײדיג־גיין. אפילו די קאָמוניסטן האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין נייגונג צו פאָדערן מער דראַסטישע באַשרענקונגען פאַר די אויבערשטע קלאַסן. דער דראַנג צו נאַציאָנאַלער אייניגקייט האָט אַזוי אַרום צו־שטאַנד געבראַכט אַן אומגעווײנט־

לעבע טאָלעראַנץ צו די פּאַראורטיילן און שוואַכקייטן פון די פאַרשיידענע גרופּירונגען אין זייער שייכות איינע צו דער אַנדערער.

די דאָזיגע קאָמפּראָמיסן זיינען נויטיג פאַר דער נאַציאָנאַלער איניקייט אין אונזער לאַנד. מיר מוזן געפינען אַ וועג צו פינאַנצירן, אָרגאַניזירן און אויסקעמפן די איצטיגע מלחמה ביז צו אַ זיג — אַ וועג, וואָס זאָל זיין אָננעמבאַר פאַר די באַזיצנדיגע קלאַסן (אינדוסטריאַליסטן, באַנקירן, באַנד־אייגנטימער און זייערע וויכטיגסטע געדונגענע מענטשן) און צו דער זעלביגער צייט זאָל ער זיין גענוג ווירקזאַם פאַר אַ זיגרייכן אויסגאַנג. ווייל אויב אָט־די מענטשן זאָלן ווערן אומצופרידן און זיך נעמען סאַבאָטאַזשירן די מלחמה, קאָנען זיי אָנטאָן זייער אַ סך שאָדן, און די נויטיגע מיטלען אויף צו אונטערדריקן זייער ווידערשטאַנד וואָלטן געווען מער שעדלעך און וואָלטן געקאָסט טייערער ווי די קאָנצעסיעס, וואָס מוזן געמאַכט ווערן, כדי זייי אַריבערצוגעווינען פאַר אַ פּראַקטישן קאָמפּראָמיס. דער פאַקט, וואָס ס'איז בכלל מעגלעך וועלכער ס'איז קאָמפּראָמיס מיט די אויבערשטע קלאַסן, איז אַ באַווייז, אַז אויך ביי זיי איז פאַראַן דער פּאַטריאָטישער דראַנג, ווי ביי דעם אַרבעטער־קלאַס און די פאַרמער. מיר מוזן זיך שטיצן אויך אויף דעם פּאַטריאָטיזם פון די רייכע — אַ פּאַטריאָטיזם, וואָס ווערט סטימולירט דורך זייער פאַרשטאַנד, וועלכער זאָגט זיי, אַז אַ זיג פון דער „אַקס" איבער די פאַראייניגטע שטאַטן וואָלט זיי איבערגעגעבן צו דעם ווייך־האַרציגן גנאָד פון די היטלערס, גערינגס און הימלערס, וואָס ביי יענע רינט די סלונע יעדן מאָל, ווען זיי שטעלן זיך פאַר די פרייד פון פּלינדערן די רייכע מענטשן אין אַמעריקע.

אָפּגעזען פון די פאַרלאַנגען פון די אייגנטום־באַזיצער און קופּאָנען־שניידער, וואָס מוזן באַגעגנט ווערן דורך אַ קאָמפּראָמיס מיט גרויסמוטיגע הנחות פאַר זייער טובה וועגן, מוז די גאַנצע נאַציאָנאַלע איינקונפט באַנוצט ווערן פאַר די באַדערפעגישן פון טאָטאַלער מלחמה. דאָס הייסט, אַז די גאַנצע אַרבעט־קראַפט פון לאַנד דאַרף זיין באַשעפטיגט און פּראָדוצירן דעם מאַקסימום, בעת דער געברויך דאַרף דערפירט ווערן צום סאַמע מינימום, וואָס איז נויטיג פאַר דעם מאַקסימום „עפישענסי" אין דער פּראָדוקציע. מענטשן, מאַשינען און מאַטעריאַלן מוזן זיין באַשעפטיגט אין דער פּראָדוקציע פון קריגס־געצייג — קאַנאָנען, טאַנקען, עראָפּלאַנען, שיפן, אויפרייס־שטאָפן און די אַלע ווייסנשאַפטלעכע אויסשטאַטונגען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער פיזישער פאַרניכטונג פון דעם שונא. לוין און געהאַלט (ווערדזשעס און סאַלאַרים), וואָס ווערט געצאָלט צו אַרבעטער און פאַרוואַלטער, און צו די באַוואָפנטע כחות פון אַ באַפעלקערונג, וועלכע איז פולשטענדיג צוגעפּאַסט צו אַ קריגס־ווירטשאַפט, שטעלט מיט זיך פאַר אין אַזאַ ווירטשאַפט די גאַנצע

נאַציאָנאַלע איינקונפט (מיט דער אויסנאַם פון די אויבן־אָנגעצייכנטע קאָנ־צעסיעס צו די אויבערשטע קלאַסן); און אָט־די איינקונפט קאָן אויס־געברייטערט ווערן אָן אַ גרענעץ, ביז צו דער פולסטער מאָס פון אַלע פּראָדוקטיווע כחות פון לאַנד.

ווייטער איז נויטיג צו פאַרשטיין, אַז ביים פאַרטיילן די נאַציאָנאַלע איינקונפט צווישן אַרבעטער (אַריינגערעכנט פּאַרמער), פּאַרוואַלטער און באַוואָפנטע כחות, וועט דער איינציגער סטאַנדאַרד פון צופּאַסן באַלוינונג צו די באַדערפענישן פון דער פּראָדוקציע (דער איינציגער סטאַנדאַרד, וואָס איז באַרעכטיגט דורך דעם שטרענגסטן פּאַטריאָטיזם) מוזן לײַדן פון ווייטערדיגע קאָמפּראָמיסן. געשעפט־פּאַרוואַלטער זיינען אַזוי שטאַרק צוגעוואוינט צו קריגן איינקונפטן, וואָס זאָלן זיין כמעט גליך מיט די העכסטע איינ־קונפטן פון אייגנטום, אַז זיי וועלן מוזן קריגן קאָנצעסיעס אויף דעם חשבון פון די מאַסן און פון דער טאָטאַלער מלחמה־אָנשטרענגונג. דאָס מעג באַדויערט ווערן פון אַבסטראַקטן שטאַנדפּונקט, אָבער אָפּוואַרפן טאָר מען דאָס ניט; מען קאָן דאָס בלויז קאָנטראָלירן צוליב פּראַקטישע מאָטיוון — די מאָטיוון, וואָס אין די אינטערעסן פון ווילינער נאַציאָנאַלער איינינקייט מצד אַלע גרופּן בויגן זיי זיך פאַר איינגעפעסטיגטע געוואוינהייטן און פאַר־אורטיילן אויף דעם געביט פון נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט.

פון אָט־די באַטראַכטונגען וועגן דעם עקאָנאָמישן באַזיס פון דער נאַציאָנאַלער איינינקייט פאַר די צוועקן פון זיג ווערט קלאָר, אַז דער פּרינציפּ פון „גלייכע קרבנות” קאָן ניט אָנגעווענדט ווערן פולשטענדיג, אַז „אומ־גלייכקייט” וועט ווייטער גילטן און אַז אין בעסטן פאַל קאָנען מיר האָפן צו דערגרייכן אַ געוויסע שטופע פון אומגעפעריגער גלייכקייט. יעדער איינער מוז עפּעס מקריב זיין, אַזוי אַז די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע און עקאָנאָמישע סטרוקטור, ווי זי איז איצט, זאָל ניט געענדערט ווערן פונדאַמענטאַל, סיידן צוליב דעם איין־איינציגן מאָטיוו, וואָס דאַרף באַהערשן יעדע פּערזאָן און יעדע גרופּע — צוליב אומפאַרמיידלעכער מיליטערישער באַדערפעניש. און די אַלגעמיינע שטריכן פון דער פּראַקטישער אָנווענדונג פון אָט־די פּרינציפּן מוזן באַרעכטיגט ווערן דורך דעם געזונטן פאַרשטאַנד און דער עפנטלעכער מיינונג פון פאָלק, פון זיינע הויפּט־גרופּירונגען, און קריגן דערויף זייער שטיצע.

די אינדוסטריעלע אַרבעטער און די פאַרמער וועלן ניט זיין איבעראַשט אויסצוגעפינען, אַז דער ענין „גלייכע קרבנות” רעדוצירט זיך אין דער פּראַקטיק צו אַן אומגלייכן שווערן לאַסט פאַר די וואָס האָרעווען. דאָס איז געווען זייער דערפאַרונג אַזוי לאַנג, אַז זיי וואָלטן געווען גוואַלדיג איבער־ראַשט, ווען עס זאָל פּאַסירן אַנדערש. און זיי וועלן גאָר ניט אויסזעצן געגן

טראָגן די שווערע לאַסט פון דער איצטיגער מלחמה, אויב זיי וועלן זיין איבערצייגט, אַז עס ווערט דורכדעם דערגרייכט אַ ווירקלעכע און ווירקזאַמע מאָביליזאַציע פון דעם לאַנד, פון דער מענטשן־קראַפט און די מאַטעריעלע מיטלען, וואָס זיינען נויטיג צום זיג. ווען דעם פּרעזידענט׳ס זיבן־פּונקט־פּראָגראַם פון דעם 27טן אַפּריל זאָל אויף אַן ערנסטן אופן פאַרקערפּערט ווערן אין די געהעריגע געזעצן און דורכגעפירט ווערן אין פּראַקטישן לעבן, וואָלט דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון נאַציאָנאַלער איינִיגקייט, אויף וויפיל דאָס האָט צו טאָן מיט קלאַס־פאַרהעלטענישן, געזיכערט געוואָרן אַזוי פולשטענדיג ווי מען קאָן נאָר האָפן אין אַט־דער אומפּולקאָמענער וועלט. עס איז אמת, אַז די זיבן־פּונקט־פּראָגראַם נעמט ניט אריין די לעבנס־וויכטיגע פראַגע פון פּראָדוקציע, וואָס וועט באַהאַנדלט ווערן אין ווייטערדיגע קאַפּיטלען.

ווען אימיצער פאָדערט וועלכע ס׳איז שריט, וואָס גייען ווייטער פון אַט־דער פונדאַמענטאַלער סכעמע, מיינט עס בלויז, אַז ער האָט דערביי אַן אַנדער ציל, וואָס ער באַטראַכט פאַר מער וויכטיג איידער דער זיג אין דער מלחמה, מער וויכטיג איידער די ווייטערדיגע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, מער וויכטיג איידער אויסמיידן אַ נאַצישע וועלט־אימפּעריע געבויט אויף שקלאַפעריי. אַט־דער קריטעריי איז אַ מעכער מיט צוויי שאַרפן: ער איז פּונקט אַזוי שאַרף קעגן אוטאָפּיסטישע פּלאַנירער און פּריידיגער פון „סאָציאַליזם איצט" אין אַמעריקע ווי קעגן „ביזנעס עז יוזשועל", „מאַקסימום פּראָפיטן עז יוזשועל", „פּאָליטיקס עז יוזשועל" — די פּאָליסים און פירונגען, וואָס גילטן צווישן אינדוסטריאַליסטן, פינאַנץ־מענטשן און פּאָליטישנס.

נאָר אויב מיר מוזן נויטיגערווייז איינגיין בלויז אויף אַן אומגעפעריגער גלייכקייט פון קרבנות פאַר די וויכטיגסטע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע קלאַסן און גרופּירונגען, איז אָבער פאַראַן אַן אַנדער קאַטעגאָריע פּראָבלעמען, וואו נאַציאָנאַלע איינִיגקייט פאָדערט אַ מער שטרענגע אויסטייטשונג פון גלייכקייט. כאַראַקטעריסטיש פאַר אַט־דער קאַטעגאָריע איז די פּראָבלעם פון אונזערע דרייצן מיליאָן נעגער־בירגער, אַ צענט־חלק פון דער באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן. דאָ וואָלט עס געוועזן אַ קאַטאַסטראָפישע צעשטערונג פון נאַציאָנאַלער איינִיגקייט, ווען מיר זאָלן פּרוּוון מאַכן שלום מיט דעם „סטאַטוס־קוואָ", מיט דער לאַגע ווי זי איז איצט — אַ לאַגע פון דער שענד־לעכער ירושה פון לייב־קנעכטשאַפט, געבויט אויף היטלערישע ראַסן־באַגריפן; דאָס וואָלט אויך אונטערגעגראָבן די פאַראייניגטע מלוכות, פאַרניכטעט דעם צוטרוי צווישן אַמעריקע פון איין זייט און אונזערע פאַרבינדעטע און פּאָטענציעלע פאַרבינדעטע צווישן די קאָלירטע ראַסן פון דער אַנדערער זייט. מיר טאָרן ניט וואָגן צו בלייבן זעלבסטצופרידן מיט דעם איצטיגן סטאַטוס

פון די נעגער־בירגער אין אַמעריקע, ווייל דאָס שטעלט אונז אויס צו דער געפאַר פון אַ דערנידעריגענדער מפּלה אין דער מלחמה.

מיר מוזן, ווי אַ מלחמה־באַדערפעניש, זיך נעמען סיסטעמאַטיש און אומדערבאַרעמדיג אויסמעקן יעדן געזעץ, יעדן מנהג און געדאַנקען־געוואוינ־הייט, וואָס ווערט אָנגעווענדט אויף אָנצוהאַלטן אַן אומגלייכן סטאַטוס צווישן נעגערס און ווייסע בירגער אין אַמעריקע, וואָס דאָס איז אַן אָפענע און גראָבע פאַרלעצונג פון אונזער קאָנסטיטוציע.

פּוירל באָק, די באַרימטע שריפטשטעלערין, האָט לעצטנס אַרויסגעבראַכט אָט־דעם פונדאַמענטאַלן אמת פאַר אונזער לאַנד, מיט אַלע זיינע ברייטע פאַרצווייגונגען, אויף אַ קרעפטיגן אופן אין אַ סעריע פּרעכטיגע, מיטרייסנדיגע און טיף־שׂכל'דיגע רעדעס און אַרטיקלען.*)

מרס. באָק האָט געמאַכט אַ ביישטייער פון היסטאָרישער וויכטיגקייט צו דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער פּאָליסי, היימישע און אויסלענדישע, אין אָט־די אויסערונגען. דאָס איז פון דעם מין חכמה, וואָס וואָלט געקאָנט געוועזן פאַרמיידן די איצטיגע קאַטאַסטראָפישע מלחמה, און דער איינציגער מין חכמה, וואָס קאָן איצט די מלחמה געווינען.

אָפּליגנדיג אויף אַ ווייטערדיגן קאַפּיטל די דעטאַליזירטע באַטראַכטונג פון די פּראָבלעמען פון גלייכקייט פאַר נעגערס, מוזן מיר דאָ פאַרצייכענען נאָך עטלעכע ביישפּילן פון אומגלייכקייטן, וואָס דאַרפן באַלד פאַרריכט ווערן.

די איצטיגע מלחמה, וואָס ציט אַריין מיליאָנען פון אונזערע מענער אין די באַוואָפנטע כחות, ברענגט במילא אַריין מער מיליאָנען פרויען צו פאַרנעמען זייער אָרט אין דער עקאָנאָמישער מאַשינעריע פון לאַנד. כדי אָט־די ריזיגע איבערשיכטונג זאָל דורכגעפירט ווערן מיט אַ מינימום רייבונג און פאַרלוסט, איז עס דריגענדיג נויטיג אָפּצושאַפן אַלע רעשטלעך פון אומגלייכקייט צווישן מענער און פרויען; עס מוז עקאָנאָמיש דורכגעפירט ווערן די שטרענגסטע גלייכקייט פון לוין פאַר פרויען און מענער, וואָס טוען די זעלבע אַרבעט, און גלייכע געלעגנהייטן פאַר קריגן און באַהערשן אַלע באַ־שעפטיגונגען; בעת אין עפנטלעכן לעבן מוז אָפּגעשאַפט ווערן יעדע שטערונג פאַר שנעל אַוואַנסירן פרויען צו פּאָזיציעס פון פירערשאַפט און עס מוז דורכגעפירט ווערן אַ פּאָליסי פון דרייסטע אַוואַנסירונגען פאַר פרויען. די פרויען פון אַמעריקע וועלן צושטעלן צום ווינציגסטן אַ העלפט פון דער ענערגיע און אַנטשלאָסנהייט, וואָס פאָדערט זיך פון אונזער לאַנד פאַר דעם זיג.

עס בלייבט די פּראָבלעם פון יענע גרופּן אַמעריקאַנער, וואָס שטאַמען

---

*) פּוירל באָק, „אַמעריקען יוניטי ענד עיזשיאַ", ניו יאָרק, 1942.

פון אַנדערע לענדער, די אימיגראַנטן און קינדער און קינדס־קינדער פון אימיגראַנטן, וועלכע האָבן אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן אַנטוויקלט זייערע היימישע נאַציאָנאַלע קולטורן און אַפילו זייערע שפּראַכן: אירלענדיש־אַמעריקאַנער, טשעכיש־אַמעריקאַנער, איטאַליעניש־אַמעריקאַנער, פּויליש־אַמעריקאַנער א. אַז. וו. עס בלייבט נאָך אַלץ אין דעם פּראַקטישן לעבן פון אַמעריקע אַ מאָס דיסקרימינאַציע געגן די דאָזיגע נאַציאָנאַליטעט־גרופּן, וואָס ווערט באַזונדער שעדלעך אין צייט פון מלחמה. זיי זיינען אַ לעבנס־וויכטיגער טייל פון אַמעריקאַנער מענטשן־קראַפט. זיי האָבן זייערע אייגענע מאָטיוון צו האַסן היטלער׳ן, ווי אַ צוגאָב צו די מאָטיוון, וואָס זיינען געמיינשאַפטלעך פאַר אַלע פּאַטריאָטישע אַמעריקאַנער. וועגן זייער לאָיאַליטעט צו אַמעריקע קאָן ניט זיין קיין צווייפל. זייערע ספּעציפישע כאַראַקטער־שטריכן מאַכן פאַר זיי מעגלעך צו ברענגען זייער אַ וויכטיגן בייטראָג צו דעם זיג פון די פאַר־אייניגטע מלוכות, ווייל זייערע שטימונגען קאָנען אַריינדרינגען טיף אין די היטלער־באַהערשטע לענדער פון אייראָפּע, וואו די באַפעלקערונג מוז אויפ־געהויבן און אָרגאַניזירט ווערן צו קעמפן צוזאַמען מיט אונז. אָבער דער אויסגאַנג־פונקט פאַר אַלצדינג, וואָס אַט־די מיליאָנען אַמעריקאַנער קאָנען בייטראָגן צום זיג, מוז זיין די גאַראַנטיע מצד אונזער לאַנד פון פולשטענדיגער גלייכקייט פאַר זיי אויף יעדן געביט פון לעבן. אָן דעם ווערט אונזער קאַמף אויף אַ פּאַטאַלן אופן קאָמפּראָמעטירט דורך דעם סם פון היטלעריזם.

צווישן אַלע אויסדרוקן פון נאַציאָנאַלע און ראַסן־דיסקרימינאַציעס, וואָס פאַרפלעקן דאָס פּנים פון אונזער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, שאַפט אַנטיסעמיטיזם — די דיסקרימינאַציע און פאַרפאָלגונג וואָס איז געווענדט געגן די אידן — די קלאָרסטע פאַרבינדונג מיטן היטלעריזם. אומעטום, וואו אַט־די אַנטי־אידישע אידעאָלאָגיע באַווייזט זיך, שטעקט אַ ווירקלעכער אָדער פּאָטענציעלער אַגענט פון פּאַשיסטישן פינפטן קאָלום, אַן ארויסהעלפער פאַר היטלער׳ס פּלענער הינטער אונזערע אייגענע ליניעס. דאָס איז איינער פון די געפערלעכסטע, איינגעגעסנסטע און ווייט־פאַרשפּרייטסטע איינפלוסן, וואָס גראָבט אונטער אונזער נאַציאָנאַלע אייניגקייט, צעשטערט אונזער נאַציאָנאַלע פּאָליסי און גרייט צו דעם וועג צו נידערלאַגע און פאַרניכטונג פאַר אונזער לאַנד. אַנטיסעמיטיזם קאָן מער ניט טאָלערירט ווערן. געגן דעם מוז געפירט ווערן אַ מלחמה מיט פּונקט אַזוי פיל ערנסטקייט, ווי די גאַנצע מלחמה געגן היטלער׳ן.

אין דעם דאָזיגן קאַפּיטל איז די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט באַטראַכט געוואָרן פון דעם שטאַנדפּונקט פון די פונדאַמענטאַלסטע עקאָ־נאָמישע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וואָס אַט־די פּראָבלעם נעמט אַרום. בלויז פאַרבייגייענדיק זיינען דערמאָנט געוואָרן פּאָליטישע פּאַרטייען און

פּאָליטישע פּראָגראַמען. אין אַ היבשער מאָס מוז אָבער די פּאָליסי, וואָס איז דאָ באַטראַכט געוואָרן, געפּורעמט ווערן דורך די אינסטרומענטן פון פּאָליטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. ס׳איז דעריבער נויטיג אויסצופאָרשן די פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען. דאָס וועט געטאָן ווערן אין די קומענדיגע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל זיבן

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און נאַציאָנאַלע אייניגקייט

אַזוי ווי איך שרייב אַלס פאָרשטייער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטן, מעג מען דערוואַרטן פון מיר איך זאָל באַהאַנדלען די פראַגע וועגן מיין אייגענער פּאַרטיי אין באַצוג צו נאַציאָנאַלער אייניגקייט איידער איך רעד געגויער וועגן די אַנדערע פּאַרטייען. דאָס איז באַזונדער נויטיג, ווייל היטלער מיט זיינע אַגענטן און אָנהענגער אין יעדן לאַנד האָט דעם אַני־מאַמין פון אַנטי־קאָמוניזם געמאַכט פאַר זיין הויפּט געהיים־וואָפן אויף אויפצורייסן די נאַציאָנאַלע אייניגקייט פון אַלע לענדער בעת ער האָט זיך געגרייט זיי צו באַזיגן און פאַרשקלאַפן. און אין ערגעץ האָט היטלער ניט אויסגענוצט זיין געווער אַזוי ווירקזאַם ווי אין די פאַר־אייניגטע שטאַטן. ער האָט מאָביליזירט זיינע כחות דירעקט געגן פּרעזידענט רוזוועלט גופא, אָפן אונטער די לאָזונגען פון קאַמף געגן קאָמוניזם.

לעצטנס האָב איך דערהאַלטן אַ גוט־געשריבענעם בריוו איבער דער פראַגע — אַ בריוו פון אַרום זעקס טויזנט ווערטער, פון אַ הייסן „ניו־דילער", וואָס מען קאָן זיך אָנשטויסן וועגן זיין סאָציאַלן שטאַנד לויט דעם באַצירטן פיינעם לייוונט־פּאַפּיר. דער טשוואָק פון אָט־דעם דזשענטלמענ׳ס פאָרשלאַג צו שליכטן די פראַגע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און קאָמוניזם איז, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך אויפלייזן און יעדער געוועזענער מיטגליד זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד.

פון קאָמוניסטן דערוואַרט מען זיי זאָלן געבן ערנסטע ענטפערס אויף אַלע פאָרשלאָגן, אפילו אויף אַזאַ־אַ. לאָמיר דעריבער אָנהויבן דורך דערקלערן דעם דזשענטלמאַן, און אַנדערע וואָס דענקען ווי ער, פאַרוואָס די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי קאָן ניט צושטימען צו דעם פאָרשלאָג פון זעלבסטמאָרד אַלס אַ מיטל צו אַנטוואָפענען היטלער׳ן.

אויסלאָזנדיק דעם אויגנשיינלעכן ענטפער, אַז די מענטשלעכע דערפאַרונג האָט שוין לאַנג פעסטגעשטעלט די נוצלעכקייט פון זעלבסטמאָרד ווי אַ לייזונג פון וועלכער ניט איז פּראָבלעם, וועלן מיר קלאָר מאַכן פאַרוואָס אָט־דער שריט וואָלט ניט געהאָלפן אין דעם געגעבענעם פאַל.

טאָמאַס דזשעפערסאָן איז פאַרשריגן געוואָרן אַלס קאָמוניסט און רויטער דורך די פעדעראַליסטן, פאַר און נאָכדעם ווי ער איז דערהויבן געוואָרן צום פּרעזידענט־אַמט, און ס'האָט גאָרניט געהאָלפן אָנצואווייזן, אַז עס איז גאָר דעמאָלט ניט געווען קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

ענדריו דזשעקסאָן איז פאַרשריגן געוואָרן אַלס קאָמוניסט און רויטער, און ער האָט געמוזט אויסקעמפן די שטרייט־פראַגן פון זיין צייט לויט זייער עצם, נישט געקוקט דערויף וואָס ס'איז דעמאָלט קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן ניט געווען.

אייבראַהאַם לינקאָלן איז פאַרשריגן געוואָרן אַלס אַ קאָמוניסט און רויטער סיי פון די שקלאַפן־האַלטער, סיי פון די „קאָפּערהעדס" פון צפון. אין זיין צייט זיינען שוין געווען אַמעריקאַנער קאָמוניסטן און אויך אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע, נאָר לינקאָלן האָט פון זיי ניט פאַרלאַנגט זיי זאָלן באַגיין זעלבסטמאָרד. אָנשטאָט דעם האָט ער זייערע אַמעריקאַנער פירער איינגעשוואָרן אַלס אָפיצירן אין דער אַרמיי און אויס־געדריקט זיין דאַנקבאַרקייט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע (ערשטער אינטערנאַציאָנאַל) פאַר דער הילף, וואָס זי האָט געבראַכט אין אייראָפּע דעם קאַמף קעגן שקלאַפעריי. ס'וואָלט אים זיכער קיין גוטס ניט געטאָן, ווען די קאָמוניסטן פון זיין צייט וואָלטן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

דזשעפערסאָן, דזשעקסאָן און לינקאָלן זיינען געווען די הויפּט־פיגורן ביים איינשטעלן די אַמעריקאַנער טראַדיציע פון אַ זעלבסט־רעגירנדיגער דעמאָקראַטיע. אַלע דריי זיינען זיי געווען קרבנות פון „רעד בעיטינג", אָבער קיין איינער פון זיי האָט זיך אַליין ניט אַראָפּגעלאָזט צו „רעד־בעיטינג".

ניטאָ היינט קיין אורזאַך צו ענדערן די טראַדיציע פון אָט־די גרויסע אַמעריקאַנער. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט איר פּלאַץ אין דער גרויסער אַמעריקאַנער טראַדיציע און אָן איר וואָלט אונזער דעמאָקראַטיע געווען אָרימער.

היינט פאַרוואָס דער גוואַלד קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי? פאַר־וואָס די שיעור־ניט־היסטעריע, מיט וועלכער אָט־די פראַגע ווערט באַהאַנדלט אין עפנטלעכן לעבן? פאַרוואָס זיינען אַזוי פיל מענטשן גרייט אויסצושליסן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן פון דעם רעכט און די פּריווילעגיעס, וואָס זיינען לויט דער קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט פאַר אַלע בירגער, בלויז אויפן גרונט

פון די פּאָליטישע מיינונגען פון קאָמוניסטן? פאַרוואָס זיינען זיי גרייט צו פּראָקלאַמירן דעם באַנקראָט פון דעם דעמאָקראַטישן פּראָצעס, ווען עס קומט צום קאָמוניזם?

זיכער ווייסט איצט יעדער פּאַטריאָטישער אַמעריקאַנער, אַז היטלער׳ס גרויסע קאַמפּאַניע געגן דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז געווען אַ גרונט־טייל פון זיין קאַמפּאַניע צו פאַרכאַפּן די וועלט. ווען אַנדערע דייטשע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן היטלער׳ס געשריי, האָבן זיי געגעבן היטלער׳ן די הילף, וואָס ער האָט געדאַרפט אויף, צו פאַרכאַפּן די מאַכט, נאָר מיט דעם האָבן זיי אונטערגעשריבן זייער אייגענעם טויט־אורטייל, דאַטירט מיט בלויז עטלעכע חדשים שפּעטער.

זיכער ווייסט שוין היינט יעדער פּאַטריאָטישער אַמעריקאַנער, אַז היטלער׳ס באַרימערישער „קרייץ־צוג געגן באָלשעוויזם" אויף אַן אינטער־נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב האָט געהאַט דעם ענד־ציל צו באַזיגן און צעראַבירן די פאַראייניקטע שטאַטן גופא. ווען אַנדערע פעלקער האָבן דערלאָזט, אַז זיי זאָלן צעטיילט ווערן איבער דער דאָזיגער שטרייט־פראַגע, זיינען זיי געפאַלן קרבנות פון היטלער׳ס פּאַנצער־דיוויזיעס.

ווען פראַנקרייך האָט דערגרייכט איר העכסטן קריזיס האָבן די לאַוואַלס און פּעטעינס, היטלער׳ס אַגענטן, פאַרכאַפּט די מאַכט פון אינעווייניג פאַר זייער באַלעבאָס, אונטערן צודעק פון אַ קאַמפּאַניע אויסצושליסן די פראַנ־צויזישע קאָמוניסטן פון דעם פּאַרלאַמענט און סענאַט, אַרעסטירנדיג קאָמוניסטן מאַסנווייז, מיט דער צושטימונג און קאָאָפּעראַציע פון אַלע אַנדערע פּאַרטייען. נאָר ווען דער רויך איז זיך צעגאַנגען האָבן היטלער׳ס אַגענטן געהאַט דעם פולן קאָנטראָל איבער דעם לאַנד. די אַנדערע פּאַרטייען זיינען אויך פאַרניכטעט געוואָרן און פראַנקרייך איז געבליבן ליגן אַן אויסגעשעפּטע אונטער דעם נאַצי־רעזשים.

פונדעסטוועגן זיינען פאַראַן אַ סך אומשולדיגע מענטשן, וואָס זיינען פאַרפירט פון היטלער׳ן. צוליב אָט־די מענטשן מוז די פראַגע קלאָר געמאַכט ווערן, אָבער און ווידער. און ס׳האָט זיך דערווייל נאָך ביז איצט נים באַוויזן קיין איינער, וואָס זאָל קאָנען אָט־די פראַגע קלאָר מאַכן בעסער ווי די קאָמוניסטן אַליין טוען דאָס. דאָס איז איינע פון די גרויסע לייסטונגען, וואָס מיר, קאָמוניסטן, דאַרפן ביישטייערן צו די פאַראייניגטע מלוכות.

ווען האָט דער אַנטי־קאָמוניסטישער געשריי אין די פאַראייניגטע שטאַטן גענומען שטייגן ביז היסטעריע? איז געדענקט? דאָס איז געווען אין 1933. דאָס איז געווען פּונקט אין יענעם מאָמענט, ווען די ווירקלעכע געפאַר, היטלער, איז נאָר־וואָס געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. דער דאָזיגער געשריי האָט פאַרטויבט די וועלט, אַז מען זאָל נים באַמערקן די אמת׳ע געפאַר.

ווער האָט אָנגעהויבן דעם דאָזיגן גוואַלד אין די פאַראייניגטע שטאַטן? איר געדענקט? דאָס האָט האַמילטאָן פיש, צוזאַמען מיט אַלערליי שותּפים זיינע, אָפּן זיך געפּיקט ווי אַ ברענטש־אָפיס פון היטלערס פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ אין בערלין.

אין יאָר 1933 האָט היטלער געשאַפן דאָס, וואָס ער האָט גערופן „די אַלגעמיינע ליגע פון דייטשע אַנטי־קאָמוניסטישע פאַראיינען" מיט אַ הויפּט־צענטער אין דעם אייראָפּע־הויז אין בערלין. אָט־די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַן „אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיטע צו באַקעמפן די וועלט־געפאַר פון קאָמוניזם", מיט אירע פאַרבינדונגען אין אַלע לענדער, איז געווען דער אורשפרונג פון דער „אַנטי־קאָמינטערן אַקס". אָט־די קאָמיטע האָט געהאַט אַן אָפּטיילונג אין די פאַראייניגטע שטאַטן. די אַמעריקאַנער סעקציע האָט אָפּגעפייערט היטלער׳ס גרויסן פּראָפּאַגאַנדע־שאָס דאָ אין לאַנד גאַנץ אָפן ווי זיינע אַגענטן. די לייט פון דער קאָמיטע האָבן דאָ פאַרשפּרייט דעם בוך, „קאָמוניזם אין דייטשלאַנד", אין אַ ריזיגער צאָל עקזעמפּלאַרן, אינגאַנצן אומזיסט. אָט זיינען צוויי זייטן פונעם בוך, וועלכער האָט געגעבן דעם מוסטער פאַר דעם באַריכט פון מאַרטין דאַיעז אין יאָר 1940 און פאַר קודער׳ס באַריכט צו דער ניו יאָרקער לעגיסלאַטור אין יאָר 1942 (ניו יאָרקער לעגיסלאַטיווער דאָקומענט, נומער 49):

„מיר זיינען אינפאָרמירט, אַז עס ווערט באַצוועקט צו פאַרעפנט־לעכן אַ זאַמלונג פון אורטיילן פון סופרים קאָורט אין פאַרבינדונג מיט דער קאָמוניסטישער קאָנספּיראַציע. מען דאַרף האָפן, אַז די ׳אַלגעמיינע ליגע׳ וועט קאָנען מאַכן אַן אויסשטעלונג פון אָט־די דאָקומענטן אין אַן אַנטי־קאָמוניסטישן מוזעי, וואָס וועט אינגיכן געעפנט ווערן אין בערלין. דורך די און אַנדערע ווערק און אויסגאַבן וועט די ׳אַלגעמיינע ליגע׳ קאָנען אויפקלערן די דייטשע נאַציע און די אינטערנאַציאָנאַלע עפנטלעכע מיינונג אין באַצוג צו די אמת׳ע צילן און טעטיגקייטן פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און ציען די אויפמערקזאַמקייט צו דער שרעקלעכער געפאַר, וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פאַר פאַר אַלע נאַציעס.

„אַלגעמיינע ליגע פון אַנטי־קאָמוניסטישע אַסאָציאַציעס, אייראָפּע־הויז, בערלין."

„אָנהויב היינטיגס יאָר זיינען געווען וואָכן, ווען מיר זיינען געווען ניט מער ווי אויף אַ האָר פון באָלשעוויסטישן כאָאָס.

„קאַנצלער אַדאָלף היטלער, אין זיין פּראָקלאַמאַציע, סעפּטעמבער 1, 1933."

„פאַרוואָס אַמעריקאַנער זאָלן לייענען דעם בוך:

„די פראַגע פון קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און טעטיגקייטן איז פון באַלדיגער וויכטיגקייט פאַרן אַמעריקאַנער פאָלק צוליב דעם, וואָס עס ווערט איצט באַטראַכט די פראַגע וועגן אָנערקענען דעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן דורך דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן.

„אָט איז אַן ארויסרופנדיגער בוך. ער דאַרף געלייענט ווערן פון יעדן דענקענדיגן בירגער, ווייל דאָס ברענגט פאַר די געשיכטע פון דעם קאַמף אויף לעבן און טויט, וואָס דייטשלאַנד האָט געפירט געגן קאָמוניזם. עס דעקט אויף, אַז די אַנטי־מלוכה'שע מעטאָדן און צע־שטערערישע צילן פון די קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד זיינען די זעלביגע וואָס ווערן גענוצט אין די פאַראייניגטע שטאַטן דורך אָט־די שונאים פון ציוויליזירטע נאַציעס.

„אָט־דער בוך איז ניט קיין פאַרטיידיגונג פון אַנטיסעמיטיזם און איז אויך ניט קיין פאַרטיידיגונג פון די פּרינציפּן און מיטלען פון דער היטלער־רעגירונג. די ביטערע געגנערשאַפט פון אַ סך מענטשן צו אייניגע שטריכן פון דער אינערלעכער נאַצי־פּראָגראַם דאַרפן אונז ניט פאַרבלענדן בנוגע דער ווירקלעכקייט פון דער קאָמוניסטישער געפאַר.

„דער ווערט פון אָט־דער דייטשער אויפדעקונג ווי אַ קאָנקרעטע לעקציע פאַר אַנדערע לענדער האָט געפירט אונזער קאָמיטע דאָס איבער־צוגעבן אין די הענט פון פירער פון עפנטלעכער מיינונג אין אַלע טיילן פון די גאַנצע פאַראייניגטע שטאַטן.

„די לעקציע וואָס מען דאַרף זיך אָפּלערנען פון דעם בוך 'קאָמוניזם אין דייטשלאַנד', דאַרף באַוועגן אונזערע בירגער צו פאָדערן מער ווירק־זאַמע שריט צו פאַרטיידיגן אונזער רעגירונג־סיסטעם און אַנדערע מאָראַלע און סאָציאַלע סטאַנדאַרדן.

„וואָלטער ל. קאָול	הערי א. דזשאָנג
דזשאָן ראָס דעלאַפילד	סעמיועל מעקראָבערטס
ראַלף מ. איזלי	טש. ג. נאָרמאַן
האַמילטאָן פיש, דזשוניאָר	וואָלטער ס. סטיל
עלאָן האָנטינגטאָן הוקער	אָרטשיבאַלד ע. סטיווענסאָן
פ. א. דזשאַנסאָן	דזשאָן ב. טרעוואָר
אָרוועל דזשאַנסאָן	דזשאָסיאַ א. וואַן אָרסדעל,

„פאַר דער אַמעריקאַנער סעקציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיטע צו באַקעמפן די וועלט־געפאַר פון קאָמוניזם."

מיט אכט יאָר שפּעטער, דעם 14טן יאַנואַר, 1942, איז אַ סעקרעטאַר פון האַמילטאָן פיש, קאָנגרעסמאַן פון די פאַראייניגטע שטאַטן, פאַרשפּאַרט געוואָרן אין פּריזאָן. די רעגירונג שילדערט זיינע אַקטיוויטעטן ווי פאָלגט:

„דער אָנגעקלאָגטער היל איז אַ וויכטיגער שרויף אין דער בייז־ווילינגסטער פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין, וואָס די וועלט האָט ווען געזען, אַ מאַשין, וואָס איז אַזוי ווירקזאַם און טייוועלש־געשיקט, אַז זי איז בכח צו גרייכן און אויסנוצן אונזער קאָנגרעס צו פאַרשפּרייטן אירע ליגנס און האַלבע אמת'ן, דורך וועלכע זיי פּרובירן אונז באַזיגן, ווי זיי האָבן באַזיגט און פאַרכאַפּט פראַנקרייך, בעלגיע, פּוילן, האָלאַנד און די אַלע אַנדערע פעלקער פון אייראָפּע. . . .”*)

דעם 11טן דעצעמבער, 1942, האָט פּרעזידענט רוזוועלט אין אַ מעסעדזש צום קאָנגרעס און צום לאַנד דערקלערט:

„דאָס לאַנג באַוואוסטע און דאָס לאַנג דערוואַרטע האָט פּאַסירט. די כחות, וואָס זוכן צו פאַרשקלאַפן די גאַנצע וועלט, רוקן זיך איצט צו אָט־דער העמיספערע.

„קיינמאָל פריער איז ניט געמאַכט געוואָרן קיין גרעסערער פאַרזוך געגן לעבן, פרייהייט און ציוויליזאַציע.”

פון האַמילטאָן פיש ביז דזשאָרדזש היל, ביז דייטשלאַנד'ס קריג געגן די פאַראייניגטע שטאַטן איז אַ קלאָרע ליניע פון פּאָליטישער צוגרייטונג פאַר דעם קלימאַקס פון מיליטערישן אָנגריף. אַלץ איינס צי זיי האָבן אַזוינס באַצוועקט אָדער ניט, האָט יעדער איינער, וואָס האָט אַנטוויקלט די דאָזיגע קאַמפּאַניע, געאַרבעט פאַר היטלער'ן.

די פאַראייניגטע שטאַטן איז איצט אין קריג געגן דער „אַנטי־קאָמינטערן אַקס” — דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן, צוזאַמען מיט זייערע שקלאַפן־מלוכות.

אין אָט־דעם קאַמף אויף לעבן און טויט געפינט אונזער לאַנד זיין סאַמע מעכטיגסטן פריינט, שותף און באַשיצער אין דעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

ביז דעם 7טן דעצעמבער, 1941, האָבן היטלער'ס אַגענטן אין די פאַראייניגטע שטאַטן געפירט זייער היסטערישע „אַנטי־קאָמוניסטן”־קאַמפּאַניע כמעט אינגאַנצן מיטן אַרגומענט, אַז די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן זיינען „אַ

---

*) ציטירט פון דעם אָפיציעלן געריכט־רעקאָרד („טראַיעל טראַנסקריפּט”, זייט 850) פון דעם פעדעראַל דיסטריקט קאָורט, וואַשינגטאָן, די. סי.

געפאר" בלויז דערפאר, וואס זיי זיינען אגענטן פונעם מעכטיגן סאוועטן־פארבאנד, וועלכער זוכט צו „פארניכטן די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטן". איצט, אז אט־דער ארגומענט איז אויפגעדעקט ווי איינער פון היטלער'ס „ריזיגע ליגנס", וואס ער האט אזוי ליב, טראכט מען צו א נייעם נוסח. די „נייע ליניע" איצט איז, אז דער סאוועטן־פארבאנד איז „א־קעי" אלס מיליטערישער פארבינדעטער, נאר די אמעריקאנער קאמוניסטן זיינען נאך א גרעסערע געפאר, ווייל „נאכן קריג" וועט די פאראייניגטע שטאטן דארפן דערשלאגן דעם סאוועטן־פארבאנד און די אמעריקאנער קאמוניסטן וועלן דעמאלט ווערן דער „פינפטער קאלום" געגן זייער איינן לאנד.

דאס איז דער זעלביגער ריזיגער היטלער־ליגן אין א מער געפערלעכער פארמע. ס'איז ווי די „באמבע וואס רייסט אויף שפעטער", וועלכע היטלער האט דערפונדן ביים פארניכטן די שפאנישע רעפובליק. דער ציל איז צו ברענגען דערצו, אז אונזער בונד מיטן סאוועטן־פארבאנד זאל ניט זיין ווירקזאם. דער ציל איז: זייען צווייפל און פארדאכט, צעברעכן די פאר־אייניגטע מלוכות — און אין דער זעלביגער צייט פארטזעצן די אלטע קאמפאניע אין לאנד גופא כדי צו צעברעכן אונזער נאציאנאלע אייניגקייט.

נאר אפשר איז עס מעגלעך, אז היטלער'ס געהיימער וואפן איז דער וואפן פון אמת, אויף וויפיל עס האנדלט זיך וועגן זיין שילדערונג פון דער „קאמוניסטישער געפאר"?

צום באדויערן זיינען פאראן א סך אויפריכטיגע אמעריקאנער פאטריאטן און איבערצייגטע אנטי־נאצים, וואס טראכטן אזוי ווי היטלער וויל, אז זיי זאלן טראכטן. זיי זיינען גרייט אוועקצוגעבן אלצדינג — זייער האב און גוטס און אפילו זייער לעבן, כדי צו באזיגן היטלער'ן. זיי זיינען אבער נישט גרייט אויפצוגעבן זייער אנטי־קאמוניסטישע פאביע, וואס זיי האבן געקראגן פון היטלער'ן. ביי זיי איז עס געווארן א מאניע, וואס קאן גאר נישט באווירקט ווערן דורך לאגיק און ארגומענטן, וועלכע זיינען באזירט אויף פאקטן.

לאמיר אבער פרואוון ברענגען אזוינע מענטשן פנים אל פנים מיט פאקטן און צו ציען די נויטיגע שלוסן פון זיי.

צי צווינגען אפשר די אמעריקאנער קאמוניסטן אליין, דורך זייער אומ־קאמפראמיסלעכער און עקשנות'דיגער שטעלונג בנוגע זייער אייגענער פראָ־גראם, יעדן איינעם צו נעמען א שטעלונג „פאר" אדער „געגן" קאמוניזם? ניין, אזא איז ניט די לאגע. מען באשולדיגט אונז, אז מיר טוען פונקט דאס פארקערטע — אז מיר גייען אריין אין אלערליי ארגאניזאציעס און העלפן זייערע גוטע צילן, אפילו נישט דערמאנענדיג, אז מיר זיינען קאמוניסטן; און דאס ווערט גענוצט ווי דער אנהויב פון א נייער העצע

וועגן „פּאַרשווערונג“, וועגן „בויערן פון אינעווייניג“, וועגן „געהיימע פּלענער“, א. אַז. וו. ווי מערסטע „אַנטי־קאָמוניסטישע“ אַרגומענטן, איז דאָס אַן אַרגומענט, וואָס ווערט געטייטשט אַהין און אַהער. עס טויג נישט אויב מיר טוען עס און עס טויג נישט אויב מיר טוען עס נישט; עס איז נישט מעגלעך צו אַרגומענטירן לאָגיש מיט אַ מענטשן, וואָס זיין מוח איז איינגעפּאַסט אין אַזאַ ראַם. אין עצם איז דאָס אַ זינלאָזע שטעלונג, און דער מענטש, וואָס ליידט אויף אָט־דעם סאָרט זינלאָזיגקייט, איז אַ קרבן פון אַ „פיקסירטער אידייע“.

אפשר העלפן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן אַליין צו דערמוטיגן אָט־דעם „אַנטי־קאָמוניסטישן“ קרייץ־צוג דורך זייער קאַמף געגן אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און אירע טראַדיציעס?

ניין, דאָס איז ניט דער פאַל. אַמעריקאַנער קאָמוניסטן האָבן קאָאָפּערירט און קאָאָפּערירן מיט אַלע דעמאָקראַטישע כחות אין אונזער לאַנד, וואָס נעמען נאָר אָן אַזאַ קאָאָפּעראַציע, און האָבן אַקטיוו פּראָפּאַגאַנדירט די אידייע פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישער טראַדיציע, אויפלעבנדיג דאָס שטודירן אַמעריקאַנער געשיכטע אין דעם ליכט פון היינט־טאָגיגע פּראָבלעמען. גראָד פון אָט־דער אויפלעבונג פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע דורך די קאָמוניסטן איז נעבוירן געוואָרן דאָס גרעסטע ליד פון אונזער צייט, אוירל ראָבינסאָנ׳ס „באַלאַדע פאַר אַמעריקאַנער“, וואָס איז פּאָפּולעריזירט געוואָרן דורך דעם גרעסטן זינגער פון אונזער צייט, פּאָל ראָובסאָן, און וואָס האָט אַזוי פאַרכאַפּט דאָס לאַנד, אַז די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי האָט באַנוצט דאָס ליד ביי איר קאָנווענשאָן פון 1940 און די גרויסע קאָרפּאָרעשאָנס, ווי פאָרד מאָטאָר קאָמפּאַני און אינטערנעשאָנאַל טעלעפאָן ענד טעלעגראַף, האָבן דאָס אויפגעפירט אויף זייערע ראַדיאָ־פּראָגראַמען.

צי מאַכט דאָס אָבער די קאָמוניסטן מער ווילקאָמען אין דעם „לעבנס־רוים“ פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע? ניין. ווען מיר וואָלטן אַרויסגעטראָטן געגן אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, וואָלט דאָס באַשטעטיגט מר. דאַיעז׳ס און האַמילטאָן פיש׳ס און היטלער׳ס העצעס; ווען מיר טרעטן אָבער אַרויס מיט באַזונדער אייפער פאַר דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, ווערט דאָס אָנגעגעבן ווי אַ באַווייז, אַז מיר זיינען אַ דאָפּלטע געפאַר. ווען אַלצדינג ווערט אָנגענומען ווי אַ באַווייז און אַ דאָפּלט־באַווייז פון אַ פיקסירטער, אין־פאָראויס־באַשטימטער אידייע, איז דאָס דען נישט קיין באַווייז, געבויט אויף אַלגעמיינער מענטשלעכער דערפאַרונג, אַז די פיקסירטע אידייע גופא איז פאַלש?

ווען איך פאַרטיידיג די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געגן אָט־די פיקסירטע אידייען פון דעם אַנטי־קאָמוניסטישן קרייץ־צוג, בין איך דערמיט נישט אויסן

צו שאפן פאר דער פארטיי קיין רעקארד פון אומפעלערהאפטיגקייט. קאמו־ניסטן, ווי אלע מענטשן, באגייען טעות'ן. און ווער איז אין אט־די טעג פון וועלט־קאטאסטראפע נישט געצוואונגען — אפילו געגן אייגענעם ווילן — אויסצופארשן דאס אייגענע געוויסן און אויסצוראטן און קארעגירן יעדן פעלער, אפילו דעם מינדסטן, וואס האט בייגעטראגן צו דעם חורבן פון דער מענטשהייט? איז דען פאראן איין־איינציגער אמעריקאנער מענטש, וואס וואגט זיך צו בארימען, אז ער איז שטענדיג געווען גערעכט? איז עס דען נישט די גרעסטע באדערפעניש פון אונזער צייט, אז מיר אלע, אויף א נאציאנאלן מאסשטאב, זאלן זיין באשיידן און עניוות'דיג?

עס וואלט אבער נישט געווען קיין בייטראג צום זיג, ווען די קאמוניסטן וואלטן זיך דערקלערט שולדיג לויט די היטלעריסטישע קלאגעס, אפילו אויב די קלאגעס קומען פון דעם מויל פון אן אמעריקאנער ליבעראל. מיר זיינען גרייט צו העלפן די דאזיגע ליבעראלן, מיט געדולד און מיט מי, זיך צו באפרייען פון זייערע היטלערישע איינרעדענישן און „מאנקאליעס".

א כאראקטעריסטישער אויסדרוק פון אט־דער „מאנקאליע", די לעצטע פעסטונג פון דעם „אנטי־קאמינטערן", איז דערשינען אין דער „ניו רעפאבליק" פון דעם 22טן יוני, 1942, אין דעם קאלום פון ט. ר. ב. (קענעט קראפארד). זיין צענטראלער געדאנק, וואס האט אנדערשוואו געפונען טויזנט אנדערע אויסדרוקן, איז אויסגעדריקט אין דעם פאלגנדיגן זאץ:

> „אזוי לאנג ווי מען געדענקט דעם שענדלעכן רעקארד פון דער אמעריקאנער קאמוניסטישער פארטיי דורך דער צייט פון דעם רוסיש־דייטשן פאקט, וועט די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פון דער פארטיי בלייבן א קוואל פון אויפרייצונג און געפאר פאר דער רוזוועלט־אדמיניסטראציע און אירע פריינט אין זייער אנגייענדיגן קאמף פאר דער היימישער שטיצע פון דער מלחמה."

לאמיר זען וואס פאר א „שענדלעכער" רעקארד דאס איז. מיר קא־מוניסטן ווילן ליבערשט רעדן וועגן פראגן פון איצט און פון דער צוקונפט, איידער פון דער פארגאנגענהייט. אבער דער פאקט, וואס היטלער'ס עכא קלינגט נאך אלץ אפ אין ט. ר. ב.'ס רייד, פארוואנדלט די פארגאנגענהייט אין א פראגע פון פארקריפלען די געגנווארט און די צוקונפט. דעריבער זיינען מיר געצוואונגען זיך אריינצולאזן אין אט־דער באטראכטונג געגן אונזער ווילן. מיר פארלאנגען נישט קיין זאך מער ווי אן ארנטלעכע אנערקענונג פון פעסטגעשטעלטע פאקטן און א פארנינפטיגן אורטייל בנוגע די פאקטן, אנשטאט א פאראורטייל.

אין אויגוסט 1939 האט דער סאוועטן־פארבאנד אונטערגעשריבן א ניט־

אָנגריף פּאַקט מיט דייטשלאַנד. אַמעריקאַנער ציַיטונגען האָבן פאַרדאַמט יענעם פּאַקט מיט היסטערישע אויסדרוקן; אַמעריקאַנער קאָמוניסטן האָבן דערקלערט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה; אַז דער פּאַקט האָט אויך פאַרשטאַרקט די פּאָזיציע פון די פאַר־איינציקטע שטאַטן און אַז דעריבער דאַרף דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געשטיצט ווערן אין זיין אַקציע. דאָס איז פּונקט איינס פון דעם „שענדלעכן רעקאָרד".

ווער איז געווען גערעכט? דאָס ניכטערע נאָכטראַכטן, אין דער ליכט פון געשיכטע, מצד יעדן פאַראַנטוואָרטלעכן שטאַטסמאַן און אינסטיטוציע אין אונזער לאַנד, באַשטעטיגט איצט, אַז די אַמעריקאַנער ציַיטונגען (אַריינ־גערעכנט די „ניו רעפּאָבליק") זיינען געווען אומגערעכט אין 1939 און אַז די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן זיינען געווען גערעכט. איך קאָן אָפּגעבן פּלאַץ פאַר בלויז עטלעכע ציטאַטן, אָבער יעדער לייענער קאָן באַשטעטיגן דעם אויספיר דורך אַ באַרג באַווייזן, אַריינגערעכנט דעם פּאַקט, וואָס ט. ב. ר. אַליין און אַלע פון זיין שניט זאָגן זיך אָפּ צו דיסקוטירן די פאַקטן, נאָר דערמאָנען זיך בלויז אָן די פאָראורטיילן פון 1939.

כאַראַקטעריסטיש איז די ניכטערע באַטראַכטונג אין דער בראָשור פון ווערא מאַיקעלעס דין, „רוסלאַנד אין קריג", אַרויסגעגעבן אין 1942 פון דער „פאָרעין פּאָליסי אַסאָסיעישאָן", וועלכע איז זיכער נישט סימפּאַטיש צום קאָמוניזם. איך קליַיב אויס די זאַצן פון איר בראָשור, וואָס ענטפערן דירעקט אויף די פאָראורטיילן פון ט. ר. ב. (רעקאָמענדירנדיק צו דער זעל־ביגער צייט, אַז איר גאַנצע בראָשור זאָל דורכגעלייענט ווערן, כאָטש מיר זיינען מיט איר נישט אינגאַנצן מסכים). זי שרייבט:

„אין קאָנטראַסט צו די ענגלענדער, די פראַנצויזן און פיל אַמע־ריקאַנער, האָבן די סאָוועטישע פירער קיינמאָל נישט אונטערשאַצט די מיליטערישע מאַכט און די אַנטשלאָסנהייט פון די נאַציס. זיי האָבן איינמאָל און נאָכאַמאָל אָנגעבאָטן צו קאָאָפּערירן מיט די מערב־מלוכות אין אָנהאַלטן קאָלעקטיווע זיכערקייט. . . . אָבער, גערעכט צי אומ־גערעכט, האָבן זיי ניט געטרויט אַזוינע מענטשן ווי טשעמבערלען. . . . זייער מורא איז באַשטעטיגט געוואָרן אין מינכען. . . . פון יענעם מאָמענט־אָן האָט דער קרעמלין זיך מער נישט פאַרלאָזט אויף דער אויפ־ריכטיגקייט פון פראַנקרייך אָדער ענגלאַנד. די סאָוועטישע פירער זיינען פון דעמאָלט אָן געווען באַזאָרגט בלויז מיט דער אויפגאַבע פון פאַר־מיידן, אָדער צום ווינציגסטן אָפּליינן אַ דייטשע אַטאַקע אויף רוסלאַנד דורך טשעכאָסלאָוואַקיע און פּוילן. די ענגלישע און פראַנצויזישע רעגירונגען האָבן געענדערט זייער שטעלונג צו דייטשלאַנד, אָבער נישט

צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. . . . מר. טשעמבערלעין האָט אומגעדרייט זיין פריערדיגע פּאָליסי און אין אַפּריל האָט ער געגעבן גאַראַנטיעס פון שוץ . . . צו די ראַנד־מלוכות פון רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע און טערקיי, אַזוי גוט ווי גריכנלאַנד. אַ סך מענטשן אין די מערב־לענדער פילן, אַז סטאַלין וואָלט באַדאַרפט געווען אָננעמען יענע גאַראַנטיע פאַר גוט געלט און דורכקומען מיט די ענגלענדער און פראַנצויזן. . . . מיר דאַרפן אָבער געדענקען צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז סטאַלין האָט געהאַט ווייניג גרונט צו טרויען די ענגלענדער און די פראַנצויזן. ניט בלויז האָבן זיי, לויט זיין מיינונג, פאַרראַטן טשעכאָסלאָוואַקיע אין מינכען, נאָר זיי זיינען געבליבן די גאַנצע צייט מער אָדער ווייניגער פיינטלעך צום סאָוועטן־רעזשים פון זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1917 און האָבן פיל מאָל אָנגעוויזן, אַז זיי וואָלטן באַגריסט דעם נידערפאַל פון דעם דאָזיגן רעזשים, אַפילו פאַרן פּרייז פון אַ נאַצי־אויסשפּרייטונג. די רוסן האָבן פאַרהאַנדלט מיט דער ענגלישער און פראַנצויזישער מיליטערישער מיסיע אין מאָסקווע אין די חדשים פון יענעם קריטישן זומער, אָבער די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך געענדיגט מיט אַ דורכפאַל. די הויפּט־אורזאַך איז געווען וואָס רוסלאַנד האָט געפאָדערט דאָס רעכט צו באַקומען באַזעס אין עסטאָניע, לאַטוויע, ליטע און פינלאַנד, כדי צו פאַרפולקאָמען אירע שוץ־פּאָזיציעס געגן דייטשלאַנד. . . .

„צווייטנס, דאַרפן מיר אויך געדענקען, אַז די רוסן האָבן נישט געהאַט קיין הויכע מיינונג וועגן דער מיליטערישער צוגרייטונג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך — ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ זיינען זיי געווען גערעכט. . . . עס האָט אויסגעזען, אַז רוסלאַנד וואָלט געמוזט אַליין קעמפן געגן דייטשלאַנד. . . . האָט סטאַלין . . . אונטערגעשריבן דעם ניט־אָנגריף פּאַקט מיט דייטשלאַנד. . . . עס וואָלט געווען שווער אָנצוהאַלטן די באַהויפּטונג, אַז סטאַלין האָט 'פאַרראַטן' די עלאַיס דורך אונטערשרייבן זיין פּאַקט מיט היטלער'ן."

לאָמיר דאָ צו אָט־דער אָפּשאַצונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אין 1942 פון אַ קוואַל, וואָס איז נישט סימפּאַטיש צו דער סאָוועטישער סיסטעם, צוגעבן די מיינונג פון ווינסטאָן טשוירטשיל אַליין, אויסגעדריקט אין יוני 1939, אין דער צייט פון די פאַרהאַנדלונגען:

„פון אָנהויב־אָן האָב איך פון די רוסישע פאָרשלאָגן געהאַלטן מער ווי פון די ענגלישע אָדער פראַנצויזישע. זיי זיינען איינפאַך, זיי זיינען לאָגיש און זיי שטימען מיט די הויפּט־גרופּירונגען פון געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן."

אין דער ליכט פון די דאָזיגע אורטיילן, וואָס ט. ר. ב. וועט זיי עפנטלעך נישט באַשטרייטן, פאַרוואָס געפינט ער פאַר מעגלעך צו רעדן וועגן אַ „שענדלעכן רעקאָרד״ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט אַרויס־געבראַכט אָט־די אמת׳ן אין 1939 און אין 1940 ? איז עס געווען „שענדלעך״ צו אָנערקענען דעם אמת אין 1939 און ס׳איז דער היפּוך פון שענדלעך דאָס צו אָנערקענען ערשט אין 1942 ? צי בענקט אפשר ט. ר. ב. נאָך אַלץ נאָכן „דערפאָלג״, וואָס טשעמבערלעין האָט צוגעזאָגט און וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו קריגן ? איז ער אין האַרצן נאָך אַלץ אַן אָנהענגער פון דער מינכענער פּאָליסי ?

מיר קאָמוניסטן זייַנען שטאָלץ דערמיט, וואָס מיר האָבן פּראָקלאַמירט דעם אמת אין 1939, ווען די אַלגעמיינע אָנערקענונג פון אָט־דעם אמת וואָלט געקאָנט געווען פאַרמיידן די שפּעטערדיגע קאַטאַסטראָפעס.

אפשר האָט ט. ר. ב. אינזינען עפּעס אַנדערש, וואָס האָט געשאַפן אַ „שענדלעכן רעקאָרד״ ? דער נעקסטער שריט אין דעם רעקאָרד איז געווען די שטעלונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געגן אַמעריקע׳ס אַריינטריט אין דער מלחמה אויף דעם גרונט, אַז די מלחמה, ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט, איז געווען אַ קריג צווישן צוויי קאָנקורירנדיגע אימפּעריאַליזמען. איינער פון די אָנערקענטסטע אַמעריקאַנער פּאָרלעגער, מר. הענרי ר. ליוס, און דער פּרעזידענט פון דער „נעשאָנאַל אינדאָסטריאַל קאָנפערענס באָאָרד״, דר. וואוירדזשיל דזשאָרדאַן, האָבן באַצייכנט די מלחמה ווי אַ קריג פאַר אימפּעריע־דעראָבערונג און האָבן גראָד אויף דעם דאָזיגן גרונט געפרייַדיגט, אַז אַמעריקע זאָל אַריין אין דער מלחמה. אָבער דאָס ווערט נישט באַטראַכט ווי „שענדלעך״. פּרעזידענט רוזוועלט האָט פּראָקלאַמירט די נייטראַליטעט פון אַמעריקע און די אַבזיכט צו בלייבן אויסער דער מלחמה, אָבער דאָס איז נישט באַטראַכט געוואָרן ווי „שענדלעך״. די קאָמוניסטן האָבן פאַר־אייניגט דעם אורטייל, אַז ס׳איז געווען אַן אימפּעריאַליסטישע מלחמה, מיט דער שטעלונג צו בלייבן אויסער דער מלחמה ; וואָס איינער זאָל נישט דענקען וועגן דעם עצם ענין איבער אָט־די פראַגן, איז עס אוממעגלעך צו געפינען עפּעס „שענדלעכס״ אין דער קאָמוניסטישער שטעלונג, נישט דער־לאַנגענדיג גלייכצייטיג איבערן קאָפּ אַ סך אַנדערע, אַריינגערעכנט די קעפּ פון ט. ר. ב.׳ס פרייַנט, וועמען ער פאַרטיידיגט.

וואָס אַזוינס איז געווען אין דער שטעלונג פון די אַמעריקאַנער קאָמו־ניסטן צו יענער צייט, וואָס האָט זיי אויסגעטיילט פון אַנדערע פּאָליטישע גרופּן ? ס׳איז געווען אונזער כסדר׳דיגע באַטאָנונג, אַז אַמעריקע דאַרף אין אירע אייגענע אינטערעסן און אין די אינטערעסן פון דער פרייהייט־ליבנדיגער וועלט זיך פאַראייניגן מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, „כדי צו פאַריאָגן פון דער

ערד די כחות פון צעשטערונג". דעם 11טן סעפטעמבער, 1939, צען טעג נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַר־עפנטלעכט אַן אָפענעם בריוו צו פּרעזידענט רוזוועלט און צום קאָנגרעס, וואָס איז געווען דער פונדאַמענט פון איר גאַנצער פּאָליסי פאַר דער צייט, ווען ט. ר. ב. געפינט דעם „שענדלעכן רעקאָרד". איך ציטיר עטלעכע זאַצן פון יענעם בריוו:

„אין אָט־דער שעה פון וועלט־קריזיס, ווען די שרעקלעכסטע קאַ־טאַסטראָפע לאָזט זיך אַראָפּ אויף צענדליגער מיליאָנען מענער, פרויען און קינדער אין אַנדערע לענדער און באַדראָט אונזער אייגן לאַנד, ווענדט זיך דער אַמעריקאַנער געדאַנק אין דער ריכטונג פון נאַציאָנאַלער איינינקייט, צו דער איינינקייט פון דער גרויסער מערהייט פון אַמערי־קאַנער פאָלק אויף צו באַשיצן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, צו העלפן דער זאַך פון פרידן און צו געפינען גאַראַנטיעס פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער איינינקייט. ווי אַ בייטראָג צו אָט־דער איינינקייט לייגן מיר פאָר פאַר די, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואויל־זיין פון אונזער פאָלק און לאַנד, די פעסטע סאָלידאַריטעט פון אונזער פּאַרטיי מיט די האָפענונגען, שטרעבונגען און וואונטשן פון דער גרויסער מערהייט פון אַמעריקאַנער פאָלק און דעם הייסן וואונטש פון אונזער פּאַרטיי און אַלע אירע מיטגלידער צו אַרבעטן האַרמאָניש מיט דער מערהייט און אירע דערוויילטע פאַרטרעטער פאַר דעם געמיינשאַפט־לעכן אינטערעס און דעם געמיינשאַפטלעכן וואוילזיין. . . . מיר ווילן פאַרצייכענען אין דעם רעקאָרד אונזער פעסטע איינשטימיגקייט מיט דער שטעלונג פון דעם פּרעזידענט פון אונזער לאַנד געגן דעם, אַז אַמעריקע זאָל אַריינגעצויגן ווערן אין דער מלחמה, אָדער אין די קאָנ־קורענצן און אַנטאַגאָניזמען, וואָס האָבן דערפירט אַ גרויסן טייל פון אייראָפּע צו כאַאָס. . . . מיר פאַרפליכטן זיך, אַז אונזער פּאַרטיי וועט קאָאָפּערירן מיט די אַלע, וואָס סובאָרדינירן זייערע פּערזענלעכע, פּאַר־טייאישע אָדער קלאַס־אינטערעסן, כדי צו דינען די אינטערעסן פון לאַנד. . . .

„אונזער לאַנד, דאָס מעכטיגסטע אין דער וועלט, פאַרנעמט אַ פּאָזיציע, וואָס איז אין פיל הינזיכטן ענלעך צו דער פּאָזיציע פון דער צווייטער מעכטיגסטער מלוכה, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. . . . אָט־די געמיינשאַפטלעכע שטעלונג שפּיגלט אָפּ טיפע געמיינשאַפטלעכע נאַציאָ־נאַלע אינטערעסן, וואָס מוזן פריער אָדער שפּעטער ברענגען צו אַ געמיינשאַפטלעכער פּאָליסי און אַקציע, צוזאַמען מיט ענלעך־דענקענדיגע

פעלקער און רעגירונגען, כדי צו פּאַריאָגן פון דער ערד די כחות פון פאַרניכטונג, צו עטאַבלירן אָרדענונגס־מעסיגע אינטערנאַציאָנאַלע פאַר־העלטענישן און זיכערן דעם וועלט־פרידן."

מיט וואָס איז אָט־די שטעלונג „שענדלעך"? די איינציגע זאַך, וואָס איז צום באַדויערן איז דאָס, וואָס היטלער'ס פינפטער קאָלום האָט באַוויזן אויף אַ ווירקזאַמען אופן צו סאַבאָטאַזשירן די אַמעריקאַנער אויסלענדישע פּאָליטיק פון יענער צייט, נישט דערלאָזט זי נאָכצופאָלגן וועלכע ס'איז קלאָרע ליניע בכלל און געשאַפן אַ שטעלונג פון פּאָזיטיווער פיינטשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט אפילו באַהערשט אונזער גאַנצע רעגירונג אין דעם נעקסטן פעריאָד. אַבער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז שטאָלץ דערמיט, וואָס זי האָט זיך קיינמאָל נישט קיין וואַקל געטאָן אין איר דורכגעטראַכטער שטעלונג, אַז די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון אַמעריקע זיינען ענג פאַרבונדן מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַז אַ בונד מוז נויטיגערווייז קומען „פריער אָדער שפּעטער, בעסער פריער". און מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט קיין וואַקל געטאָן אין דער אַרבעט פאַר דעם דאָזיגן ציל, אפילו ווען אונזערע פּאַרטיי־פירער זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן אין פּריזאָן אויף דעם גרונט פון קלאָגעדיגע תירוצים און די פּאַרטיי גופא איז אויסגעשטעלט געוואָרן צו היטלער־אַרטיגע אַטאַקעס.

באַטראַכט די לאַגע פון ט. ר. ב., ווען ער טייטשט אויס אָט־די אויס־געהאַלטן־קלאָרע און פריינטלעכע שטעלונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד מצד די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן ווי „אַ באַוויז", אַז מיר זיינען „אַן אָרגאַניזירטע רוסישע נאַציאָנאַלע גרופּע, וואָס אָפּערירט אין די פאַראייניגטע שטאַטן". אָפּגעזען פון דער מיאוס'ער באַליידיגונג, וואָס דאָס דריקט אויס קעגן אונזער ווערטפולסטן שותף אין דער מלחמה; אָפּגעזען פון דעם פאַקט, וואָס דאָס איז אַן אָפּקלאַנג פון היטלער'ס רייד — לאָמיר קאָנצענטרירן אונזער אויפ־מערקזאַמקייט אויף דעם סאָרט פּאָליסי, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וואָלט באַדאַרפט נאָכפאָלגן, כדי צו קריגן ט. ר. ב.'ס ברכה. כדי צו „באַווייזן" צו דער צופרידנהייט פון ט. ר. ב., אַז מיר זיינען נישט קיין „אַגענטן פון אַן אויסלענדישער מאַכט", וואָלטן מיר באַדאַרפט, לויט זיין לאָגיק, זיך אָנשליסן אָן די היסטערישע פאַרדאַמונגען, וואָס מערסטע אַמעריקאַנער שעמען זיך איצט דערמיט. אויב מיר וואָלטן, לויט דער זעלביגער לאָגיק, באַדאַרפט געווען פריידיגן שטאַרקער ווי ווען עס איז, אַז אַמעריקע זאָל זיך אַריינמישן אין דער מלחמה.

פרעגט זיך מיטן פולן ערנסט, טייערער לייענער, וואָס וואָלט פּאַסירט,

ווען די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן וואָלטן געווען אַזוי בלינד און נאַריש ווי ט. ר. ב.! בעת דער סאָוועטן־פאַרבאַנד — דאָס איינציגע לאַנד, וואָס איז געווען ערנסט צוגעגרייט צו באַזיגן די מיליטערישע מאַכט פון נאַצי־דייטש־לאַנד — איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דעם קאָאָפּעראַציע־געביט ווי אַ גלייכער מיטגליד צווישן די דעמאָקראַטישע גרויס־מלוכות און די קליינע מלוכות, וואָלטן, הייסט עס, די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן באַדאַרפט געווען פאָדערן, אַז זייער אייגן לאַנד זאָל זיך אַריינוואַרפן אין דער מלחמה געגן דער „אַקס" און דערביי נישט רעדן וועגן דעם, אַז די מלחמה איז צו יענער צייט געפירט געוואָרן פון די טשעמבערלעינס און דאַלאַדיעס און איז דעמאָלט נישט געווען קיין אַנטי־פאַשיסטישע מלחמה. די געשיכטע האָט שוין באַוויזן, אַז אַפילו ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פירט דעם פּרעכטיגסטן קאַמף אין דער געשיכטע און קעמפט אויף אונזער זייט — אַז אַפילו איצט זיינען מיר נאָך נישט זיכער מיטן זיג! וואָס וואָלט געווען, ווען די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן וואָלטן געווען געהאָלפן אַריינצוּוואַרפן אַמעריקע אין דער מלחמה, ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נאָך געווען נייטראַל? נישט אַמעריקע'ס קלוג־שאַפט, נאָר היטלער'ס דומהייט האָט פאַרקירעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג דעם קורס פון געשיכטע. אָבער שטעלט זיך פאָר די שרעקלעכע קראַפט פון ט. ר. ב.'ס באַשולדיגונג געגן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, אַז מיר זיינען אַן אַגענטור פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען מיר וואָלטן טאַקע געווען געהאָלפן ברענגען אַזאַ קאַטאַסטראָפע פאַר אונזער לאַנד. און דאָך וואָלט אַזאַ קורס אפשר געווען אָפּגעלייגט היטלער'ס אַטאַקע געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד ביז ער און זיינע „אַקס"־פאַרטנערס וואָלטן זיך ספּראַוועט מיט אַמעריקע!

מיר אַמעריקאַנער קאָמוניסטן האָבן געוואוסט, אַז די זיכערקייט פון אַמעריקע איז געווענדט אָן דער קאָאָפּעראַציע מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר וואָלטן געווען פאַררעטער, ווען מיר וואָלטן, נישט געקוקט אויף אָט־דעם וויסן, געהאָלפן אַריינוואַרפן אַמעריקע אין דער מלחמה, איידער מיר זיינען געווען אַבסאָלוט זיכער, אַז מיר וועלן האָבן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַקטיוו אויף אונזער זייט. אָבער ט. ר. ב. און מענטשן פון זיין מין ווילן באַווייזן, אַז מיר זיינען פאַררעטער גראָד דערמיט, וואָס מיר זיינען נישט באַגאַנגען אָט־דעם פאַרראַט!

אַזאַ קלאָגעדיגער אופן פון דענקען, אַזאַ צעקרימטע לאָגיק פירט צום סאַמע ראַנד פון היטלער'ס פינפטן קאָלום, טוט זיין אַרבעט און איז פונקט אַזוי שעדלעך ווי דער פינפטער קאָלום.

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ט. ר. ב. געפינט פאַר „שענדלעך", האָבן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן געאַרבעט ענערגיש און אומדערמידלעך אויף צו העלפן לייגן דעם פונדאַמענט פון די פאַראייניגטע מלוכות, וואָס מיר

זיינען געווען זיכער, אַז זיי וועלן צושטאַנד קומען. באַווייזן? די גרעסטע איינצעלנע אויפגאַבע, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט דורכגעפירט אין יענעם פּעריאָד, איז געווען די פאַרשפּרייטונג און פאַרקויף איבערן לאַנד פון צוויי מיליאָן עקזעמפּלאַרן פון דעם בוך, געשריבן פון אַ פירנדיגן גייסט־לעכן פון דער ענגלישער קירך, היולעט דזשאַנסאָן, דעקאַן (דיען) פון קענטערבערי, אונטערן נאָמען „סאָוויעט פּאַוער".*) אַט־דער בוך ווערט היינט־צו־טאָג אָנגעגעבן ווי איינער פון די וויכטיגסטע ביכער „צו געווינען די מלחמה" — דער בוך ווערט אַזוי כאַראַקטעריזירט גראָד פון די מענטשן, וואָס האָבן פריער אַטאַקירט די קאָמוניסטן פאַר אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן דעם בוך! מר. ט. ר. ב.: האָט איר געהאָלפן פאַרשפּרייטן דעם דיען פון קענטערבערי'ס בוך, אָדער איר זייט גאָר געווען פאַרליבט אין דעם בוך פון דעם געשטאַפּאָ־אַגענט זשאַן וואַלטין, וועלכער האָט געשאַפן פרייד אין בערלין, צי אין טראָצקי'ס אַגענט, „גענעראַל" קריוויצקי, וועלכער איז געשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע לויט אַ פאַרשטענדיגונג צווישן טראָצקי'ן און העס'ן; און דערביי איז דער ספּעציעלער צוועק פוןביידע „רעפּיודזשים" געווען נישט צו דערלאָזן די גרינדונג פון די פאַראייניגטע מלוכות.

מאָדנע: ווען די דאָזיגע פראַגע ווערט אויפגעהויבן נישט אין שייכות מיט די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, גיבן־צו די ט. ר. ב.'ס פּונקט נאָך פּונקט, אַז אַט־די שטעלונג, וואָס מיר האָבן גענומען איבער די גרעסטע פּאָליטישע שטרייט־פראַגן, איז געווען ריכטיג. אָבער ווען די ריכטיגקייט איז פאַרבונדן מיט די קאָמוניסטן, שילטן זיי אונז מיט שוים אויף די ליפּן און רופן אונז „אויפרייצנדיגע מיט־שולדיגע". זיי פאַרלאַנגען, ווייזט אויס, אַז מיר קאָמוניסטן — אויב מיר ווילן, אַז מען זאָל אונז אָננעמען פאַר אַמעריקאַנער — דאַרפן באַגיין אַלע טעות'ן, וואָס אַנדערע מענטשן באַגייען, און באַגיין זיי גלייכצייטיג מיט די אַנדערע מענטשן, און נישט פאַרריכטן אונזערע טעות'ן ביז ט. ר. ב. האָט שוין געוויזן אַ ביישפּיל. נאָר ווען מיר וואָלטן זיין אַזאַ סאָרט קאָמוניסטן, וואָלט זיך קיינער וועגן אונז נישט געקימערט, ווייל מיר וואָלטן שוין לאַנג געווען פּאָליטיש טויט, באַגראָבן און פאַרגעסן.

דאַרף מען דורכגיין דעם גאַנצן לאַנגן צעטל? מ'האָט אונז פאַרדאַמט דערפאַר וואָס מיר האָבן געשטיצט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד געגן דער „אָרימער קליינער פינלאַנד". אָבער נאָכדעם ווי באַראָן מאַנערהיים'ס פאַשיסטישע רע־גירונג האָט זיך אָפן און אָן קווינקלענישן פאַרבונדן מיט היטלער'ס רעגירונג און באַנוצט איצט אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען, וואָס הואווער האָט איר געשיקט,

---

*) דער בוך איז אַרויס אין אַ אידישער איבערזעצונג אונטערן נאָמען „סאָוועטנלאַנד".

בדי צו זינקען אמעריקאנער שיפן — ווער וועט וואגן אויפצוהויבן אַט־די קלאגע געגן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן?

מ׳האָט אונז גערופן „מערדער״ דערפאר וואָס מיר האָבן דערקלערט און באַרעכטיגט די רייניגונגען, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט געגן די פאַררעטער, געגן דעם פינפטן קאָלום — די טראָצקיסטן און בוכאַריניסטן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין דער דינסט פון היטלער און דעם מיקאַדאָ. ווער וואגט איצט אויפצוהויבן אַט־די קלאגע געגן די אַמעריקאנער קאָמוניסטן? אפילו די גייסטלעכע אין אונזערע קירכן ווענדן זיך צו זייערע קאָנגרעגעישאָנס, אַז יענע זאָלן „דאַנקען גאָט פאַר סטאַלינ׳ען און זיין ווייטזיכטיגקייט״.

און אַזוי, פונקט נאָך פונקט, פאַלט זיך פונאַנדער די גאַנצע „קעיס״, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן געגן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן מיטן צוועק צו פאַרוואַנדלען זיי אין פאַראַכטעטע און פאַרהאַסטע עלעמענטן פון אונזער געזעלשאַפט. די „קעיס״ פאַלט זיך פונאַנדער ווי נאָר עס ווערט געמאַכט אַן אָרנטלעכע אונטערזוכונג פון די פאַקטן. אָבער דער האַס בלייבט; די פאָראורטיילן האַלטן־אָן; די געזעצן, וואָס זיינען אויף אַזאַ אופן „אינ־ספּירירט״ געוואָרן, בלייבן אין די געזעץ־ביכער; די געוואוינהייטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אונטער אַזאַ „אינספּיראַציע״, בלייבן — און דאָס אַלץ סמ׳ט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און גרייט צו אונזער לאַנד פאַר נייע טעות׳ן און נייע קאַטאַסטראָפעס, סיידן מיר וועלן זיך אַרויסווייזן, ווי אַ מלוכה, געגנוג גרויס און גענוג אָרנטלעך אויס־צומעקן אַט־די שענדלעכע בלאַט אין אונזער געשיכטע און אָנהויבן פון דאָס ניי.

די הויפּט־צרה אין די מוחות פון אַ סך מענטשן, בנוגע די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, איז דער געדאַנק, וואָס ט. ר. ב. דריקט אויס, אַז מיר וואַרימען זיך, אָן באַרעכטיגונג, אין די שטראַלן פון דער „רעפלעקטירטער רוסישער גלאָריע״.

אויב דאָס איז דער וואָרצל פון אונזערע שוועריגקייטן, קאָן מען גרינג געפינען אַ רפואה דערצו. זאָל ט. ר. ב. און מענטשן פון זיין טיפּ באַווייזן, אַז זיי האָבן ווירקלעך דערלערנט די לעקציעס פון מינכען; זאָלן זיי אויפ־הערן ספּעקולירן און פאַרויסזאָגן צוקינפטיגע פיינטלעכע באַציאונגען צווישן אונזער לאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; זאָלן זיי ווייזן, אַז זיי פאַרשטייען ווירקלעך דעם באַזיס, וואָס עקזיסטירט פאַר אַ טיפער און דויערהאַפטער פריינטשאַפט צווישן די צוויי לענדער; זאָלן זיי העלפן אַמעריקע געווינען איר אייגענעם חלק „גלאָריע״, וואָס ווערט איצט צופיל מאָנאָפּאָליזירט פון „רוסלאַנד״; זאָלן זיי פאַראויסגיין פאַראייניגט צום

זיג — וועלן מיר דעמאָלט גרינג קאָנען פאַרגעסן אַזאַ מיזערנעם, נעבעכדיגן און אומווירדיגן שרעק. די גלאָריע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז גענוג גרויס, אַז יעדער אַמעריקאַנער זאָל אין דעם קאָנען האָבן אַ גלייכן חלק.

וואָס איז שייך דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פאַרלאַנגט זי פאַר זיך קיין זאַך נישט חוץ דאָס געמיינשאַפטלעכע רעכט פון אַלע בירגער אונטער אונזער קאָנסטיטוציע זיך צו באַטייליגן אין דעם דעמאָקראַטישן פּראָצעס. מיר האָבן אַזאַ טיפן צוטרוי צום כאַראַקטער פון דער איצטיגער וועלט־מלחמה, זינט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַמעריקע באַטייליגן זיך אין איר און זינט ס'איז געשאַפן געוואָרן דער בונד פון די פאַראייניגטע מלוכות, אַז מיר קאָנען דערקלערן — וויסנדיג, אַז דער זיג קאָן ברענגען בלויז אַ פאָלקס־פרידן — דאָס פאָלגנדיגע:

1. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע האָט פולשטענדיג סובאָרדינירט אירע אייגענע אידייען וועגן דער מעגלעך־בעסטער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער סיסטעם פאַר אונזער לאַנד, וואָס דאָס זיינען די אידייען פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, צוליב דער נויטיגקייט צו פאַראייניגן דאָס גאַנצע לאַנד, אַריינגערעכנט די גרעסטע קאַפּיטאַליסטן, פאַר אַ פולשטענדיגן „אָל־אויט" טרייב צום זיג. מיר גיבן די פאָרמעלע פאַרזיכערונג, וועלכע ווערט געשטיצט דורך אונזערע מעשים, אַז מיר ווען נישט אַרויסשטעלן קיינע סאָציאַליסטישע פאָרשלאַגן פאַר אַמעריקע, אין וועלכער ס'איז פאָרם, וואָס קאָנען צעשטערן אַט־די נאַציאָנאַלע אייניגקייט. צו אַלע די, וואָס שרעקן זיך נאָך אַלץ פאַרן „געשפּענסט פון קאָמוניזם", באָטן מיר אָן די הילף פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גופא צו פאַריאָגן דעם געשפּענסט.

2. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע זעט פאָראויס, אַז פון דעם זיג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות וועט קומען אַ פרידן, וועלכער וועט זיין גאַראַנטירט דורך דער קאָאָפּעראַציע פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ענגלאַנד און כינע, ווי די הויפּט אָרגאַניזירנדיגע כחות אין דער נאָך־מלחמה אָרגאַניזאַציע פון דער וועלט. דאָס וועט מעגלעך מאַכן די לייזונג פון רעקאָנסטרוקציע־פּראָבלעמען מיט אַ מינימום סאָציאַלער אומאָרדענונג און ציווילער גוואַלד־מאַכט אין די פאַרשיידענע לענדער, באַזונדער אין די רואינירטע לענדער, וואו די פּראָבלעם וועט שטיין צום שאַרפסטן. מיר דערקלערן, אַז אונזערע געדאַנקען און מעשים וועלן געטריי און ענערגיש געווענדט ווערן אין דער ריכטונג פון פאַרווירקלעכן אין דער מעגלעך־גרעסטער מאָס אַט־די צוגעזאָגטע פּערספּעקטיווע פאַר דער וועלט און פאַר אונזער לאַנד. מיר באָטן אָן קאָאָפּעראַציע צו אַלע ענלעך־דענקענדיגע פּערזאָנען און גרופּן.

מיר האָבן דאָ באַהאַנדלט בלויז עטלעכע פון די דרינגענדיגסטע פראַגן, וועגן דער ראָלע און דער שטעלונג פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער

פּאַרטיי. אַנדערע אַספּעקטן פון דער פּראָבלעם וועלן באַהאַנדלט ווערן אין דער מאָס ווי זיי וועלן זיך אַרויסווייזן אין פאַרבינדונג מיט די באַזונדערע פּראָבלעמען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען. און נאָך אַלעמען איז דאָך אָט־דער גאַנצער בוך — אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער שטעלונג פון די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן צו זייער לאַנד און צו דער וועלט.

קאַפּיטל אַכט

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און נאַציאָנאַלע איינהייט

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז שוין לאַנג אַוועק פון דער דעבס־טראַדיציע און האָט אויפגעהערט צו זיין אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס; זי איז איצט אַ קליינע סעקטע, וואָס איר הויפּט־אינטערעס איז צו פאַרשפּרייטן האַלב־טראָצקיסטישע, האַלב־פּאַציפיסטישע אידייען וועגן אַלע געזעלשאַפטלעכע פראַגן, ספּעציעל וועגן דער מלחמה. זי איז אַן אויסגעשפּראָכענער שונא פון נאַציאָנאַלער איינהייט פאַר דער מלחמה־אָנשטרענגונג. אין דער פּראַקטיק האָט זי דעגענערירט צו דער שטופּע פון אַ געהילף־אַגענטור פון דעם פינפטן קאָלום.

ווי די מערסטע פון אירע ברידער פון דעם פינפטן קאָלום, איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי נישט אָרנטלעך און נישט אָפנהאַרציק וועגן איר ראָלע; פאַרקערט, זי טראָגט פאַרשיידענע מאַסקעס, וועלכע זי בייט פון צייט צו צייט לויט דער פראַגע, מיט וועלכער זי האָט צו טאָן.

וועגן דער מלחמה, צום ביישפּיל, זוכט זי און געפינט הונדערט פאַר־שיידענע תירוצים צו זיין געגן, צו שפּרייטן פאַרדאַכט, צו אונטערגראָבן די מאָראַל פון דער באַפעלקערונג, צו באַרעכטיגן די „אַקס" און באַזונדער צו פאַרשפּרייטן דעם היטלערישן „אַנטי־קאָמינטערן" סם; זי האָט זיך אָבער פאָרזיכטיג. צוריקגעהאַלטן אויף איר לעצטער קאָנווענשאָן אין 1942 פון אויסדריקן איר שטעלונג שוואַרץ אויף ווייס אין אַן אָפיציעלער רעזאָלוציע. אָנשטאָט דעם האָט זי זיך באַנוצט מיט „וויזל־ווערטער", וואָס קאָנען גע־טייטשט ווערן ווי מען וויל און גענוצט ווערן כדי זיך אויסצודרייען פון

פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט „צו געבן איר ברכה פאַר אַט־דער מלחמה אָדער פאַר וועלכער ניט איז מלחמה ווי אַ געהעריגן מעטאָד צו דערגרייכן סאָציאַלע צילן“ *), וואָס דאָס מיינט אין דער פּראַקטיק זיך אָפּצוזאָגן פון העלפן צעשמעטערן היטלער׳ן און זיין „אַקס“; אָבער ווען מען זאָל זי צודריקן צום וואַנט, קאָן דאָס אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אומשעדלעכע און גאָרנישט־זאָגנדיגע באַנאַליטעט. הינטער אָט־דער פּרינציפּלאָזער און פּחדנ׳ישער שטעלונג ווערט פאַרשפּרייט יעדע פאָרם פון „סאַבאָטאַזשירן דעם פאַרשטאַנד“.

כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט־דעם אידעאָלאָגישן סאַבאָטאַזש איז דער אופן ווי נאָרמאַן טאָמאַס מאַניפּולירט אַהין און אַהער מיט דער פראַגע פון סאָציאַליזם. פון איין זייט טענה׳ט ער, אַז „סאָציאַליסטישע פּרינציפּן“ מאַכן אוממעגלעך צו שטיצן „וועלכע ניט איז מלחמה“; פון דער אַנדערער זייט לאָזט ער זיך אַראָפּ צו דער שטופּע פון פּרואוון אַוועקשרעקן די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע פון דער מלחמה דורך היטלער׳ס פּראָפּאַגאַנדע, אַז צו קעמפן געגן די נאַצישע באַהערשער הייסט „איבערגעבן“ די וועלט, און קודם כל — ענגלאַנד, צום „סאָוועטישן אימפּעריאַליזם“. ער האַלט אין איין ווידערהאָלן דעם געשריי, אַז די איינציגע קאָנקרעטע פאָרם פון סאָציאַליזם, וואָס די וועלט האָט ווען געזען — דער סאָוועטן־פאַרבאַנד — איז אין דער אמת׳ן דער ערגסטער סאָרט דעספּאָטיזם, דער שונא פון ציוויליזאַציע. ער ווידערהאָלט, צום ביישפּיל, אויף אַ כיטרען אופן די מעשיות („פאַר וועלכע איך קאָן ניט קאַווירן“ — דאָס איז זיין אופן פון אויסדרייען זיך פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט), אַז „קיין אַנדערער ווי לאָרד ביווערברוק“ איז געוואָרן אַן אַגענט פאַר באָלשעוויזירן ענגלאַנד. ער „וואָרנט“ די פריידיגער פון אַן אַמעריקאַנער אימפּעריע, אַז „פריער אָדער שפּעטער וועט זי (די אַמעריקאַנער אימפּעריע), ווי די ענגלישע אימפּעריע היינט־צו־טאָג, זיך מוזן אונטערגעבן צו אַ נייעם פּרעטענדענט“. דער „נייער פּרעטענדענט“ איז, פאַרשטייט זיך, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. „זייערע וועט זיין די אימפּעריע פון דער צוקונפט“, וואָרנט מר. טאָמאַס מיט אַן ערנסטן פּנים. מר. טאָמאַס און זיין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי באַנוצן אַזוי אַרום זייערע „סאָציאַליסטישע פּרינציפּן“, כדי צו שטיצן דעם גרונט־טעזיס פון די מינכען־לייט; זיי פּאַסן זיך צו ווי אַ הענטשקע צו דער האַנט פון הערבערט הואווער און קוירנעל לינדבערג; זיי ווידערהאָלן ווי אַן עכאָ די צענטראַלע לאָזונגען פון באַראָן פאָן קילינגער און דעם אַמעריקאַנער פינפטן קאָלום.

מר. טאָמאַס, וואָס פאַרטרעט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, איז זייער אַ

---

*) „די קאָל“, יוני 12, 1942.

פיל־זייטיגער מענטש. ער קאָן איבערשטייגן גאנדי'ן אליין אין די האַניג־טריפנדיגע פראזן וועגן פאציפיזם און גוטן־ווילן צו אלע מענטשן; און אין דעם נעקסטן מאָמענט קאָן ער אויף זיך אַרויפציען די פון־מילבן־דורכגע־פרעסענע לייבן־פעל פון א דונערענדיגן רעוואָלוציאָנער, וואָס ער האָט גע־באָרגט ביי לעאָן טראָצקי. דאָס האָט ער און זיין פּאַרטיי זיך אָפּגעלערנט פון די טראָצקיסטן די טעכניק פון געפינען „רעוואָלוציאָנערע" מאָטיוון פאר טאָן די זאכן, וואָס היטלער וויל אז זיי זאָלן געטאָן ווערן. אָבער וואָס זיין פּאָזע זאָל נישט זיין אין דעם געגעבענעם מאָמענט, קאָן מען שטענדיג געפינען א מאָדנע אויסגעהאַלטנקייט ביי מר. טאָמאַס'ן: די ווירקונג פון אלץ, וואָס ער טוט אָדער זאָגט, איז כסדר — צו באַקעמפן נאַציאָנאַלע איינינקייט און די פּאַראייניגטע מלוכות, אויפצוהויבן געמאכטע שטרייט־פראגן, צו זייען פארדאכט, צו שטערן די נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונג פאר א זיג.

די אַמעריקאַנער נאָכפאָלגער פון דעם געשטאָרבענעם לעאָן טראָצקי זיינען א ספּעציאַליזירטער אָפּטייל פון מר. טאָמאַס'עס פּאַרטיי; אמאָל אַרבעטן זיי אינערהאַלב דער פּאַרטיי און אמאָל טיילן זיי זיך אָפּ אין ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס צוליב „צעטיילונג פון אַרבעט". זייער אַלגעמיינער כאַראַקטער ווערט באַשטימט דורך זייער אַנטשטייאונג ווי טראָצקי'ס אָנ־הענגער — דעם מענטשן, וואָס האָט געשלאָסן א קאָנטראַקט מיט היטלער'ס ערשטן לייטענאַנט, רודאָלף העס, צו שאפן דעם פינפטן קאָלום פון דער „אַקס" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און דורך דעם צוגרייטן די דייטש־יאַפּאַנישע דער־אָבערונג פון יענעם זעקסטן־חלק פון דער וועלט. די ספּעציעלע פונקציע פון די טראָצקיסטן איז אַריינצודרינגען אין דעם אַרבעטער־קלאַס און אין קרייזן פון אינטעלעקטואַלן, וואָס סימפּאַטיזירן מיט סאָציאַליסטישע אידייען, נאָר זיינען אומבאַוואוּסט געגן דעם דינעם סם פון ציניזם, אוואַנטוריזם, פראַזן־שיסעריי, סופּער־רעוואָלוציאָנערער באָמבאַסטיק און אָנגעבלאָזענעם עגאָ־איזם, וואָס ס'איז די פונקציע פון דעם טראָצקיזם דאָס צו קולטיווירן. אזוי אַרום דינט דער טראָצקיזם א דאָפּלטן צוועק פאר היטלער'ן: ער שאפט א סופּער־רעוואָלוציאָנערן געשפּענסט אויף צו דערמוטיגן די „רויטע שרעק" און דערנאָך ציט ער אַריין אַט־די „רויטע" גופא אין זיין געהיימער מאַשינעריע פון דעם פינפטן קאָלום.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע (פון ניו יאָרק) איז אַן אָפּגע־שפּליטערטער טייל פון מר. טאָמאַס'עס סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איר וויכטיגקייט נעמט זיך דערפון, וואָס זי איז צוגעבונדן צו א מעכטיגער אידי־שער צייטונג, „פאָרווערטס", וואָס באַהערשט א טייל פון די נאָדל־טרעיד יוניאָנס און שאפט א באַזע פאר דער גרופּע פון „רעכטן פליגל" פון דער אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי. זי דערקלערט איר פולע שטיצע פאר דער מלחמה,

פֿאַר דעם „ניו דיל" און פֿאַר פּרעזידענט רוזוועלט'ן, אָבער אין פּראַקטישן לעבן דעמאָנסטרירט זי בלויז איין העכסטע לאָיאַליטעט—אַן אומקאָמפּראָמיס־לעכע פיינטשאַפט פון דעם היסטערישסטן טיפ גענן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און גענן אַמעריקאַנער קאָמוניסטן. איר דעפיניציע פון אַ „קאָמוניסט" איז שמעלער ווי די דעפיניציע פון מאַרטין דאַיעז און היטלער בלויז דערפאַר, וואָס די לעצטע שליסן איין אין אָט־דעם באַגריף אַפילו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע און די גאַנצע אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי. זי באַטייליגט זיך אַפילו אין דער היטלער־אינספּירירטער קאַמפּאַניע גענן דעם פּרעזידענט און גענן אַזוינע טיפּישע ליבעראַלן ווי ראַלף אינגערסאָל און מאַרשאַל פילד, וועלכע זיינען, לויט זייער באַשולדיגונג, „באַפלעקט מיט קאָמוניזם". צוריק מיט צוויי יאָר האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע געטומלט מער ווי אַנדערע ביים שטיצן הערבערט הואָווער'ס קאַמפּאַניע פאַר באַראָן מאַנערהיים, היטלער'ס פינישן שותף. זי האָט ביז איצט ניט צוריקגעצויגן קיין איין וואָרט פון איר העצע פאַר אַן אַנטי־סאָוועטישער מלחמה. אין איר אייגענעם פעלד איז זי איינע פון די שעדלעכסטע איינפלוסן, וואָס ווירקן אין דער ריכטונג פון צעברעכן די פאַראייניגטע מלוכות. איר צייטונג, דער „פאָר־ווערטס", איז אַן איבערטריבענע אימיטאַציע פון דער הוירסט־פרעסע.

אין דעם משך פון עטלעכע יאָר האָט עקזיסטירט נאָך אַ ספּעציאַליזירטע גרופּע, וואָס איז אין אַלגעמיין געווען פאַרבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, די אַזוי־גערופענע „לאָווסטאָון־גרופּע". אָבער לעצטנס איז די גרופּע זיך פאַנאַנדערגעפאַלן, האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אַלע אָפענע נעמען און ספּעציעלער אידעאָלאָגיע, און אירע פירנדיגע מיטגלידער זיינען מערסטנטייל אַריינגעטראָטן אין „ספּעציעלער דינסט"; אייניגע פון זיי זיינען אַוועק אַרבעטן ביי מאַרטין דאַיעז'ן, אַנדערע זיינען געוואָרן „לעיבאָר עקספּערטן" ביי קאָרפּאָרעישאָנס, געאיבט אין דער אַרבעט פון ברעכן יוניאָנס, א. אַז. וו. בען גיטלאָוו, צום ביישפּיל, דינט — זאָגט מען — ביי הערי בענעט'ן, דעם „פּערסאָנאַל"־דירעקטאָר פון דער פאָרד מאָטאָר קאָמפּאַני. לאָווסטאָון האָט געהאַט אַ טומלדיגע קאַריערע; צו איין צייט האָט ער געקירעוועט דעם טרויעריג־באַרימטן האָמער מאַרטין, ווען יענער האָט אין דעם אַמט פון פּרעזי־דענט פון דער אויטאָ־אַרבעטער יוניאָן געזוכט צו צעברעכן די יוניאָן (מאַרטין איז איצט אַן אָפענער אָנגעשטעלטער ביי פאָרד'ן). איצט, שמועסט מען, האָט לאָווסטאָון געשלאָסן פאַרבינדונגען מיט דזשאָן ל. לואיס, פון זינט יענער דזשענטלמאַן האָט אָנגעהויבן אַ נייע קאַריערע פון צעשטערן דעם סי־איי־אָ און די איינִיגקייט פון די סי־איי־אָ יוניאָנס אונטער דער פירערשאַפט פון פּרעזידענט מאָרעי אין זייער שטיצע פאַר פּרעזידענט רוזוועלט און פאַר דער מלחמה. די פּאָליטישע באַדייטונג פון די לאָווסטאָון־טיפּן בלייבט: זיי

זיינען די אַמעריקאַנער אויפֿלאַגע פֿון דעם פֿראַנצויזישן זשאַק דאָריאָ, לאַוואַל׳ס נידערטרעכטיקן ארויסהעלפֿער.

די אַלע קאַלעמוטנע וואַסערן שאַפֿן אַן אידעאַלן פּלאַץ אויף צו כאַפּן פֿיש פֿאַר די געהיימע און געפֿערלעכע כחות פֿון דעם פֿינפֿטן קאָלום, היטלער׳ס געהיים־וואָפֿן אין אַמעריקע. קיינער פֿון זיי טאָר ניט אונטערשאַצט ווערן. די שרעקלעכע דערפֿאַרונגען פֿון אַלע לענדער, וואָס היטלער האָט באַזיגט, מוזן זיין אַ לעקציע פֿאַר אַמעריקע צו זיין אויף דער וואַך געגן אָט־די אַלע גרופּן, וואָס פּלאַדיען רעקרוטן פֿאַר דעם פֿינפֿטן קאָלום אין זיינע ברייט־פֿאַרצווייגטע פֿאַרשווערונגען געגן דערפֿירן די מלחמה צו אַ זיג.

קאַפּיטל ניין

די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און נאַציאָנאַלע איינִיקייט

די הויפּט־שטראָמען פֿון פּאָליטישן לעבן אין אַמעריקע פֿליסן נאָך אַלץ אין די ראַמען פֿון דער טראַדיציאָנעלער צוויי־פּאַרטיי סיסטעם, דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון דער רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטישער פּאַרטייען. ס׳איז נישטאָ קיין באַלדיגע אויסזיכט פֿאַר אַ פֿונדאַמענטאַלער ענדערונג אין די פֿאָרמעלע שטריכן פֿון דער דאָזיגער פּאָליטישער סיסטעם.

אָבער אונטער דער אויבערפֿלאַך פֿון אָט־די צוויי לאַנג־יאָריגע קאָנקורירנדיגע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס פֿאַרטרעטן געגנערישע פּראָגראַמען פֿון דעם לאַנד, זיינען די ווירקלעכקייטן פֿון לעבן נישט אַזוי סטאַטיש. פֿאַרקערט, עס קומען דאָרט פֿאָר די טיפֿסטע ענדערונגען. די פּאַרטיי־סטרוקטור ווי אַן אינסטיטוציע, וואָס ווערט אָנגעהאַלטן דורך טראַדיציע און געוואוינהייט, ווי אויך דורך איר איינגלידערונג אין די געזעצן פֿון לאַנד, שאַפֿט בלויז די שאָלעכץ, הינטער וועלכער עס אַנטוויקלט זיך דאָס פּאָליטישע לעבן פֿון לאַנד. און אין די ראַמען פֿון די סטרוקטורן פֿון ביידע גרויסע פּאַרטייען קומען צום אויסדרוק אַלערליי פּאָליטישע שטרעמונגען און אידייען — איינִיגע מער, אַנדערע ווייניגער — אָן וועלכער ס׳איז קלאָרער סיסטעם אָדער פֿאַרבינדונג. די אויגנשיינלעכע איינפֿאַכקייט פֿון אַמעריקאַנער פּאָליטיק באַהאַלט אין זיך נישט קיין קלענערן פּלאָנטער ווי אין וועלכן ס׳איז אַנדער לאַנד.

אין אַ געוויסער מאָס איז דעריבער נישטאָ קיין גרונט פאַר אויספאָרשן די רעפובליקאַנער און דעמאָקראַטישע פּאַרטייען באַזונדער אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אונזער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. עס איז קלאָר פאַר יעדן איינעם, וואָס איז באַקאַנט מיט דער לאַגע, אַז די ווירקלעכע פּאָליטישע כחות אין אונזער לאַנד, וואָס זיינען פאַרטאָן אין דעם קאַמף צו באַשטימען די פּאָליסים פון לאַנד, שניידן־איבער אַלע פּאַרטיי־ליניעס; אַז אין די פּאָליטישע שלאַכטן, וואָס ווערן אויסגעקעמפט, דינט די פּאַרטיי־סטרוקטור בלויז ווי אַ מין פיקסירטע פעסטונג, וואָס אַמאָל איז זי פאַרנומען דורך איין צד, אַמאָל דורך דעם צווייטן; אין געוויסע ערטער פון דער זעלביקער פעסטונג האַלט זיך אויף איין צד, אין אַנדערע ערטער — דער צווייטער. די סטרוקטורן גופא שאַפן נישט קיין זיכערע ריכטונג־צייכנס פאַר די שלאַכט־ליניעס.

דאָס איז באַזונדער אמת אין שייכות צו די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער איינגקייט און פון די פּאָליסים וואָס זיינען נויטיג צום זיג. פּאַרטיי־צייכנס האָבן דאָ אַלץ ווייניגער באַדייטונג. ניט די רעפובליקאַנער און ניט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז נישט דורכגעדרונגען מיט קיין פעסטער שטעלונג, צי דאָס איז אויף אַ נאַציאָנאַלן מאסשטאַב, אין באַזונדערע געגנטן, באַזונדערע סטעיטס און שטעט, אָדער איבער וועלכער ס'איז פראגע פון טאָג.

האָבנדיג אין זינען אָט־דעם פאַקט, וועט עס פאַר אונז פּאַרט זיין באַקוועם צו אונטערזוכן פּאָליטישע שטריט־פראַגן און פאַרהעלטענישן ווי זיי זיינען אויסגעדריקט דורך אָט־די גרויסע פּאָליטישע סטרוקטורן — די פאַרגליווערטע פאָרמען פון פאַרגאַנגענער פּאָליטישער דערפאַרונג, אין וועלכע די לעבעדיגע פּאָליטיק פון טאָג מוז זיך באַוועגן און אַרבעטן.

די שוועריגקייטן פון דעם דאָזיגן מעטאָד באַווייזן זיך ווי נאָר מיר פּרוּוון באַשרייבן די רעפובליקאַנער פּאַרטיי אין שייכות צו די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער איינגקייט. דער טיטולערער פירער פון דער רעפובליקאַנער פּאַרטיי איז ווענדעל ווילקי. דאָך דריקט־אויס ווילקי אַ שטעלונג צו אָט־די פּראָבלעמען, וואָס איז אַ סך נעענטער צו דער שטעלונג פון פּרעזידענט רוזוועלט, פירער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, איידער צו דער שטעלונג פון די אָנגעזעענסטע רעפובליקאַנער. קלאָר, אַז ס'איז נישטאָ קיין „טיפּישע" רעפובליקאַנער פּאַרטיי־שטעלונג.

געוויסע טענדענצן פון פּאָליסי קאָנען אָבער קלאָר באַמערקט ווערן. יענע אינטערעסן, גרופּן און יחידים, וואָס היטלער'ס פינפטער קאָלום געפינט ביי זיי אַ נאַטירלעכן אָפּרוף, האָבן די נייגונג זיך צו ווענדן קודם־כל צו דער רעפובליקאַנער פּאַרטיי ווי זייער קאַנאַל פאַר פּאָליטישן אויסדרוק (מיט דער אויסנאַם פון דער „סאָלידער סאַוט", וואו די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט אַ מאָנאָפּאָליע). דאָס איז אילוסטרירט געוואָרן אין דעם „מעמאָראַנדום"

פון דעם פינפטן קאָלום, ציטירט אין קאַפּיטל דריי, וועלכער ווייזט אָן אויף דער מעגלעכקייט, אַז דער „דייטשער פּאַרשלאַג" וועגן „ענדערן דעם גייסט פון לאַנד" זאָל „קאָנצענטרירט ווערן אַרום דער רעפּובליקאַנער קאָמיטע". נאָך מער, דער רעאַקציאָנערער בלאָק אין קאָנגרעס, וואָס קאָנטראָלירט אַזוי אָפט אַ מערהייט געגן רוזוועלט'ס פּאָליסים, האָט זיין הויפּט־אָנשפּאַר אין די רעפּובליקאַנער צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטן פון דער סאַוט, וועלכע וואָלטן פּונקט אַזוי גרינג געקאָנט זיין רעפּובליקאַנער, ווען זיי וואָלטן זיך אַריבער־געקליבן אויף דער צפון־זייט פון דער מעיסאָן־דיקסאָן ליניע. אין דער פאַר־גאַנגענהייט איז די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי געווען דער הויפּט־אינסטרומענט אויף אויסצודריקן דעם „איזאָלאַציאָניסטישן" געדאַנקען־שטראָם, און אָט־די ירושה מאַכט עס גרינגער פאַר די פּראָ־דייטשע און „אַפּיזמענט" טענדענצן היינט־צו־טאָג צו געפינען אַן אָפּקלאַנג אין די הויכע רעפּובליקאַנער קרייזן. צוויי פון די איינפלוסרייכסטע פיגורן אין רעפּובליקאַנער פּאָליטיק דריקן אויס צום שאַרפסטן אָט־די טענדענץ: עקס־פּרעזידענט הואָווער און דער פּרעזידענט־קאַנדידאַט פון 1936, אַלפרעד לענדאָן. סענאַטאָר ראָבערט טאַפט, וואָס ווילקי האָט אים אין 1940 באַזיגט אין דעם שטרייט פאַר דער רע־פּובליקאַנער נאָמינאַציע, האָט ענלעכע נייגונגען. די דאָזיגע טענדענץ הערשט אין די אָפיציעלע און פּאַרטיי־מאַשין קרייזן פון די רעפּובליקאַנער.

ווילקי איז דער אָנגעזעענסטער פירער פון די כחות פון נאַציאָנאַלער איינינגקייט אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. ער איבט אויס אַלץ אַ גרעסערן איינפלוס צווישן די „נישט־פּראָפעסיאָנעלע" רייען פון זיין פּאַרטיי, נאָר ער שטויסט זיך אָן אויף אַלץ אַ גרעסערן ווידערשטאַנד מצד דער רעפּובליקאַנער מאַשין, וואָס איז באַהערשט דורך פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטישנס.

טאָמאַס ע. דיואי פאַרטרעט די הואָווער־לענדאָן כחות. ער מאַנעווורירט אָבער אויסצומיידן די שאַרפע שטרייט־פראַגן אין זיין קאַמף געגן ווילקי'ן און געגן די כחות פון נאַציאָנאַלער איינינגקייט.

דער „אַפּיזמענט"־איזאָלאַציאָניסטישער לאַגער האָט געמאַכט אַ סטראַ־טעגישן צוריקטריט אויף דער לעצטער צוזאַמענקונפט פון דער רעפּובליקאַנער נאַציאָנאַלער קאָמיטע, ווען ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס, וואָס האָט די טענדענץ צו שטיצן ווילקי'ס פאָרמולירונגען, וועלכע פאַרדאַמען די איזאָלאַציאָניסטישע לערעס. אַז דאָס איז געווען בלויז אַ צוריקטריט און נישט קיין קאַפּיטולאַציע איז באַוויזן געוואָרן דורך דעם גאַנצן גאַנג פון די שפּעטערדיגע געשעענישן, ווייל די „אַפּיזערס" האָבן אין דער פּראַקטיק אויף קיין האָר נישט געענדערט זייער פּאָליטיק.

די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז, הייסט עס, די אַרענע פון שטרייט צווישן די צוויי פּאָליטישע הויפּט־לאַגערן אין לאַנד. די פּאַרטיי גופא איז נישט קיין

גאַנצקייט און קאָן נישט קלאַסיפיצירט ווערן ווי אַ גאַנצקייט אין דער ווירקלעכער פּאָליטיק פון טאָג.

ס'איז זייער וויכטיג צו באַטאָנען אָט־די אָפּשאַצונג בנוגע דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, ווייל אַן ענלעכער פּראָצעס קומט־פאָר אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע קאָנטראָלירט פאָרמעל די אַדמיניסטראַציע און די נאַציאָנאַלע רעגירונג. די מאַסע בירגער — די אַרבעטער, פּאַרמער און אונטערשטע מיטל־קלאַסן, וואָס האָבן בלויז די רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטישע פּאַרטיי־מאַשינען אויף צו געפינען אַן אויסדרוק אין די וואַלן, וועט זיי זיינען געבונדן דורך איינפּאַכער „פּאַרטיי"־לאָיאַליטעט, ווערן בלויז פּאַסיווע שאַך־פיגורן אין די הענט פון דער הערשנדיגער פּאָליטישער טענדענץ, וואָס קאָנטראָלירט אין דעם אָדער יענעם מאָמענט און פּלאַץ זייער אויסגעקליבענע „פּאַרטיי".

ווירקזאַמע פּאָליטישע אַקציע ביים דערוויילן רעגירונגס־באַאַמטע און געזעצגעבער פאָדערט דעריבער מצד די מאַסן בירגער, אַז זיי זאָלן האָבן אַ „נייטראַלע" שטעלונג צו דער „רעפּובליקאַנער פּאַרטיי" אַזוי גוט ווי צו דער „דעמאָקראַטישער פּאַרטיי"; אַז דער פּאַרטיי־צייכן זאָל באַטראַכט ווערן ווי אַ פאָרמאַליטעט, אַ טעכנישע זאַך אַזוי לאַנג ווי די מאַסן האָבן נאָך אַליין נישט קיין פּאַרטיי, וואָס געהערט ווירקלעך צו זיי אין דעם פולן זין. אַזוי ווי די צוויי־פּאַרטיי סיסטעם איז אַזוי פעסט איינגעגלידערט אין די געזעצן און מנהגים; אַזוי ווי די אמת'ע צעטיילונגען אין לאַנד איבער פראַגן פון באַלדיגער פּאָליסי שניידן איבער די ליניעס פון ביידע גרויסע פּאַרטייען; אַזוי ווי דער לאַגער פון פּריווילעגיע און רעאַקציאָנערן איינפלוס מאַניפּולירט אינערהאַלב ביידע גרויסע פּאַרטייען צו־נישט צו מאַכן דעם איינפלוס פון די פאָלקס־מאַסן און מאַנאָפּאָליזירן די פּאָליטישע מאַכט אין די הענט פון די אויבערשטע קלאַסן — איז דעריבער פאַר די מאַסן ניטאָ קיין אַנדער באַל־יגער קורס ווי צו ווערן „צוויי־פּאַרטייאיש", צו זיין גרייט אַריינצוואַרפן זייערע שטימען און איינפלוס אויף דער זייט פון איין פּאַרטיי אָדער דער צווייטער, לויט דעם וואָס פאַר אַ פּאָליטישע הויפּט־טענדענץ עס באַהערשט אירע קאַנדידאַטן און פּראָגראַמען אין יעדן באַזונדערן מאָמענט אָדער אָרט.

דאָס איז דער הויפּט־געדאַנק, וואָס דאַרף באַטאָנט ווערן אין שייכות צו דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער איניגקייט. דערמיט ווערט אָפּגעוואָרפן „פּאָליטיק ווי געוויינטלעך", וואָס די שעדלעכסטע פאָרם דערפון איז אַ בלינדער צובונד מצד דעם פאָלק צו פּאַרטיי־צייכנס אָדער פונקט אַזאַ בלינדער פּאַראורטייל געגן אַ וועלכן ס'איז באַזונדערן פּאַרטיי־צייכן. אין אָט־דער קריטישער צייט דאַרפן מיר אַמעריקאַנער מער ווי אַלץ זיין „ניט־פּאַרטייאיש" אָדער „צוויי־פּאַרטייאיש" בנוגע דער טראַ

דיציפּלינירטע פּאַרטיי־סטרוקטור. דאָס איז דער איינציגער וועג פאַר די מאַסן פון פאָלק דורכצופירן זייער נאַציאָנאַלע איינהייט אין דער רעגירונגס־סטרוקטור, אין קאָנגרעס און אין די 48 סטעיט־אַדמיניסטראַציעס.

די ווירקונג פון אַט־דעם צוגאַנג אָן פאַראורטיילן צו דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי וועט אין איר פאַרשטאַרקן די כחות פון נאַציאָנאַלער איינהייט, אָפּשוואַכן דעם רעאַקציאָנער־איזאָלאַציאָניסטישן „אַפּריזמענט" לאַגער און — וואָס דאָס איז פּונקט אַזוי וויכטיג — וועט גלייכצייטיג האָבן די זעלביגע ווירקונג אויף דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואו רעאַקציאָנערע איינפלוסן ווערן געשפּייזט דורך בלינדער פּאַרטיי־לאָיאַליטעט.

אין עטלעכע סטעיטס וועט אַט־דער צוגאַנג באַוועגן די אַרבעטער און די ניט־פּאַרטייאישע מאַסן צו שטיצן, אין אַלגעמיין, די קאַנדידאַטן פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי; אין אַנדערע סטעיטס—צו קעמפן אומקאָמפּראָמיס־לעך געגן דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. און אין מערסטע סטעיטס וועט דאָס פירן צו שטיצע פאַר אינדיווידועלע רעפּובליקאַנער קאַנדידאַטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין מער פּראָגרעסיוו ווי זייערע קאָנקורענטן פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ספּעציעל פאַר געזעצגעבנדיגע פּאָסטן.

דער דאָזיגער צוגאַנג איז אין עצם נישט מער ווי אַ פאַרזוך צו פאַר־אייניגן יענע גלייכדענקענדיגע מענטשן, וואָס זיינען איצט צעטיילט דורך קינסטלעכע פּאַרטיי־ליניעס, ביז צו דער צייט ווען פּאַרטייען וועלן ווידער קאָנען ווערן די מיטלען צו שאַפן איינהייט אַנשטאַט צעטיילונג.

פון אַ גאַנץ אַנדער שטאַנדפּונקט האָט אַן ענלעכע מיינונג לעצטנס אַרויסגעזאָגט ניקאָלאַס מאַרעי באַטלער, פּרעזידענט פון קאָלאָמביאַ אוני־ווערזיטעט, „מיטגליד פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע מיט דער גרעסטער צאָל יאָרן אין איר דינסט", און קולטור־טרעגער פאַר הואווער, לענדאָן און זייערע קאָלעגן. מר. באַטלער זאָגט גאַנץ אָפן: „ס'איז מער נישטאָ קיין רעפּובליקאַנער פּאַרטיי." נאָמינעלע רעפּובליקאַנער „זיינען ווייט פון זיין איינשטימיג איבער פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן." *) אַן ענלעכע לאַגע געפינט ער ביי די דעמאָקראַטן.

דר. באַטלער'ס פּאָליטישע אַנשויאונגען זיינען פון דעם קאָנסערוואַ־טיווסטן סאָרט, וואָס ווערט געוויינטלעך באַצייכנט מיטן וואָרט „טאָרי". אָבער אַזוי ווי די טאָרים דיסקרעדיטירן זיך שטענדיג אין די אויגן פון די מאַסן פון זייער אייגענעם דור, בייטן זיי כסדר זייערע נעמען אין דעם קומענ־דיגן דור און לייקענען אָפּ מיט אַנטריסטונג זייערע אייגענע פּאָליטישע

---

*) „דאַרף מען האָבן צוויי נייע פּאַרטייען?", „ניו יאָרק טאַימס מעגעזין", יולי 26, 1942.

עלטערן. אַזוי באַצייכנט דר. באָטלער זיין אייגענעם פּאָליטישן לאַגער, וואָס איז איצט צעוואָרפן צווישן דער רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטישער פּאַרטייען, מיטן נאָמען „קאָנסטיטוציאָנעלע ליבעראַלן". ער זעט פאָראויס זייער פאַראייניגונג אין אַ נייער פּאָליטישער פּאַרטיי, וואָס קאָן ניט באַנוצן דעם נאָמען „רעפּובליקאַנער", ווייל איר האָפענונג צו קריגן די אויבערהערשאַפט פון לאַנד וועגדט זיך אָן אַ בונד מיט די „פּאָל־טעקס" דעמאָקראַטן פון דער סאָוט, וועלכע וואָלטן ריזיקירט צו פאַרלירן זייער דיקטאַטאָרישן קאָנטראָל אין יענער געגנט, ווען זיי וואָלטן באַנוצט אָט־דעם טראַדיציאָנעל־פאַרהאַסטן נאָמען.

מיר זיינען, פאַרשטייט זיך, נישט פאַראינטערעסירט צו העלפן פאַראייניגן די טאָרי־רעפּובליקאַנער מיט די „פּאָל־טעקס" דעמאָקראַטן פון דער סאָוט כדי אָט־די קאָמבינאַציע זאָל קריגן דעם קאָנטראָל איבערן לאַנד. פאַרקערט, מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן קיין גרעסערע קאַטאַסטראָפע פאַר אונזער לאַנד אָדער קיין גרעסערן שטויס צו טיפע צעשפּליטערונגען און קאַמפן, ווי דאָס וואָלט אומפאַרמיידלעך געשאַפן. מיר וואָלטן מיט אַלע כחות באַקעמפט אַזאַ קאָמבינאַציע פון קרעפטן אין איר פאַרזוך צו קאָנטראָלירן אונזער לאַנד. דאָך קאָן מען אַ סך לערנען פון אַ גרינטלעכן שטודיום און אָפּשאַצונג פון דער באָטלער־אידעאָלאָגיע און פּאָליטישער טענדענץ.

ביי אָט־דער געלעגנהייט וועט עס העלפן צו באַטאָנען איינעם פון די הויפּט־פּונקטן פון אָט־דעם בוך, ווען מיר וועלן קלאָר מאַכן, אַז די נאַציאָנאַלע אייניגקייט, וואָס מיר שלאָגן פאָר, שליסט נישט אויס דר. באָטלער׳ן און זיינע קאָלעגן פוןביידע פּאַרטייען. אויף וויפיל זיי זיינען גרייט צו סובאָרדינירן זייערע אייגענע ספּעציעלע אינטערעסן און אידעאָלאָגיעס צוליב די באַדערפענישן פון דעם זיג אין דער איצטיגער מלחמה, קאָנען טאָריס און קאָמוניסטן באַזונדער און צוזאַמען ביישטראָגן צו נאַציאָנאַלער אייניגקייט, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע. מיר נעמען אָן, אין אָט־דעם בוך, אַז עס זיינען דאָ פּאַטריאָטן אין אַלע קלאַסן, פּאַרטייען און גרופּירונגען, וואָס זייער אייניגקייט און קאָאָפּעראַציע וועט זיין אַנטשיידנדיג פאַר דער אייניגקייט פון לאַנד און וואָס זיי וועלן אַלץ מער און מער — אין דער מאָס ווי עס רוקן זיך אַרויס אַלץ שאַרפערע פראַגן — סובאָרדינירן זייערע אייגענע ספּעציעלע אינטערעסן, אידייען און פאָראורטיילן צוליב די דרינגענדיגע באַדערפענישן פון דער מלחמה פאַר עקזיסטענץ, צוליב די באַדערפענישן פון דעם זיג איבער דער „אַקס".

דער ציל פון אָט־דעם בוך איז פון אָנהויב ביזן סוף — צו העלפן באַזייטיגן אַלע שטערונגען פאַר אַזאַ אַלץ־אַרומנעמענדיגער נאַציאָנאַלער אייניגקייט. די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי קאָן און וועט, מצד אירע פיל־מיליאָנינע

נאָמינעלע נאָכפאָלגער און זייערע פירער, מאַכן וויכטיגע ביישטייערונגען צו אָט־דער נאַציאָנאַלער איינהייט. צו דער זעלביגער צייט אָפּעריִרט אין די ראַמען פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי דער מעכטיגסטער טייל פון די שונאים פון נאַציאָנאַלער איינהייט און פון זיג.

אַ פּאָליטישער קאַמף אויף לעבן און טויט גייט שוין אָן אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי צווישן אָט־די צוויי כחות און טענדענצן. ביי אַ סך אינדיווידועלע פירער קאָנען מיר באַמערקן אָט־דעם שטרייט אין זייערע איינענע מוחות און הערצער. ס'איז אַ פאַרפּלאָנטערטער און קאָמפּליצירטער קאַמף. וואָס שאַרפער די שטרייט־פראַגן ווערן אַרויסגעבראַכט און אויסגעקעמפט, אַלץ גרעסער וועט זיין די גאַראַנטיע פאַר דעם לאַנד, אַז באַראָן פאָן קילינגער'ס האָפענונגען אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי וועלן נישט פאַרווירקלעכט ווערן.

דר. באַטלער איז אפשר גערעכט אין זיין מיינונג, אַז עס זיינען פאַראַן בלויז די מיליאָנען בירגער וואָס שטימען פאַר דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, נאָר קיין רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז נישטאָ. אפשר איז ער אויך גערעכט אין זיין גלויבן, אַז די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי מוז פאַרשווינדן אין אַן אַל־געמיינער איבערגרופּירונג אין לאַנד, וואָס זאָל נעענטער אַנטשפּרעכן די שטרייט־פראַגן און כחות־פאַרהעלטעניש פון טאָג.

אויב דאָס איז אמת, איז עס נאָך מער אמת, אַז די נייע איבערגרופּירונג און די אויסקריסטאַליזירונג פון פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס מוז פאָרקומען, וועט באַשטימט ווערן דורך דער מלחמה, דורך די גילטיגע באַגריפן וועגן דעם כאַראַקטער פון דער מלחמה און ממילא — דורך די פּאָליסים, וואָס ווערן אַרויסגערוקט אַלס דער וועג צום זיג אין דער מלחמה. און דאָס זיינען די איינציגע וויכטיגע פראַגן פון טאָג, אָפּגעזען דערפון וואָס די צוקונפט באַהאַלט פאַר די באַזונדערע פּאַרטייען.

אַלע פירער און פראַקציעס פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי האָבן זינט דעצעמבער 7, 1941 זיך מיטן מויל פאַרפליכטעט צו אַרבעטן פאַרן זיג. קיין איין פּאָליטישע פיגור אין וועלכער ס'איז פּאַרטיי וואָגט איצט נישט אויס־צודריקן אָפן אַ דעפעטיסטישע און „אַפּיזמענט" שטעלונג — מיט דער אויס־נאַם פון נאָרמאַן טאָמאַס, וועלכער האָט קאָנטיג געקראָגן אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע פון אימוניטעט, אַ שטייגער ווי מען באַהאַנדלט די שוואַכזיניגע. אָבער דאָס איז בלויז אַ ווערטערלעכע איינהייט, הינטער וועלכער דער קאַמף גייט אָן נאָך שאַרפער ווי ווען עס איז פריער. ווען די רעפּובליקאַנער נאַציאָ־נאַלע קאָמיטע איז איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס איבער ווענדל ווילקי'ס פאָרמולירונגען וועגן קריגס־פּאָליסי, האָבן איזאָלאַציאָניסטן און „אַפּיזערס"

ווי סענאַטאָר ברוקס פון אילינאָי דערפון באַלד געמאַכט אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ וואַל־קאַמפּאַניע אויף דער פּלאַטפאָרם פון זייער אייגענעם טרויעריג־באַרימטן רעקאָרד, וואָס דערמיט האָבן זיי פולשטענדיג צונישט געמאַכט זייער פאָרמעלע צושטימונג צו ווילקי׳ס רעזאָלוציע. דאָס זיינען די טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייטן פון דער פּאָליטישער שפּיל, ווי זי ווערט געשפּילט אין דער דעמאָקראַטישער אַמעריקע.

די גרעסטע געפאַר פאַר אונזער זיג אין דער איצטיגער מלחמה איז די צעמישעניש, וואָס ווערט געשאַפן צווישן פאָלק דורך אַזאַ היפּאָקריטישן ציניזם ביים באַהאַנדלען די פראַגע פון קריגס־פּאָליסי; דורך די פילפאַכיגע מאַסקעס, וואָס ווערן גענוצט אויף צו באַהאַלטן דאָס אמת׳ע פּנים פון די דעפיטיסטן און „אַפּיזערס״. דורכצודרינגען אַט־די מאַסקעס ביז צו דער ווירקלעכקייט און אַנטפּלעקן די ווירקלעכקייט פאַרן פאָלק — דאָס איז אַ צענטראַלע אויפגאַבע פאַר דעם ציל צו געווינען די מלחמה.

פאַראַן אַ צאָל איינפאַכע סימנים לויט וועלכע מען קאָן דערקענען די דעפיטיסטן אין דער רעפּובליקאַנער אויבער־קאָמאַנדע. נעמט יענע, וואָס האָבן מיט באַזונדערער ענערגיע פּראָפּאַגאַנדירט דעפיטיסטישע און פּראָ־דייטשע אידייען פאַר דעם 7טן דעצעמבער, און פרעגט, צי זיי האָבן עפּנטלעך זיך אָפּגעזאָגט פון אַט־די אידייען זינט דעמאָלט אָדער זיי זיינען בלויז אַנט־שוויגן געוואָרן וועגן דעם. ס׳איז, פאַרשטייט זיך, גאַנץ מעגלעך, אַז דער 7טער דעצעמבער האָט איבערצייגט אייניגע פון זיי אַז זיי זיינען פריער געווען אומגערעכט, און אַז זינט דעמאָלט האָבן זיי אויפריכטיג געביטן זייער מיינונג און דאַרפן פון איצט אָן באַהאַנדלט ווערן ווי לאָיאַלע און פּאַטריאָטישע בירגער. אין אַזאַ פאַל קאָן די איינציגע אויסזעצונג געגן זיי זיין זייער פריערדיגע לייכט־גלויביגקייט — אַ שוואַכקייט וואָס דאַרף פאַר־רעכנט ווערן געגן אַ קאַנדידאַט פאַר אַ פּאָליטישן אַמט. אַזעלכע געביטענע מיינונגען דאַרפן באַוויזן ווערן אויף אַ קאָנקרעטן אופן, אַז מ׳זאָל זיי קאָנען גלויבן.

וועגן אַזוינע רעפּובליקאַנער פּאָליטישנס ווי האַמילטאָן פיש, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין 1933 ווי דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטער פון היטלער׳ס אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיטעט און וואָס זיין אָפיס אין קאָנגרעס איז געווען אַן אָפּעראַטיווע באַזע פאַר דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק ביז צום מאָמענט, ווען יענער איז פאַר׳משפּט און פאַרשיקט געוואָרן אין פריזאָן, איז פאַרשטייט זיך קיין סך צו רעדן. האַמילטאָן פיש׳ס ציניש קאַמפּאַניע פאַר ווידער־דערוויילונג „אויף זיין רעקאָרד״ איז נישט מער ווי דער אויסדרוק פון זיין מיינונג, אַז אין זיין דיסטריקט ווערן די בירגער נאָך אַלץ קאָנטראָלירט דורך די באַוואוסטזיניג פּראָ־נאַצישע אַמעריקאַנער פון דעם

„קלאַיוודען־סעט". און צום באַדויערן איז אַט־די מיינונג זיינע אפשר אַ באַרעכטיגטע.

ס'איז אָבער מאָדנע וואָס די זעלביגע פּובליציסטן, וועלכע פאַרדאַמען פּיש'ן און זיין רעקאָרד, באַגריסן און גראַטולירן אין דעם זעלבינגן אָטעם הערבערט הואווער'ן און זיין נייעם בוך, „די פּראָבלעמען פון דויערהאַפטן פרידן", וואָס ער האָט פאַרפאַסט צוזאַמען מיט מר. היו גיבסאָן. ס'איז מאָדנע, ווייל מר. הואווער איז דער אמת'ער אַמעריקאַנער פאַרוואַלטער פון דעם „פּאָליטישן וויינגאַרטן", אין וועלכן מר. פּיש איז נאָך אַלעמען געווען בלויז אַ באַשיידענער „אַרבעטער"; און זיין בוך איז די פּלאַטפאָרם פאַר די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן אין דער איצטיגער מלחמה. דאָס האָט הואווער'ס פּראַטעזשע, קוירנעל לינדבערג, דערקלערט אָפן אין דעם זומער פון 1941, אַז ער וואָלט בעסער וועלן האָבן אַ בונד מיט היטלער־דייטשלאַנד איידער מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איידער ס'איז געשאַפן געוואָרן דער בונד פון די פאַראייניגטע מלוכות, האָט הואווער דאָס אין פאָראויס באַצייכנט ווי אַ „מאָנסטערהאַפטן וויץ"; ער האָט געטענה'ט, אַז עס וועט „ניט זיין קיין מעגלעכקייט צו ברענגען די מלחמה צו אַ שלום אַנדערש ווי דורך אַ קאָמפּראָמיס־פרידן"; ער האָט דערקלערט, אַז דער בעסטער וועג פּטור צו ווערן פון היטלער'ן איז צו שליסן פרידן מיט אים: „היטלער'ס אמת'ע שוואַכקייט וואָלט געווען אין פרידן"; ער האָט אַרגומענטירט, אַז אַמעריקע און דער אַמעריקאַנער קאָנטינענט קאָנען לעבן אין פרידן מיט אַ היטלער־באַהערשטער אייראָפּע: „עס וואָלט נישט געווען אַנגענעם, נאָר עס קאָן געטאָן ווערן"; און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז צו איבלדיגקייט.*)

ער האָט אין פאָראויס אויסגעדריקט זיין איצטיגע שטעלונג וועגן „אויפגעבן די פרייהייט" אין מלחמה־צייט, ווען ער וואָלט שוין מער ניט געקאָנט ווידערהאָלן אין זיין בוך זיינע פונדאַמענטאַלע אידייען. אָבער דורך דעם ווי ער אַנטוויקלט אין דעם בוך אין אַ פאַרשלייערטער פאָרם די גרונטלאַגן פון זיין פּאָליטישער פּלאַטפאָרם און ציט נישט צוריק קיין איין פּונקט, האָט ער פּאַקטיש נאָכאַמאָל פולשטענדיג באַשטעטיגט זיין צובונד צו דער גאַנצער פּלאַטפאָרם.

נישט דאָס איז געפערלעך אין הואווער'ס בוך, וואָס ער האָט אים אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן. ס'איז נישט דער אינהאַלט פון דעם בוך ווי אַזעלכער, ווייל אינטעלעקטועל איז ער אונטער פּאַראַכטונג; געפערלעך און באַדייטונגספול איז דער פּאַקט, וואָס אין דעם מאָמענט פון וועלט־קריזיס

*) הואווער'ס רעדע איבער דער ראַדיאָ־נעץ פון דער נעשאָנאַל בראָדקעסטינג קאָמפּאַני, יוני 29, 1941.

איז אט־דער געמיינער בוך באגריסט געווארן ווי א „ווערטפולער ביימראג" דורך דעמאקראטן און רעפובליקאנער צוגלייך, אזוי גוט ווי דורך מערסטע ציימונגען פון לאנד, ליבעראלע און רעאקציאנערע; און אין דעם גאנצן כאר האט מען קוים געקאנט הערן א שטימע פון קריטיק.

ווי אזוי קאן אמעריקע אויסקעמפן אט־די פארצווייפלטע מלחמה ביז צום זיג, ווען די וואס „פורעמען די עפנטלעכע מיינונג" זיינען אזוי פלאכ־קעפיג אדער קארופט, אז זיי באגריסן הואווער'ס ביליגע שטיק דעפיטיזם ווי א „ווערטפולן ביימראג" צום לאנד אין צייט פון מלחמה?

הואווער בלייבט א מעכטיגער איינפלוס אין דעם נאציאנאלן הויך־ראט פון דער רעפובליקאנער פארטיי. ער איז דער הויפט פון דעם באוואוסט־זיניגסטן און בעסט־ארגאניזירטן טייל פון דער פארטיי־מאשינעריע; ער פאר־טרעט די ערגסטע כחות פון דעם רעאקציאנערסטן מאנאפאל־קאפיטאל, די אמעריקאנער קאלעגן פון די פראנצויזישע „200 פאמיליעס", וועלכע האבן באגריסט היטלער'ס דעראבערונג פון זייער לאנד ווי א רעטונג פאר זיך אליין. הואווער סימבאליזירט און פירט די דעפיטיסטן פון אויבערשטן קלאס, וועלכע זיינען די גרעסטע געפאר פאר דער נאציאנאלער איינינקייט און פאר דעם זיג.

די ריי־און־גליד רעפובליקאנער מוזן באפרייט ווערן פון דער פירער־שאפט פון הואווער'ן און זיינע פריינט. דאס איז די פראבלעם פון נאציא־נאלער איינינקייט און די פראבלעם פון דער רעפובליקאנער פארטיי.

קאַפּיטל צען

די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און נאַציאָנאַלע אייניגקייט

ס'איז קיין פראַגע ניט, אַז די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וועלכע איז די אַדמיניסטראַציע־פּאַרטיי, וואָס האָט געצויגן העכער זיבן און צוואַנציג מיליאָן שטימען פאַר פּרעזידענט רוזוועלט אין די וואַלן פון 1940, איז דער הויפּט־כח אויף דעם געביט פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט, אויף וויפיל דאָס האָט צו טאָן מיט פּאָליטישע פּאַרטייען. ניט בלויז האַלט זי אָן די שטיצע פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער מערהייט, נאָר זי שאַפט אויך דעם פּאָליטישן הויפּט־פונדאַמענט פאַר דער מלחמה־אַדמיניסטראַציע, די וויכטיגסטע אָר־גאַניזאַציאָנעלע פעסטונגען און זאַמל־צענטערן פאַר דער ברייטסטער נאַציאָ־נאַלער אייניגקייט. צו דער זעלביגער צייט דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אַליין אַנטהאַלט אַ צאָל פון די שעדלעכסטע כחות פון פינפטן קאָלום; אַז דורך שטיצן זיך אויף דער „סאָלידער סאַוט", וואו עס הערשט דער „פּאָל־טעקס" (אָפּצאָל פאַר דעם רעכט צו שטימען) און די לערע פון „ווייסער איבערהערשאַפט", רוט זי אויף אַ געפערלעך־צעפוילטן פונדאַמענט; און אַז זי איז דורכגעווערימט פון דעפיטיסטישע און „אַפּיזערישע" עלעמענטן, וואָס זיינען באַשעפטיגט מיט שאַפן קאָנספּיראַציעס הינטער די קוליסן געגן אַ פולשטענדיגער אָנשטרענגונג פאַר אַ זיג אין דער מלחמה.

דער וויכטיגסטער איינצלנער כוח אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז, פאַרשטייט זיך, דער מאַן וואָס איז דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דעם פּאָטענציעל־שטאַרקסטן לאַנד אין דער וועלט און ממילא — איינער פון די וויכטיגסטע פּערזענלעכקייטן אין דער וועלט־סיטואַציע — פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט.

אין דעם פּעריאָד פון פאַטאַלער צעטומלעניש, צווישן סוף 1939 און דער ערשטער העלפט 1941, האָב איך געזאָגט און געשריבן אַ סך ביטערע ווערטער פון קריטיק געגן פּרעזידענט רוזוועלט. אַזוי ווי יענע ווערטער ווערן

אין דעם איצטיגן מאָמענט דערמאָנט און אָנגעגעבן ווי שטערונגען אויף דעם וועג פון פולשטענדיגער נאַציאָנאַלער אייניגקייט, בין איך געצוואונגען נאָך אַמאָל צו באַשעפטיגן זיך מיט זיי — אין אַ צייט, ווען איך וואָלט זיך מער גערן אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיט דער נויטיגער אַרבעט פון העלפן שטאַרקן די הענט פון אונזער הויפּט־קאָמאַנדיר פאַר די אויפגאַבן פון אַט־דעם היסטאָרישן קריטישן מאָמענט. איך מוז דעריבער געבן אַן איבערבליק פון דער פאַרגאַנגענהייט כדי צו שאַפן אַ פּערספּעקטיווע, וואָס זאָל העלפן אַנטוואַפּענען יענע שונאים, וועלכע ווילן צוליב איין ספּעציעלן מאָטיוו אָדער אַ צווייטן אָנהאַלטן די אַלטע צעטומלעניש אויך אין דעם איצטיגן פּעריאָד.

זינט דעם אָנהויב פון 1936 האָבן אַמעריקאַנער קאָמוניסטן אַנטוויקלט אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג בנוגע פּרעזידענט רוזוועלט און זיין ראָלע אין דעם אַלוועלטלעכן קאַמף געגן נאַציזם. אונזערע פריערדיגע פאַרדאַכטן געגן אים, מחמת דער דאָמינירנדיגער ראָלע פון דעם געשטאָרבענעם גענעראַל היו דזשאַנסאָן מיט זיין האַלב־געבאַקענער פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע, זיינען פאַרשוואונדן נאָך דעם ווי דזשאַנסאָן איז באַזייטיגט געוואָרן פון זיין פּאָסט אַלס דעם פּרעזידענט'ס ראַטגעבער אָן דער שפּיץ פון דער „ען־אַר־עי". מיר זיינען ווייטער אָנגערעגט געוואָרן דורך דעם אויפשטייג פון אַ קלאָר־אָנגעצייכנטער אַנטי־רוזוועלט באַוועגונג פון אַ פאַשיסטיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָס האָט געקראָגן איר פאַרקערפּערונג אין דער „ליבערטי ליג". אין 1936 האָב איך, ווי דער קאָמוניסטישער פּרעזידענט־קאַנדידאַט, געפירט אַ קאַמפּאַניע, וואָס איז געווען אויסגערעכנט צו העלפן קריגן מער שטימען פאַר רוזוועלט'ן גיכער ווי פאַר מיין אייגענער פּאַרטיי; כ'האָב דאָס געטאָן מחמת דעם קוים־פאַרמאַסקירטן פאַשיסטישן כאַראַקטער פון זיין אָפּאָזיציע, וועלכע מיר האָבן באַטראַכט ווי די הויפּט־געפאַר פאַר אונזער לאַנד.

אין 1937 איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געווען די איינציגע נאַציאָנאַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַראייניגטערהייט געשטיצט דעם פּרעזידענט. די שטרייט־פראַגן פון יענעם יאָר זיינען געווען: דער קאַמף אַרום דעם סופּרים קאָורט און דעם פּרעזידענט'ס רעדע אין שיקאַגאָ וועגן אַ „קאַראַנטין געגן די אַגרעסאָרישע מלוכות". דעם פּרעזידענט'ס אייגענע פּאַרטיי האָט אים פאַרלאָזט איבער ביידע פראַגן, און אפילו די ליבעראַלן זיינען אַנטלאָפן פון אים אין דער פראַגע פון „קאַראַנטין", וואָס אין דער אמת'ן איז דאָס געווען די פראַגע פון „קאָלעקטיווער זיכערקייט".

אין 1938 זיינען די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן געווען צווישן די ענערגישסטע און אויסגעהאַלטנסטע אונטערשטיצער פון דעם פּרעזידענט. צוזאַמען מיט אונזער שטיצע האָבן מיר, צום ערשטן מאָל אין דריי יאָר, געמוזט אַרויסקומען מיט אַ שאַרפער נאָטע פון קריטיק געגן זיין לאָזן אויף

הפקר די שפּאַנישע רעפּובליק און געגן דעם, וואָס ער האָט דערלויבט זיינע אַרויסהעלפער צו מאָנען „קרעדיט" פאַר אים אין דעם מינכענער פאַרראַט.

אין 1939 האָבן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן פאַרשטאַרקט זייער שטיצע פאַרן פּרעזידענט. דעם ערשטן סעפּטעמבער, ווען די מלחמה האָט אויסגע־בראָכן, האָט אונזער נאַציאָנאַלע קאָמיטע אין שיקאַגאָ זיך פאַרזאַמלט צוזאַמען מיט 650 מיטגלידער און דעלעגאַטן פון 48 סטעיטס; דער הויפּט־צוועק פון אירע באַראַטונגען איז געווען: צו העלפן דערוויילן פּרעזידענט רוזוועלט'ן פאַר אַ דריטן טערמין.*) אַזוי שפּעט ווי דעם 11טן סעפּטעמבער האָט אונזער פּאַרטיי זיך געווענדט צום פּרעזידענט מיט אַן אָנבאָט פון שטיצע.

אין אָקטאָבער 1939 זיינען מיר אַרויסגעקומען געגן דעם פּרעזידענט, דאָס הייסט — געגן דער פּיינטלעכער שטעלונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין וואַשינגטאָן בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ פעלער, וואָס קאָן האָבן אַ קאַטאַסטראָפּישע ווירקונג אויף די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון אונזער אייגן לאַנד. און ווען וואַשינגטאָן האָט אַקטיוו גע־שטיצט באַראָן פאָן מאַנערהיים'ען, וועלכער איז איצט היטלער'ס אַ וויליגער קנעכט, איז דער ברוך צווישן אַמעריקאַנער קאָמוניסטן און דעם פּרעזידענט געוואָרן פולשטענדיג און געבליבן אין דעם משך פון 18 חדשים. אין דעם מאָמענט, ווען טשוירטשיל און רוזוועלט האָבן צוזאַמען געמאַכט דעם גרויסן קער, וואָס האָט געענדערט די אַנטי־סאָוועטישע פּאָליסי און זיך פאַרנומען אויף דעם וועג, וואָס האָט דערפירט צו דעם מעכטיגן בנין פון די פאַראייניגטע מלוכות, זיינען די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן ווידער געוואָרן די ענערגישסטע אונטערשטיצער פון דעם פּרעזידענט.

דאָס איז דער רעקאָרד. איך וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן נאָכאַמאָל אין אַרגומענטן וועגן די אַלטע צווייסטיגקייטן אויף ביידע זייטן. עס איז גענוג דאָ פעסטצושטעלן דעם פאַקט, אַז אַמעריקאַנער קאָמוניסטן האָבן זינט 1936 סובאָרדינירט זייער אייגענע פּראָגראַם צוליב דער שטיצע פאַר די היימישע און אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליסים פון פּרעזידענט רוזוועלט, ווייל זיי האָבן אין דעם געזען די איינציגע האָפענונג פאַר אַן אָרדענונגסמעסיגער און פרייד־לעכער אַנטוויקלונג פאַר אונזער לאַנד און פאַר דער וועלט. ווען מיר האָבן אָפּגעבראָכן מיט דעם פּרעזידענט, איז דאָס געווען איבער אַ פּרינציפּיעלער נישט־איינשטימיגקייט וועגן דעם, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג עס ליגן די אמת'ע אינטערעסן פון אַמעריקע. ווען די דאָזיגע נישט־איינשטימיגקייט איז אויס־געמעקט געוואָרן דורך היסטאָרישע געשעענישן, האָבן מיר זיך אומגעקערט

*) אוירל בראָודער, „יוניטי פאַר פּיעס ענד דעמאָקראַסי", ניו יאָרק, סעפּ־טעמבער 1939.

צו אונזער אויסגעהאַלטענער און ווירקזאַמער שטיצע פאַר דעם פּרעזידענט.

איך האָף און גלויב, אַז די מערהייט לייענער פון אָט־דעם בוך וועלן זיין מענטשן, וואָס גלויבן אַז „שטיצע פאַר פּרעזידענט רוזוועלט" איז אַ וויכטיגער לאָזונג פאַר אונזער לאַנד, כדי צו געפינען דעם וועג דורך אָט־דער מלחמה און דורך דעם וועלט־קריזיס צום זיג און צו אַ פאָלקס־פרידן. רוז־וועלט איז אונזער נאַציאָנאַלער הויפּט־קאָמאַנדיר, און אַ זיג איז מעגלעך בלויז דורך שטאַרקן זיינע הענט און בייקומען די אָבסטרוקציע־מאַכער און די פינפטע קאָלומניסטן, וועלכע זיינען אונזערע היימישע שונאים. די פראַגע פון אַ פּערזאָן אָדער אַ גרופּע, צי זיי האָבן אויף אַן אמת'ן געשטיצט דעם פּרעזידענט אָדער אים בלויז געשטיצט מיטן מויל, ווי די „בעל־תשובה'ס" נאָך פּוירל האַרבאָר, אַפּעלירט צו דעם געזונטן פאַרשטאַנד פון מיליאָנען אַמעריקאַנער און ווערט ברייט אָנגעווענדט מיט אַ סך באַרעכטיגונג. אָט־דער איבערבליק איבער דעם רעקאָרד פון די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן וועגן דער דאָזיגער פראַגע ווערט דאָ געמאַכט פאַר דעם אַלגעמיינעם לייענער, ווי אַ טייל פון אונזערע קרעדיטיר־פּאַפּירן, וועלכע באַשטעטיגן יענע געמיינשאַפטלעכע אָנשויאונגען, וואָס שאַפן דעם באַזיס פאַר אַ ניצלעכער דיסקוסיע איבער די נאָך־נישט־געלייזטע פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט פאַר דעם זיג.

ס'איז פאַר אונז דעריבער נישט שווער און נישט „אַבנאָרמאַל" צו דיס־קוטירן די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט, פון וועלט־פּאָליטיק אָדער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַלס אַ צענטראַלן כוח — און דיסקוטירן דאָס פון דעם אויסגאַנג־פּונקט פון דער פירנדיגער ראָלע פון פּרעזידענט רוז־וועלט. דער שווערער און אַבנאָרמאַלער פּעריאָד איז פאַר אונז געווען אין יענער צייט, ווען אַן אומגליקלעכע קייט פון געשעענישן האָט אונז צייטווייליג אַוועקגעשטעלט אין אַ לאַגע פון אַ „מינאָריטעט אָפּאָזיציע".

אָבער גענוג וועגן דער אַלטער געשיכטע! אין אָט־דעם קאַפּיטל האַנדלט זיך דערהויפּט וועגן דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין שייכות צו נאַציאָנאַלער אייניגקייט.

דאָס וואָס ניקאָלאַס מאַרעי באַטלער האָט געזאָגט וועגן דער רעפּוב־ליקאַנער פּאַרטיי — אַז עס זיינען דאָ מיליאָנען רעפּובליקאַנער שטימען, נאָר קיין רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז נישטאָ — קאָן מיט פּונקט אַזויפיל אמת געזאָגט ווערן וועגן דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, מיט דער אויסנאַם וואָס די פאַראייניגענדיגע ראָלע פון דעם פּרעזידענט, וועלכער ווירקט אַריבער אַלע פּאַרטיי־ליניעס, פילט זיך באַזונדער שטאַרק צווישן די טראַדיציאָנעלע און נאָמינעלע דעמאָקראַטן פון אַלע שאַטירונגען, מחמת דעם וואָס ער איז דער־ווײלט געוואָרן ווי דער קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אַ טראַדיציע, וואָס איז גע'ירשנ'ט גע־

וואָרן פון פאַרגאַנגענע פּאָליטישע קאַמפּן. ס'איז אַ פעדעראַציע פון געגנט־לעכע אינטערעסן. ס'איז דער קאַנאַל פאַר ניי־אויפגעקומענע דעמאָקראַטישע שטראָמען צווישן די מאַסן. ס'איז אַ חזקה־אינטערעס פון פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטישע מאַשינען. ס'איז אַן אינסטרומענט פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם. ס'איז אַ פּיאָנער פון פּראָגרעסיווע און סאָציאַלע עקאָנאָמישע פּאָליסים. ס'איז די אַלע זאַכן צוזאַמען, ס'איז אָבער אַ פּאַרטיי בלויז אין דעם ספּעציעלן זין און פאָרם, וואָס גילט בלויז אין אַמעריקע, אַ פּאַרטיי וואו טראַדיציע און דער נאָמען האַלטן־אָן אַ פאָרמעלע איינהייט, וואָס איז שוין לאַנג נישטאָ אין ווירקלעכן לעבן. די לעבעדיגע שטרייט־פראַגן פון טאָג ווערן נישט אויס־געקעמפט צווישן דער רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, נאָר אינערהאַלב ביידע פּאַרטייען. דעמאָקראַטישע פּאַרטיי־פּאָליטיק איז דעריבער זייער קאָמפּליצירט, און צו מאַניפּולירן מיט דער דאָזיגער פּאָליטיק איז איינע פון די סאַמע פאַרבאָרגענע און קאָמפּליצירטע קונסטן. אָט דערפאַר רעדן דאָס פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטישנס מיט באַוואונדערונג וועגן רוזוועלט'ן ווי וועגן דעם „אַלטן מייסטער", דעם איינציגן מענטשן אין צוויי דורות, וואָס האָט באַוויזן צו שאַפן אַ געוויסן צונויפבונד אין דעם פּאַק ווידערשפּרוכן, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „דעמאָקראַטישע פּאַרטיי".

דער טיפסטער און שרייענדיגסטער ווידערשפּרוך איז צווישן דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דער נאָרט, וועלכע געפינט איר הויפּט־שטיצע אין דעם אינדוסטריעלן אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז מער און מער אָרגאַניזירט אין טרעיד־יוניאָנס און איבט־אויס אַן איינפלוס אויף דער פּאַרטיי, און דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דער „סאָלידער סאַוט", וועלכע איז מערסטנטייל אַזוי רעאַקציאָנער, אַזוי מיטלאַלטערלעך אין מענטאַליטעט און גייסט, אַז מען קאָן דאָס גאָרניט באַנעמען אין די אַנדערע טיילן פון לאַנד. די דעמאָקראַטן פון דער „סאָלידער סאַוט" זיינען דער שטאַרקסטער איינפלוס אין קאָנגרעס און אין דער רעגירונג, מיט דער אויסנאַם בלויז פון דעם פּרעזידענט אַליין. זיי זיינען אויסערגעוויינטלעך זעלבסט־באַוואוסטזיניג און זעלבסט־זיכער, מען מעג זאָגן — חוצפה'דיג; זיי באַטראַכטן זיך ווי די אמת'ע פירער פון לאַנד און זיינען געאיבט אין דער קונסט פון אַרויפצווינגען זייער ווילן אויף די אַנדערע טיילן פון לאַנד. זיי זיינען אַ דעגענערירטע מאָדערנע קאַריקאַטור פון דער אַלטער סאַוט פון די צייטן פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע און פופציג יאָר שפּעטער, וואָס האָט געגעבן אונזער לאַנד די פירנדיגע שטאַטס־לייט פון יענער צייט.

אָט־די „סאָלידע סאַוט" איז אַזוי פולשטענדיג אין געגנזאַץ צו יעדן פּראָגרעסיוון פּאָליטישן געדאַנק, וואָס פּרעזידענט רוזוועלט שטעלט מיט זיך פאָר, אַז ס'איז איינע פון די מאָדערנע געהיימנישן פון פּאָליטיק, וואָס אָט־די

סאַוט איז אַ הויפּט־זייל פון דער נאַציאָנאַלער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע און פון איר מאַכט.

ערשט ניט לאַנג צוריק האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו שטודירן די „סאָלידע סאַוט" פון אינעווייניג אין דעם משך פון פערצן חדשים. פריער האָב איך קיינמאָל ניט געקראָגן די דערלויבעניש אַפילו איבערצופליען איבער דער טעריטאָריע פון דזשאָרדזשיאַ; די פירנדיגע צייטונגען פון יענעם סטעיט באַרימען זיך, אַז אין דעם משך פון יאָרן האָבן זיי דורך צוואַנג נישט דערלאָזט, אַז איך זאָל דאָרטן רעדן אין דער עפנטלעכקייט. דעם מאָל בין איך געקומען אַהין אונטער דער שוץ פון דער גאַנצער מאַכט פון דער פעדעראַלער רעגירונג און איך האָב געוואוינט הינטער די באַשיצנדיגע הויכע ווענט, באַוואַכט פון הונדערטער וועכטער. כ'האָב דעריבער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו שטודירן דזשאָרדזשיאַ, דאָס האַרץ פון דער „סאָלידער סאַוט", אָן איילעניש און פולשטענדיג באַשיצט — אַ זעלטענע לאַגע. אָט זיינען עטלעכע פון מיינע באַאָבאַכטונגען:

די איינוואוינער פון דזשאָרדזשיאַ זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַמעריקע — וואוילע און ליבע מענטשן, וואָס פּאָליטיש אונטערשיידן זיי זיך נישט פון די איינוואוינער פון וועלכן ס'איז אַנדערן סטעיט, וואָס איז מיר באַקאַנט. זייער סטעיט איז הינטערשטעליג און אָבסקוראַנטיש, ווייל דאָס פאָלק איז אויסגעשלאָסן פון פּאָליטישן לעבן, איבער וועלכן אַ געשלאָסענע קאָרפּאָראַציע פון פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטישנס האָט אַ מאָנאָפּאָליע. די דאָזיגע מאָנאָפּאָליע האַלט זיך אויף הויפּטזאַכלעך דורך צוויי מעכאַניזמען: דער „פּאָל־טעקס" און די „ווייסע אויבערהערשאַפט" — די אונטערדריקונג פון די נעגערס ווי אַ „נידעריגערע ראַסע". דער „פּאָל־טעקס" שליסט אויס אויטאָמאַטיש פון שטים־רעכט די מערסטע אָרעמע בירגער, סיי ווייסע און סיי נעגערס. די „ווייסע אויבערהערשאַפט" איז אַריינגעשריבן אין דער קאָנסטיטוציע און די געזעצן פון דזשאָרדזשיאַ. ווען אימעצער שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן די אַבסאָלוטע עכטקייט פון אָט־דער לערע, באַפאַלט מען אים און מען טרייבט אים אַרויס פון עפנטלעכן לעבן, און ער שעצט זיך גליקלעך, ווען ער ראַטעוועט זיך מיטן לעבן. אַזוי ווי יעדער מער־ווייניגער אינטעליגענטער און אָנשטענדיגער מענטש צווייפלט אין האַרצן וועגן דער עכטקייט פון „ווייסער אויבערהערשאַפט", מיידט ער אויס וועלכע ס'איז פּאָליטישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס זאָל אים שטעלן צו דער פראַגע און אים צווינגען אויסצודריקן אַ מיינונג. אַזוי אַרום איז אין דער רעגירונג און אין דעם פּאָליטישן לעבן פון דזשאָרדזשיאַ די מאָנאָפּאָליע גאַראַנטירט פאַר די אומוויסנדיגע און קאָרופּטע עלעמענטן.

אַ שטוינענדיגער ביישפּיל פון אָט־דעם פּראָצעס איז פאָרגעקומען בעת

איך בין געווען אין דזשאָרדזשיאַ. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געהערט וועגן דער „רייניגונג", וואָס גאָווערנאָר טאַלמאַדזש האָט דורכגעפירט אין די סטעיט־אוניווערזיטעטן, וואו ער האָט הפקר'דיג אַראָפּגעזעצט אַ צאָל פּראָ־פעסאָרן און פּעדאַגאָגן אויף דער קלאַגע, אַז זיי האָבן „קאָנספּירירט" צו פאַרלעצן די געזעצן פון סטעיט, וואָס פאַרבאָטן די נעגערס צו שטודירן צו־זאַמען מיט די ווייסע. גאַנץ אַמעריקע, אויסער דער „סאָלידער סאַוט", איז געווען שאָקירט פון אָט־דער „רייניגונג". איך מוז אָבער צוגעבן, אַז איך בין געווען נאָך מער שאָקירט פון עפּעס אַנדערש, וואָס מען האָט דאָס איבערן לאַנד ניט באַמערקט, און דאָס איז דער אופן ווי די אַנגעקלאָגטע פּראָפעסאָרן און פּעדאַגאָגן האָבן זיך פאַרטיידיגט. זיי זיינען געקומען צו גאָווערנאָר טאַלמאַדזש און זיך פאַרענטפערט, אַז מ'האָט זיי אומזיסט באַשולדיגט; אַז זיי שטימען איין פולשטענדיג מיט דעם גאָווערנאָר'ס לערע פון „ווייסער אויבערהערשאַפט" און אַז דעריבער דאַרף מען זיי ריינוואַשן. קורץ, זיי האָבן געזאָגט ליגן וויפיל ס'איז נאָר אין זיי אַריין, ווייל זיי זיינען דאָך אינ־טעליגענטע מענטשן און האָבן נישט געקאָנט איינשטימען מיט טאַלמאַדזש'עס מענטאַליטעט פון אַ לינטש־אָנפירער. זיי האָבן זיך באַנומען פּונקט ווי געוויסע ליבעראַלן פון דער נאָרט ווען מ'האָט זיי געבראַכט צו שלעפּן פאַר דער דאַיעז־קאָמיטע אויף דער קלאַגע פון „קאָמוניזם". און דער אומפאַרמייד־לעכער רעזולטאַט איז, אַז די טאַלמאַדזשעס רעגירן מיט אַן אייזערנער רוט, ווייל זיי זיינען צום ווינציגסטן דרייסט און אָפּנהאַרציג אין זייערע מיטל־אַלטערלעכע פּאָליסים, בעת זייערע געגנער זיינען שרעקעוודיג, פּחדנ'יש, היפּאָקריטיש און אומאָרנטלעך אויף אַ געמיינעם און קליינלעכן אופן. און דאָס איז דער פונדאַמענט פון „פּאָליטיקס" אין דער „סאָלידער סאַוט".

אָט־די פּאָליטישע מאַשין, וואָס איז באַזירט אויף דעם „פּאָל־טעקס" און אויף „ווייסער אויבערהערשאַפט", קאָנטראָלירט מערסטע פון די שליסל־פּאָזיציעס אין קאָנגרעס. סענאַטאָר דזשאָרדזש פון דזשאָרדזשיאַ איז געווען דער טשערמאַן פון דער סענאַטאָרישער אויסלאַנדס־קאָמיטע ביז די קלאָרע אוממעגלעכקייט אָנצופירן אויסלענדישע ענינים דורך אַזאַ מענטשן האָט לעצטנס דיקטירט זיין אַריבערגאַנג צו דער נאָך מער מעכטיגער פּאָזיציע פון טשערמאַן פון דער סענאַטאָרישער פינאַנץ־קאָמיטע, וואו ער האָט כּמעט נישט צו טאָן דירעקט מיט די טונקל־הויטיגע פעלקער פון אַנדערע לענדער, וועמען ער באַצייכנט ווי „נידעריגע". אונזער סענאַטאָרישע אויסלאַנדס־קאָמיטע איז אָבער נאָך אַלץ באַשיינט מיט אַזוינע פיגורן ווי סענאַטאָר רעינאָלדס, וועלכער פּראָקלאַמירט אָפן זיין סימפּאַטיע פאַר היטלער'ס ראַסן־טעאָריע און איז גוטע פריינט מיט פּראָ־נאַצים. די „פּאָל־טעקס" קאָנגרעסלייט זיינען נאָך מער וואולגאַר און אומפאַרשעמט אין זייער רעאַקציאָנערער

שטעלונג, ווי זייערע מער פּאָלירטע קאָלעגן פון סענאַט. מאַרטין דאַיעז איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיגן טיפּ. זיי זיינען דרייסטע און גרויזאַמע מענטשן, ווי די וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט אַדאָלף היטלער׳ן אָן דער שפּיץ פון דייטשלאַנד. און אַזוי ווי דייטשלאַנד, איז דזשאָרדזשיאַ באַדעקט מיט געפענגעניש־לאַגערן, וואו אַ סך פון די אויפזעער זיינען מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייערע קאַריערעס אַלס פאַרברעכער אין די זעלביגע לאַגערן, גע־ווינטלעך — פאַרברעכער, וואָס זיינען פאַר׳משפּט געוואָרן פאַר מאָרד. עס גייט נישט אַוועק קיין וואָך, אַז די וועכטער זאָלן נישט דערמאָרדן איינעם אָדער עטלעכע אַרעסטאַנטן. די לאַגע פון סטעיט איז כאַראַקטעריזירט דורך אַנאַלפאַבעטיזם, פאַרברעכן, גוואַלד־טאַט, אָרעמקייט. און אין דזשאָרדזשיאַ הערשט דער מין דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון „פּאָל־טעקס" און „ווייסע אויבערהערשאַפט", וואָס דאָמינירט איבערן קאָנגרעס.

בלויז אין די לעצטע עטלעכע יאָר, פון זינט די טרעיד־יוניאָנס האָבן אָנגעהויבן אַריינציען מאַסן מיטגלידער אין דער סאַוט און די עפנטלעכע מיינונג פון לאַנד האָט פון צייט צו צייט אָנגעשטעלט איר פּראָזשעקטאָר אויף געוויסע טונקעלע ערטער אין יענע מקומות, איז עטוואָס פאַרענדערט געוואָרן אָט־דאָס פינצטערע בילד. עס האָט זיך אַ ריר געטאָן אַ באַוועגונג פון אויפקלערונג, וואָס פאַרשפּרייט זיך איבער דער סאַוט צווישן דער ווייסער און נעגערשער באַפעלקערונג און דערגייט ביז צו די וואָרצלען. שוין האָט אָט־די באַוועגונג געפונען אירע ווירדיגע פאָרשטייער אין פּאָליטישן לעבן. איך וועל אָנרופן עטלעכע פון זיי ביים נאָמען, אַפילו אויב כ׳וועל דערמיט ריזיקירן, אַז מאַרטין דאַיעז און זיין מין זאָלן זיי באַצייכענען ווי „קאָמור־ניסטן" שוין דערפאַר אַליין, וואָס איך האָב וועגן זיי געזאָגט אַ גוט וואָרט. סענאַטאָר קלאָד פּעפּער האָט אַרויסגעוויזן אַ פּראָגרעסיווע מענטאַליטעט און אַ זעלבסטשטענדיגן גייסט, וואָס זאָגט־אָן אַ נייעם טאָג פאַר דער סאַוט. סופרים קאָורט ריכטער היוגאָ בלעק איז אַן אָנגעזעענע פיגור אַ דאַנק זיינע לייסטונגען פאַר זיין געבירטיגער סאַוט אַזוי גוט ווי פאַר דעם גאַנצן לאַנד און זיין דרייסטער שטעלונג געגן דעם מיטלאַלטערלעכן גייסט אין דער סאַוט. דר. פרענק גרעהעם, פּרעזידענט פון דעם אוניווערזיטעט פון נאָרט קאַראָ־לאַינאַ, האָט אין דעם משך פון יאָרן און אונטער באַדינגונגען פון דער גרעסטער אַנטמוטיגונג אויפגעבויט אַ מעכטיגן צענטער פאַר דער פאַר־שפּרייטונג פון ציוויליזאַציע און קולטור אין יענע פינצטערע מקומות, און דערמיט געהאָלפן שאַפן די מעגלעכקייטן פאַר אָנשטענדיגע מענטשן צו רעדן אין דער עפנטלעכקייט נישט ריזיקירנדיג דערביי מיט זייערע לעבנס. מען וואָלט געקאָנט דערמאָנען אַ צאָל אַנדערע ווייניגער־פּראָמינענטע נעמען, נאָר איך טאָר אפשר נישט שטעלן אין געפאַר די קאַריערעס פון מענטשן, וואָס

זיינען נאָך נישט בכוח אויסצוהאַלטן די אומפּאַרמיידלעכע באַשולדיגונג, אַז זיי זיינען „רויטע" אָדער „מיטלויפער" דערפאַר, וואָס זיי ווערן געלויבט פון אַ קאָמוניסט. אין דער סאַוט איז עס דאָך פּונקט אַזוי געפערלעך ווי אין דייטשלאַנד צו זיין אונטער אַ קלאַגע, אַז מ'איז אַ „רויטער" אָדער אַ קאָמוניסט.

די רעאַקציאָנערע „סאָלידע סאַוט" איז שוין לאַנג אַ לאַסט פאַר דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי קאָן נישט זיין קיין ווירקזאַמער אינסטרומענט פון פאָלק ביז ביי אָט־דער מאַשין, וואָס איז באַזירט אויף דעם „פּאָל־טעקס" און אויף דער „ווייסער אויבערהערשאַפט", וועט אַרויסגעריסן ווערן איר לאָקאַלע מאַכט, וואָס גיט איר אַן אַנטשיידנדיגן איינפלוס איבערן לאַנד.

אונטער די באַדינגונגען פון דער איצטיגער מלחמה, וואָס קאָן גע־וואונען ווערן בלויז ווי אַ פאָלקס־מלחמה פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, ווערט אָט־דער „ווייסע אויבערהערשאַפט"־טייל פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי געפערלעך ניט בלויז ווי אַ שטרויכלונג פאַר פּראָגרעס; דאָס איז אַ פּאָזיטיווע געפאַר פאַר דער מלחמה־אָנשטרענגונג; אַן אונטער־גראָבנדיגער איינפלוס פאַר די פאַראייניגטע מלוכות; אַ כוח, וואָס פאַר־ניכטעט דעם צוטרוי פון אונזערע פאַרבינדעטע צו אַמעריקע; אַן אָבסטרוק־ציע געגן די מלחמה־פּאָליסים פון דעם פּרעזידענט; אַ געפאַר פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון אונזער לאַנד; אַ שטערונג צום זיג.

אין דעם מאָמענט, ווען די שורות ווערן געשריבן, ווערט געמאָלדן אין די צייטונגען, אַז די גאָווערנאָרס פון דזשאָרדזשיא און אַלאַבאַמאַ האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוצושטעלן געוויסע קריגס־מאַטעריאַלן פאַר דער אַמעריקאַנער אַרמיי דערפאַר וואָס די פּאָליסי פון אונזער לאַנד פאָדערט, אַז אַזוינע מאַטעריאַלן זאָלן פאַבריצירט ווערן אונטער באַדינגונגען, וואָס פאַרבאָטן יעדן מין דיסקרימינאַציע געגן אַרבעטער מחמת זייער ראַסע, גלויבן, אָדער קאָליר. זיי פאָדערן, אַז די פּאָליסים פון לאַנד זאָלן צוגעשניטן ווערן לויט דער לערע פון „ווייסער אויבערהערשאַפט", וואָס גילט אין דער סאַוט.

אין דעם מאָמענט, ווען אָט־די שורות ווערן געשריבן, זיינען „פּאָל־טעקס" קאָנגרעסלייט פאַרטאָן אין אַ „פיליבוסטער" געגן אַ ביל, וואָס שלאָגט פאָר, אַז בירגער אין די באַוואָפנטע כחות פון אַמעריקע זאָלן מעגן שטימען אָן רעגיסטראַציע אין זייערע געבורט־סטעיטס. די דאָזיגע קאָנגרעסלייט זיינען אַנטשלאָסן נישט צו דערלאָזן די מערהייט פון זייערע בירגער, באַזונדער די נעגערס, צו באַנוצן זיך מיט זייער שטים־רעכט, אַפילו ווען זיי זיינען אין דער מיליטערישער דינסט פון לאַנד אין צייט פון מלחמה.

קאָן די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי בויען די איינינקייט פון לאַנד פאַר אַ

זיג אין דער מלחמה אַזוי לאַנג ווי זי דערלויבט, אַז אַזוינע פּאָליסים זאָלן אָנגעווענדט ווערן אין איר נאָמען?

און קאָן אַמעריקע פירן די 29 פּאַראייניגטע מלוכות צום זיג אין דעם גייסט פון דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער", ווען די שליסל־פּאָזיציעס אין איר רעגירונג זיינען אין די הענט פון מענטשן, וואָס פּראָקלאַמירן און פּראַקטיצירן אָפן די לערע, אַז די „קאָלירטע" ראַסן זיינען פון אַ ערגערן סאָרט און דאַרפן אונטערוואָרפן ווערן פון דער „ווייסער ראַסע", בעת אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע מלוכות באַשטייט גראָד פון די „קאָלירטע ראַסן"?

פון אָט־די פראַגן קאָן מען זיך נישט אויסדרייען און מען טאָר זיי נישט באַהאַנדלען אויבערפלעכלעך. צו פאַרשווייגן זיי — דאָס איז נישט קיין ביישטייער צו נאַציאָנאַלער איינהייט. ס'איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן אָפּגעלייגט ווערן — אין די אינטערעסן פון נאַציאָנאַלער איינהייט — ביז נאָך דעם זיג. ווייל דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם סאַמע עצם פון דעמאָקראַטיע, און די אָפּשאַפונג פון אָט־די טיפע עוולות איז אַ פאָרבאַדינגונג פאַרן זיג.

די פראַגע וועגן דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי־מאַשין אין דער סאַוט, מיט איר „פּאָל־טעקס" און „ווייסער אויבערהערשאַפט", איז די הויפּט־פּראָבלעם פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי בכלל און איר שייכות צו נאַציאָנאַלער איינהייט און צו דער מלחמה. ס'איז אַ פּראָבלעם, וואָס לאָזט זיך נישט אונטערדריקן. די נויטיגקייט צו לייזן אָט־די פּראָבלעם איצט, אין לויף פון דער מלחמה, איז דער פּרייז, וואָס אונזער לאַנד מוז צאָלן פאַר נישט האָבן פאַרענדיגט די אַרבעט פון אייבראַהאַם לינקאָלן. ווייל אָט־די גאַנצע פּראָבלעם איז דאָך נישט מער און נישט ווייניגער ווי אַ רעשטל פון לייב־קנעכטשאַפט, וואָס אונזער לאַנד האָט צו־לאַנג געדולדעט. אונזער זעלבסט־צופרידנהייט און פאַרליבט־זיין אין אונזער צייטווייליגן מאַטעריעלן וואוילזיין האָט ביי אונז אַרויסגערופן אַ גאווה'דיגע גרינגשאַצונג בנוגע די טיפערע מאָראַלישע ווערטן אין פּאָליטישע פראַגן.

די צענטראַלע פּראָבלעם פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז, הייסט עס, די פראַגע וועגן אַריבערגעווינען די גאַנצע פּאַרטיי אויף דער זייט פון רוזוועלט'ס פּאָליסיס און פון דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער"; צו באַזאָרגן זי מיט אַ לאָקאַלער און סטעיט־פירערשאַפט, וואָס זאָל אָנווענדן די אָזינע פּרינציפּן אויף דעם לעבן פון דעם גאַנצן לאַנד. כאָטש דאָס איז נישט אויס־שליסלעך די פּראָבלעם פון דער סאַוט (ווי ס'איז צו זען פון סענאַטאָר ווהילער פון מאָנטאַנאַ און אַנדערע), איז עס הויפּטזאַכלעך אין דער סאַוט, וואו די דאָזיגע פּראָבלעם איז אַזוי טיף און שאַרף, אַז זי באַדראָט נישט

בלויז דאָס לעבן פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און פון איר נאַציאָנאַלער אַדמיניסטראַציע, נאָר זי שטעלט אין געפאַר דאָס סאַמע לעבן פון לאַנד. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי מוז אַריבערגעוואונען ווערן אויף דער זייט פון דעמאָקראַטיע. און דאָס איז אַ פּראָבלעם נישט בלויז פאַר רעמאָקראַטן, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק.

קאַפּיטל עלף

ספּעציעלע פּראָבלעמען פון דער צוויי־פּאַרטיי סיסטעם

מיר האָבן דאָ באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער איינינגקייט לויט דער איינשטעלונג, אַז אויף דער פּאָליטישער זייט מוז זי דער־גרייכט ווערן דורך דער הערשנדיגער צוויי־פּאַרטיי סיסטעם. מיר האָבן אָפּגעוואָרפן אַלס אומפּראַקטיש, אין לויף פון דער מלחמה, צו אונטערנעמען אַן אַלגעמיינע פאַרענדערונג אָדער איבערגרופּירונג פון דער פּאַרטיי־סטרוקטור אין אונזער נאַציאָנאַלן פּאָליטישן לעבן. מיר האָבן אויך אָנגענומען, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס איר שטאַנדפּונקט איז אויסגעדריקט דורך אָט־דעם בוך, וועט פאָרטזעצן איר ראָלע פון אַ מינדערהייט־פּאַרטיי אין דעם משך פון אָט־דעם פּעריאָד — ווי גרויס אָדער קליין עס זאָל נישט זיין איר וואוקס — און אַז איר ביישטייער וועט זיין הויפּטזאַכלעך אין דער ריכטונג פון פאַרטיפן דאָס פּאָליטישע דענקען פון לאַנד.

דאָס לייזט אָבער נישט די גאַנצע פראַגע, ווייל עס וואַקסן אַרויס נייע פּראָבלעמען, וואָס מאָנען אַ באַלדיגע לייזונג און קאָנען נישט פאַרענטפּערט ווערן אפילו אין זייערע אַלגעמיינע שטריכן דורך די אַרגומענטן, וואָס מיר האָבן דאָ אָנגעגעבן.

דער קאַמף צו געווינען נאַציאָנאַלע איינינגקייט איז אַ קאַמף אינערהאַלב די צוויי גרויסע פּאַרטייען און אויך אַ קאַמף צווישן די צוויי פּאַרטייען, ווען און וואו די כחות פון נאַציאָנאַלער איינינגקייט דאָמינירן אין איין פּאַרטיי, בעת די נעגנער פון נאַציאָנאַלער איינינגקייט באַהערשן די אַנדערע פּאַרטיי.

ביז איצט האָבן מיר קאָנצענטרירט אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם קאַמף אין די ראַמען פון יעדערער פון די צוויי גרויסע פּאַרטייען. וואָס איז אָבער מכוח דעם קאַמף צווישן די פּאַרטייען גופא?

דאָרט וואו די כחות פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט דאָמינירן איבערביידע גרויסע פּאַרטייען אין אַ געוויסן סטעיט אָדער שטאָט, מוז עס זיין אונזער פליכט און די פליכט פון אַלע די, וואָס דענקען לויט אָט־דער הויפּט־ליניע, צו העלפן מיט אַלע כחות אָפּצוטעמפּן די שאַרפע שפּיצן פון אַנטאַגאָניזם צווישן די, וואָס זיינען איינשטימיג אין עצם נאָר זיי זיינען צעטיילט פאָרמעל, און צו פאַרוואַנדלען זיי אין קאָאָפּערירנדיגע קאָנקורענטן, וואָס יעדערער פון זיי זאָל זוכן אויסצוטאָן מער ווי זיין קאָנקורענט אין דעם זין פון ווירק־זאַמער הילף פאַרן לאַנד און פאַר נאַציאָנאַלער אייניגקייט.

נאָר אַזוי ווי מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קאַמף, קאָן ממילא נישט זיין קיין אויטאָמאַטישע גאַראַנטיע פאַר אַ זיג און זיכער נישט קיין אויסזיכט פאַר אַ זיג אין ביידע פּאַרטייען אין אַלע סטעיטס און שטעט. די עלעמענטן פון „אַפּיזמענט", דעפיטיזם און פינפטן קאָלום, און די אַלע וואָס שטעלן זייערע אייגענע ספּעציעלע אינטערעסן העכער ווי די אינטערעסן פון לאַנד, זיינען שטאַרק און אַקטיוו. אין מערסטע סטעיטס און געגנטן וועלן זיי מסתמא באַהערשן די אָדער יענע גרעסערע פּאַרטיי און וועלן קעמפן פאַר מאַכט. אין אַזאַ פאַל איז עס די קלאָרע פליכט פון די, וואָס שטעלן נאַציאָנאַלע אייניגקייט פאַרן זיג העכער פון אַלץ, צו מאָביליזירן זייערע כחות אַרום יענער פּאַרטיי, וואו עס דאָמינירט זייער שטאַנדפּונקט.

נאָר אויב די רעאַקציאָנערן און די שונאים פון אייניגקייט קאָנען זיגן אין איין פּאַרטיי, איז פאַראַן די מעגלעכקייט, אַז זיי זאָלן אויך זיגן אין ביידע. באַראָן פאָן קילינגער'ס באַרימטער „מעמאָראַנדום", די פּלאַטפאָרם פון דעם פינפטן קאָלום, האָט דייטלעך אָנגעצייכנט אַזאַ דירעקטיווע צו פאַרכאַפּן און אויסנוצן ביידע גרויסע פּאַרטייען. און ס'איז נישטאָ דער מינדסטער ספק, אַז אַזאַ פאַרזוך ווערט געמאַכט.

אין ניו יאָרק סטעיט האָבן מיר אַ כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל פון אָט־דער פּראָבלעם. די אַנטי־רוזוועלט, אַנטי־אייניגקייט כחות קאָנטראָלירן די קאַנדידאַט־ליסטן פון ביידע גרויסע פּאַרטייען אין די וואַלן, און ממילא קאָנטראָלירן זיי דעם גרעסטן סטעיט פון לאַנד, אָפּגעזען דערפון וועלכע פּאַרטיי עס וועט זיגן אין די נאָוועמבער־וואַלן.

ס'איז גאַנץ קלאָר, אַז די ניו יאָרקער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז באַ־שטימט אונטערן קאָנטראָל פון דער הואָווער־לענדאָן־וואַנדענבערג מאַשין, וואָס האָט נאָמינירט טאָמאַס ע. דיואי'ן פאַר גאָווערנאָר. די נאָכפאָלגער פון ווענדל ווילקי האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך זיי צו פאַרלויפן דעם וועג, נאָר דער

פאַרזוך איז געווען אַזאַ שוואַכער, אַז זיי האָבן אַפילו נישט געקאָנט אונטער־נעמען קיין קאַמף אויף דער נאָמינער־קאָנווענשאָן.

צו דער זעלבער צייט זיינען די אַנטי־רוזוועלט דעמאָקראַטן פון ניו יאָרק, אונטער דער אָנפירונג פון דעם סטעיט־טשערמאַן דזשעימס א. פאַרלי, דרייט אַרויסגעטראָטן אין פאָראויס, האָבן אַרויסגעריסן די סטעיט־מאַשינעריע פון די הענט פון די עלעמענטן פון נאַציאָנאַלער איינינקייט און האָבן די מאַשינעריע אָנגעשטעלט נעגן רוזוועלט'ן דורך נאָמינירן פאַר גאָווערנאָר זייערן אַן אַגענט, דעם סטעיט אַטורני־דזשענעראַל דזשאָן בענעט.

אין אַזאַ סיטואַציע זיינען די כחות פון נאַציאָנאַלער איינינקייט אין דער ניו יאָרקער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פאַרטריבן געוואָרן אין אַן ענגן ווינקל. מר. פאַרלי, מיט דער פּאַרטיי־מאַשין אין זיינע הענט, האָט „פאַרנייט" די נאָמי־נאַציע פאַר זיין קאַנדידאַט דורך באַזאָרגן זיך אין פאָראויס מיט דעם פאָרמעלן צוזאָג מצד די קאָנווענשאָן־דעלעגאַטן צו שטימען פאַר בענעט'ן נאָך איידער די אמת'ע שטרייט־פראַגן זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט.

די כחות פון נאַציאָנאַלער איינינקייט האָבן נישט געהאַט קיין אָרגאַני־זאַציאָנעלן צענטער אויף צו אַנטוויקלען אַ ווידערשטאַנד נעגן אָט־דער פאַר־שווערונג. אויסנוצנדיג דעם פאַקט, וואָס דער פּרעזידענט איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט מלחמה־פּראָבלעמען, האָט די פאַרלי־באַנדע אין פאָראויס אויס־גערעכנט, אַז ער וועט זיך נישט קאָנען אַריינמישן אויף אַ ווירקזאַמען אופן.

אין אָט־דער קריטישער סיטואַציע האָט די אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי, וואָס האָט אין די לעצטע עטלעכע וואַלן געהאַט דעם באַלאַנס פון מאַכט אין ניו יאָרק, געפונען פאַר נויטיג אָפּצוברעכן איר טראַדיציאָנעלן בונד מיט דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און אַרויסצושטעלן אירע אייגענע קאַנדידאַטן אין די וואַלן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אָט־דעם בילד אין ניו יאָרק, ווייל דאָס וואַרפט אַ ליכט אויף דער פּראָבלעם פון דער צוויי־פּאַרטיי סיסטעם אין יעדן סטעיט און שטאָט. דאָס איז אַ דערפאַרונג, וואָס דאַרף שטודירט ווערן אומעטום. פון אָט־דער דערפאַרונג מוזן געצויגן ווערן געוויסע שלוסן, וואָס וועלן באַשטעטיגט ווערן דורך אַ סך ענלעכע אַנטוויקלונגען איבערן לאַנד.

די הויפּט־לעקציע איז — וועגן דעם ווערט און אַפילו דער נויטיגקייט, אונטער געוויסע אומשטענדן, צו שאַפן אַנדערע און באַהילפיגע פאָרמען פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, אויסערהאַלב די צוויי גרויסע פּאַרטייען, אָדער אין זייערע ראַמען, כדי צו שאַפן אַ באַוואָרעניש פאַר דעם פאַל, ווען די אַנטי־איינינקייט כחות פאַרמעסטן זיך צו פאַרכאַפּן ביידע גרויסע פּאַרטייען. אין ניו יאָרק האָט די עקזיסטענץ פון דער אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי ווי אַ זעלבסט־

שטענדיגע אָרגאַניזאַציע און דער פאַקט, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אויך אַרויסגעשטעלט אירע קאַנדידאַטן, געהאַלטן אָפּן די מעגלעכקייט פאַר די בירגער צו שטימען געגן דער רעאַקציאָנערער צוויי־פּאַרטייאישער קאָאַליציע.

אין וואַשינגטאָן סטעיט געפינען מיר, אַז די אַרבעט פון דער „קאָמאָנ־וועלט פעדערעישאָן" אין די ראַמען פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט געמאַכט אַן אַנטשיידנדיגן ביישטייער צו דער פולשטענדיגער פאַראייניגונג פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע אויף אַ קלאָר־אָנגעצייכנטער פּראָ־רוזוועלט און פּראָ־זיג פּראָגראַם. ענלעכע דערפאַרונגען קאָנען פאַרצייכנט ווערן אין אַ סך ערטער. אין קאַליפאָרניע האָבן די טרעיד־יוניאָנס דערגרייכט צו אַ הויכער שטופע איינהייט אויף דעם פּאָליטישן געביט, קאָמבינירנדיג די כחות פון דער „אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר", דעם „קאָנגרעס פון אינדוס־טריעלע אָרגאַניזאַציעס" און די אייזנבאַן־בראָדערהודס און אויסנוצנדיג אַט־די פאַראייניגטע קראַפט אויף צו שאַפן אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון סטעיט די גרעסטע מאָס איינהייט אין איר געשיכטע. און אַזוי איז עס צוגעגאַנגען אין אַ סך אַנדערע ערטער.

ס'איז נויטיג פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג צו זיין גרייט פאַר אַ זעלבסט־שטענדיגן דריטן צעטל קאַנדידאַטן אומעטום, וואו און ווען ביידע גרויסע פּאַרטייען ווערן־זיך געגן יעדן איינפלוס אין דער ריכטונג פון נאַציאָנאַלער איינהייט און פאַלן אונטער דעם קאָנטראָל פון די אַנטי־איינהייט כחות. מאָראַלישע איינפלוסן מוזן געקרעפטיגט ווערן דורך מאַטעריעלע וואָרנונגען וועגן פּאָליטישער נקמה, אויב נויטיג, כדי ביי צוקומען די חזקה־אינטערעסן פון די פּאָליטישע מאַשינעס און זיי אַריינציען אין דעם לאַגער פון דער נאַציאָנאַלער איינהייט. כדי אַזאַ וואָרנונג זאָל האָבן די געהעריגע ווירקונג, מוז זי האָבן הינטער זיך אַן אָרגאַניזירטע פּאָליטישע קראַפט מיט אַ קלאָר־זיניגער פירערשאַפט.

עס וועט זיך לוינען צו באַטראַכטן נאָך אַ שטריך פון דער סיטואַציע אין ניו יאָרק: דעם פראַקציאָנעלן קאַמף אין די ראַמען פון דער אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי. כאָטש די א. ל. פּ. האָט געהאַנדלט ווי איין קערפּערשאַפט ביים אָפּוואַרפן פּאַרלי'ן און זיין פאַרשווערונג געגן נאַציאָנאַלער איינהייט, איז זי צעריסן און געפייניגט געוואָרן דורך אַ פראַקציאָנעלן קאַמף, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט איר איינפלוס און צייטנווייז געשטעלט אין געפאַר איר פּאָליטישן הויפּט־קאַמף. די פראַקציעס אין דער א. ל. פּ., באַקאַנט ווי דער „רעכטער פליגל" און דער „לינקער פליגל", זיינען צום לעבן געקומען אין 1940 איבער דער שטרייט־פראַגע וועגן דער סאָוועטיש־פינישער מלחמה. דער „רעכטער פליגל" איז געווען רציחה'דיג אַנטי־סאָוועטיש און האָט אידעאַליזירט די

רעגירונג פון בארָאן פאָן מאַנערהיים ווי אַ „מוסטערהאַפטע דעמאָקראַטיע", גייענדיק אַזוי ווייט ווי די העצערישע פאָדערונג, אַז אַמעריקע זאָל דערקלערן מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער „לינקער פליגל" האָט גענומען אַ שטעלונג פאַר דער נויטיקייט צו אַנטוויקלען פריינטלעכע באַציאונגען צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָט באַרעכטיגט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די שריט, וואָס האָבן צוגעגריט זיין איצטיגע גרויסע מיליטערישע אָנשטרענגונג ווי אַ פאַרבינדעטער פון אַמעריקע. די צעטיילונג איבער דער דאָזיגער פראַגע האָט צו זיך נישט געהאַט קיין גלייכן אין פרט פון בימערקייט און האָט אויסקריסטאַליזירט די צוויי פראַקציעס, פון וועלכע דער „רעכטער פליגל" האָט קאָנטראָלירט די סטעיט־קאָמיטע פון דער אַמעריקען לעיבאָר פאַרטיי, בעת דער „לינקער פליגל" האָט געוואונען אַ מערהייט פון דער ניו יאָרקער קאָמיטע. אין 1942 זיינען די שטרייט־פראַגן, וואָס האָבן געהאַט צעטיילט די צוויי פליגלען אין 1940, אינגאַנצן פאַרשוואונדן; ביידע פראַקציעס זיינען געשטאַנען אויף דעם באָדן פון דער זעלביגער פראָגראַם און האָבן אַפילו איינגעשטימט וועגן די וויכטיגסטע קאַנדידאַטן, בעת בארָאן פאָן מאַנערהיים האָט פולשטענדיק פאַרלאָרן זיין דעמאָקראַטישע שכינה, שטייענדיק מיט ביידע פיס אין היטלער'ס לאַגער. דאָך האָט דער פראַקציאָנעלער קאַמף נישט אויפגעהערט, און די צוויי פליגלען זיינען אַריינגעטראָטן אין די „פּראַימערי"־וואַלן ווי קעמפנדיקע געגנער.

אָט־דער באַדויערלעכער און שעדלעכער קאַמף אין די ראַמען פון דער אַמעריקען לעיבאָר פאַרטיי — נישט געקוקט אויף איר איינהייט איבער דער זעלביגער פראָגראַם — וויזט ווי ווייט־גרייכנדיק עס זיינען די כחות פון אומאייניקייט און ווי פאָרזיכטיג זיי מוזן באַקעמפט און באַזיגט ווערן איידער זיי ווערן צו־שטאַרק. ס'וועט ווייניק העלפן צו באַשולדיגן איין צד אָדער דעם צווייטן, ווייל אין אַזאַ פאַל מוז איינהייט דערגרייכט ווערן צו־ערשט דורך קאָמפּראָמיסן און צופאַסונג, כדי מעגלעך צו מאַכן פאַר דעם גייסט פון איינהייט צו קריגן דעם פולן אויסדרוק ווי אַ רעזולטאַט פון פראַקטישער און דערפאָלגרייכער געמיינשאַפטלעכער אַרבעט. אָבער גראָד אָט־דער גייסט פון קאָמפּראָמיסן און צופאַסונג האָט געפעלט אין דעם „רעכטן פליגל" פון דער א. ל. פּ. ס'איז אַ רעקאָרדירטער פאַקט, אַז דער „לינקער פליגל" האָט ביז דעם לעצטן מאָמענט פאַרלאַנגט און געמאָנט איינהייט, בעת דער „רעכטער פליגל" האָט מיט זעלבסט־צופרידענער פרומקייט געפאָדערט „קאַפּיטולאַציע אָן באַדינגונגען" און די אויפלייזונג פון זיינע פראַקציע־געגנער. ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי דער „לינקער פליגל" האָט געקאָנט האַנדלען אַנדערש ווי זיך צו פאַרטיידיגן, ווייל אין דער פּאָליטישער וועלט, ווי אין דער ביאָלאָגישער, איז פרייוויליגע זעלבסט־

פאַרניכטונג אין ווידערשפּרוך צו די געזעצן פון לעבן און וועט קיינמאָל נישט אָנגענומען ווערן — סיידן דער קערפּער איז קראַנק און דעגענערירט. מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז אין דעם ברען פון שלאַכט האָט אויך דער „לינקער פליגל״ באַנוצט אומבאַרעכטיגטע ווערטער און געשליידערט קלאַגן, וואָס וועלן בלויז שווערער מאַכן די אומפאַרמיידלעכע פאַראייניגונג.

ווייל די אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי מוז און וועט פולשטענדיג פאַר־אייניגט ווערן. זאָלן אַנדערע פּראָגרעסיווע און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס לערנען פון דער דאָזיגער דערפאַרונג ווי אַזוי צו זיין כסדר אויף דער וואַך נעגן פראַקציאָנעלע צעשפּליטערונגען, וואָס צאַפּן־אָפּ די קראַפט, וועלכע איז נויטיג פאַר זייערע גרויסע אויפגאַבן, און פאַרשניידן זייער סאַמע עקזיסטענץ איידער זיי באַוויזן אויפצואוואַקסן און צו שלאָגן טיפע וואָרצלען. און ס'וועט אויך זיין כדאי צו געדענקען, אַז דער פאַרזוך אויסצומיידן פראַקציאָנעלע צעטיילונגען דורך אַ הפקר'דיגן רעזשים פון „הערשאַפט פון אויבן״ מצד זעלבסט־באַשטימטע פירער אָדער איינצלנע פראַקציעס וועט שטענדיג האָבן די פאַרקערטע ווירקונג און די טענדענץ צו פאַראייביגן דעם פראַקציאָנאַליזם. פראַקציאָנעלע טענדענצן אין מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וואו עס האַנדלט זיך נישט וועגן גרויסע פּרינציפּן, מוזן שטענדיג איינגעשטילט און אויפגעלייזט ווערן דורך אַ קלוגער פּאָליסי פון פשרה און קאָמפּראָמיס. אַזאַ פּאָליסי קאָן קיינמאָל נישט דעגענערירן צו אַ שטופּע פון אָפּאָרטוניזם, אויב די פירערשאַפט איז פעסט אָריענטירט אויף אַ קלאָרער און פּרינציפּיעלער פּראָגראַם, וועלכע שאַפט דעם באַזיס פאַר אייניגקייט.

מיר האָבן דאָ באַהאַנדלט בלויז עטלעכע — און די כאַראַקטעריסטישסטע — פּראָבלעמען, וואָס שאַפן זיך ווען די אַרבעטער און די פּשוט'ע פאָלקס־מענטשן, אין זייער דראַנג צו אַ ווירקזאַמער נאַציאָנאַלער אייניגקייט פאַר אַ זיג אין דער מלחמה, מאַכן אַ באַוואוסטזיניגן פאַרזוך אויסצונוצן די פאַרעלטערטע צוויי־פּאַרטיי סיסטעם, וואָס מיר האָבן גע'ירשנ'ט פון דער פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט פון אונזער פאָלק. דאָס איז בלויז אַן אָנדייט אויף די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, וואָס שווימען אַרויף און וועלן אַרויפ־שווימען, בעת דאָס אַמעריקאַנער פאָלק שמידט־אויס זיין נאַציאָנאַלע אייניג־קייט נישט געקוקט אויף אַלע שוועריגקייטן, און אין דעם פּראָצעס פון ביי־קומען די אַלע שוועריגקייטן. נאַציאָנאַלע אייניגקייט וועט נישט קומען בלויז דורך אונזער וואונטש, נאָר דורך נאָכאַנאַנדיגער אָנשטרענגונג, דורך טיפן דענקען און געהעריגער פאַרשטענדעניש. אייניגקייט מוז אויסגעקעמפט ווערן — אַזוי ווי די מלחמה, פון וועלכער זי איז אַ טייל.

דריטער טייל

די פֿאַראייניגטע מלוכות

קאַפּיטל צוועלף

וואָס זיינען די פאַראייניגטע מלוכות?

די פאַראייניגטע מלוכות איז די וועלט־קאָאַליציע פון רעגירונגען, וואָס איז פאַראייניגט פאַר דעם צוועק צו באַקעמפן און באַזיגן די „אַקס" אין איר פאַרזוך צו באַהערשן די וועלט. מיר רעדן דעריבער וועגן אָט־דעם בונד ווי וועגן איין גאַנצקייט, אין איינצאָל אַנשטאָט מערצאָל, כדי צו באַטאָנען דאָס וואָרט „פאַראייניגטע", ווי דאָס הויפט־וואָרט אין דעם נאָמען. מיר זיינען דאָ אויסן צו באַהאַנדלען אָט־די קאָאַליציע ווי איין גאַנצקייט.

יורידיש איז די פאַראייניגטע מלוכות אַנטשטאַנען פון דער „דעקלאַראַציע", וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין וואַשינגטאָן דעם 1טן יאַנואַר, 1942, דורך די פאָרשטייער פון 26 רעגירונגען. די דאָזיגע „דעקלאַראַציע" נעמט אָן, ווי אַ געמיינשאַפטלעכע פּלאַטפאָרם פון די אונטערגעשריבענע רעגירונגען, דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער", וואָס טשוירטשיל און רוזוועלט האָבן פאַרעפנטלעכט דעם 14טן אויגוסט, 1941; זי פאַרפליכטעט די אונטערגעשריבענע מיטגלידער אָנצואווענדן זייערע „פולע רעסורסן פאַר דער מלחמה, צו קאָאָפּערירן איינע מיט די אַנדערע"; „נישט צו שליסן קיין באַזונדערן וואַפנשטילשטאַנד אָדער פרידן"; און האַלט די קאָאַליציע אָפן פאַר „אַנדערע מלוכות", וואָס ברענגען זייער ביטראָג צו „דעם קאַמף פאַר אַ זיג איבער היטלעריזם".

דער „אַטלאַנטיק טשאַרטער" זאָגט זיך אָפּ פון יעדן ציל צו פאַרכאַפּן פרעמדע טעריטאָריעס און פון ווילקירלעכע טעריטאָריעלע ענדערונגען; ער באַהויפּט דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג פאַר אַלע פעלקער, אַ גלייכן צוטריט צו רויע מאַטעריאַלן, די אַבזיכט פון „פולסטער קאָאָפּעראַציע" צווישן לענדער פאַר „עקאָנאָמישן פאָרטשריט און סאָציאַלער זיכערקייט", „די נאָך־מלחמה אָרגאַניזאַציע פאַר די צוועקן פון קאָלעקטיווער זיכערקייט, פרייהייט פון ים'ען און אַנטוואָפענונג".

אין אָט־דעם ברייטן פּלאַן פאַר קאָאָפּעראַציע ווערט די פירערשאַפט

באַזאָרגט דורך די גרויסע מלוכות, וואָס מוזן צושטעלן די מיליטערישע הויפּט־מאַכט צו צעשמעטערן דעם אַקס: גרויס־בריטאַניע (ענגלאַנד), די פֿאַראייניגטע שטאַטן און דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. די דאָזיגע קאָאָפּעראַציע איז גאַראַנטירט דורך די פֿאַקטן, וואָס זיינען געמאָלדן געוואָרן דעם 11טן יוני, 1942: דער פֿאַקט וועגן אַ בונד אויף 20 יאָר צווישן ענגלאַנד און סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, דער „לענד־ליס" אָפּמאַך צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און די פֿאַרשטענדיגונג וועגן „די דרינגענדיגע אויפֿגאַבן אין פֿאַרבינדונג מיט שאַפֿן אַ צווייטן פֿראָנט אין אייראָפּע אין 1942".

דאָס איז דער פֿאָרמעלער, יורידישער הויפּט־פֿונדאַמענט פֿון די פֿאַראייניגטע מלוכות ווי אַ ברייטע קאָאַליציע.

די פֿאַראייניגטע מלוכות איז, הייסט עס, אַ גרויסער פּראָיעקט פֿאַר קאָאָפּעראַציע צווישן אַ ברייטער פֿאַרשיידנאַרטיגקייט פֿון רעגירונגען און פֿעלקער. די קאָאַליציע איז צו־שטאַנד געקומען אויף אַ באַזיס פֿון אַ געוויסער מאָס שוין־געשאַפֿענער קאָאָפּעראַציע; זי האָט דעם צוועק אויסצובררייטערן און אָרגאַניזירן אַזאַ קאָאָפּעראַציע אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב, כּדי צו געווינען די מלחמה און צו אָרגאַניזירן די וועלט נאָך דער מלחמה.

די פֿאַראייניגטע מלוכות וועט זיין אַזוי וויכטיג ווי די מיטגליד־רעגירונגען וועלן זי מאַכן דורך זייערע געמיינזאַמע באַמיאונגען צו פֿאַרווירקלעכן אָט־די דעקלאַרירטע צילן.

די מאָס פֿון דערפֿאָלג, וואָס די קאָאַליציע וועט דערגרייכן, וועט זיין דירעקט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער שטופֿע פֿון געגנזייטיגן צוטרוי, וואָס זי וועט אַנטוויקלען, צו דער שטופֿע פֿון נאָענטער פֿאַרשטענדיגונג צווישן אירע מיטגלידער.

אויב זיי וועלן געפֿינען אַ פֿעסטן פֿונדאַמענט פֿון געגנזייטיגער פֿאַרשטענדיגונג, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן גוט־פּלאַנירטע און קאָאָרדינירטע אַקציע און די אויסשפּרייטונג פֿון זייערע געמיינשאַפֿטלעכע באַציאונגען אויף אַלע פֿראַגן, וואָס זיינען לעבנס־וויכטיג פֿאַרן זיג, דעמאָלט וועט די פֿאַראייניגטע מלוכות שאַפֿן די נויטיגע פֿאַרבאַדינגונגען פֿאַרן זיג.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף אַ צאָל קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און שוועריגקייטן, וואָס אַמעריקע האָט בייצוקומען אין דעם פּראָצעס פֿון שאַפֿן נאַציאָנאַלע איינגקייט פֿאַר דעם זיג. די פּראָבלעמען פֿון צונויפֿשמידן די פֿאַראייניגטע מלוכות אין איין אינסטרומענט פֿאַר דעם זיג זיינען נישט גרינגער און נישט וויניגער קאָמפּליצירט. מען קאָן גאָרנישט נישט געווינען דורך איגנאָרירן אַזוינע פּראָבלעמען; כּדי זיי צו לייזן איז צוערשט נויטיג זיי פֿולשטענדיג און פֿינקטלעך צו אָנערקענען און פֿעסטשטעלן. דער לאַגער פֿון דעם שונא באַזיצט די איינגקייט פֿון אַ האַר־און־שקלאַף פֿאַרהעלטעניש,

וואָס איז אַרויפגעצוואונגען פון אויבן דורך דער טעראָריסטישער דיקטאַטור פון אַן אומבאַגרענעצטער מיליטערישער אויטאָקראַטיע, וועלכע איז פול־שטענדיג באַוואָפנט מיט די מאָדערנסטע וואָפן פון קריג.

די פאַראייניגטע מלוכות מוז געפינען איר איינינקייט דורך אַ פּאַר־שטעדינגונג צווישן גלייכע, אין וועלכער דער איינציגער צוואַנג ווערט אָנגע־ווענדט דורך דער געמיינשאַפטלעכער אָנערקענונג פון געמיינשאַפטלעכע באַדערפענישן. זי מוז דורך די זעלביגע מיטלען געווינען נייע אָנהענגער צווישן די רעגירונגען און פעלקער, וואָס זיינען נאָך אויסערהאַלב די פאַר־אייניגטע מלוכות.

דאָס איז נישט קיין איינפאַכע אָדער גרינגע זאַך. עס קומט נישט אויטאָ־מאַטיש, פון זיך אַליין. די פאַראייניגטע מלוכות האָט איצט פאַר זיך די ברייטסטע פאַרשיידנאַרטיגקייט פון שטאַנדפּונקטן איבער די וויכטיגסטע פראַגן, שוין אָפּגערעדט פון דעטאַלן. די דאָזיגע פאַרשיידנאַרטיגקייט האָט אירע וואָרצלען אין די באַזונדערע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייטן פון די לענדער, אין זייער שטופע פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, און זייערע פאַר־שיידענע געאָגראַפישע פּאָזיציעס, אין זייערע געזעלשאַפטלעכע סטרוקטורן, אין זייערע רעגירונגס־פאָרמען, אין זייערע אידעאָלאָגיעס און פּאָראורטיילן.

ס'איז גענוג בלויז אַ בליק צו טאָן אויף אָט־די אונטערשיידן, כדי די וויכטיגקייט פון דער פּראָבלעם זאָל באַטאָנט ווערן.

ס'איז פאַראַן דער אונטערשייד אין דעם פונדאַמענטאַלן טיפּ פון סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע, ווי דאָס דריקט זיך אויס אין דעם קאָנטראַסט צווישן דעם פאַרטגעשריטענעם קאַפּיטאַליזם פון ענגלאַנד און אַמעריקע פון איין זייט און דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פון דער אַנדערער זייט.

ס'איז פאַראַן דער אונטערשייד צווישן הערשנדיגע מלוכות און זייערע אונטערטאַנען, ווי צום ביישפּיל — צווישן גרויס־בריטאַניע און אינדיע.

ס'איז פאַראַן דער קאָנטראַסט צווישן גרויס־מאַכטן און די קליינע מלוכות, צווישן אינדוסטריעלע און אַגריקולטורעלע לענדער, צווישן באַ־וואָפנטע און אומבאַוואָפנטע, צווישן די וואָס רעגירן זיך אַליין, און די וואָס זיינען באַהערשט פון די פאַשיסטישע דיקטאַטאָרן. [sic: see line below]

פאַראַן די טראַדיציאָנעלע און נישט־אויפהערנדיגע קאָנקורענץ צווישן גרויסע מלוכות, ענלעך צו דער קאָנקורענץ צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע.

דאָס איז בלויז אַן אַלגעמיין בילד פון די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, וואָס אַנטשטייען אין דעם פּראָצעס פון שאַפן אַ געמיינשאַפטלעכע פּאָליסי צווישן די פאַראייניגטע מלוכות, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף דער געמיינ־שאַפטלעכער אָנערקענונג פון געמיינשאַפטלעכער באַדערפעניש. פון דער

פאַרשיידנאַרטיגקייט פון די מלוכות, וואָס שטעלן צונויף די פאַראייניגטע מלוכות, וואַקסט אַרויס די גרעסטע פאַרשיידנאַרטיגקייט פון שטאַנדפּונקט און טענדענצן.

היטלער און זיינע פאַרבינדעטע האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַטאָנען די דאָזיגע אונטערשיידן, זיי אויסצונוצן פאַר דעם צוועק פון צעברעכן די סאָלידאַריטעט פון די פאַראייניגטע מלוכות און צו זייען חשד און אַנטאַגאָניזם צווישן זיי, כדי אויף אַזאַ אופן איינצוטיילן די וועלט אין באַזונדערע טיילן, וועלכע היטלער דערוואַרט צו באַהערשן איינציגווייז.

די פאַראייניגטע מלוכות האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע זיך אויפצוהויבן איבער אַט־די אונטערשיידן, זיי צו האַרמאָניזירן, צו סובאָרדינירן יעדן שטרייט־פּונקט צוליב דער הויפּט־אויפגאַבע פון צעשמעטערן היטלער׳ן און זיינע נאָכשלעפּער.

דער קאַמף צווישן אַט־די אַנטקעגנגעזעצטע צילן שאַפט דאָס דעם אינהאַלט פון דער דיפּלאָמאַטישער און פּראָפּאַגאַנדע־מלחמה, וואָס ווערט געפירט צווישן דער „אַקס" און די פאַראייניגטע מלוכות.

היטלער האָט זיינע אַגענטן פון פינפטן קאָלום איבער דער גאַנצער וועלט, און זיי זיינען באַשעפטיגט מיט דער אַרבעט פון פאַרשאַרפן און פאַרביטערן יעדע שטרייט־פראַגע, וואָס וואַקסט אַרויס פון די אונטערשיידן צווישן די פאַראייניגטע מלוכות, צו שטערן און באַזיגן יעדן פאַרזוך צו לייזן אַזוינע שטרייט־פראַגן, זיי צו ברענגען צו אַן אויפרייס־פּונקט אָן אַ לייזונג, ביז זיי ברעכן אויס אין אַן אָפענעם קאָנפליקט.

די אויפגאַבע פון די פאַראייניגטע מלוכות איז און מוז זיין דער היפוך פון היטלער׳ס צוועקן. דאָס הייסט — צו האַרמאָניזירן די דאָזיגע אונטערשיידן, צו העלפן דורך אַלע מיטלען געפינען צייטווייליגע לייזונגען, צו פאַרשנעלערן ווי נאָר מעגלעך זייער פערמאַנענטע לייזונג און נישט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן אויסברעכן אין אַן אָפענעם קאָנפליקט. דאָס איז דער צוועק פון די דעקלאַרירטע צילן פון דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער".

היטלער און זיינע אַגענטן שטרעבן צו האַלטן אויסער דער קאָאַליציע פון די פאַראייניגטע מלוכות יענע לענדער און פעלקער, וואָס זיינען נאָך נישט פאַרבונדן מיט איר; בעת די פאַראייניגטע מלוכות מוז זיך שטעלן דעם ציל צו געווינען די געטריישאַפט און קאָאָפּעראַציע פון אַלע אַזוינע פעלקער.

אין דער מאָס ווי מענטשן און גרופּן אין אַמעריקע פאַרפאָלגן אַזוינע צילן און דריקן אויס אַזוינע פּאָליסיס, וואָס האָבן די טענדענץ צו פאַראייביגן און פאַרשאַרפן די אונטערשיידן צווישן די פאַראייניגטע מלוכות, צו קולטיווירן פאַרדאַכט, אויפהויבן שטרייט־פראַגן און נישט העלפן זייער שנעלער לייזונג — אויף אַזויפיל אַרבעטן זיי פאַר היטלער׳ס ציל; און ס׳איז א

סנאָפּער אונטערשייד צי זיי זיינען וועגן דעם באַוואוסטזיניג אָדער ניט. אין דער מאָס ווי אַמעריקאַנער מענטשן שטרעבן צו האַרמאָניזירן און שנעל ליזן אַלע שטרייט־פראַגן צווישן די פאַראייניגטע מלוכות, אין דער זעלביגער מאָס ווערט היטלער און זיינע נאָכפאָלגער באַזיגט און עס ווערט געוואונען דער זיג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות.

דאָס גרעסטע איינצלנע וואפן פון דער „אַקס", אַ סך וויכטיגער אפילו ווי איר לופט־מאַכט, איז געווען און בלייבט דאָס אויסנוצן די מיס־פאַרשטייעניש, חשד און שרעק בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס עקזיס־טירט אין ענגלאַנד און אַמעריקע. אָן אָט־דעם וואפן וואָלט היטלער בכלל נישט געווען קומען צו דער מאַכט. אָן אָט־דעם וואפן וואָלט יאַפּאַן נישט געקאָנט געווען אימאָביליזירן די פאַראייניגטע שטאַטן ביז זי וועט זיין גרייט אויסצוקלייבן איר אייגענעם מאָמענט פאַר דער אַטאַקע. אָן אָט־דעם וואפן וואָלט די „אַקס" נישט געקאָנט געווען פאַרניכטן די שפּאַנישע רעפּובליק. אָן אָט־דעם וואפן וואָלט היטלער נישט געקאָנט געווען באַהערשן טשעכאָ־סלאָוואַקיע אין מינכען, אָדער אונטערגראָבן און פאַרניכטן פראַנקרייך. אָן אָט־דעם וואפן וואָלט נישט געקאָנט געווען פאָרקומען די „בלומרשטע מלחמה", די „פאָוני וואָר", וואָס האָט מעגלעך געמאַכט פאַר היטלער'ן צו פאַרכאַפּן איינציגווייז איין לאַנד נאָך אַ צווייטן. אָן אָט־דעם וואפן וואָלט היטלער נישט געווען געוואַגט זיך אַרויסצורייסן פון די גרענעצן פון צענטראַל־און מערב־אייראָפּע און אַריינדרינגען אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די עקסקורסיע, וואָס רודאָלף העס האָט געמאַכט קיין סקאָטלאַנד דורך עראָפּלאַן און פּאַראַשוט, איז נישט געווען מער פאַנטאַסטיש, ווי אַלץ וואָס איז פריער פאָרגעקומען און וואָס האָט געבראַכט דעם כאַאָס אויף דער וועלט.

העס'עס מיסיע קיין ענגלאַנד איז געווען בלויז די פאָרזעצונג פון באַראָן פאָן קילינגער'ס מיסיע קיין אַמעריקע.

דער צווייטער פון די וויכטיגע אונטערשיידן, וואָס היטלער עקס־פּלואַטירט, איז דער אונטערשייד צווישן די הערשנדיגע גרויסמאַכטן און זייערע אונטערדריקטע פעלקער. די יאַפּאַנעזער האָבן דערשטוינט די וועלט מיט זייערע פּרעצעדענטלאָזע דערפאָלגן ביים אויסנוצן אָט־די שטרייט־פראַגע אין דעם דרום־פּאַסיפיק, ווען זיי האָבן דאָרט חרוב געמאַכט די גרויסע בריטישע און האָלענדישע אימפּעריעס אין עטלעכע וואָכן צייט, באַנוצנדיג בלויז עטלעכע הונדערט טויזנט סאָלדאַטן. ווען אָט־די שורות ווערן געשריבן, נוצן־אויס יאַפּאַן און דייטשלאַנד צוזאַמען, אויף אַ זייער געשיקטן אופן, די שטרייט־פראַגן צווישן אינדיע און ענגלאַנד, בעת די פאַראייניגטע מלוכות איז נאָך אַלץ פּאַראַליזירט אין אַ פּלאָנטער פון ביוראָקראַטישע פאָרמאַליטעטן און האָט ניט קיין אַנדער ענטפער חוץ האַרבע רייד פאַר די פעלקער, וואָס

מוזן געוואונען ווערן ווי אונזערע פאַרבינדעטע. און אזוי גייט עס מיט איין שטרייט־פראַגע נאָך אַ צווייטער.

די פאַראייניגטע מלוכות איז אַ גרויסע אידייע מיט אַן איינגעבוירענער קראַפט, וואָס קען און וועט צעשמעטערן די „אקס". איר מעכטיגקייט מוז ארויסגעבראַכט ווערן ווי אַן אַקטיווע קראַפט דורך נייע און באוואוסטזיניגע פּאָליסים, באַזונדער מצד ענגלאַנד און אמעריקע. אויב די נייע פּלאַש וועט אָנגעפילט ווערן מיט דעם אַלטן זויערן וויין פון אימפּעריאַליזם, וועלן די ציין פון די אונטעריאָכטע פעלקער בלייבן אייליק; און אין אַזאַ פאַל וועט אַ מיליאָן אידעאַליסטישע דאָקומענטן ווי דער „אַטלאַנטיק טשאַרטער" נישט ענדערן דעם איצטיגן נידערגאַנג פון איין קאַטאַסטראָפע צו אַ צווייטער. די פאַראייניגטע מלוכות איז נישט קיין צויבער־פאָרמולע, נאָר אַ וועג־צייכן, וואָס ווייזט אָן אַ נייעם קורס פאַר דער וועלט; מיר האָבן געמאַכט בלויז די ערשטע שריט, אָבער כדי צו דערגרייכן די צוגעזאָגטע געווינסן, מוזן מיר כסדר נאָכפאָלגן דעם נייעם קורס.

דער נייער קורס פון די פאַראייניגטע מלוכות ברענגט אונז פּנים אל פּנים מיט אַ גאַנצער ריי פּראַקטישע פּראָבלעמען, וואָס ס'וועט נויטיג זיין זיי צו באַהאַנדלען אויספירלעך אין אַ צאָל ווייטערדיגע קאַפּיטלען און וואָס זיינען אויבן אָנגעצייכנט געוואָרן בלויז אין אַן אַלגעמיינער פאָרם. נאָר איידער מיר גייען איבער צו אַזאַ אויספירלעכער באַהאַנדלונג, איז נויטיג קלאָר צו מאַכן אַ צאָל אַלגעמיינע פּראָבלעמען, וואָס וואַקסן ארויס פון אמעריקע'ס מיט־גלידערשאַפט אין די פאַראייניגטע מלוכות.

ערשטנס איז נויטיג, אַז מיר זאָלן מאַכן אַ רעוויזיע אין אונזער נאַציאָנאַלער געוואוינהייט פון טראַכטן וועגן „נאַציאָנאַלע אינטערעסן". ס'איז פאַראַן אַ שעדלעכער און וויט־פאַרשפּרייטער באַגריף, אַז אונזערע „נאַציאָנאַלע אינטערעסן" שטעלן אונז אוועק אויטאָמאַטיש אין אַ לאַגע פון קאָנקורענץ, אויב ניט אַנטאַגאָניזם, בנוגע אַלע אַנדערע פעלקער און רעגירונגען. אין דער וואולגאַרסטער פאָרם דריקט זיך דאָס אויס אין דעם „אַמעריקאַ פוירסט" גאַנסענס פון לינדבערג, הואווער, וואַנדענבערג, ווהילער און אַנדערע, וואָס קאָמבינירן דאָס מיט דעם באַגריף פון דורכקומען מיט דער „אקס"; אָבער דער סם פאַרשפּרייט זיך ווייט אריבער די דאָזיגע קרייזן און נעמט־אָן מער געפערלעכע און איינגעגעסענע פאָרמען. אַזוי לאַנג ווי אָט־דער אופן פון דענקען באַהערשט אונזער צוטייל אין די פאַראייניגטע מלוכות, וועלן מיר נישט באַווייזן צו פאַרוואַנדלען אָט־די קאָאַליציע אין דער מאַכט, וואָס זי מוז ווערן, כדי צו באַזיגן די „אקס".

עס דאַרף ווידערהאָלט ווערן, אַז אין פרידן אָדער קריג זיינען די אמת'ע אינטערעסן פון פאָלק האַרמאָניש מיט די אמת'ע אינטערעסן פון אַנדערע

פּעלקער. אַנטאַגאָניזמען און קאָנקורענצן אַנטשטייען נישט פון דעם קאָנ־פליקט פון אינטערעסן צווישן פעלקער. דער קלאָרסטער ביישפּיל פון דעם דאָזיגן אמת איז דער נאַצי־רעזשים גופא, וואָס האָט באַזינגט און פאַרשקלאַפט דאָס דייטשע פאָלק ווי אַ צוגרייטונג פאַר זיין פאַרזוך צו באַהערשן די וועלט. צו צעשמעטערן דעם היטלעריזם איז פּונקט אַזוי וויכטיג פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם דייטשן פאָלק ווי פאַר דער גאַנצער וועלט.

אויב מיר קאָנען נים באַנעמען אָט־דעם טיפן אמת, וועלן מיר נים קאָנען מאַכן די פאַראייניגטע מלוכות פאַר אַ דערפאָלג, וועלן מיר נישט קאָנען פירן די דאָזיגע קאָאַליציע צום זיג. ווייל די פאַראייניגטע מלוכות קאָן נישט געבויט ווערן אויף דעם געדאַנק פון אַ ציטווייליגן קאָמפּראָמיס איבער איינגעבאָרענע און אייביגע קאָנפליקטן צווישן די באַשטאַנד־טיילן; די דאָזיגע קאָאַליציע מוז געבויט ווערן אויף דער טעאָריע, אַז צייטווייליגע קאָמפּראָמיסן זיינען מעגלעך און ווערטפול, ווייל זיי דערלויבן אַז די פונ־דאַמענטאַלע געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן זאָלן קומען צום אויסדרוק און ברענגען צו האַרמאָנישע פאַרהעלטענישן.

נאָר אויב מיר — און ממילא אַנדערע מלוכות — באַטייליגן זיך אין די פאַראייניגטע מלוכות אויף דער טעאָריע פון „אַמעריקאַ פוירסט", אָדער אויף דעם מילדסטן אויסדרוק פון דער דאָזיגער טעאָריע, וועט די פאַראייניגטע מלוכות שנעל דעגענערירן צו דעם צושטאַנד פון אַ קאַריקאַטור פון דער טויטער פעלקער־ליג, וועלכע איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך דעם זעלביגן באַגריף.

אין אָט־דער מלחמה אויף לעבן און טויט נעגן דער בעסטיאַלישער „אַקס" און איר מעכטיגער מיליטערישער מאַשין איז עס אַ פאָרם פון נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד אָנצוהאַלטן דעם „אַמעריקאַ פוירסט" געדאַנקען־גאַנג אין וועלכער ס'איז פון זיינע וואַריאַציעס. מיר מוזן זיך אויסלערנען טראַכטן אין טערמינען פון די געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן פון פעלקער און מלוכות, איידער מיר קאָנען האַנדלען אויף אַ ווירקזאַמען אופן לטובת די דאָזיגע געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן.

ס'וואָלט אפשר געווען אוטאָפּיסטיש אַרויסצושטעלן אָט־די פאָדערונגען אין געוויינטלעכע צייטן. מיר לעבן אָבער נישט אין אַ געוויינטלעכער צייט. ס'איז נישט אוטאָפּיסטיש אַרויסצושטעלן אָט־די פאָדערונג איצט, ווייל זי איז נויטיג פאַר אונזער סאַמע עקזיסטענץ, און קיין זאַך וואָס איז אַזוי נויטיג, קאָן נים זיין אוממעגלעך. מיר קאָנען און מיר וועלן זיך אויסלערנען, ווי אַ לאַנד און אַ פאָלק, צו טראַכטן אין טערמינען פון געמיינשאַפטלעכע אינ־טערעסן מיט אַנדערע לענדער און פעלקער, ווייל אויב מיר וועלן זיך דאָס נים אויסלערנען, וועלן מיר דערגיין צום פּונקט פון אונזער נאַציאָנאַלער

פאַרניכטונג. עס וועלן זיך אָפּשר פאָדערן נייע קאַטאַסטראָפעס, וואָס זאָלן אונז אויסלערנען צו מאַכן נייע שריט אויף אָט־דעם נייעם וועג פון דענקען, אָבער — צי מיר וועלן זיין שאַרפזיניג אָדער טעמפּ, צי מיר וועלן לערנען לאַנגזאַם אָדער שנעל — מוזן מיר זיך אויסלערנען צו גיין מיט דעם דאָזיגן וועג; אַניט וועלן מיר פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין די ארכיוון פון די צוקינפטיגע היסטאָרישע מוזייען ווי אַ צוזאָגנדיגער עקספּערימענט, וואָס האָט זיך נישט איינגעגעבן.

מיר וועלן זיך שנעל אויסלערנען צו פאַרווירקלעכן די נויטיגע האַרמאָניזירונג פון אונזערע אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון אַנדערע לענדער און פעלקער, ווען מיר וועלן אָנהויבן מיט דעם פאַרזוך צו שאַפן איין הויפּט־קריטעריע, וואָס זאָל דינען ווי אַ מאָס פאַר אַלץ: אַז דער העכסטער פון אַלע נאַציאָנאַלע אינטערעסן איז די פאַרניכטונג פון דעם היטלעריזם און דער זיג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות. ווען מיר וועלן דאָס אָננעמען אויפריכטיג ווי דעם לעבנס־געזעץ פאַר אונזער לאַנד אין דעם לויף פון דער מלחמה; ווען מיר וועלן אין דער פּראַקטיק סובאָרדינירן אַלצדינג צוליב דעם דאָזיגן ציל, דעמאָלט און בלויז דעמאָלט וועלן מיר באַשיצן דעם געמיינשאַפטלעכן אינטערעס פון אַלע פאַראייניגטע מלוכות, באַשיצן די הויפּט־זאַך, וואָס מאַכט פון די פאַראייניגטע מלוכות איין גאַנצקייט, איין קראַפט. פון אָט־דעם אויסגאַנגס־פּונקט קאָנען מיר שנעל קומען צו דער פאַרשטענדיגונג בנוגע דער באַזונדערער און קאָנקרעטער האַרמאָניע פון אינטערעסן צווישן די פעלקער און געפינען די פּאָליסים, וואָס זיינען אָננעמבאַר פאַר אַלעמען.

צווייטנס, מוזן מיר זיך אויסלערנען צו טראַכטן און צו רעדן מיט אונזערע פאַרבינדעטע פון די פאַראייניגטע מלוכות אין טערמינען, וואָס זיינען אין אַ גלייכער מאָס גילטיג פאַר אַלעמען. מיר מוזן זיך אויפהויבן איבער אונזערע איינגאַרטיגע פאָרמען פון דענקען, צי זיי פאַרטרעטן אמת'ע אינטערעסן אָדער בלויז פאָראורטיילן, און געפינען יענע פאָרמען און טערמינען, וואָס דריקן אויס ווי געהעריג די געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן. דער געמיינשאַפטלעכער געדאַנק, וואָס וועט מעגלעך מאַכן אַ געמיינשאַפטלעכע פּאָליסי פאַר די פאַראייניגטע מלוכות, קאָן דעריבער ניט זיין נישט „פּראָ־סאָציאַליסטיש“ און נישט „פּראָ־קאַפּיטאַליסטיש“, ווייל די פאַראייניגטע מלוכות שליסט איין פעלקער, וואָס זיינען, אָדער זיינען אַנטשלאָסן צו בלייבן, פון ביידע טיפּן. דער געמיינשאַפטלעכער געדאַנק קאָן נישט זיין „קריסטלעך“, ווי אַזוי פיל גוט־מיינענדיגע קירכלייט פאַרלאַנגען, ווייל ביי דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע מלוכות און פון אונזערע פּאָטענציעלע פאַרבינדעטע גילטן נאָך אַנדערע גלויבנס; געוויס קאָן

דאָס נישט זיין „אַנטי־קריסטלעך" אָדער געגן וועלכן ס'איז פון די עקזיס־טירנדיגע רעליגיעזע גלויבנס, וואָס מוזן אַלע מאַכן זייער ביישטייער צו די פאַראייניגטע מלוכות דורך דעם וואָס איז געמיינשאַפטלעך פאַר אַלעמען און נישט דורך דעם, וואָס טיילט אָפּ איינעם פון צווייטן.

דריטנס, קאָן די פאַראייניגטע מלוכות ווערן אַ מאַכט פאַר דעם זיג בלויז דעמאָלט, ווען זי טרעט אַרויס אין קריג געגן דער אָפּשטויסנדיגער היטלערישער אַפּלייקענונג פון מענטשלעכער ברידערלעכקייט, געגן דער לערע פון אַ „העכערער ראַסע" פאַר געוויסע פעלקער און „נידעריגע ראַסן" פאַר אַנדערע. דער דאָזיגער פּונקט איז אויסגעדריקט אומדירעקט אין דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער", וואו עס רעדט זיך וועגן דעם רעכט פון אַלע פעלקער אויף זעלבסט־באַשטימונג. דאָס מוז קריגן אַ קלאָרן אויסדרוק אין לעבן, אין דער מלחמה־אָנפירונג, אין יעדער פּאָליסי אַזוי גוט ווי אין אונזערע געדאַנקען און ווערטער, אויב מיר ווילן פאַרוואַנדלען די פאַראייניגטע מלוכות אין אַ ווירקלעך־מעכטיגער קאָאַליציע אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב, ווייל בלויז אַזאַ מאַכט קאָן צעשמעטערן די „אַקס". אָן דעם וועלן מיר דעגענערירן די פאַראייניגטע מלוכות צו אַ צושטאַנד פון אַן אָפּאָרטוניסטישער מיליטערישער קאָמבינאַציע, וואָס איז שוואַך ביי יעדן צונויפבינד־פּונקט און וואָס וועט זיך פאַנאַנדערפאַלן אונטער די ערשטע שווערע קלעפּ. דאָס איז אַ מיליטערישע נויטווענדיגקייט אַזוי גוט ווי אַ מאָראַלישע באַדערפעניש; אויב מיר וועלן נישט גיין אין דער דאָזיגער ריכטונג צוליב הויכע מאָטיוון, וועלן מיר זיין געצוואונגען צו גיין מיט אָט־דעם וועג דורך די שווערע קלעפּ פון קאַטאַס־טראָפעס, וואָס וועלן אומפאַרמיידלעך קומען יעדן מאָל, ווען מיר וועלן פאַרפעלן צו אָנערקענען אָט־דעם מאָראַלן געזעץ און האַנדלען אין איינקלאַנג דערמיט.

די אונטערדריקטע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט דערהויבן זיך צו אַ נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און אַן אַנטשלאָסנהייט צו דערשלאָגן זיך צו נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג. אויב מיר וועלן נישט געווינען די דאָזיגע קראַפט אויף דער זייט פון די פאַראייניגטע מלוכות, וועט זי אַרבעטן פאַר דער „אַקס" און וועט העלפן אונז צו פאַרניכטן.

אין אָט־דעם אַנאַליז פון די פאַראייניגטע מלוכות און אירע פּראָבלעמען האָב איך געפרואווט זיך באַזירן אין גאַנצן אויף דעם געזונטן פאַרשטאַנד, אויף דער געמיינשאַפטלעכער דערפאַרונג פון די מאַסן דענקענדיגע מענטשן, נישט פאַררופנדיג זיך אויף וועלכער ס'איז ריכטונג אין פּאָליטיק אָדער פילאָזאָפיע, אויסער יענע שטרעמונגען פון דעמאָקראַטישער און פרייהייט־לעכער טראַדיציע, וואָס זיינען געמיינשאַפטלעך פאַר מערסטע אַמעריקאַנער. איך האָב באַזירט מיין אויפפאַסונג פון פּאָליסיס אויסשליסלעך אויף די

נויטיגע פאַרבאַנדינגונגען פאַר דעם זיג אין דער מלחמה און נישט אויף וועלכער ס'איז פּאַרטיגער אידעאָלאָגיע. דאָס איז די אַלגעמיינע סכעמע פון דעם גאַנצן בוך. ס'איז אַ פּאַרזוך צו געפינען דעם וועג צו אייניגקייט פון געדאַנק און אַקציע מצד פּערזאָנען, גרופּן, קלאַסן און פעלקער, וואָס זיינען ביז איצט געווען צעטיילט און אַנטאַגאָניסטיש און וואָס מוזן זיך איצט פאַראייניגן אין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט געגן אַ געמיינשאַפטלעכן שונא, מיט דער געפאַר, אַז אויב זיי וועלן זיך נישט פאַראייניגן, וועט דאָס פירן צו זייער נידערלאַגע, פאַרשקלאַפונג און טויט.

די פאַראייניגטע מלוכות קעמפט געגן דעם רציחה'דיגסטן און מעכטיגסטן שונא, וואָס די מענטשהייט האָט ווען געהאַט פאַר זיך. זי מוז שטייגן צו נייע נאָך נישט דערגרייכטע הויכע שטופעס פון אייניגקייט, אַנטשלאָסנקייט און העראָאיזם, כדי צו דערשלאָגן זיך צום זיג. זי מוז אויסראַמען אין זיך אַלצדינג, וואָס שטערט דעם קאַמף פאַר דעם זיג.

ביז מיר וועלן נישט פאַראייניגן אונזער לאַנד אויף אַזאַ אויפפאַסונג פון אונזער אויפגאַבע, קאָנען מיר נישט געווינען די מלחמה. מיר וועלן זיך אויפצוהויבן צום שפּיץ באַרג, וואָס שטייט צווישן אונז און זיג, ווייל מיר מוזן דאָס טאָן. ס'איז אַן אויפגאַבע, וואָס ווערט אויף אונז אַרויפגעלייגט דורך דער געשיכטע און דורך אונזער כאַראַקטער ווי אַ פאָלק. און מיר וועלן זי דורכפירן.

קאַפּיטל דרייצן

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פאַראייניגטע מלוכות

אין דעם משך פון אַ סך יאָרן האָב איך געשריבן פּאַמפלעטן און געהאַלטן רעדעס וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס זייער הויפּט־צוועק איז געווען צו איבערצייגן מיינע אַמעריקאַנער מיט־בירגער, אַז קאָאָפּעראַציע צווישן אונזער לאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז וויכטיג פאַר די אינטערעסן פון ביידע לענדער און לעבנס־וויכטיג פאַרן וועלט־פרידן. כאָטש מיינע פּאַמפלעטן זיינען פאַרקויפט און געלייענט געוואָרן אין אַ באַדייטנדיגער צאָל, האָבן מיינע פאַרזוכן און די פאַרזוכן פון אַ סך אַנדערע פּערזאָנען, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דעם זעלביגן ציל, נישט באַוויזן צו דער־

גרייכן דעם געוואונטשטן ציל. איך און מיין פּאַרטיי האָבן פאַר אַמדער אַרבעט געקראָגן די „באַלוינונג" פון באַצייכנט ווערן אין דער פּרעסע ווי „אויסלענדישע אַגענטן" אונטער דעם „קאָנטראָל פון מאָסקווע". ס'איז איינגנטלעך געוואָרן אַ כלל, אַז יעדער איינער, וואָס האָט געפּריידיגט פריינטשאַפט און קאָאָפּעראַציע צווישן די צוויי לענדער, זאָל פאַרדאַמט ווערן ווי „אָן־אַמעריקען" און ווי אַ „פאַררעטער געגן זיין לאַנד".

אָבער דאָס וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן אויפצוטאָן דורך לאָגישער דערקלערונג און אַרגומענט, האָט היטלער אויפגעטאָן דורך זיינע ברוטאַלע און צעשמעטערנדיגע דעראָבערונגען.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז איצט אַן עטאַבלירטער און אָנגעלייגטער מיטגליד פון די פאַראייניגטע מלוכות. דאָס איז דערפאַר, ווייל ס'איז קלאָר, אַז די רויטע אַרמיי און דאָס סאָוועטישע פאָלק קעמפן־אויס אונזער שלאַכט, זיינען מקריב זייערע לעבנס אין די מיליאָנען אין דעם פּרעכטיגסטן קאַמף אין דער מענטשלעכער געשיכטע. מיר אַמעריקאַנער, ווי מיר אַלע ווייסן, וואָלטן איצט געווען אין אַ קאַטאַסטראָפישער לאַגע, ווען ניט דער פאַקט, וואָס מיר האָבן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי אַ פאַרבינדעטן. די פאַראייניגטע מלוכות וואָלט איצט נישט עקזיסטירט, ווען ניט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דאָס אַמעריקאַנער פאָלק מאַכט איצט אַן אמת'ע אָנשטרענגונג צו פאַרשטיין אונזער סאָוועטישן קריגס־שותף. אַמעריקאַנער מענטשן פאַרשטייען איצט ,אַז זיי זיינען פריער געווען די קרבנות פון דער היטלערישער קאַמפּאַניע פון מיסאינפאָרמאַציע און פאַרלוימדונג געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איינע פון די שעדלעכסטע מיספאַרשטייענישן איז אין אַ גרויסער מאָס באַזייטיגט געוואָרן דורך די שריפטן פון מר. דזשאָזעף ע. דעיוויס, געוועזענער אַמבאַסאַדאָר צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס זיין בוך „מישאָן טו מאָסקאָו" איז זייער אַ ווערטפולער ביטראָג צום געגנזייטיגן צוטרוי צווישן די צוויי לענדער. דער בוך „סאָוויעט פּאַוער" פון דעם דעקאַן (דיען) פון קענטערבערי איז אויך ענדלעך אַריינגענומען געוואָרן אין „רעספּעקטאַבעלע" קרייזן ; ער איז אָנערקענט געוואָרן ווי איינער פון די צען וויכטיגסטע ביכער פון יאָר, וואָס העלפן אין דער קריגס־אָנשטרענגונג. מיט יעדן טאָג זעען מיר אַלץ מער סימנים, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק אַנטוויקלט אַ טיפע ליבשאַפט פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַז אַמעריקאַנער מענטשן הויבן אפילו אָן צו פאַרשטיין דאָס לאַנד פון סאָוועטן.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די צוויי שרייבער, וואָס האָבן פאַרצייכנט דעם גרעסטן דערפאָלג אויף דעם געביט פון צעברעכן די וואַנט פון פאָראורטייל און מיספאַרשטייעניש, וועלכע האָט אָפּגעטיילט אונזער לאַנד פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען : אַ דערפאָלגרייכער אַמעריקאַנער קאַפּי־

טאַליסט און אַ הויכער גייסטלעכער פון דער ענגלישער קירך. עס זיינען שטענדיג פאַראַן ציניקער, וואָס מאַכן חוזק ווען אַ לאַנג־אונטערדריקטער אמת ווערט ענדלעך אָנגענומען אין די קרייזן פון אָנערקענטער אויטאָריטעט, און וואָס האַלטן, וויזוט אויס, אַז דער אמת קאָן אייגנהיטן זיין ריינקייט בלויז אונטער אָפּיציעלער אונטערדריקונג. אָבער איך בין גאָרנישט גענייגט אַזוי צו דענקען און קאָן זיך בלויז פרייען מיט אָט־דער געשעעניש און גראַטולירן די שרייבער, וואָס זיי האָבן פאַרצייכנט דערפאָלג דאָרט, וואו איך האָב קיין דערפאָלג ניט געהאַט.

אַ סך מענטשן זיינען אָן ספק נאָך אַלץ באַאיינפלוסט פון דער באַ־שולדיגונג, אַז אַמעריקאַנער קאָמוניסטן זיינען „אַגענטן פון מאָסקווע", מענטשן אָן לאָיאַליטעט צו זייער אייגן לאַנד, וויל זיי הייסן־גוט דעם סאָציאַליזם ווי ער איז אויפגעבויט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און שלאָגן־פאָר, אַז אַמעריקע זאָל רעאָרגאַניזירט ווערן אויף אַן ענלעכן אופן. אָבער ווען קאַפּיטאַליסטן און הויכע קירך־לייט גיבן זייער גוטהייסונג דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אומגעפער אין די זעלביגע טערמינען ווי די קאָמוניסטן האָבן עס געטאָן — מיט דער אויסנאַם, וואָס זיי גלויבן נישט, אַז אונזער לאַנד דאַרף האָבן אַן ענלעכע סיסטעם — דעמאָלט איז עס פאַר דעם אַל־געמיינעם עולם גרינג זיי צו גלויבן. בלויז דער קרענקלעכסטער טיפּ פון אַנטי־סאָוועטישער מאַניע וועט אויטאָמאַטיש באַצייכענען דעם דיען און מר. דעיוויס'ן מיט די זידל־ווערטער „קאָמוניסט" און „אויסלענדישער אַגענט".

די צוויי שטאַרקסטע לענדער אין דעם לאַגער פון די פאַראייניגטע מלוכות זיינען אַמעריקע און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. בעת אָט־די צוויי לענדער זיינען געווען דערווייטערט איינס פון צווייטן איז אוממעגלעך געווען צו גרינדן די פאַראייניגטע מלוכות. אָבער ווען די צוויי לענדער האָבן ענדלעך איינ־געשטעלט אַ פאַרהעלטעניש פון קאָאָפּעראַציע — דעמאָלט איז שנעל געקומען די גרינדונג פון די פאַראייניגטע מלוכות. עס קאָן געזאָגט ווערן אָן גוזמא, אַז די אַלץ ענגערע באַציאונגען צווישן אונזער לאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען אַ נויטיגע באַדינגונג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות ווי אַ וועלט־קאָאַליציע. ווען אָט־די באַציאונגען וועלן רוען אויף אַ פעסטן פונדאַמענט, וועט מעגלעך זיין צו לייזן אַלע אַנדערע פראַגן מיט אַ מינימום שוועריגקייט.

אין אַ פריערדיגן קאַפּיטל האָב איך שוין אָנגעוויזן אויף אַ געפאַר פאַר דער פולער אַנטוויקלונג פון סאָוועטיש־אַמעריקאַנער פריינטשאַפט, וואָס עקזיסטירט אין דער פאָרם פון אַ מיספאַרשטייעניש אין דעם סאַמע צענטער פון דער איצטיגער דערנעענטערונג. עס ווערט געזאָגט, אַז די דאָזיגע פריינט־שאַפט איז געוואָרן מעגלעך דערפאַר, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט

אויפגעגעבן דעם סאָציאַליזם (אָדער דעם קאָמוניזם) און ווערט ווידער אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, ווי אַמעריקע. איך רעכן, אַז דאָס איז אַן ערנסטער טעות און אַז ס'איז געפערלעך צו דערלויבן, אַז אַזאַ געדאַנק זאָל ווערן דער פונדאַמענט פאַר אונזערע באַציאונגען; ווייל אויב און ווען עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דאָס איז נישט אמת, וועט די פריינטשאַפט, וואָס איז באַזירט אויף דעם פאַלשן געדאַנק, צוזאַמענברעכן. אָבער ווען מיר וועלן דרייסט באַגעגענען די אמת'ע פּראָבלעם פון פריינטשאַפט צווישן אַן אָפן סאָציאַליסטישער און אָפן־קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג, וועלן מיר בלייבן אויף אַ סך אַ פעסטערן באָדן.

אָט־די פראַגע איז פון אַזאַ וויט־גרייכנדיגער וויכטיגקייט פאַר דער עקזיסטענץ און וואוקס פון די פאַראייניגטע מלוכות, אַז עס איז כדאי זי אויסצופאָרשן מיט מער דעטאַלן.

איך וועל זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין לאַנגע אַרגומענטן וועגן דעם וואָס איז אַזוינס סאָציאַליזם און אויף ווי וויט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז סאָציאַליסטיש. איך וועל בעסער באַטראַכטן די פראַגע פון דעם ריין־פּראַקטישן שטאַנדפּונקט פון „קאָמאָן סענס". אַן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסט, אין אַ פריינטלעכער איבער־שאַצונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, באַטראַכט גוט דאָס לאַנד און רופט אויס: „עס איז נישט קיין סאָציאַליסטיש לאַנד, עס איז דאָך גאָרנישט דאָס וואָס איך האָב דערוואַרט לויט מיין באַגריף וועגן סאָציאַליזם!" דערויף ענטפערט דער סאָוועטישער פירער: „דאָס איז בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט אייך פאַלש געלערנט וועגן דעם, וואָס סאָציאַליזם איז אַזוינס. מיר זיינען אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, און ווייט פון אומקערן זיך צום קאַפּיטאַליזם, האָבן מיר בדעה צו ווערן נאָך מער פולשטענדיג סאָציאַ־ליסטיש." האָבן מיר, הייסט עס, די איינפאַכע פּראָבלעם פון פעסטשטעלן ווער עס ווייסט בעסער וואָס ער רעדט: דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסט אָדער דער סאָוועטישער פירער. לויט מיין מיינונג דאַרף דער אַמעריקאַנער קאַפּי־טאַליסט אין דעם פאַל צוגעבן, אַז אפשר ווייסט דער סאָוועטישער פירער וועגן סאָציאַליזם מער פון אים. עס וואָלט געווען אַ סך בעסער, ווען מיר גיבן־צו אָפן, אַז אַמעריקע ווערט גוטע פריינט מיט דעם סאָציאַליסטישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און ניט מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס קערט זיך כלומרשט אום צום קאַפּיטאַליזם. דאָס וועט אונז פאַרשפּאָרן אַ סך צוקונפטיגע אַנטוישונגען.

אין דער ווירקלעכקייט איז דער אונטערשייד, פאַרשטייט זיך, אַ סך טיפער ווי די געהעריגע דעפיניציעס פון אַ וואָרט. עס זיינען דאָ אַזויפיל קאַפּיטאַליסטן אין אַמעריקע, מענטשן מיט אַ סך מאַכט אין עפנטלעכן לעבן, וואָס זייערע מוחות זיינען איינגעפאַסט אין די ראַמען פון דעם געדאַנק, אַז

עס איז אוממעגלעך פאַר אונזער לאַנד צו קאָאָפּערירן מיט אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, אַז יענע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע זעען די נויטיגקייט פון אַזאַ קאָאָפּעראַציע, פּרואוון באַרואיגן די אַנדערע, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווייל דאָס סאָציאַליסטיש לאַנד גייט אין דער אמת׳ן צוריק צום קאַפּיטאַליזם. גראָד אַזאַ באַרואיגונג אויף דעם באָדן פון אַ טעות באַטראַכט איך ווי געפערלעך פאַר דער צוקונפט, און איך טרעט ארויס געגן דעם, ווייל דאָס האַלט אונז צוריק פון באַגעגענען און לייזן די אמת׳ע פּראָבלעם: איז עס מעגלעך צו שאַפן אַ דויערהאַפטע קאָאָפּעראַציע צווישן אַ סאָציאַליסטישער און אַ קאַפּיטאַליסטישער מלוכה?

פון דער סאָוועטישער זייט איז די פראַגע שוין לאַנג פאַרענטפערט געוואָרן פּאָזיטיוו דורך לענינ׳ען, און יענער ענטפער איז באַשטעטיגט און באַקרעפטיגט געוואָרן דורך סטאַלינ׳ען. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט שוין לאַנג באַגרינדעט זיין אויסלענדישע פּאָליטיק אויף דער מעגלעכקייט און דעם פאַרלאַנג פון פרידלעכן מיט־לעבן און קאָאָפּעראַציע מיט אַזויפיל קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווי מעגלעך, און באַזונדער מיט די פאַראייניגטע שטאַטן. דאָס איז געווען איינע פון די שטרייט־פראַגן אין דעם לאַנגן קאַמף געגן טראָצקי׳ן און זיינע נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן ארגומענטירט געגן דעם דורך זייער אַזוי־גערופענער „טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע" און וועלכע זיינען ענדלעך דערגאַנגען צו דער מדרגה פון היטלער׳ס ליאַלקעס. די סאָוועטישע פירער האָבן שטענדיג דערוואַרט, און זיך צוגעגרייט צו באַזיגן, דעם פאַרזוך צו פאַרניכטן די סאָוועטישע רעפּובליקן דורך דעם מיליטערישן איבערפאַל מצד די רעאַקציאָנערסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער (דייטשלאַנד, איטאַליע און זייערע נאָכפאָלגער); אָבער אין דער זעלביגער צייט האָבן זיי אָנגעהאַלטן אַ פּאָליטיק פון שאַפן די שטאַרקסטע פאַרבינדונגען מיט יענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין אָנהאַלטן דעם פרידן און אין צוימען די אַגרעסאָרס.

פון דער אַמעריקאַנער זייט האָבן אונזערע נאַציאָנאַלע פירער קיינמאָל נישט פאַרענטפערט אָט־די פראַגע טעאָרעטיש. אין דער פּראַקטיק האָט אונזער לאַנד ביז 1933 געהאַנדלט לויט דעם פּרינציפּ, אַז עס איז אוממעגלעך אַפילו צו אָנערקענען אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, שוין אָפּגערעדט פון קאָאָפּערירן מיט דעם. ערשט ווען די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע איז געקומען, איז אָט־דער פאַרהאַרטעוועטער אַנטאַגאָניזם געבראָכן געוואָרן און עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן די ערשטע פאָרמעלע באַציאונגען צווישן אָט־די צוויי לענדער. אָבער די הויפּט־פירער פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און אַ סך מעכטיגע רעאַקציאָנערע דעמאָקראַטן ווידערהאָלן נאָך אַלץ דעם טעזיס פון הערבערט האוווער, אַז עס וועט סוף כל סוף נויטיג זיין פאַר אַמעריקע צו פאַרניכטן

דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, כדי אָנצוהאַלטן איר אייגענע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם.

אין אָט־דער פונדאַמענטאַלער דעבאַטע וועגן אויסלענדישער פּאָליטיק ווערט עס געמאַכט אַ פאַרזוך צו שאַפן אַ קאָמפּראָמיס און צו פּאַרווישן די פראַגע דורך דער פאָרמולע, אַז „דער סאָוועטן־פאַרבאַנד קערט זיך אום צום קאַפּיטאַליזם".

עס איז נויטיג אין די אינטערעסן פון אַמעריקע, אַז אונזער לאַנד זאָל געבן אַ קלאָרן ענטפער אויף אָט־דער פראַגע. פונקט ווי די סאָוועטישע פירער האָבן שוין לאַנג דערקלערט, פון זייער זייט, אַז פרידלעכע און קאָאָפּעראַטיווע באַציאונגען זיינען מעגלעך און ווינטשנסווערט מיט אַנדערע לענדער, אָפּגעזען פון זייערע אינערלעכע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סיסטעמען, אַזוי איז עס איצט נויטיג פאַר אַמעריקע, דורך אירע אָנערקענטע פירער, צו נעמען אַן ענלעכע שטעלונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און דאָס מאַכן פאַר דער פעסטגעשטעלטער פּאָליסי פון אונזער לאַנד.

אַזאַ שטעלונג איז איינגנטלעך איינגעגלידערט אין דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער" און אין דער „דעקלאַראַציע פון די פאַראייניגטע מלוכות". די דאָזיגע שטעלונג ווערט אָבער נאָך אַלץ באַפרעגט אין הויכע קרייזן, און ווען דער שטרייט ווערט אויפגעלייזט דורך דער קאָמפּראָמיס־פאָרמולע, אַז „נאָך אַלעמען גייט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד צוריק צום קאַפּיטאַליזם", איז עס קלאָר פאַר אונז, אַז די פונדאַמענטאַלע פראַגע בלייבט נאָך אַלץ אָפן פאַר דער צוקונפט. אָבער אַזוינע פראַגן, ווען זיי ווערן געלאָזט אָפן פאַר דער צוקונפט, זיינען די גרעסטע געפאַר פאַר די פאַראייניגטע מלוכות נישט בלויז אין דער צוקונפט, נאָר טאַקע איצט. ווייל דאָס ווייזט אַ צושטאַנד פון אומצוטרוי צווישן די מלוכות פון דעם בונד. אַזאַ אומצוטרוי וועט האָבן אַ שעדלעכע ווירקונג אויף יעדן מאָמענט פון אונזער שווערן וועג צום זיג אין דער איצטיגער מלחמה. דאָס וועט היטלער'ן פאַרשפּאָרן אַ ארבעט.

אויב אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן און אַנדערע, וואָס גלויבן אַז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם שטייט העכער פון סאָציאַליזם, האָפן אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט זיך נאָך אומקערן צו יענער סיסטעם, מעגן זיי, פאַרשטייט זיך, האָפן; קיינער וועט גאָר נישט חלום'ען פון אוועקנעמען ביי זיי דאָס רעכט. אויף אַן ענלעכן אופן מעגן די סאָוועטישע פירער, וואָס גלויבן אין סאָציאַליזם, האָפן אַז אַמעריקע און די גאַנצע וועלט וועט נאָך אַמאָל אָננעמען זייער שטאַנדפּונקט. אָבער ביידע צדדים, בעת זיי אָנערקענען די נויטיגקייט פון איצטיגער און צוקונפטיגער קאָאָפּעראַציע צווישן די צוויי לענדער, טאָרן נישט דערלויבן אַז זייערע האָפענונגען זאָלן זיין אַ שטערונג פאַר זייערע נאָענטע און פריינטלעכע באַציאונגען; זיי דאַרפן זיך אויסלערנען

צו ארבעטן צוזאמען אַזוי ווי זיי זיינען און נישט אזוי ווי זיי וואָלטן וועלן, אַז יענער זאָל זיין.

פאַראַן אַ סך אַנדערע פאַרהעלטענישן צווישן מלוכות אין דער וועלט־קאָאַליציע, וואָס שאַפן עקשנות'דיגע פּראָבלעמען פון אַנדערשדיגע אידעאָלאָגיעס און אינטערעסן. די געהעריגע באַציאונגען פון צוטרוי און קאָאָפּעראַציע צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד וואָלטן אומגעהויער פיל פאַרלייכטערט די לייזונג פון אַלע אַנדערע פּראָבלעמען פון די פאַראייניגטע מלוכות. די שוועריגקייט און ערנסטקייט פון געוויסע פּראָבלעמען ווערט אונטערשטראָכן בלויז ביים דערמאָנען די נעמען פון כינע און אינדיע. ווער קאָן ערנסט דערוואַרטן, אַז די געהעריגע באַציאונגען אין דער מלחמה זאָלן אויסגעאַרבעט ווערן מיט אָט־די צוויי גרויסע לענדער — מיט אַ באַפעלקערונג, וואָס באַטרעפט מער ווי אַ דריטל פון דער גאַנצער מענטשהייט — אַנדערש ווי דורך דער ענגסטער קאָאָפּעראַציע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער פירערשאַפט פון די פאַראייניגטע מלוכות? דאָס מיינט, אַז די ריכטיגע באַציאונג און פאַרהעלטעניש מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד רירט אָן נישט בלויז די שמאָלע אינטערעסן פון די צוויי לענדער.

ענגלאַנד האָט געשלאָסן אַ בונד אויף צוואַנציג יאָר מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט אַ באַשטימטער אויסזיכט פאַר קאָאָפּעראַציע אין דעם משך פון אַ לאַנגער צייט. די אַמעריקאַנער באַציאונגען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערן נאָך אַלץ אַנטוויקלט כמעט אין גאַנצן ווי מלחמה־באַציאונגען — אָפּמאַכן און פאַרשטענדיגונגען, וואָס ווערן געשלאָסן דורך דעם פּרעזידענט אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר, און נישט ווי רעגולמעסיגע מלוכה־אָפּמאַכן, וואָס ווערן באַשטעטיגט דורך דעם סענאַט, אין איינקלאַנג מיט דער קאָנסטיטוציע.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געפונען פאַר פּאַסיג צו איגנאָרירן אָט־די אומגלייכהייט אין דעם בינדענדיגן כאַראַקטער פון די פאַרפליכטונגען אויףביידע זייטן און האָט פון זיין זייט זיך נישט געקווייקלט צו באַשטעטיגן דורך דעם העכסטן מלוכה־ראַט זיינע אָפּמאַכן מיט די פאַראייניגטע שטאַטן. ס'איז, דאַכט זיך, קלאָר אַז צוליב אונזערע אייגענע אַמעריקאַנער אינטערעסן וואָלטן מיר באַדאַרפט זיך באַמיען — ווי ענגלאַנד האָט דאָס געטאָן — אַז אונזערע באַציאונגען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָלן זיין ווייטזיכטיג, פולשטענדיג און צוטרוילעך.

ס'איז פאַראַן אַ באַזונדער שעדלעכער און נאַרישער שטאַנדפּונקט, וואָס פאַרלאַנגט, אַז אַמעריקע זאָל נישט אַנטוויקלען ווייטער אירע באַציאונגען מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר זי זאָל באַנוצן ענגלאַנד ווי אַ מין פאַרמיטלער צווישן אונז און דעם סאָוועטן־פאַראַבנד. אַזוינע אידייען האָבן באַהערשט די אַמעריקען פּעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, ווען זי האָט צוריקגעוויזן די

איינלאַדונג פון די ענגלישע טרעיד־יוניאָן פירער זיך אָנצושליסן אין אַ געמיינ־שאַפטלעכן טרעיד־יוניאָן ראַט פון די דריי לענדער. מיט אַזאַ טיפער אידיאָטישקייט איז שווער צו אַרגומענטירן, ווייל זי איז באַגרינדעט אויף אָפּוואַרפן דעם שכל און פאַרגעטערן פאָראורטייל. דאָס אַנטפּלעקט אַ שרעקעוודיגקייט און אַ מאַנגל אין זעלבסט־צוטרוי, וואָס איז ניט ווערט דעם נאָמען „אַמעריקאַנער".

מיר אַמעריקאַנער דאַרפן אויסגעפינען אַ סך מער וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איידער מיר וועלן קאָנען, ווי אַ מלוכה, פולשטענדיג אָפּשאַצן זיין הויכע ווערט פאַר די פאַראייניגטע מלוכות. ביז איצט האָבן די פירער פון אונזער נאַציאָנאַלן דענקען אויסגעדריקט איבערראַשונג און שטוינונג וועגן די פּרעכטיגע אויפטוען פון דער רויטער אַרמיי און דעם סאָוועטישן פאָלק אין דעם קריג געגן די נאַצישע האָרדעס. זיי האָבן אינגאַנצן געהאַט אַ פאַלשן באַגריף וועגן דער מאַכט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס מיינט, אַז זיי זיינען געווען מיסאינפאָרמירט. די צייט איז שוין, דאַכט זיך, געקומען צו ברענגען אין אָרדענונג אונזער אינפאָרמאַציע וועגן יענעם לאַנד.

פון וואַנען נעמט זיך די „אומדערוואַרטע" מיליטערישע קראַפט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד? מיליטערישע מאַכט איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער מאַכט פון דערווירטשאַפט, אויף וועלכער זי איז באַזירט. די רויטע אַרמיי איז שטאַרק, ווייל די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געמאַכט ריזיגע שריט פאָראויס, פאָרגרעסירנדיג פון דער צוריקגעשטאַנענסטער גרויס־מאַכט צום ערשטן אָרט אין אייראָפּע און דעם צווייטן, נאָך אַמעריקע, אין דער גאַנצער וועלט. די סאָוועטישע אינדוסטריע האָט אויף מער ווי צען מאָל פאַרגרעסערט איר פּראָדוקציע אין די לעצטע פופצן יאָר — אַ פאַרגרעסערונג פון טויזנט פּראָצענט. איר לאַנדווירטשאַפט איז קאָלעקטיוויזירט געוואָרן אויף דער באַזע פון מאַשינען און טראַקטאָרס, די מאָדערנסטע אין דער וועלט. אירע שווערע אינדוסטריען זיינען באַזונדער ברייט אַנטוויקלט געוואָרן, אַריינרעכענענדיג די אַנטוויקלונג פון פולשטענדיג־נייע אינדוסטריען. אין דעם משך פון יאָרן האָט די סאָוועטישע כעמישע אינדוסטריע פּראָדוצירט קינסטלעכע גומי, אַזוי אַז דאָס לאַנד איז כמעט אינגאַנצן נישט אָפּהענגיג פון אימפּאָרטירטן ראָבער. און בעת אַמעריקע האָט פּראָדוצירט קעלטערס (רעפרידזשערעיטאָרס) און אויטאָמאָבילן פאַר לוסט־רייזעס, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פּראָדוצירט טראַקטאָרס, מאַשינען, טאַנקען, האַרמאַטן, עראָפּלאַנען — זיך צוגרייטנדיג צו דער פּראָבע פון פייער, וואָס ער מאַכט איצט דורך.

פון וואַנען איז געקומען די „אומדערוואַרטע" ציווילע און מיליטערישע „מאָראַל" פון דעם סאָוועטישן פאָלק, וואָס רופט אַרויס די באַוואונדערונג

פון דער גאַנצער וועלט? מיליטערישע מאַכט איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער אייניגקייט פון ווילן און אַקציע פון דעם גאַנצן פאָלק, פון דער שטימונג, וואָס מען רופט „מאָראַל". אונזערע נאַציאָנאַלע פירער און צייטונגען האָבן מיט אונז די גאַנצע צייט געקנעלט, אַז דער סאָוועטישער רעזשים איז „אַרויפ־געצוואונגען" געוואָרן אויפן פאָלק, אַז ער האָט נישט קיין אינערלעכע קראַפט און וועט זיך פאַנאַנדערפאַלן אונטער די ערשטע שווערע קלעפּ. מיר האָבן געזען, אַז פּאַסירט האָט פּונקט דאָס פאַרקערטע. וואָס שווערער עס זיינען געוועון די קלעפּ פון דעם נאַצי־אַנגריף אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַלץ העכער איז געשטיגן די „מאָראַל" פון פאָלק און פון זייער רויטער אַרמיי, און אַלץ ענגער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין די אייניגקייט פון דעם פאָלק מיט זיין רעגירונג.

קיין אַנדער לאַנד, וואָס איז באַפאַלן געוואָרן אויף אַזאַ אופן, האָט נישט אויסגעמיטן קיין צוזאַמענבראָך פון אינעווייניג. אַלע ווייסן, אַז דער נאַצי־רעזשים וואָלט אויף זיין אייגענעם באָדן נישט אויסגעהאַלטן קיין איין חודש פון אַזוינע מיליטערישע ריקשטויסן. אַפילו אַמעריקע האָט אין די אַכט חדשים, וואָס זי איז פאָרמעל געוועזן אין דער מלחמה, אַרויסגעוויזן אַ באַ־אומראַיִנגנדיגע לאַנגזאַמקייט אויף דעם געביט פון צונויפזאַמלען אירע כחות, כדי צו דערלאַנגען דעם שונא אַ קלאַפּ; און די פּראָבלעם פון „מאָראַל" בלייבט איינע פון אונזערע שווערסטע פּראָבלעמען. אָבער דאָס סאָוועטישע פאָלק איז אַזוי פולשטענדיג פאַראייניגט און אַזוי פולשטענדיג אַריינגעטאָן אין דער מלחמה, אַז דאָס רופט אַרויס די באַוואונדערונג פון דער גאַנצער וועלט.

אָט־די אומפאַרגלייכלעכע אייניגקייט איז אויך דער פּראָדוקט פון זייער סאָציאַלער אָרדענונג. יעדער בירגער ווייסט פון טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג, אַז ער איז אַ פולער שותף אין דעם באַזיץ פון זיין לאַנד און פון אַלצדינג, וואָס זיין לאַנד פאַרמאָגט. עס זיינען דאָרט ניטאָ קיין ספּעציעלע אינטערעסן, וואָס זאָלן שאַפן רייבונגען, שטערונגען און סאַבאָטאַזש. ס'איז דאָרט נישטאָ קיין פּראָבלעם פון פּראָפיטירונג, און „גלייכקייט פון אָפּערונג" איז דאָרט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך און נישט עפּעס אַזוינס, וואָס מע דאַרף ערשט דערצו שטרעבן און בלויז טיילווייז פאַרווירקלעכן. און די רעגירונג שטאַמט דירעקט פון פאָלק און ווערט כסדר באַנייט דורך פאָלקס־עלעמענטן. עס זיינען ניטאָ קיין אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן, וואָס זאָלן קעמפן איבער דער פאַרטיילונג פון באַלוינונגען און לאַסטן. דאָרט הערשט די פולשטענדיגסטע געמיינשאַפט, וואָס די געשיכטע האָט ווען געוויזן. דאָס איז דער פונדאַמענט פון דער אומפאַרגלייכלעכער „מאָראַל" פון דעם סאָוועטישן פאָלק.

עס איז נישט געווען נויטיג, אַז אַמעריקאַנער זאָלן זיין „איבערראַשט",

ווען זיי האָבן אויסגעפונען, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אונזער שטאַרק־סטער קריגס־שותּף. די פאַקטן זיינען פאַר אונז אַלעמען געווען אויגנשיינלעך נאָך פאַר דער מלחמה. אָבער אונזערע אויגן זיינען געווען בלינד בנוגע אָט־די פאַקטן. עפּעס האָט אונז פון אינעווייניג באַוועגט צו לייקענען די ווירקלעכ־קייט און צו גלויבן אין אויסגעטראַכטע מעשׂיות. מיר זיינען פאַר׳סמ׳ט געוואָרן דורך היטלער׳ס געהיימען וואָפן, און אַ היבש ביסל פון אָט־דעם סם בלייבט נאָך אַלץ אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבן. צוליב אונזער אייגענעם גייסטיגן און אינטעלעקטועלן געזונט, אַזוי גוט ווי צוליב די באַדערפעניש פון דער מלחמה, נויטיגן מיר זיך אין אַ נאַציאָנאַלער לייטערונג, וואָס זאָל אונז באַפרייען פון אָט־דעם סם, וועלכער האָט אונז געבראַכט צום ראַנד פון פאַרניכטונג.

מיר בויען נישט די פאַראייניגטע מלוכות אויף קיין פעסטן פונדאַמענט אַזוי לאַנג ווי מיר דערלויבן, אַז אונזער נאַציאָנאַלער געדאַנקען־גאַנג זאָל באַהערשט ווערן פון דעם גלויבן, אַז בלויז דורך עפּעס אַ „כשוף״ אָדער דורך אַן „עקסידענט״ קאָן „דערקלערט״ ווערן אונזער בונד מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָדער די מעכטיגע אויפטועו פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר אונזער צד. ווייט פון באַטראַכטן דאָס פאַר אַן „עקסידענט״, דאַרפן מיר זיך אויסלערנען צו באַנעמען אָט־די דערשיינונגען ווי דעם אויסדרוק פון אַ נאַטירלעכן געזעץ, פון היסטאָרישער נויטווענדיגקייט — ווי עפּעס אַזוינס, וואָס קוועלט פון די טיפסטע כחות, וועלכע באַוועגן די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהייט. דאָס איז די קרעפטיגע אָפּפאַסונג, וואָס אונז האָט געגעבן וויצע־פרעזידענט וואַלאַס׳עם רעדע פון דעם 8טן מאַי און דערפון געמאַכט אַן אַלוועלטלעך געוועהר אויף צו רעקרוטירן די פעלקער אונטער דער פאָן פון די פאַראייניגטע מלוכות. מיר מוזן אָנהויבן פאַרשטיין דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד אין זיין היסטאָריש־אַלוועלטלעכער באַדייטונג ווי איינע פון די גרויסע דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט אין דעם לאַנגן פאָראויסמאַרש — אַזוי ווי אונזער אייגענע באַפרייאונגס־מלחמה פון 1776, ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1793, ווי די באָליוואַר־רעוואָלוציע פון לאַטיין־אַמעריקע און ווי אונזער אייגענע אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי אין דעם בירגער־קריג. מיר מוזן פאַרשטיין די פרעכטיגע אויפטועו פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער איצטיגער מלחמה ווי דעם פּראָדוקט פון לאַנגער, אָנגעשטרענגטער און העראָ־אישער צוגרייטונג פאַר אָט־דעם טאָג ווען, זייט ביי זייט מיט אַמעריקע, ענגלאַנד, כינע און דעם גאַנצן בונד פון די פאַראייניגטע מלוכות, טראָגט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד די הויפּט־לאַסט פון דעם קאַמף פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט.

וואָס איז דאָס פאַר אַ קאַטאַסטראָפישע קליינקעפיגקייט, וועלכע דער־

לויבט דער לעיזי' אסטאָר אין אָט־דער טראַגישער שעה אויפצוהויבן איר קווימשענדיגע שטים און אויסרופן: „די רוסן קעמפן בלויז פאַר זיך אַליין"? וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע בלינדקייט, וועלכע דערלויבט געוויסע כלומרשט פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרשטייער פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע אויסצוקלייבן די שעה, ווען מיליאָנען סאָוועטישע בירגער גיבן אַוועק זייערע לעבנס פאַר דער געמיינשאַפטלעכער פרייהייט, אויף אויסצודריקן דעם זינלאָזן שרעק וועגן „קאָנטראָל דורך רוסלאַנד און רוסישע אינטערעסן"?

דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן „גערעכטיגקייט און יושר צו רוסלאַנד". ס'איז אַ פּראָבע פון אונזער אייגענער נאַציאָנאַלער פיאיגקייט צו באַשיצן אונזער אייגן לאַנד, פון אונזער נאַציאָנאַלער פיאיגקייט צו טראַכטן ריכטיג, אונזער געזונטקייט און מאָראַליטעט ווי אַ לאַנד און אַ פאָלק, אונזער אייגענער גרייטקייט אויסצוהאַלטן די העכסטע פּראָבע פון פירערשאַפט אָן דער שפּיץ פון די פאַראייניגטע מלוכות.

עס איז מער אמת היינט־צו־טאָג ווי אין דעם טאָג, ווען וואודראָו ווילסאָן האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגערעדט די ווערטער, אַז „די באַהאַנדלונג, וואָס רוסלאַנד וועט קריגן פון אירע שוועסטער־מלוכות . . . וועט זיין די ענדגילטיגע פּראָבע פון זייער גוטן ווילן".

די מיליטערישע אָנגריף־מאַכט פון די פאַראייניגטע מלוכות, וועלכע איז גענוג גרויס אויף צו צעשמעטערן די „אַקס", געפינט זיך הויפּטזאַכלעך אין די הענט פון אַמעריקע, ענגלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיט אָט־דער מאַכט גייט־מיט אַ ריזיגע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די דאָזיגע דריי גרויסע מלוכות, מער דירעקט ווי די אַנדערע, טיילן ממילא די מורא'דיגע אחריות פאַר דעם זיג און פאַר רעאָרגאַניזירן די וועלט. די צייט פון זיג און דער כאַראַקטער פון דעם פרידן ווענדט זיך אָן דער קוואַליטעט פון דער געמיינשאַפטלעכער פירערשאַפט, אָן דער פיאיגקייט פון די דריי גרעסטע מיליטערישע מאַכטן פון די פאַראייניגטע מלוכות צו אַרבעטן צוזאַמען און פאַראייניגן אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דעם בונד ווי פרייע און גלייכע מיטאַרבעטער.

קיין זאַך קאָן נישט געוואונען ווערן דורך פאַרמאַכן אונזערע אויגן אויף דעם פאַקט, אַז עס זיינען דאָ אין אַמעריקע מעכטיגע כחות, וואָס באַקעמפן דעם גאַנצן באַגריף פון די פאַראייניגטע מלוכות, ווייל זיי זיינען אָנגעפילט מיט אַ טויטלעכער שנאה צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי רעדן מיט אַ גרינגן מוט און אַפילו מיט פרייד וועגן דעם, אַז „היטלער און סטאַלין פאַרניכטן איינער דעם אַנדערן"; זיי דריקן אויס די אַנטשלאָסנהייט, אַז „אויב היטלער וועט נישט פאַרענדיגן דעם דזשאָב, וועט דאָס אַמעריקע מוזן טאָן";

זיי זעצן־פאָר און פאַרשטאַרקן זייער „אַנטי־קאָמוניסטישע" קאַמפּאַניע, וואָס אַפילו איצט קאָפּירן זיי זי וווערטערלעך פון די לערן־ביכער, וואָס זיי האָבן אימפּאָרטירט פון היטלער־דייטשלאַנד אין 1933; זיי נוצן־אויס אין דער פולסטער מאָס, פאַר די צוועקן פון צעשטערן די מלחמה־אָנשטרענגונג און די נאַציאָנאַלע איינינקייט, די אַנטי־קאָמוניסטישע געזעצן, וואָס זיי האָבן אַרויפגעצוואונגען אויף דעם לאַנד אין דעם פעריאָד פון צעטומלעניש, ווען זיי האָבן געוואָגט אָפן צו באַצייכענען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי דעם טויט־לעכן שונא פון אונזער לאַנד און יעדן אַמעריקאַנער קאָמוניסט — ווי אַ פאַררעטער געגן זיין לאַנד: אָפענע, חוצפּה׳דיגע קאָפּיעס פון היטלער׳ס פּראָגראַם.

די פאַראייניגטע מלוכות איז דער אינסטרומענט פאַר זיג. אַ זיג אין דער מלחמה איז נויטיג, כדי אונזער לאַנד און פאָלק זאָל בלייבן לעבן. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַן אומבאַדינגט־נויטיגער טייל פון די פאַראייניגטע מלוכות. געגנזייטיגער צוטרוי צווישן אונזער לאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און געמיינשאַפטלעכע אַרבעט אין דער פירערשאַפט פון די פאַראייניגטע מלוכות — דאָס איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט.

דעריבער מוז באַזייטיגט ווערן אַלצדינג אָן אויסנאַם, וואָס שטערט אָט־דעם געגנזייטיגן צוטרוי — אַלצדינג, אַפילו אונזערע נישט־ראַציאָנאַלע און ווידערשפּרעכלעכע פאָראורטיילן.

מיינען מיר דאָס טאַקע אויף אַן אמת׳ן, ווען מיר זאָגן: „אַלצדינג פאַרן זיג"?

קיין מענטש איז נישט קיין גרעסערער פּאַטריאָט ווי דער, וואָס איז מקריב זיינע פאָראורטיילן פאַר זיין לאַנד!

איך בין איבערצייגט, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק וועט אויפלייזן אַלע שטערונגען, וואָס שטייען אויפן וועג פון איינשליסן פולשטענדיג דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דעם בונד פון די פאַראייניגטע מלוכות, אויפן וועג פון זיין קאָאָפּעראַציע מיט אונזער לאַנד אין דער פירערשאַפט פון אָט־דעם בונד.

קאַפּיטל פּערצן

ענגלאַנד און אַמעריקע

ס'איז די אָנגענומענע מיינונג אין די עפנטלעכע דעבאַטן ביי אונז אין לאַנד, אַז די גרעסטע סאָלידאַריטעט עקזיסטירט צווישן די „צוויי גרויסע אַנגלאָ־זאַקסישע מאַכטן", די פאַראייניגטע שטאַטן און גרויס־בריטאַניע. אַזוינע פלאַכע דענקער ווי די פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר א „באַלדיגער פאַראייניגונג", דאָס הייסט — אַ פאַרשמעלצונג פון אַמעריקע און ענגלאַנד, בויען זייער „פּראָגראַם" פאַר דער גאַנצער וועלט אויף אָט־דער מיינונג. צום באַדויערן בלייבט עס אָבער אַ פאַקט, אַז די ווידערשפּרוכן צווישן די צוויי לענדער שאַפן אַ צאָל פון די איינגע'עקשנ'טסטע פּראַקטישע פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן געלייזט ווערן אין דעם פּראָצעס פון צונויפשמידן די פאַראייניגטע מלוכות.

וואָס איז דער כאַראַקטער פון אָט־די ווידערשפּרוכן? נאָך אַן ענטפער אויף אָט־דער פראַגע לאָמיר זיך ווידער אומקערן צו אַ רעדע, וואָס איז שוין ציטירט געוואָרן אין אונזער ערשטן קאַפּיטל — אַ רעדע געהאַלטן פון אַ ווויסנשאַפטלעכן אָנגעשטעלטן פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון אינוועסטמענט־באַנקירן צום סוף פון 1940. עס וועט דאָ זיין כדאי צו ווידערהאָלן אַ צאָל פון דר. דזשאָרדאַנ'ס פּראָזן, כדי קלאָר צו מאַכן דעם כאַראַקטער פון די שטערונגען פאַר אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער קאָאָפּעראַציע אינערהאַלב די פאַראייניגטע מלוכות:

> „וואָס דער אויסגאַנג פון דער מלחמה זאָל נישט זיין, האָט אַמעריקע זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ קאַריערע פון אימפּעריאַליזם, סיי אין וועלט־פראַגן און סיי אויף אַלע אַנדערע געביטן פון איר לעבן. . . . אַפילו ווען ענגלאַנד זאָל, דורך אונזער הילף, אַרויסקומען אַן אומבאַזיגטע פון דעם קאַמף, וועט זי זיין אַזוי פאַראָרעמט עקאָנאָמיש און פאַרקריפּלט אין פּרעסטיזש, אַז ס'איז אומוואַרשיינלעך, אַז זי זאָל ווידער קאָנען פאַרנעמען די דאָמינירנדיגע פּאָזיציע אין וועלט־ענינים, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן. אין בעסטן פאַל וועט ענגלאַנד ווערן אַ קלענערער

פּאַרטנער אין אַ נייעם אַנגלאָ־זאַקסישן אימפּעריאַליזם, אין וועלכן די עקאָנאָמישע רעסורסן און די מיליטערישע און ים־קראַפט פון די פאַראייניגטע שטאַטן וועט זיין דער גראַוויטעט־צענטער. . . .״

די זעלביגע אידייען האָבן געשאַפן דעם באַזיס פאַר הענרי ר. ליוס׳עס פּראָגראַמאַטישן מאַניפעסט וועגן דעם „אַמעריקאַנער יאָרהונדערט״, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַרום דער זעלביגער צייט.

דער „אויטאָפּישער אימפּעריאַליזם״ פון דער דזשאָרדאַן־ליוס שול האָט שוין געליטן שיף־ברוך אויף די פעלזן פון אַ מלחמה, וואָס אַנטוויקלט זיך ניט לויט די לערן־ביכער. מען רעדט שוין מער נישט וועגן דעם אין דער עפנטלעכקייט, ס׳איז שוין געוואָרן עטוואָס אומאַנשטענדיג און אַרויס פון דער מאָדע. אָבער די האַרבעווירקלעכקייטן, וואָס דר. דזשאָרדאַן האָט פאַרצייכנט — די פאַרניכטונג פון דעם פונדאַמענט פון דער פאַנאַנדער־געשפּרייטער בריטישער קאָלאָניאַלער אימפּעריע, האָבן פאַרט אויפגעהויבן פּראָבלעמען, וואָס מאַכן נאָך אַלץ קאַלאָמוטנע די באַציאונגען צווישן די צוויי רעגירונגען און שאַפן פּראָבלעמען פאַר די פאַראייניגטע מלוכות. היינט־צו־טאָג אָנערקענט שוין אפילו הערבערט האוואָער די חלום׳דיגע אומווירקלעכ־קייט פון דער פאַרגעשלאָגענער „פּאַרטנערשיפּ״ צווישן אָנקל סעם און דזשאָן בול — אַן אַמאַלגאַמירטער אַנגלאָ־זאַקסישער אימפּעריאַליזם, וואָס זאָל פאַר־נעמען דעם פּלאַץ פון דער אַלטער וועלט־סטרוקטור. אָבער דער אָפּגע־וואָרפענער אוטאָפּיזם פון דזשאָרדאַן און ליוס איז נאָך נישט פאַרביטן געוואָרן אויף אַ דייטלעכער ריי פּאָליסים, וואָס זאָלן רעגולירן די בריטיש־אַמעריקאַנער באַהאַנדלונג פון אַזוינע פּראָבלעמען ווי לאַטיין־אַמעריקאַנישע באַציאונגען, אינדיע, אַפריקע, שפּאַניע, ווישי־פראַנקרייך, און אַזוי ווייטער. די פאַראייניגטע מלוכות האָט דערווייל נישט מער ווי די אומקלאָרע אַלגעמיינע אויסדרוקן פון דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער״ אַלס אַ וועגווייזער פאַר אַזאַ פּאָליסי.

אין אָט־דעם געשאַפענעם בלויז רייסן זיך כסדר אַריין אַלערליי קאָנ־פליקטן איבער באַזונדערע פראַגן, וואָס דריקן אויס די אָנגייענדיגע אַנטאַגאָניזמען צווישן צוויי קאָנקורירנדיגע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וועלכע קאָנען זיך נאָך נישט אויפהויבן איבער זייערע אימפּעריאַליסטישע טבע׳ס אפילו ווען זיי קעמפן אין אַ מלחמה, וואָס איז געוואָרן אומבאַדינגט אַ פאָלקס־מלחמה פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

ס׳איז די אויפגאַבע פון די פאַראייניגטע מלוכות און פון די אַלע, וואָס ווילן העלפן אויסהאַמערן די פּאָליסי פאַר די פאַראייניגטע מלוכות, צו האַר־מאָניזירן, מילדערן און געפינען לייזונגען (צייטווייליגע אָדער פּערמאַנענטע)

פאַר די דאָזיגע קאָנפליקטן צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע, אַזוי גוט ווי פאַר די פּראָבלעמען, וואָס אַנטשטייען צווישן די דאָזיגע צוויי גרויס־מאַכטן פון איין זייט און די שוואַכערע מלוכות און קאָלאָניאַלע פעלקער פון דער אַנדערער זייט. דאָס איז אונזער צוועק אין אָט־דער אָפּהאַנדלונג איבער דער פראַגע. ס'איז נישט קיין טובה פאַר דער געמיינשאַפטלעכער זאַך אויסצומיידן אַזוינע פּראָבלעמען אָדער צו איגנאָרירן דעם אין־עצם־אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פון די כחות, וואָס שאַפן די דאָזיגע פּראָבלעמען.

אַזוינע פּראָבלעמען זיינען איינגעגלידערט אין דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און פּאָליטישער אָרדענונג, וואָס הערשט אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. ס'איז די אָרדענונג, וואָס איז באַקאַנט אַלס קאַפּיטאַליזם אין יענער שטופע פון אַנטוויקלונג, וואו מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל פאַרנעמט אַ דאָמינירנדיגע פּאָזיציע. מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל איז די אַנטשיידנדיגע קראַפט אין מאָדערנעם אימפּעריאַליזם און ער באַהערשט סיי די פאַראייניגטע שטאַטן און סיי גרויס־בריטאַניע. קוים איז מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל געקומען צו דער מאַכט, קאָן ער באַזייטיגט ווערן בלויז דורך דער טיפסטער און וויט־גרייכנדיגסטער רעוואָלוציע (די איינפירונג פון סאָציאַליזם). אַזוי ווי מיר האָבן אַוועקגעלייגט אין אָט־דעם בוך דעם טעזיס וועגן דער פּראָבלעם פון געווינען דעם זיג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות, אַריינגערעכנט קאַפּיטאַליסטישע און סאָציאַליסטישע לענדער, אָן וועלכע ס'איז נויטיגע פונדאַמענטאַלע ענדערונגען אין דעם רעזשים פון יעדן לאַנד, איז עס קלאָר, אַז מיר שטעלן נישט אריין די אָפּשאַפונג פון אימפּעריאַליזם אין אונזער פּראָגראַם פאַרן זיג; לויט אונזער אויפפאַסונג פון אימפּעריאַליזם, קאָן ער אָפּגעשאַפט ווערן נאָר דורך דער אָפּשאַפונג פון דעם קאַפּיטאַליזם גופא.

ווען סאָמנער וועלס האָט געזאָגט: „די עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם איז געענדיגט", האָט ער באַנוצט דעם טערמין „אימפּעריאַליזם" אין אַ ווייניגער פונדאַמענטאַלן זין ווי איך נוץ אים אין אָט־דעם אַרגומענט. ס'איז קלאָר, אַז מר. וועלס האָט געמיינט צו זאָגן, אַז די עפּאָכע פון גרויסע קאָלאָניאַלע אימפּעריעס איז געענדיגט און נישט אַז די עפּאָכע פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל איז געענדיגט. גראָד אין אָט־דעם זין דאַרפן זיינע ווערטער פאַרשטאַנען ווערן, אויב מען וויל זיי צוגעבן אַ פּראַקטישע באַדייטונג. אָבער דאָס פאַרשווינדן פון גרויסע קאָלאָניאַלע אימפּעריעס שאַפט נישט אָפּ די איינגעבוירענע אימפּעריאַליסטישע טבע פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל און שטילט נישט איין זיינע שטרעבונגען צו וועלט־באַהערשונג, וואָס נעמען בלויז אָן אַנדערע פאָרמען. נישט דאָס כלומרשטע פאַרשווינדן פון אָט־די איינגעבוירענע אימפּעריאַליסטישע טענדענצן מצד די פאַראייניגטע שטאַטן און בריטאַניע מאַכט עס מעגלעך צו כאַראַקטעריזירן די איצטיגע מלחמה ווי אַ פאָלקס־מלחמה פאַר

נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, נאָר דער פאַקט וואָס די מלחמה האָט זיך אַרויס־נעריסן פון די אימפּעריאַליסטישע ראַמען און האָט פאַר אַלע לענדער, אפילו פאַר די אימפּעריאַליסטישע גרויס־מאַכטן, נישט איבערגעלאָזט קיין אַנדער ברירה חוץ דעם אויסוואַל צווישן פאַרניכטונג דורך דער „אַקס" אָדער אַ זיג אויף די באַדינגונגען פון אַ בונד מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, באַפרייאונג פון לענדער און פעלקער און אָפּשאַפונג פון דער קאָלאָניאַלער סיסטעם. אַזוי אַרום זיינען אַפילו באַוואוסטזיניגע אימפּעריאַליסטן מאָביליזירט געוואָרן דורך דער געשיכטע פאַר אַ מלחמה, וועלכע איז אין עצם אַנטי־אימפּעריאַליסטיש.

דאָס רוב שרייבער וועגן דער מלחמה זיינען זייער אומקלאָר און צעטומלט איבער דער פראַגע וועגן דער טבע פון אימפּעריאַליזם און זיין ראָלע אין דער איצטיגער מלחמה. ביי אייניגע פון זיי איז דאָס פּשוט אַ רעזולטאַט פון נישט געגוג פאַרשטיין די פראַגע, ביי אַנדערע איז עס אַן אַבזיכטלעכע מיסטיפיקאַציע פון זייערע לייענער, כדי אויסצומיידן דעליקאַטע פּראָבלעמען. מסתמא האָט אַזאַ מאָטיוו באַוועגט די וואויל־באַקאַנטע שריפטשטעלערין איבער אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן, ווערא מאַיקעלעס דיען, צו זאָגן: „די פאַרהעלטעניש, וואָס איז באַקאַנט ווי אימפּעריאַליזם, וועט עקזיסטירן אין איין פאָרם אָדער אַ צווייטער אַזוי לאַנג ווי געוויסע פעלקער זיינען עקאָנאָמיש פאָרטגעשריטן און אַנדערע זיינען עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנען."*)

דאָס איז אמת בלויז דעמאָלט, ווען מיר גיבן־צו, אַז דאָס פאָרט־געשריטענע לאַנד איז קאַפּיטאַליסטיש און אַז מאָנאָפּאָליע הויבט שוין אָן צו באַהערשן דאָס לעבן פון לאַנד. אָט־דאָס מיידט־אויס מרס. דיען צו זאָגן און דערמיט מיידט זי אויס אָנצורירן דעם עצם כאַראַקטער פון אימפּעריאַליזם. ס'איז אַ באַוויזענער פאַקט, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו ס'איז ניטאָ קיין קאַפּיטאַליזם, זיינען די באַציאונגען צווישן די עקאָנאָמיש־פאָרט־געשריטענע רעפּובליקן און די אָפּגעשטאַנענע אַנטוויקלט געוואָרן אָן וועלכער ס'איז עקספּלואַטאַציע אָדער אונטערדריקונג אָדער אימפּעריאַליזם. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז מרס. דיען'ס פאָרמולע איז פּינקטלעך אויף וויפיל זי כאַראַקטעריזירט די אומפאַרמיידלעכע טענדענץ פון בריטישע און אַמערי־קאַנער באַציאונגען צו אָפּגעשטאַנענע לענדער — אַזוי לאַנג ווי די דאָזיגע טענדענץ ווערט נישט אָפּגעוואָרפן דורך אַ העכערער מאַכט, אַ מאַכט וואָס איז איצט דערשינען אין דער פאָרם פון מלחמה־באַדערפעניש, וועלכע פאָדערן די באַפרייאונג פון פעלקער און לענדער, כדי מיר זאָלן זיי האָבן

---

*) ווערא מאַיקעלעס דיען, „די סטראָגל פאַר וואָרלד אָרדער", זייט 50, ניו יאָרק, 1941.

אויף אונזער זייט פאַר דעם זיג, אָדער כדי נישט צו דערלאָזן, אַז זיי זאָלן פאַלן אַ קרבן פון די פאַלשע צוזאָגן מצד דער „אַקס" וועגן זייער זעלבסט־שטענדיגקייט. אַט־דער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער איינפלוס פון די מלחמה־באַדערפענישן ווערט געשטאַרקט און געפינט זיינע פאַרשטייער אין ענגלאַנד און אַמעריקע אין די נאַטירלעך און טראַדיציאָנעל אַנטי־אימפּעריאַליסטישע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, קודם כל — אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אינערהאַלב די פאַראייניגטע מלוכות איז אַט־דער איינפלוס פאַרטראָטן דורך בינע, ביז אַ געוויסער שטופּע — דורך די קלענערע מלוכות, און אויף דעם אַנטשיידנדיגסטן אופן — דורך דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין דעם דאָזיגן קאַפּיטל זיינען מיר באַשעפטיגט הויפּטזאַכלעך מיט די פּראָבלעמען, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער קאָנקורענץ צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע אויף דעם באַזיס פון פאַרגאַנגענע און איצטיגע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן. קלאָר, אַז ס'וואָלט געווען פאַרניכטנדיג־געפערלעך פאַר די פאַראייניגטע מלוכות, ווען די פאַראייניגטע שטאַטן זאָל זיך אַרויסלאָזן אויף אַ קאַמפּאַניע פון אויסנוצן די מלחמה ווי די געלעגנהייט איבערצונעמען די בריטישע אימפּעריע, מיט דזשאָן בול ווי דעם קלענערן פּאַרטנער — אויב ער וועט זיך אויפפירן ווי ס'באַדאַרף צו זיין. אין אַ פריערדיגער שטופּע פון דער מלחמה האָבן די בריטישע אימפּעריאַליסטן געמוזט שמייכלען און זיך מאַכן, אַז עס געפעלט זיי, ווען דר. דזשאָרדאַן און מר. ליוס זיינען אַרויסגעקומען מיט זייערע גראַנדיעזע פּלענער וועגן אַ נייער אַמעריקאַנער אימפּעריע, וואָס זאָל געבויט ווערן אויף זייערע חורבות. אָבער יענער טאָג איז שוין לאַנג אַוועק, פון זינט ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז אַלע פעלקער און לענדער געפינען זיך „אויף דער זעלביגער שיף" און אַז אַ געוויסע מאָס פון „גלייכע קרבנות", פון „איקוואַליטי אָוו סעקריפאַיס" מצד ענגלאַנד און אַמעריקע וועט ווילנדיג־נישט־ווילנדיג אַרויסגעצוואונגען ווערן אויף זיי דורך דער נויט פון דער מלחמה.

עס זעט אויך אויס, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט האָבן אַלץ אַ גרעסערע ראָלע אינערהאַלב די פאַראייניגטע מלוכות אויף דעם געביט פון מילדער מאַכן די אַנטאַגאָניזמען צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט זיכער נישט קיין אינטערעס צו פאַראייביגן דעם אימפּעריאַליסטישן קאָנטראָל איבער אינדיע און אַנדערע אונטערטעניקטע פעלקער, איז נאָך ווייניגער פאַראינטערעסירט זיי „איבערצוגעבן" צו אַמעריקע, און איז גרייט בייצוטראָגן צום קאַמף ביזן טויט, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז זיי זאָלן אַריינפאַלן אין די הענט פון דער „אַקס".

די כחות אין ענגלאַנד און אַמעריקע, וואָס וועלן מאַכן דעם גרעסטן ביישטייער אויף דעם געביט פון צעמענטירן די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער סאָלידאַרי־

טעט, זיינען די וואָס ווילן צום שטאַרקסטן פאָדערן און קעמפן פאַר דער אָפּשאַפונג פון אַלע אימפּעריאַליסטישע פּאָליסים און פּירונגען, וואָס שטייען אין וועג פון דעם זיג אין דער מלחמה, קודם כל אין זייערע אייגענע לענדער און דערנאָך — ווי אַ געמיינשאַפטלעכע פּאָליסי פאַר די פאַראייניקטע מלוכות. אַזוי, צום ביישפּיל, יוען אין אַמעריקע קומט אַרויס די ניו יאָרקער „דעילי ניוס״ פאַר אַ צווייטן פראָנט אין אייראָפּע אויף דער באַדינגונג, אַז די ענג־לענדער מוזן עפענען און אָנהאַלטן דעם צווייטן פראָנט, בעת אַמעריקע וועט שטיין אָן אַ זייט און שרייען „בראַוואָ״, איז דאָס נישט מער ווי אַ שריט צו אונטערגראָבן די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער באַציאונגען, צעשפּליטערן די פאַר־אייניקטע מלוכות און סאַבאָטאַזשירן דעם צווייטן פראָנט. די אַמעריקאַנער, וואָס זיינען ווירקלעך באַשעפטיקט מיט קרעפטיקן די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער באַציאונגען, מיט בויען די פאַראייניקטע מלוכות און העלפן פאַרווירקלעכן דעם צווייטן פראָנט, זיינען יענע וואָס פאָדערן, אַז אַמעריקע זאָל אין דער פולער מאָס זיך באַטייליקן אין דער אָפענסיווע געגן דעם שונא, ביישטייערנדיק מענטשן און מאַטעריאַלן און טראָגנדיק דעם מעגלעך־גרעסטן טייל פון דער לאַסט.

די פּראָבלעם, וואָס אינדיע שטעלט מיט זיך פאָר, וועט באַהאַנדלט ווערן אין אַן אַנדער קאַפּיטל. ס׳איז אָבער נויטיק צו פאַרצייכענען אויך אינדיע ווי אַן עלעמענט אין די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע באַציאונגען. עס דאַרף זיין קלאָר, אַז דער דזשאָרדזאַן־ליום שטאַנדפּונקט — צי ער ווערט אויסגעדריקט אָפן, אָדער ער אַרבעט הינטער די קוליסן — פאַרוואַנדלט אינדיע אין אַן ענין, וואָס טראָגט אַריין אַ סך שטערונגען און פאַרביטערונג אין די דאָזיגע באַציאונגען. בריטישע אימפּעריאַליסטן האָבן שטענדיק אין זינען די חלומות פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן, און זיי זיינען חושד יעדן אַקט מצד די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט די ווירקונג צו שטיצן די שטרעבונגען פון אינדישן פאָלק צו זעלבסטשטענדיקייט, זעענדיק אין דעם בלויז אַ מאַקיאַ־וועלישן אופן פון אָפּרייסן שטיקלעך פון דער בריטישער אימפּעריע, כדי זיי צוצובינדן צו דער אַמעריקאַנער אימפּעריע. אָט־דער פאַרדאַכט זייערער ווערט באַשטעטיגט דורך אַזוינע רעדעס ווי ס׳האָט געהאַלטן סענאַטאָר רעינאָלדס, איינער פון די רעאַקציאָנערסטע פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, וועלכער איז פּלוצים געוואָרן „אַ פריינט פון אינדיע״ — אין דעם זעלביקן זין ווי די יאַפּאַנעזער. און ווען אַמעריקאַנער גיבן זייער פולשטענדיקע שטיצע צו די בריטישע אימפּעריאַליסטן אין אינדיע, כדי צו פאַריאָגן זייער פאַרדאַכט, שטאַרקט דאָס בלויז די האַרט־נעקיקע אַנטשלאָסנהייט פון די בריטישע אימ־פּעריאַליסטן צו צעשמעטערן די אינדישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג און דורכ־דעם מאַכן די לאַגע נאָך ערגער. קיין אַמעריקאַנער קאָן נישט העלפן די

ענגלענדער צו לייזן די אינדישע פּראָבלעם, ביז ער הויבט אַליין נישט אָן מיט אַ קלאָרער שטעלונג, וואָס ווארפט־אָפּ דעם דזשאָרדאַן־ליוס חלום וועגן אַן „אַמעריקאַנער אימפּעריע".

מיר קאָנען, פאַרשטייט זיך, נישט באַרואיגן די עמפּינדלעכע בריטישע אימפּעריאַליסטישע קרייזן דורך פאַרזיכערן זיי, אַז אַמעריקע וועט זיי העלפן ווידער־אויפשטעלן דעם סטאַטוס קוואָ פון זייער קאָלאָניאַלער אימפּעריע ווי אַן ענד־ציל אין דער מלחמה. מיר קאָנען אָבער און מיר מוזן עס מאַכן אַבסאָלוט קלאָר — ווי אַ פאָרבאַדינגונג פאַר ווירקזאַמער קאָ־אָפּעראַציע צווישן דער איצטיגער ענגלאַנד און אַמעריקע אין דער מלחמה — אַז איינע וועט נישט אויסנוצן די לאַגע אויף דעם חשבון פון דער צווייטער ווי אַ רעזולטאַט פון דער געמיינשאַפטלעכער מלחמה; אַז אַמעריקאַנער פּאָליסי בנוגע דער סיסטעם פון קאָלאָניאַלער אימפּעריע וועט באַשטימט ווערן אויסשליסלעך דורך מלחמה־באַדערפעגישן, וואָס רירן־אָן אַלע מלוכות צו־גלייך, און נישט דורך וועלכער ס'איז ספּעציעלער שטרעבונג מצד אַמעריקע צו קריגן מער מאַכט פאַר זיך.

פּונקט ווי אין אַמעריקע האָבן מיר סיי אימפּעריאַליסטישע און סיי אַנטי־אימפּעריאַליסטישע כחות און פּאָליטישע טענדענצן, אַזוי איז עס אויך אין ענגלאַנד. איןביידע לענדער שטאַמען די שטרויכלונגען אויף דעם וועג צו נאָענטער קאָאָפּעראַציע אין דער מלחמה פון די אימפּעריאַליסטישע כחות, און די האַרמאָניזירונג און צופּאַסונג ווענדט זיך אָן דעם אַקטיוון אויסדרוק פון די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע כחות. אַפילו הערבערט הואָווער גיט־צו, אַז „די קאָנקורענץ צווישן אימפּעריאַליזמען האָט געפירט צו מלחמה" און אַז „מיר ווייסן ניט פון קיין איין פאַל, וואו דאָס האָט געפירט צו דויערהאַפטן פרידן".*) די פּראָבלעמען פון אַנגלאָ־אַמעריקאַנער באַציאונגען ווערן גרינגער אין דער מאָס ווי די אימפּעריאַליסטישע טענדענצן אין יעדן לאַנד ווערן סובאָרדינירט און אָפּגערוקט צום הינטערגרונד; זיי ווערן שווערער אין דער מאָס ווי די אימפּעריאַליסטישע טענדענצן קומען צום אויסדרוק. די אימ־פּעריאַליסטישע טענדענצן פאַרנעמען מאַכט־פּאָזיציעס, זיי לײדן אָבער פון דער פאַטאַלער שטערונג, וואָס אַז זיי קומען צום אויסדרוק, שטעלן זיי דער־מיט אין געפאַר דעם געמיינשאַפטלעכן זיג איבער דער „אַקס"; די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע טענדענצן זיינען נאָך אַלץ נישט גוט אָרגאַניזירט און האָבן נאָך נישט קיין קלאָרע אויפפאַסונג פון זייער אויפגאַבע, זיי ווערן אָבער מער און מער געטריבן צום אויסדרוק דורך די נויטווענדיגקייטן פון

---

*) הערבערט הואָווער און היו גיבסאָן, „די פּראָבלעם אָוו לעסטינג פּיעס", זייטן .235-234

דער מלחמה, און לויטן סאמע כאראקטער פון דער מלחמה געהערט די צוקונפט צו זיי.

דאָס האָט די מלחמה, און די רעזולטאטן פון דער מלחמה, צעשמעטערט די סיסטעם פון קאָלאָניאַלער אימפעריע, דעם פונדאמענט פון דעם אַלטן רעזשים אין ענגלאַנד. די קאָנקורענטישע שטרעבונגען פון אַמעריקאַנער אימ־פעריאַליזם האָבן דאָס נישט אויפגעטאָן. און אין דער מאָס ווי די דאָזיגע קאָלאָניאַלע סיסטעם מוז צענומען ווערן אין דעם לויף פון דער מלחמה דורך די האַנדלונגען פון די גרויס־מאַכטן גופא, איז עס קלאָר, אַז דאָס ווערט געטאָן צוליב איין ווירקזאַמען מאָטיוו — דעם מאָטיוו פון מיליטערישער נויטווענדיגקייט. בעת דער לעמפּערט קאָן קיינמאָל נישט בייטן זיינע פלעקן, וועט אָבער דער לעמפּערט האַנדלען אַנדערש אין אַ וואַלד־שרפה ווי ביים יאָגן זיך נאָך רויב. „נויט שמייסט, ווען דער טייוול טרייבט", זאָגט אַן ענגלישער שפּרוך; און דער „אַקס"־טייוול טרייבט אונז אַלעמען.

ס'איז די היסטאָרישע שטראָף פון דער בריטישער אימפעריע, וואָס דער גרעסטער קוואַל פון איר קראַפט, די קאָלאָניאַלע סיסטעם, איז געוואָרן איר שוואַכסטער פונקט, איר „אַכילעס־פּיאַטע". אָבער דער טויט פון דער קאָלאָניאַלער סיסטעם הייסט נאָך ניט — דער טויט פון די פעלקער און לענדער, וואָס שטעלן זי צונויף, און אויך נישט דער טויט פון דער מלוכה, וואָס האָט באַהערשט די דאָזיגע סיסטעם, אויב נאָר די פעלקער קאָנען זיך צופּאַסן צו די נייע צייטן, נייע פּאָליסים און נייע פאַרהעלטענישן. בריטאַניע שטייט פאַר דער געפאַר פון אונטערגאַנג נישט דורך דעם פאַרלוסט פון אירע קאָלאָניעס, נאָר דורך היטלער'ס זיג איבער איר. דאָס פאַנאַנדערנעמען די קאָלאָניאַלע געביידע האָט דעריבער נישט קיין גרעסערע באַדייטונג, אַלס אַ מלחמה־שריט, ווי דאָס פאַנאַנדערנעמען אַן אַלטפרענקישע און אומבאַשיצ־לעכע פעסטונג, כדי זי צו פאַרבייטן מיט אַ נייער מאָדערנער סיסטעם פון פאַרטיידיגונג אין דער טיף.

אַמעריקע קאָן העלפן אָדער שטערן אין אָט־דער לייזונג פון ענגלאַנד'ס מלחמה־פּראָבלעם, וואָס ווערט איינע פון די געמיינשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון די פאַראייניגטע מלוכות בכלל. ווען אין אַמעריקע הערן זיך מעכטיגע שטימען, וואָס פאַסמאַקעווען זיך מיט דער נבואה, אַז די צוקונפטיגע לאַגע פון גרויס־בריטאַניע וועט פירן דערצו, אַז זי זאָל באַהערשט ווערן דורך אַן „אַמעריקאַנער אימפעריע" (צי די באַהערשונג וועט זיין אַ פרידלעכע אָדער אַ געוואַלדזאַמע), זיינען אַזוינע שטימען — אַן ערנסטע און שעדלעכע שטערונג פאַר דער מלחמה־אָנשטרענגונג, ווייל זיי צערייסן די פעדים פון צוטרוי צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד און סאַבאָטאַזשירן דערמיט דעם זיג. יעדער אויסדרוק מצד די פאַראייניגטע שטאַטן, וואָס וואַרפט אָפּ אַזאַ „אימפעריע־

קורס", יעדע פאַרשטאַרקונג פון די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע כחות אין אַמעריקע מאַכט גרינגער דעם איבערגאַנג פאַר ענגלאַנד, פאַרשטאַרקט דעם צוטרוי צווישן די צוויי מלוכות און ברענגט נעענטער די שעה פון זיג.

דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט זיך אַנטוויקלט אָן אַ גרויסער קאָלאָניאַלער אימפּעריע. ממילא האָט ער געווייסע פּאַרצוגן אין פאַרגלייך מיטן בריטישן טיפּ פון קאָלאָניאַלן אימפּעריאַליזם, באַזונדער איצט — ווען די קאָלאָניאַלע סיסטעם מוז אויפגעלייזט ווערן ווי אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה. די דאָזיגע טעאָרעטישע פּאָרצוגן שאַפן דעם באַזיס פאַר די חלומות פון דער דזשאָרדאַן־ליום שול פון אימפּעריאַליזם, וואָס זעט פאַר זיך אַ בילד ווי די באַפרייטע קאָלאָניעס פאַלן אַריין אויטאָמאַטיש אין די לאַפּעס פון אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל דורך דער ווירקונג פון פינאַנצן, אינוועסטירונגען און הלוואות. די דזשאָרדאַן־ליום שול האָט אָבער נישט גענומען אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז דער אַמעריקאַנער טיפּ אימפּעריאַליזם איז אין דער אמת'ן אָפּהענגיג אָן דער עקזיסטענץ פון דעם בריטישן קאָלאָניאַלן טיפּ און אָן דער וועלט־סטרוקטור, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אַרום דער קאָלאָניאַלער סיסטעם. די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן האָבן געהאַלטן, אַז די אַלטע וועלט לייגט אויף זיי אַרויף דראַסטישע באַשרענקונגען. זיי האָבן אָבער פאַרגעסן, אַז ווען די באַשרענקונגען ווערן אַראָפּגענומען, ווערן אין דער זעלביגער צייט באַזייטיגט די פונדאַמענטאַלע שטריכן פון דער וועלט־אָרדענונג, אין וועלכער זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו אָפּערירן, און אַז זיי האָבן נישט קיין אַנדער סיסטעם, וואָס זאָל פאַרנעמען איר פּלאַץ. דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט דערגרייכט צו דער שטופּע פון זיין סובּיעקטיווער רייפקייט פּונקט אין צייט צו דערזען, ווי די וועלט גליטשט זיך אַרויס פון די הענט נישט בלויז פון דער בריטישער קאָלאָניאַלער סיסטעם, נאָר פון וועלכער ס'איז מעגלעכער וועלט־סיסטעם פון אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט.

די אימפּעריאַליסטישע קאָנקורענץ, וואָס מאַכט קאַלעמוטנע די באַציאונגען צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע איז, הייסט עס, די אויטאָמאַטישע פאָרטזעצונג פון די רעשטלעך פון דער פאַר־מלחמה וועלט, וועלכע איז שוין אַוועק און לאָזט זיך מער נישט אומקערן. וואָס שנעלער און גרינטלעכער אַט־דער פונדאַמענטאַלער פאַקט וועט באַנומען ווערן, אַלץ בעסער וועט דאָס זיין פאַר די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע באַציאונגען. ווייל אַזאַ פאַרשטענדעניש וועט פריי מאַכן דעם וועג פאַר באַהאַנדלען די דאָזיגע באַציאונגען פון דעם שטאַנדפּונקט פון די אמת'ע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די פעלקער און פון דער אויפגאַבע צו געווינען די מלחמה.

ס'איז פאַראַן איין קלאָרער און אַלץ־באַהערשנדיגער אינטערעס, וואָס

איז געמיינשאפטלעך פאר דעם ענגלישן און אמעריקאנער פאלק, ווי פאר אלע פאראייניגטע מלוכות, און דאס איז דער אינטערעס פון לעבן־בלייבן, פון זינען אין דער מלחמה און איינארדענען א דערטרעגלעכע וועלט נאך דער מלחמה. אלץ מוז סובארדינירט ווערן פאר אט־דעם געמיינשאפטלעכן אינטערעס. און עס מוז אויסגעהאמערט ווערן אויף דער קאוואדלע פון קריג א געמיינשאפטלעכער קורס אין פראקטישן לעבן. דאס וואס איז קאטאסטראפיש אין דער מלחמה, מוז אומדערבארעמדיג אויסגעפארשט און באזייטיגט ווערן; דאס וואס העלפט ברענגען דעם זיג, מוז געפונען און אויפגעבויט ווערן און דערפירט ווערן ביזן סוף. וואוהין דאס זאל נישט פירן, דארפן מיר וויסן בלויז איין זאך: אז עס פירט אונז אוועק פון א וועלט פון „אקס״־פארשקלאפונג און פון דעם טויט פון ציוויליזאציע.

קאפיטל פופצן

כינע ווי אַ בירגער פון דער וועלט

די כינעזישע רעפובליק איז א מיטגליד פון די פאראייניגטע מלוכות און האט דארט אן אנטשיידנדיגע שטים אין דער פירערשאפט. צום ערשטן מאל איז כינע אריינגענומען געווארן ווי א פול־בארעכטיגטער בירגער אין דער וועלט־פאמיליע פון מלוכות. דאס דינט ווי א מאס פאר די פונדאמענטאלע ענדערונגען, וואס די וועלט האט דורכגעמאכט זינט יענע טעג פון 1919, ווען כינע האט געווארט אין די פאדער־צימערן פון ווערסאל און איז ענדלעך געווען געצוואונגען צו פארלאזן און נישט אונטערשרייבן דעם פרידנס־אפמאך, ווייל נישט געקוקט דערויף וואס כינע איז געווען איינע פון די זיגערישע מלוכות, האט דער אפמאך ביי איר צוגענומען איינע פון אירע גרעסטע פראווינצן. יא, די וועלט האט זיך פארענדערט, און כינע פארנעמט איצט איר פלאץ צווישן די „גרויס־מאכטן״. עס קאן אויף דער וועלט נים ארויפגעצוואונגען ווערן קיין שום אפמאך, נאך דער איצטיגער מלחמה, סיידן די פארשטייער פון כינע וועלן האבן א דעה אין פארפאסן אזא אפמאך און ער וועט זיין אננעמבאר פאר דעם כינעזישן פאלק.

די געשיכטע פון דעם אויפשטייג פון כינע ווי א זעלבסט־באשטימטער בירגער פון דער וועלט איז א געשיכטע פון קאמפן קעגן אויסלענדישער

אונטערדריקונג, געגן געבירטיגן רעאַקציאָנערן מיליטאַריזם, געגן ליאַלקעס פון פרעמדע מלוכות, קאַמפן צווישן טענדענצן אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, און אין די לעצטע פינף יאָר — געגן דער יאַפּאַנישער אַריינדרינגונג. ס'איז אַ געשיכטע פון אויסהאַמערן אַ נאַציאָנאַלן ווילן און אַ נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אין אַ לאַנד מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער 400 מיליאָן, מיט אַ צוריקגעשטאַנענער ווירטשאַפט און אַ סאָציאַלער אָרדענונג, וואָס אַנטהאַלט די רעשטלעך פון דעם עלטסטן אַזיאַטישן פעאָדאַליזם. כינע איז אַ מאָדערנער נס, געשאַפן געגן דעם דרוק פון מאַשין־געמאַכטן אימפעריאַליזם דורך די כמעט נאַקעטע הענט פון אַ פאָלק, וואָס איז געווען באַוואָפנט הויפטזאַכלעך מיט קלאָרע קעפּ און אייזערנע ווילנס. ס'איז אַן עפּיק, וואָס איז אונז באַקאַנט בלויז דורך פראַגמענטן. דער נישט־באַזונגענער העראָאיזם פון פיל מיליאָנען מענער און פרויען, געפירט דורך אַ צאָל פון די בריליאַנטעסטע מוחות, וואָס מען קען געפינען וואו ניט איז אין דער וועלט, האָט געשאַפן די מאָדערנע כינע.

היסטאָריקער וועלן מסתמא דאַטירן דעם אָנהויב פון דער איצטיגער וועלט־מלחמה מיט דעם טאָג פון יאַפּאַנ'ס אַריינדרינגען אין מאַנדזשוריע אין 1931. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אַ נאָכאַנאַנדיגער קייט פון אַגרעסיעס מצד די „אַקס"־מלוכות, וואָס האָבן געבראַכט די וועלט צו דער איצטיגער לאַגע. און עס מוז געזאָגט ווערן, אַז אויסער די דערגרייכונגען פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער מלחמה געגן די נאַצי־אַריינדרינגער, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער געשיכטע, האָט כינע אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון מלחמה אַ סך בעסער ווי וועלכע ס'איז פון די פאַראייניגטע מלוכות.

ביז 1937 איז כינע געווען צעריסן דורך כסדר'דיגן בירגער־קריג, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט וועלכע ס'איז ווירקזאַמע נאַציאָנאַלע אייניגקייט געגן די אַריינדרינגער. די „אַנטי־קאָמוניסטישע" מלחמות, וואָס די קואָמינטאַנג־רעגירונג האָט געפירט, זיינען סטימולירט געוואָרן הויפטזאַכלעך פון יאַפּאַן, וועלכע האָט כסדר גע'טענה'ט, אַז דער איינפלוס פון „קאָמוניזם" אין כינע מאַכט נויטיג פאַר די יאַפּאַנעזער אַריינצומישן זיך ווי אַ מיטל פון „שוץ". עס דאַרף אויך געזאָגט ווערן, אַז די ענגלישע און די אַמעריקאַנער פּאָליסים האָבן אויך דערמוטיגט אָט־דעם ברודער־קריג. אין 1935 האָט די כינעזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָנגעהויבן אַ ענערגישע קאַמפּאַניע איבער גאַנץ כינע מיט אַ רוף צו מאַכן אַ סוף צו די דאָזיגע מלחמות און שאַפן נאַציאָנאַלע אייניגקייט פון אַלע כחות פאַר דעם צוועק פון שטעלן זיך געגן דער יאַפּאַנישער אַריינדרינגונג. די דאָזיגע קאַמפּאַניע איז געקומען צו אַ דראַמאַטישן הויך־פּונקט אין 1937 מיט די סיאַן־געשעענישן, מיט דעם

אויפשטאַנד פון טשאַנג סוע־ליאַנג, וועלכער האָט געפאַנגען טשיאַנג קאַי־שעק׳ן. אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ ווענד־פונקט פון דער געשיכטע פון כינע, איז כדאי נאָכאַמאָל צו געבן אַן איבערבליק איבער יענע געשעענישן, בפרט אַז זיי זיינען ביי אונז אַזוי ווייניג באַקאַנט.

טשאַנג סוע־ליאַנג איז דער זון פון מאַרשאַל טשאַנג טסאָ־לין, וועלכער האָט געהערשט אין מאַנדזשוריע אין דעם משך פון אַ גאַנצן דור, ביז די יאַפּאַנעזער האָבן אים דערמאָרדעט אין 1928 (זיין באַן איז אויפגעריסן געוואָרן דורך אַ באָמבע ביים צוקומען צו מוקדען). טשאַנג סוע־ליאַנג איז אַריינגעטראָטן אין דער קואָמינטאַנג־רעגירונג נאָך דעם ווי זיין פאָטער איז דערמאָרדעט געוואָרן, און אין 1936 איז ער געשיקט געוואָרן אָן דער שפּיץ פון אַן אַרמיי צו אונטערדריקן די כינעזישע סאָוועטישע געגנטן אין צפון־מערב, וואו ער האָט איינגעאָרדנט זיין הויפּט־קוואַרטיר אין סיאַן. זיין אַרמיי האָט געהאַט קנאַפּן חשק צו קעמפן געגן אייגענע כינעזער און איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער כינעזישער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ נאַציאָנאַלן פראָנט געגן די יאַפּאַנעזער. טשאַנג סוע־ליאַנג איז אַליין באַקערט געוואָרן צו דער דאָזיגער אידייע און האָט אָפּגעשטעלט זיינע מיליטערישע אָפּעראַציעס געגן די קאָמוניסטן און צו דער זעלביגער צייט אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט זיי. דעמאָלט איז גענעראַליסימאָ טשיאַנג קאַי־שעק געקומען צו פליען אויף אַן עראָפּלאַן קיין סיאַן אין 1937 צו באַטראַכטן די לאַגע. טשאַנג סוע־ליאַנג האָט אַרעסטירט טשיאַנג קאַי־שעק׳ן און געסטראַשעט אים צו דערמאָרדן, אויב ער וועט נישט צוזאָגן אָפּצושטעלן דעם בירגער־קריג און שליסן פרידן מיט די קאָמוניסטן, כדי צוזאַמען צו קעמפן געגן די יאַפּאַנישע אַריינדרינגער. צום גליק האָט זיך דעמאָלט אין סיאַן געפונען איינער פון די כינעזישע קאָמוניסטישע פירער, טשו ען־לאַי, וועלכער איז געווען פערזענלעך באַקאַנט מיט טשיאַנג קאַי־שעק׳ן. וויסנדיג אַז סטראַשונקעס קאָנען נישט באַאיינפלוסן טשיאַנג קאַי־שעק׳ן און אַז זיין טויט וואָלט געווען אַן ערנסטער קלאַפּ געגן נאַציאָנאַלער איינינקייט, האָט טשו ען־לאַי זיך אונטערגענומען צו פאַרמיטלען צווישן דעם בונטארישן גענעראַל און זיין גענעראַליסימאָ. ער האָט ענדלעך גע׳פועל׳ט ביי טשאַנג סוע־ליאַנג׳ן, אַז יענער זאָל באַפרייען זיין געפאַנגענעם, זאָל זיך אַליין אונטערגעבן און צוריקפאָרן קיין נאַנקינג, ווי אַ רעבעל וואָס האָט חרטה געקראָגן. דער דאָזיגער אינצידענט האָט געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק אויף דעם לאַנד און אויף טשיאַנג קאַי־שעק׳ן גופא, אַז אין עטלעכע חדשים אַרום איז פאַקטיש געשאַפן געוואָרן דער פאַראייניגטער פראָנט פון קואָמינטאַנג און די קאָמוניסטן, די סאָוועטישע געגנטן זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער דער נאַציאָנאַלער רעגירונג מיט לאָקאַלער אויטאָנאָמיע און די כינעזישע רויטע אַרמיי איז

געוואָרן די נאַציאָנאַלע אַכטע וועג־אַרמיי אונטער דער אויבער־קאָמאַנדע פון דעם גענעראַליסימאָ. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אַ פאַראייניגטער כינע, וועלכע האָט אין 1938 אויף אַן אמת'ן אָנגעהויבן דעם קאמף געגן די יאַפּאַנישע אריינדרינגער.

די כינעזישע רעפּובליק אָט באוויזן צו קעמפן געגן יאַפּאַן, ווייל פון טאמע אָנהויב פון דעם נאַציאָנאַלן קאמף געגן די יאַפּאַנעזער האָט זי כסדר געקראָגן מיליטערישע מאַטעריאַלן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. צו דער שאַנד פון די פאַראייניגטע שטאַטן מוז עס פאַרצייכנט ווערן, אַז אונזער לאַנד איז געווען דער הויפּט־קוואַל פון מיליטערישע מאַטעריאַלן פאַר יאַפּאַן, ניט פאַר כינע, ביז 1941.

דער וועג פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט אין כינע נאָך 1937 איז נים געווען קיין גלאַטער. מעכטיגע עלעמענטן אין דעם קואָמינטאַנג האָבן פאַרט־געזעצט דעם „אַנטי־קאָמוניסטישן קרייץ־צוג", וואָס איז אויך גענוצט געוואָרן ווי אַ באַרעכטיגונג פאַר דעם רענעגאַט וואַנג טשינג־וועי, ווען ער איז אַריבער צו די יאַפּאַנעזער און איז געוואָרן דער ליאַלקע־הערשער פון דער נאַנקינער רעגירונג. די כסדר'דיגע „סנאַיפּער"־מלחמה געגן די כינעזישע קאָמוניסטן האָט צייטנווייז אויסגעבראָכן אין ערנסטע צוזאַמענשטויסן, כאָטש טשיאַנג קאַי־שעק האָט אויסגעאיבט זיין איינפלוס צו צוימען אַזעלכע צוזאַמענ־שטויסן. די „אַנטי־קאָמוניסטישע" קרייץ־ציגלער האָבן באַרעכטיגט זייער קורס מיט דער טענה, אַז אַמעריקע באַזאָרגט יאַפּאַן מיט מאַטעריאַלן אָן אַ שיעור אוים מורא פאַר דעם כינעזישן „קאָמוניסטישן איינפלוס", און אַז דער איינציגער וועג צו געווינען די שטיצע פון די פאַראייניגטע שטאַטן איז צו ברעכן דעם פאַראייניגטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן.

אין יאַנואַר 1941 זיינען די פאַראייניגטער־פראָנט פאַרהעלטענישן צווישן קואָמינטאַנג און די קאָמוניסטן דערפירט געוואָרן צו אַ ברוך־פונקט, ווען אַ קואָמינטאַנג־אַרמיי האָט אויפגעלייזט און געמאַלט אַ שחיטה אויף דער נייער פערטער אַרמיי, געפירט פון די קאָמוניסטן. אָט־די קאַטאַסטראָפישע פאַסירונג האָט אויפגערודערט אַפילו די פאַרשלאָפענע עפנטלעכע מיינונג אין אַמעריקע, ווי אַ וואָרנונג וועגן אַ גרויסער געפאַר. די קאָנסערוואַטיווע „ניו יאָרק הערעלד טריביון" פון פעברואַר 1, 1941 האָט אין לויף פון אַ לאַנגן לייט־אַרטיקל געשריבן:

„אין דעם איצטיגן מאָמענט, ווען יאַפּאַן איז גרייט זיך אַרויס־צולאָזן אויף רויב אין די דרום־ימים און ווען די כינעזער וואָלטן באַדאַרפט זיין גרייט, אין זייערע אייגענע אינטערעסן אַזוי גוט ווי אין די אינטערעסן פון זייערע פריינט, אָנצואווענדן אַלע זייערע כחות, כדי

> צו אימאָביליזירן די מעגלעך־גרעסטע יאַפּאַנישע כחות, איז עס ווירקלעך אַ שאָד וואָס זיי העצן אויף אַ ביטערן היימישן שטרייט. מיר זיינען זיכער, אַז טשיאַנג קאַי־שעק איז צו־גרוים אַז ער זאָל דאָס שטיצן; און מיר האָפן, אַז ער איז גענוג גרוים צו ברענגען דאָס אונטער קאָנטראָל."

דער אמת איז, פאַרשטייט זיך, אַז נאַרישע אַמעריקאַנער ראַטגעבער האָבן אַריינגעפירט דעם קואָמינטאַנג אין אָט־דער „אַקס"־פּאַסטקע. מיט רעכט האָט ט. וו. סונג אַרויסגעוויזן אַזויפיל ביטערקייט, ווען די „ניו יאָרק פּאָסט" האָט זיך צו אים געווענדט נאָך אַ דערקלערונג וועגן אָט־דעם ברוך פון נאַציאָנאַלער איינִיגקייט; ער האָט דערמאָנט די אַמעריקאַנער וועגן זייער אייגענער אומגעצוימטער „רעד־בעיטינג", וואָס דאָס איז געווען אַ טייל פון דעם אַמעריקאַנער דרוק אויף טשיאַנג קאַי־שעק'ן, אַז ער זאָל אָפּברעכן דעם פאַראייניגטן פראָנט, ווי די יאַפּאַנעזער האָבן געפאָדערט.

דער דערשראָקענער געשריי אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע האָט גע־בראַכט פון דעם אויסערן־מיניסטעריום (וואַיטשיאַאָפּו) אין טשונקינג אַ קעיבל־דעפּעשע מיט אַ דערקלערונג, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער פּרעסע דורך דער כינעזישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן. די דעפּעשע איז אָבער אונטערדריקט געוואָרן פון מערסטע צייטונגען און איז ווייניג באַקאַנט דעם אַמעריקאַנער עולם. זי דעקט אויף אַזוי נאַאיוו די ווירקלעכע לאַגע, אַז איך קלייב אויס אָט־דעם דאָקומענט צו אילוסטרירן ווי אַזוי דער פינפטער קאָלום פון דער „אַקס" האָט געאַרבעט בנוגע כינע, אָנשטאָט אַנדערע דאָקומענטן פון כינעזישע קאָמוניסטישע קוואַלן. די דעפּעשע פאָלגט:

> „פאַר שטעלן זיך געגן מיליטערישע באַפעלן און קאָנספּירירן צו מאַכן אַן אויפשטאַנד איז די נייע פערטע אַרמיי אַנטוואַפנט געוואָרן און דער קאָמאַנדיר יעה־טינג איז אַרעסטירט געוואָרן כדי געשטעלט צו ווערן פאַר אַ קריגס־געריכט, האָט געמאָלדן אַ פאָרשטייער פון דעם מיליטערישן ראַט. ס'איז באַטאָנט געוואָרן, אַז דאָס איז געווען אינגאַנצן אַ פראַגע פון מיליטערישער דיסציפּלין. די אויבער־קאָמאַנדע איז געווען גע־צוואונגען אָנצונעמען מיטלען, ווייל די נייע פערטע אַרמיי האָט זיך אָפּ־געזאָגט אַריבערצוגיין אין די אָנגעצייכנטע געגנטן לויט דעם באַפעל.
>
> „אין אָנהויב פון לעצטן דעצעמבער האָט די אויבער־קאָמאַנדע באַפוילן דער נייער פערטער אַרמיי דרום פון דעם יאַנגטסע־טייך צו מאַר־שירן צפון־צו ביז זי וועט אַריבער דעם געלן טייך אַרום דעם 31טן יאַנואַר פאַר אָפּעראַציעס געגן די יאַפּאַנעזער. די געגנט צווישן פּאַן־טשאַנג און טונג־לינג דרום פון וואוהו, אַנוועי, איז אָנגעצייכנט געוואָרן ווי דער וועג פאַר דער אַרמיי אַריבערצוגיין דעם יאַנגטסע־טייך. אין

געגנזאַץ, האָט די נייע פערטע אַרמיי ביי קינג־הסעין, זעכציג קילאָ־מעטער דרום פון וואוהו, אָנגעהויבן גיין אין אַ דרום־ריכטונג צו טאַי־פּינג מיט דעם צוועק צו מאַכן אַן אַטאַקע אויף גענעראַל שענקוואַן יון־הסיאַנג׳ס הויפּט־קוואַרטיר.

„ס׳האָט גראָד פּאַסירט, אַז די פערציגסטע דיוויזיע, וואָס איז טראַנספּערירט געוואָרן פון דרום קיאַנג־סיו, איז געווען אויפן וועג צפון־צו פאַר די צוועקן פון רעאָרגאַניזאַציע.

„האָבנדיג אויסגעפונען דעם וועג, וואָס די פערציגסטע דיוויזיע האָט גענומען און דעם פאַקט פון איר אָנקומען אין סאַן־טשי, 50 קילאָ־מעטער דרום פון קינג־הסיען, אין דעם טאָג פון ניי־יאָר, האָט די גאַנצע נייע פערטע אַרמיי זיך אַרויסגע׳גנב׳עט צו מאַא־לין, 40 קילאָמעטער דרום פון קינג־הסיען, אין דער נאַכט פון דעם 4טן יאַנואַר. זי האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דריי אָפּטיילן, כדי צו באַפאַלן די פערציגסטע דיוויזיע. פולשטענדיג איבערראַשט, האָט די פערציגסטע דיוויזיע גע־קעמפט אין זעלבסט־פאַרטיידיגונג, און דעמאָלט האָט גענעראַל קו טשו־טונג, הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער דריטער קריגס־זאָנע, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז דיסציפּלינערע מיטלען זאָלן אָנגענומען ווערן.

„ביז דעם 12טן יאַנואַר איז די גאַנצע נייע פערטע אַרמיי אויפ־געלייזט געוואָרן און יעה טינג איז אַרעסטירט געוואָרן. נאָך מער, דורך אַ באַפעל פון דעם מיליטערישן ראַט איז די אָנגערופענע אַרמיי אינגאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן ווי אַן אָפּטייל. דער הויפּט פון שטאַב פון דער נייער פערטער אַרמיי, טשאַאָ לינג־פּאָ, איז געווען צווישן די אַרעסטירטע. לויט זיין סטעיטמענט האָט יעה טינג באַשלאָסן צו איגנאָרירן דעם באַ־פעל, ווי נאָר ער איז געקומען, אַז די נייע פערטע אַרמיי זאָל אַריבערגיין אויף אַן אַנדער אָרט. פאָדערנדיג אַ מיליאָן דאָלאַר פון דער רעגירונג, האָט די נייע פערטע אַרמיי פאַרזאַמלט אירע הויפּט־כחות ביי קינג־הסיען און פאַן־טשאַנג. אָנגעבנדיג די יאַפּאַנעזישע בלאָקאַדע ווי אַן אויסרייד, האָבן זיי דעמאָלט באַשלאָסן נישט אַריבערצוגיין דעם יאַנגטסע־טייך לויטן באַפעל, נאָר אַריינצודרינגען אין דרום קיאַנג־סיו.

„דער פּלאַן איז געווען אַריינצוגיין אין קין־טאַן, טאַן־יאַנג, קו־יונג, לאַנג־טשי און לי־יאַנג כדי צו שאַפן דאָרט אַ ספּעציעלע זאָנע מיט דעם ענד־ציל אויפצובויען אַ באַזע ביי נאַנקינג, שאַנכאַי, און האַנגטשאָו, שאַפנדיג אַזוי אַרום אַ דריי־עקיגע זאָנע, כדי צו שטעלן זיך געגן דער רעגירונג. דעם 3טן יאַנואַר האָבן זיי באַשלאָסן צו אַטאַקירן געוויסע פונקטן אין דער געגנט פון נינג־קואָ אין דרום־אַנוועי, צו מאַכן דאָרט אַן איבערפאַל אויף די מיליטערישע זאַפּאַסן און צו אַטאַקירן גענעראַל

שאנגקוואן יו־הסיאנג׳ס הויפּט־קוואַרטיר. שפּעטער האָט דער לינקער פליגל געזאָלט אַוואַנסירן צו לאַנג־טשי אין דער ריכטונג פון לי־יאַנג און אַטאַקירן אַנדערע כינעזישע אָפּטיילן. נאָכדעם ווי אַזאַ סיטואַציע וועט געשאַפן ווערן, האָט די נייע פערטע אַרמיי געהאָפט צו צווינגען די רעגירונג אָנצונעמען אירע פאָדערונגען.

„די שנעלע ליקווידירונג פון דעם קריזיס, האָט דערקלערט דער פּרעמיער, איז געווען אין אַ גרויסער מאָס דער רעזולטאַט דערפון, וואָס אָפיציערן פון דער נייער פערטער אַרמיי האָבן באַשלאָסן נישט צו גיין מיט די רעבעלן, נאָר זיך אָנצושליסן אין די לאָיאַלע רעגירונגס־טרופּן.

„וואַיטשיאַאָפּו.

„כינעזישע אַמבאַסאַדע,

„וואַשינגטאָן, יאַנואַר 21, 1941.״

בײַ דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לייענער איז דאָס אַלץ אַזוי אומ־פאַרשטענדלעך, ווי ס׳וואָלט געווען — לויטן באַקאַנטן פאָלקס־אויסדרוק — אַ „כינעזישע רעטעניש״. ס׳איז קיין וואונדער נישט, וואָס די צייטונגען האָבן צו יענער צייט נישט געקאָנט באַנעמען דעם אינהאַלט פון אָט־דער דעפּעשע. אָבער די וואָס זיינען באַקאַנט מיט כינע, האָבן דאָס פולשטענדיג פאַרשטאַנען, און די געשיכטע אַליין האָט זינט דעמאָלט געשאַפן דעם שליסל אפילו פאַר דעם נישט־באַהאַוונטן מענטשן צו לייזן די דאָזיגע רעטעניש. לאָמיר דאָס פּרואוון דערקלערן אויף אַן איינפאַכן אופן:

ערשטנס, מעגן מיר דורכלאָזן מערסטע דעטאַלן פון אָט־דער לאַנגער דעפּעשע. איך האָב ציטירט דעם פולן טעקסט, כדי מען זאָל מיך נישט באַ־שולדיגן, אַז איך האָב וואָס ניט איז צוריקגעהאַלטן פון דער אָפיציעלער ווערסיע. די דאָזיגע דעטאַלן ווערן אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעלייקנט דורך די כינעזישע קאָמוניסטן, אָבער מיר זיינען איצט נישט אויסן צו אורטיילן וועגן דער אמת׳דיגקייט פון די דעטאַלן. וויכטיג איז די אָנטפּלעקטע פּאָליסי און די אויפגעדעקטע סיטואַציע.

עס ווערט דערקלערט, אַז די פּאָליסי פון דער נייער פערטער אַרמיי איז געווען „אויפצובויען אַ באַזע ביי נאַנקינג, שאַנכאַי און האַנגטשאָו און אַזוי אַרום שאַפן אַ דריי־עקיגע זאָנע״. די דאָזיגע זאָנע איז דער שליסל צו דעם גאַנצן ברעג פון צענטראַל־כינע און דעם יאַנגטסע־טאָל. די געגנט איז געווען און איז איצט אָקופּירט פון די יאַפּאַנעזער. די נייע פערטע אַרמיי האָט דעריבער זיך פאַרמאָסטן אַ קלאַפּ צו טאָן אין דעם האַרץ פון דער יאַפּאַנישער אָקופּאַציע אין כינע.

די פאליסי פון דעם קאמינטאנג־גענעראל פון דער דריטער קריגס־זאנע איז, קאנטיג, באהערשט געווארן דורך דעם שרעק, אז די נייע פערטע ארמיי, ווי נאר זי וועט האבן פארכאפט יענע באזע, וועט „זיך שטעלן געגן דער רעגירונג". דעריבער האט ער באשלאסן נישט צו דערלאזן, אז די יאפאנעזער זאלן ארויסגעטריבן ווערן, און אויפצולייזן מיט גוואלד די נייע פערטע ארמיי, כדי זי זאל דאס נישט קאנען דורכפירן. ער האט געהאלטן, אז די יאפאנישע אקופאציע פון יענער זאנע איז בעסער איידער די אקופאציע פון דער זאנע דורך דער נייער פערטער ארמיי.

עס ווערט אנטפלעקט, אז לויט דער מיינונג פון דעם קאמינטאנג־גענעראל איז עס געווען מעגלעך, אז די נייע פערטע ארמיי זאל דורכפירן אט־דעם פראיעקט. ווען די ארמיי וואלט דאס פארפעלט צו טאן, וואלט זי פארניכטעט געווארן דורך די יאפאנעזער, און גענעראל קו טשו־טונג וואלט נישט געהאט קיין געלעגנהייט אויסצושעכטן איינע פון זיינע אייגענע ארמייען. דער פאקט, וואס ער האט באשלאסן אליין דורכצופירן אט־די ארבעט, באווייזט אז ער האט מורא געהאט פאר דעם דערפאלג און נישט פאר דעם דורכפאל פון דער אטאקע געגן די יאפאנישע כחות. ער האט קאלטבלוטיג באשלאסן צו באשיצן די יאפאנעזער פון אט־דער אטאקע, טיילווייז מסתמא צוליב דעם וואונטש צו באפרידיגן די „אנטי־קאמוניסטישע" כחות פון די פאראייניגטע שטאטן.

עס ווערט ווייטער אנטפלעקט, אז די נייע פערטע ארמיי, וועלכע איז געווען גרייט און פייאיג ארויסצורייסן א שליסל־געגנט ביי דער יאפאנעזער ארמיי, איז איינגאנצן נישט געווען גרייט צו קעמפן געגן א כינעזישער ארמיי. ווען זיי זיינען אטאקירט געווארן פון דעם גענעראל קו טשו־טונג, האבן זיי אוועקגעלייגט זייער געווער, אבער נישט געקוקט דערויף זיינען זיי אויסגעשאכטן געווארן. צווישן די, וואס זיינען דערמארדעט געווארן אויף א קאלטבלוטיגן אופן, זיינען געווען א סך פון מיינע לאנג־יאריגע פערזענלעכע פריינט. דער דאזיגער פאקט באזייטיגט פולשטענדיג די אלע קאמפליצירטע מעשיות וועגן די „פארברעכערישע אביזכטן" אין דער פירערשאפט פון דער נייער פערטער ארמיי.

די געלעגנהייט ארויסצורייסן ביי די יאפאנעזער די גרויסע זאנע פון שאנכאי־נאנקינג־האנגטשאו איז פארלארן געווארן. די „דיסציפלין" פון גענעראל קו טשו־טונג איז „באַרעכטיגט" געווארן. די אנטי־קאמוניסטן פון אמעריקע, ענגלאנד ,דייטשלאנד און יאפאן זיינען בארואיגט געווארן בנוגע דער „ריינקייט" פון דעם קואמינטאנג אין פרט פון „קאמוניסטישער פגימה". אבער דער נעטער סך־הכל איז געווען — א שרעקלעכער קלאפ געגן דער נאציאנאלער באפרייאונג פון כינע, א ריזיגע פארשטארקונג פון יאפאנ'ס

פּאָזיציע, אַן אויפטרייסלונג פון דער גאַנצער סטרוקטור פון נאַציאָנאַלער איינינקייט אין כינע, אַ נידערלאַגע פאַר די שפּעטער־אָרגאַניזירטע פאַר־אייניגטע מלוכות, וואָס דאָס האָט וואָזנטלעך בייגעטראָגן צו דער קאַטאַס־טראָפע מיט אַ יאָר שפּעטער אין מאַלעיאַ, סינגאַפּור, אינדאָנעזיע און בורמאַ. די גאַנצע זאַך איז געווען אַ כינעזישע ווידערהאָלונג פון דער טראַגעדיע פון דער שפּאַנישער רעפּובליק מיט עטלעכע יאָר פריער.

איך דערצייל איצט די דאָזיגע געשיכטע נישט צוליב דעם צוועק פון אויפעפענען אַלטע וואונדן, נאָר מיט דעם איינציקן צוועק צו העלפן פאַרמיידן אַ ווידערהאָלונג פון דער דאָזיגער געשיכטע אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער מלחמה. די לעקציעס פון די דאָזיגע געשעענישן מוזן דערלערנט ווערן ווי אַ מיליטערישע נויטווענדיגקייט פאַר דעם זיג פון די פאַראייניגטע מלוכות איבער דער „אַקס". און זיי מוזן דערלערנט ווערן דורך אַלע דענקענדיגע מענטשן אין יעדן לאַנד. אויב מיר ווילן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַגיין אַזוינע קאַטאַסטראָפישע פעלערן, ווילן מיר מיט די אייגענע הענט איבערגעבן דעם זיג צו דער „אַקס" און אויסגראָבן אונזערע אייגענע קאָלעקטיווע קברים.

די כינעזישע קאָמוניסטן האָבן נישט דערלאָזט, אַז אָט־די שרעקלעכע פּראָוואָקאַציע זאָל אָפּברעכן זייערע באַציאונגען מיט דער רעגירונג פון טשיאַנג קאַי־שעק. זיי האָבן פאַרריכט די לאַגע אויף ווי ווייט דאָס איז נאָר געווען מעגלעך, כאָטש ס'איז קלאָר אַז דער דאָזיגער קלאַפּ האָט שטאַרק פאַר־קלענערט די ווירקזאַמקייט פון גאַנץ כינע געגן דעם געמיינשאַפטלעכן שונא.

שוועריגקייטן צווישן דעם קואָמינטאַנג און די קאָמוניסטן וואַקסן נים ארויס פון דעם אידעאָלאָגישן קאָנפליקט צווישן „קאַפּיטאַליסטישע" און „סאָציאַליסטישע" פאַרשלאָגן וועגן אָרגאַניזירן דאָס לאַנד. די כינעזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי נעמט אָן די פּערספּעקטיווע פון אַ קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון כינע נישט בלויז איצט, נאָר פאַר אַן אומבאַשטימטער צו־קונפט. די כינעזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרמעסט זיך נישט געגן דעם קואָמינטאַנג צו שפּילן די פירנדיגע ראָלע אין לאַנד; זי נעמט־אָן די דאָמינירנדיגע ראָלע, וואָס דער קואָמינטאַנג שפּילט איצט. זי מאַכט נישט קיין פאַרזוך אָפּצושוואַכן די צענטראַלע רעגירונג, נאָר פאַרקערט — זי טוט אַלצדינג אין איר מאַכט צו העלפן דער צענטראַלער רעגירונג צו עטאַבלירן איר מאַכט אין דער ווירקלעכקייט איבער אַלערליי צעטיילנדיגע כחות, וואָס ווירקן נאָך אַלץ אינערהאַלב דער רעפּובליקאַנער כינע.

איז, פון וואַנען קומען די נאָכאַנאַנדיגע שוועריגקייטן צווישן די קאָמוניסטיש־געפירטע כחות און די קואָמינטאַנג־גענעראַלן? זיי וואַקסן ארויס פון דעם אונטערשייד אין די מעטאָדן פון פירן די מלחמה און פון די באַציונגען מיט דער באַפעלקערונג אין די מלחמה־געגנטן. די קואָמינטאַנג־

גענעראַלן זיינען דערצויגן לויט די מיליטערישע מעטאָדן פון דער דייטשער און יאַפּאַנעזישער שול, בעת די קאָמוניסטישע מיליטערישע פירער זיינען אויסגעוואַקסן פון די פאָלקס־באַוועגונגען ; די ערשטע צווינגען־אַרויף זייערע פּלענער אויף דער כינעזישער באַפעלקערונג, בעת די לעצטע מאָביליזירן די באַפעלקערונג פאַר דער מלחמה און שטיצן זיך אויף דער באַפעלקערונג ; די ערשטע פירן די מלחמה דורך ריין־טראַדיציאָנעלע מיליטערישע מעטאָדן, בעת די לעצטע פירן אַ פאָלקס־מלחמה. אין אָט־דעם אונטערשייד, און הויפּט־זאַכלעך אין דעם, ליגט דער סוד פון די מערקווירדיגע דערפאָלגן פון די קאָמוניסטיש־געפירטע אַרמייען אין כינע. און די לעקציעס, וואָס די מיליטערישע פירער פון קואָמינטאַנג האָבן געמוזט דערלערנען פון די דאָזיגע דערפאָלגן, נישט געקוקט אויף זייער פריערדיגער בילדונג, האָבן געבראַכט די אַלץ גרעסערע מאָס דערפאָלג פאַר די כינעזישע מיליטערישע אָפּעראַציעס געגן די יאַפּאַנעזער.

די טראַדיציאָנעלע מיליטערישע אָפּיצירן מוזן זיך פאַרלאָזן אויף אימפּאָרטירטע וואָפן פון אויסלאַנד (מערסטנס פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד) ; די קאָמונסיטיש־געפירטע אַרמייען האָבן זיך כמעט אינגאַנצן באַוואָפנט מיט יאַפּאַנישן געווער, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט פון שונא. די טראַדיציאָנעלע גענעראַלן באַקומען ריזיגע פינאַנצן פון דער רעגירונג און דאָך שטייען זיי אין שלעכטע באַציאונגען מיט דער באַפעלקערונג ; די קאָמוניסטיש־געפירטע אַרמייען קריגן כמעט גאָרנישט פון דער רעגירונג און לעבן כמעט אינגאַנצן אויף דעם חשבון פון דער באַפעלקערונג, אָבער זייערע באַציאונגען מיט דעם פאָלק זיינען אויסערגעוויינטלעך דערפאָלגרייך. אָט־דער קאָנפליקט צווישן די פאַרשיידענע מעטאָדן פון פירן מלחמה שאַפט עם די מערסטע קאָנפליקטן צווישן די קאָמוניסטן און די קואָמינטאַנג־גענעראַלן, וואָס ברענגען נאָך אַלץ אַריין שטערישע ווירקונגען אין דער כינעזישער נאַציאָנאַלער אייניגקייט.

דער פאָלקס־כאַראַקטער פון די קאָמוניסטיש־געפירטע אַרמייען אין כינע איז ברייט אָנערקענט געוואָרן אין אַמעריקע. אַפילו אַזאַ אַנטי־קאָמוניסטישע צייטונג ווי די „ניו יאָרק העראָלד טריביון” געפינט פאַר נויטיג צו רעדן וועגן זייערע אייגנאַרטיגע מעלות אין די פאָלגנדיגע ווערטער:

„אַ טוץ קאָרעספּאָנדענטן און צום ווינציגסטן איין קאָמפּעטענטער אַמעריקאַנער מיליטערישער באַאָבאַכטער זיינען געווען הינטער זייערע ליניעס און האָבן אויסגעדריקט ענטוזיאַסטישע אָנערקענונג פאַר זייער פרעכטיגן גייסט, זייער שטויגענדיגער פלינקייט אין אַריינדרינגען דורך, צווישן און הינטער די יאַפּאַנישע ליניעס ווען זיי ווילן נאָר, זייער גוטער דיסציפּלין, זייער ספּאַרטאַקישן אופן פון לעבן, און זייערע אויסגע־

ציכנטע באַציאונגען מיט דער באַפעלקערונג, וועמען זייערע אַגענטן האָבן אָרגאַניזירט פאַר פאַרטיזאַנישע אָפּעראַציעס אין יעדער געגנט, וואָס די יאַפּאַנעזער האָבן כלומרשט באַהערשט."

היינט־צו־טאָג, ווען די באַזאָרגונגס־וועגן פון אַמעריקע קיין כינע זיינען כמעט אינגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן דורך די יאַפּאַנעזער; ווען דער שרעק־לעכער דרוק פון מלחמה מאַכט עס שווערער פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צו באַזאָרגן די כינעזישע אַרמייען (דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט קיינמאָל נישט באַזאָרגט די קאָמוניסטיש־געפירטע אַרמייען), ווערט עס אַלץ קלאָרער, אַז די אַלגעמיינע אָנווענדונג איבער גאַנץ כינע פון אָט־די מעטאָדן פון די כינעזישע קאָמוניסטן שאַפט דעם איינציקן מעגלעכן וועג צום זיג פאַר יענעם לאַנד איבער די יאַפּאַנישע אַריינדרינגער, ווי אַ טייל פון דעם זיג פאַר די פאַר־אייניקטע מלוכות.

די וואָס זעען נישט קיין אַנדער מעגלעכקייט צו פירן די מלחמה, אויסער דורך די מעטאָדן פון די טראַדיציאָנעלע מיליטערישע שולן, גרייטן־צו דעם באָדן פאַר אַ דעפיטיסטישער פּאַרטיי אין כינע, פאַר די שטימונגען פון קאַפּיטולירן פאַר די יאַפּאַנעזער. דאָס איז באַזונדער אמת דערפאַר, ווייל די מיליטער־לייט פון דער אַלטער שול האָבן די מעגלעכקייט צו לאָזן הערן זייערע ציניש באַמערקונגען אין טשונקינג, אַז איידער אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה זיינען זיי געווען אין אַ בעסערער לאַגע ווי איצט. די מיליטער־לייט פון דער אַלטער שול אין כינע זיינען בכלל גענומען אמת'ע פּאַטריאָטן פון זייער לאַנד. אָבער דער כאַראַקטער פון זייער מיליטערישער שולונג מאַכט זיי שטענדיק מער עמפּינדלעך צו דעם שעדלעכן איינפלוס פון דעפיטיסטישע שטימונגען, און ווען אַזוינע שטימונגען הויבן זיך אָן פאַרשפּרייטן און אויס־קריסטאַליזירן, פירן זיי דירעקט צו דער גרענעץ פון פאַרראַט. מיר מוזן שטענדיק געדענקען, אַז דאָס האָט די שטימונג פון דעפיטיזם פאַרוואַנדלט דעם בריליאַנטענעם אָפיציר פון אונזער אייגענער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אין דער מלחמה פאַר זעלבסטשטענדיקייט, בענעדיקט אַרנאָלד, אין דעם ערגסטן פאַררעטער.

עס מוז, הייסט עס, ווערן קלאָר פאַר דעם אַמעריקאַנער פאָלק און פאַר די פאַראייניקטע מלוכות בכלל, אַז כינע, איינער פון די ווינקל־שטיינער פון אונזער וועלט־בונד געגן דער „אַקס", וועט מוזן מער און מער דערלערנען די לעקציע ווי אַזוי אָנצופירן אַ פאָלקס־מלחמה — די לעקציע, וואָס די כינעזישע קאָמוניסטן לערנען זייער פאָלק. דערפאַר וואָס די כינעזישע קאָמו־ניסטן זיינען אַ נויטיקער עלעמענט אין כינע'ס נאַציאָנאַלער אייניקייט און מיליטערישן דערפאָלג, האָט די גאַנצע פאַראייניקטע מלוכות אַ דירעקטן

אינטערעס צו פאַרשטיין זיי און איינשטעלן אַ קאָרעקטע באַציאונג צו זיי.

דערפאַר וואָס די קואָמינטאַנג־רעגירונג גלויבט נאָך אַלץ, אַז גוטע באַציאונגען מיט וואַשינגטאָן פאָדערן די פאָרטזעצונג פון דער פּאַליסי פון אונטערדריקן די קאָמוניסטן, ווערן יענע רעגירונגס־מענטשן, וואָס ווילן סטאַביליזירן די קואָמינטאַנג־קאָמוניסטישע קאָאָפּעראַציע, געשטערט אויף יעדן שריט און טריט. ווי אַ רעזולטאַט דערפון ווערן היינט־צו־טאָג נאָך אַלץ נישט אויסגענוצט די בעסטע כינעזישע כחות אין דעם קאַמף געגן די יאַפּאַנעזער. גענעראַל הו טשונג־נאַן מיט 440,000 ערשט־קלאַסיגע טרופּן איז באַשעפטיגט מיט אָנהאַלטן אַ בלאָקאַדע געגן דער אַכטער וועג־אַרמיי אין צפון און צפון־מערב; גענעראַל טאַנג ען־פּאָ מיט 500,000 ערשט־קלאַסיגע טרופּן איז באַשעפטיגט מיט בלאָקאַדירן די איצטיגע זאָנעס פון דער נייער פערטער אַרמיי אין צענטראַל און מזרח־כינע. אַזוי אַרום בלייבט כינע צעטיילט, כאָטש עס ברויזט מער נישט קיין בירגער־קריג, און אַ גרויסער טייל — דער פּייאַיגסטער טייל — פון כינע'ס אַרמייען ווערט נישט גענוצט געגן דעם געמיינשאַפטלעכן שונא. און די אַנטשיידנדיגע אורזאַך פון דעם איז די „רויטע שרעק" אין וואַשינגטאָן.

די כינעזישע קאָמוניסטן אַליין טוען אַלץ וואָס איז מעגלעך, כדי אויפצולייזן די אַלטע צאַמען פון אמצוטרוי און פאַרדאַכט, אויף וועלכע דער „אַנטי־קאָמינטערן" פינפטער קאָלום פון דער „אַקס" בויט זיין אַרבעט.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט לענגער אויף דער פּאָזיציע פון די קאָמוניסטן אין כינע, ווייל דאָס איז אַ פּונקט, וואָס שאַפט אַ פולשטענדיגן וואַקואום פאַר מערסטע אַמעריקאַנער אין זייער אינפאָרמאַציע און אויפפאַסונג וועגן כינע. אַזוי לאַנג ווי דער דאָזיגער וואַקואום איז אָנגעפילט מיט פאָראורטיילן און מיסאינפאָרמאַציע, וואָס ווערט פלייסיג און כסדר פאַרשפּרייט דורך „אַקס"־אַגענטן, וועט אונזער פאַרשטענדעניש בנוגע כינע און איר ראָלע אין דער איצטיגער מלחמה בלייבן נישט פאַרגאַנצט און אונזער שטעלונג און פּאַליסים בנוגע כינע וועלן זיין פאַרקריפּלט.

כינע, ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, שאַפט די ענדגילטיגע פּראָבע פאַר אונזער פייאיגקייט צו בלייבן לעבן, צו זיגן אין דער איצטיגער מלחמה.

קאַפּיטל זעכצן

איז אינדיע אַ מיטגליד פון די פאַראייניגטע מלוכות?

אַ באַפּעלקערונג פון העכער דריי הונדערט מיליאָן מענטשן באַוואוינט די טעריטאָריע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען אינדיע. די רעגירונג פון אינדיע האָט, צוגלייך מיט אַנדערע, אונטערגעשריבן די דעקלאַראַציע פון די פאַראייניגטע מלוכות. דאָס וואָלט באַדאַרפט מיינען, אַז אינדיע ווערט אָנגערקענט ווי אַ מלוכה, ווי אַ „נעישאָן" אין דעם בונד פון די „יונאַיטעד נעישאָנס". אָבער גראָד אָט־די פראַגע, צי איז אינדיע אַ „נעי־שאָן", שאַפט איצט אַ גרויסן קאָפּווייטאָג פאַר די „יונאַיטעד נעישאָנס".

ס'איז נישט דער צוועק פון דעם דאָזיגן קאַפּיטל צו באַטראַכטן די פראַגע פון אינדיע „אין אַלגעמיין", נאָר בלויז צו באַהאַנדלען די באַשרענקטע פּראָבלעם וועגן דעם, ווי אַזוי אינדיע קאָן ביישטראָגן דעם מאַקסימום צום זיג פון די פאַראייניגטע מלוכות. בעת די באַוואָפּנטע כחות פון יאַפּאַן אָקופּירן מזרח־אַזיע ביז צו די גרענעצן פון אינדיע, און דייטשלאַנד דרינגט אַריין אויף קאַווקאַז פון דער אַנדערער זייט, איז אָט־די פראַגע, דאַכט זיך, גענוג שאַרף. אינדיע איז איינער פון די אַנטשיידענדיגסטע פּונקטן אין דער וועלט־שלאַכט געגן דער „אַקס".

אונזערע אַמעריקאַנער צייטונגען האָבן אונז פאַרפלייצט מיט אָפּהאַנד־לונגען וועגן אַלע, אָדער כמעט אַלע, שטריכן פון דער אינדישער פּראָבלעם. אָבער די וויכטיגסטע פראַגע האָבן זיי אויסגעלאָזט: ווי אַזוי אויפצוהויבן אינדיע, אַז זי זאָל אונז העלפן געווינען די מלחמה. זיי האָבן אונז געגעבן אַלערליי ביז־גאָר קאָמפּליצירטע און פאַרפּלאָנטערטע דערקלערונגען פאַרוואָס אינדיע איז אַ נאַציע און צו דער זעלביגער צייט איז זי נישט קיין נאַציע. די אַלע דערקלערונגען שאַפן בלויז אַ גרעסערן פּלאָנטער און צעטומלעניש; און קיין זאַך איז נישט אַזוי געפערלעך פאַר אונזער קאַמף אין דער איצטיגער מלחמה, ווי פּלאָנטער און צעטומלעניש.

די איצטיגע רעגירונג פון אינדיע איז די באַשעפעניש פון לאָנדאָן. זי האָט אין 1939 דערקלערט, אַז אינדיע איז אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה און האָט דערביי אַפילו נישט געמאַכט קיין אָנשטעל פון באַראָטן זיך מיט דעם אינדישן פאָלק איבער אָט־דער פראַגע. די פּאָפּולערע מאַסן־אָרגאַני־זאַציעס אין אינדיע, וואָס אַלע זיינען זיי איינשטימיג איבער דער פאָדערונג וועגן זעלבסטשטענדיגקייט, אַפילו אויב זיי גייען זיך פונאַנדער איבער אַנדערע פראַגן, זיינען געוואָרן אויפגעבראַכט געגן אַזאַ האַנדלונג און האָבן דערקלערט זייער נייטראַליטעט אין דער מלחמה. נאָכדעם ווי די נאַציס זיינען באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט אָט־די נייטראַליטעט אָנגעהויבן אַלץ מער אַריבערגיין צו אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטי־„אַקס" שטעלונג און צו דער אָנערקענונג, אַז די מלחמה געגן דער „אַקס" איז אַ מלחמה פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. די דאָזיגע שטרעמונג אין דער עפנטלעכער מיינונג איז אויס־געדריקט געוואָרן קודם כל דורך דער אינדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. זי איז אָבער שנעל אויסגעבריימערט געוואָרן און האָט אַריינגעצויגן די פויערים־אָרגאַניזאַציעס, די סטודענטן־באַוועגונג, די טרעיד־יוניאָנס און צולעצט — דעם דאָמינירענדיגן פליגל פון דעם אַל־אינדישן קאָנגרעס, אָן דער שפּיץ מיט דזשאַוואַהאַרלאַל נערו, געגן דער אָפּאָזיציע פון גאַנדי. די מאַסן־באַוועגונג פאַר דער זעלבסטשטענדיגקייט פון אינדיע האָט אָנגענומען אַ נייעם און דרינגענדיגן כאַראַקטער, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָדערונג, אַז דאָס אינדישע פאָלק זאָל קריגן דאָס רעכט אַליין צו אָרגאַניזירן די פאַר־טיידיגונג פון זיין לאַנד, וואָס איז אין געפאַר באַפאַלן צו ווערן.

אַמעריקאַנער קאָמענטאַטאָרס איבער דער אינדישער פראַגע, איינשליסנ־דיג אַפילו ליבעראַלן, זיינען קרבנות פון אַן „אייגענער געמאַכטער" בלינדקייט — וואָס דאָס איז די ערגסטע פאָרם פון נאַרישקייט — ווען זיי באַצייכענען אינדיע'ס פאָדערונג וועגן אַ באַלדיגער נאַציאָנאַלער רעגירונג ווי אַ פאָרם פון „בלעקמעיל", פון שאַנטאַזש געגן ענגלאַנד, „אויסנוצנדיג די שווערע לאַגע פון ענגלאַנד, כדי צו קריגן די זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס זיי וואָלטן נישט געקאָנט געווינען אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן". דאָס איז נאַריש ניט בלויז דערמיט, וואָס מען זוכט דאָ אַ „מאָראַלישע באַרעכטיגונג" פאַר ענגלאַנד'ס הערשאַפט איבער אינדיע, וועלכע האָט נישט קיין אַנדער באַ־רעכטיגונג ווי מאַכט; אַזאַ אויסטייטשונג איז נאַריש הויפּטזאַכלעך דערמיט, וואָס זי איגנאָרירט דעם פאַקט, אַז די מאַכט־פאַרהעלטענישן אין דער וועלט האָבן זיך שטאַרק פאַרענדערט. גרויס־בריטאַניע האָט שוין מער נישט די מאַכט צו האַלטן אינדיע ווי אַ קאָלאָניע געגן דעם ווילן פון דעם אינדישן פאָלק; זי האָט נישט די מאַכט צו פאַרטיידיגן אינדיע געגן אַ יאַפּאַנישער אַריינדרינגונג, סיידן זי וועט אַריינציען דאָס אינדישע פאָלק אין אַ פריי־

ווילנגער און אקטיווער שותפות פאר דער פארטיידיגונג פון אינדיע.

ווען די איצטיגע רעגירונג פון אינדיע, די באשעפעניש פון לאנדאן, וואלט געהאט די פייאיגקייט און די מאכט צו פארטיידיגן די גרענעצן פון אינדיע געגן אן אנפאל מצד יאפאן אן דער אקטיווער באטייליגונג פון דעם פאלק — דעמאלט וואלט עס מעגלעך געווען צו איגנארירן אדער אפלייגן די פאדערונג וועגן זעלבסטשטענדיגקייט פאר אינדיע אויף דעם גרונט פון „רעאליזם"; כאטש דאס וואלט געווען אן אוממאראלישער און שעדלעכער „רעאליזם", וואס וואלט געמאכט שווערער און קאסטלעכער דעם ענדגילטיגן זיג. נאר אזוי ווי ס'איז קלאר, אז די איצטיגע רעגירונג פון אינדיע האט נישט אזא פייאיגקייט אדער אזא מאכט, ווערן די אלע רייד און האנדלונגען, מיט דעם אנשטעל אז זי פארמאגט יא די נויטיגע מאכט — א געפאר, וואס דראעט מיט קאטאסטראפע נישט בלויז פאר אינדיע און ענגלאנד, נאר פאר די פאראייניגטע מלוכות בכלל.

דער אמת איז, אז דאס אינדישע פאלק האט פארלארן דעם צוטרוי צו דער פייאיגקייט פון בריטישן געוועד צו באשיצן די גרענעצן פון אינדיע, און אין דער זעלביגער צייט האט דאס אינדישע פאלק אויך פארלארן די מורא פאר דעם בריטישן געוועד ווי אן אינסטרומענט פאר זייער אונטער־דריקונג. די דאזיגע מיינונג געפינט נענוג באשטעטיגונג אין די הארבע פאקטן, די שרעקלעכע פאקטן, די אומבאשטרייטלעכע פאקטן פון דער פול־שטענדיגער קאטאסטראפע פארן בריטישן געוועד אין מאלעיא, סינגאפור און בורמא, און פון דעם צוזאמענברוך פון דער בריטישער רעגירונג אין דער בענגאל־פראווינץ אין די וואכן, ווען בורמא איז אריינגעפאלן אין די הענט פון די יאפאנעזער.

פון ריין־פראקטישן שטאנדפונקט, פון דעם שטאנדפונקט פון רעאלער פאליטיק, איז עס געווארן אי שעדלעך אי נאריש צו „רעדן גראב" צום אינדישן פאלק, ווי דאס טוען בריטישע ביוראקראטן און זייערע אמעריקאנער באַוואונדערער; דאס וואלט אפשר געקאנט האבן א ווירקונג, ווען זיי וואלטן מיט דערפאלג גערעדט „ביד חזקה" צו די יאפאנעזער אין בורמא, סינגאפור און מאלעיא און ווען זיי וואלטן געקאנט אנהויבן רעדן אויף אזא שפראך צו היטלער'ן אין מערב־אייראפע.

פון דער אנדערער זייט האט דער ביישפיל פון כינע באוויזן — נישט געקוקט דערויף, וואס זי קריגט נישט נענוג קריגס־מאטעריאלן פון אויסלאנד, האט נאך נישט געשאפן קיין פולשטענדיגע נאציאנאלע איינינקייט און נאך נישט געלייזט אירע אינערלעכע ווידערשפרוכן, — נישט געקוקט אויף דעם אלעמען האט דער ביישפיל פון כינע באוויזן די ווירקזאמקייט פון א פאלקס־מלחמה ביים פארטיידיגן דאס לאנד געגן אגרעסיע. כינע האט זיך ארויס־

געוויזן צו זיין מיליטעריש אַ סך מער ווירקזאַם נעגן די יאַפּאַנעזער ווי ענגלאַנד. די דאָזיגע לעקציע איז נישט פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר די אינדישע מאַסן און זייערע פירער פון אַלע גרופּן.

די פראַגע וועגן באַלדיגער זעלבסטשטענדיגקייט פאַר אינדיע איז, הייסט עס, דרינגענדיג און פאָדערט אַ באַלדיגע לייזונג נישט דערפאַר וואָס די פריינט פון פרייהייט איילן זיך, צוליב אידעאַליסטישע מאָטיוון, צו בענטשן אינדיע מיט דער ברכה פון דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער". די אינספּיראַציע פאַר דער זעלבסטשטענדיגקייט פון אינדיע קומט נישט פון דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער", נאָר פאַרקערט — מען קאָן זאָגן, אַז דער „אַטלאַניק טשאַרטער" האָט געקראָגן אַ גרויסע מאָס פון זיין וויכטיגקייט גראָד פון דער זעלבסט-שטענדיגקייט-באַוועגונג אין אינדיע. האָבנדיג פאַר זיך אַ שווערע און גע-פערלעכע פּראָבלעם, האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז מיר האָבן שוין אַן אָפיציעלע פּראָגראַם צו לייזן זי — אויב נאָר מיר זאָלן אונזער פּראָגראַם נעמען ערנסט ווי אַ ריכט-שנור פאַר אַקציע און נישט ווי אַ דעקאָראַציע פאַר צערעמאָניעלע געלעגנהייטן.

עס הערן זיך אָבער די שטימען און עכאָס פון אימפּעריאַליסטן פון דער אַלטער שול: דער אַל-אינדישער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס מוז אונטערדריקט ווערן, ווייל גאַנדי, זיין פירער, איז גרייט צו פאַרהאַנדלען וועגן איבערגעבן דאָס לאַנד צו די יאַפּאַנעזער, און זיין פּאַציפיזם איז אַן אָביעקטיווע קאַפּיטולאַציע פון דעם לאַנד.

גאַנדיזם איז אָבער דאָס ווילד-פלייש און נישט דער עצם פון דער אינדישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. דער אמת איז, אַז די גאַנצע באַוועגונג האָט גענומען שנעל אַוועקגיין פון גאַנדי'ס פּאָזיציע און נערו האָט פאַר-נומען גאַנדי'ס פּלאַץ ווי דער הויפּט-פירער — ביז סער סטאַפאָרד קריפּס האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף זיין אומגליקלעכער מיסיע און האָט אויף אַ מאָמענט צוריקגעגעבן גאַנדי'ן זיין דאָמינירנדיגע פּאָזיציע. נערו איז ווייט אַוועק אין זיין שטעלונג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות און אַ בונד מיט ענג-לאַנד, אָבער ווען סער סטאַפאָרד האָט פון לאָנדאָן געבראַכט בלויז אַן אולטימאַטום, וואָס האָט אייגנטלעך נישט געגעבן קיין סימן פון זעלבסט-שטענדיגקייט, איצט אָדער אין דער צוקונפט, האָט דאָס אַזוי טיף אויפגע-רודערט די בורזשואַזע פירער פון אינדיע, אַז נערו איז צייטווייליג אָפּגעשטופּט געוואָרן אין אַ זייט און גאַנדי האָט באַוויזן זיך ווידער אַריינצומאַנעווירן צו אַ פּאָזיציע פון מאַכט אין דער פירערשאַפט פון קאָנגרעס.

דער גאַנדיזם פאַרלירט שנעל זיין אָנהאַלט צווישן די מאַסן פון אינדיע און איז כמעט ווי פאַרשוואונדן צווישן דעם אינדישן אַרבעטער-קלאַס און דער סטודענטן-יוגנט. אַ נייער מיליטאַנטישער גייסט פאַר דער אַקטיווער

פארטיידיגונג פון זייער לאַנד האַלט זיך אין פאַרשפּריין צווישן די מאַסן אין אינדיע פון זינט די יאַפּאַנעזער האָבן זיך באַוויזן ביי זייערע טויערן. די מינדסטע דערמוטיגונג פון לאָנדאָן פאַר דער דאָזיגער באַוועגונג וואָלט געווען באַלד אריבערגעוואונען די אינדישע מאַסן צו אַן אַקטיווער שותפות אין דער מלחמה, אפילו אָן אַן ענדגילטיגער לייזונג פון דער פראַגע פון זעלבסטשטענדיגקייט — ווען די ענגלענדער וואָלטן נאָר געווען גרייט צו דערלויבן דעם אינדישן פאָלק זיך צו אָרגאַניזירן און באַוואָפענען פאַר דער פּאַרטיידיגונג פון זייער לאַנד געגן די יאַפּאַנעזער. ווייל איצט פאָדערן נישט די אינדישע מאַסן דאָס רעכט זיך צוריקצוציען פון דער מלחמה און אַנט־לויפן פון די פאַראייניגטע מלוכות, נאָר דאָס רעכט צו קעמפן אין דער מלחמה ווי אַ טייל פון די פאַראייניגטע מלוכות — אַ רעכט, וואָס לאָנדאָן וויל זיי נישט נאָכגעבן.

ס'איז זייער אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגן די אַנטוויקלונג פון דער פּראָ־גראַם פאַר דער פאָלקס־פאַרטיידיגונג פון אינדיע אויף דעם גרונט פון די דאָקומענטן פון די אינדישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. דער פּלאַץ דערלויבט נישט אָנצוגעבן קיין לאַנגע ציטאַטן פון יענע דאָקומענטן, אָבער עטלעכע ביישפּילן זיינען נויטיג, כדי ארויסצוברענגען דעם אַרגומענט.

די אָל־אינדישע סטודענטן־פעדעראַציע האָט אָנגענומען אַ דעקלאַראַציע, באַלד נאָכדעם ווי סינגאַפּור און ראַנגון זיינען געפאַלן, וואָס פאָדערט אַ „באַ־שטימטע אַנטשיידונג איבער דער פראַגע פון דער פאַרטיידיגונג פון אינדיע". פאַרדאַמענדיג דעם שווינדל פון דעם יאַפּאַנישן לאָזונג וועגן „אַזיע פאַר די אַזיאַטן" און אויפדעקענדיג די שווידערס פון זייער „נייער אָרדענונג", דער־קלערן די סטודענטן, אַז אינדיע'ס אָרט אין דעם וועלט־קאַמף איז זייט ביי זייט מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און כינע, מיט „אַלע פּראָגרעסיווע כחות פון דער וועלט". זיי האַלטן אָבער, אַז „די בריטישע ביוראָקראַטן . . . ווילן נישט קיין פולע און ווירקזאַמע מאָביליזאַציע פון דעם פאָלק פאַר דער מלחמה. . . . זיי זוכן אונז צו פּראָוואָצירן, אַז מיר זאָלן זיך אָפּקערן פון דער מלחמה. מיר וועלן אָבער נישט אַריינשפּילן אין זייערע הענט. . . . מיר וועלן קעמפן אין דער מלחמה און אָנפירן אַ קאַמפּאַניע, אַז זי זאָל געפירט ווערן לויט דעם ווילן פון די פעלקער." „אַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס אין אינדיע מוזן זיך פאַראייניגן אויף דער געמיינשאַפטלעכער פּלאַטפאָרם פון קאַמף געגן פאַשיזם און פאַר דער פאַרטיידיגונג פון אינדיע." „מיר דאַרפן באַלד דערקלערן, אַז די דאָזיגע מלחמה איז אונזער מלחמה; מיר דאַרפן שטרעבן צו שאַפן איינהייט צווישן זיך און פאַרטיידיגן דאָס מוטערלאַנד געגן די פאַשיסטן; מיר מוזן טאָן אַלץ וואָס מיר קאָנען היינט . . . פאַר קיין פאַל טאָרן מיר נישט בלייבן אויסערן קאַמף אָדער אָננעמען אַ שטעלונג

פון נייטראַליטעט.... דאָס איז אונזער מלחמה און מיר מוזן זי געווינען."

די שטעלונג פון דעם אַל־אינדישן טרעיד־יוניאָן קאָנגרעס איז אויס־געדריקט געוואָרן דורך זיין סעקרעטאַר, נ. מ. דזשאָשי, אין אַן אינטערוויו מיט דער מאַנשאַפט פון אַן אַמעריקאַנער אַרמיי־טראַנספּאָרט — מיטגלידער פון דער נעשאָנאַל מעריטאַים יוניאָן. אַט זיינען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע אויסדרוקן:

„קיינער האָט ניט דעם פּאַשיזם, סיי לאָקאַלן און סיי אויסלענדישן, מער פון אונז.... מיר זיינען פאַר אַ באַשטימטער שטעלונג און אַקציע געגן דער 'אַקס'.... די מערהייט פון אונזערע יוניאָנס און מיט־גלידער גלויבט, אַז אמת'ע שטיצע פאַר דער מלחמה קאָן געזיכערט ווערן בלויז דורך פאַרווירקלעכן די זעלבסטשטענדיגקייט פון אינדיע.... איך באַגריס אַלע אַנטי־נאַצישע און אַנטי־יאַפּאַנישע שריט, סיי אין פּרט פון אַריינשיקן געווער און סיי אין פּרט פון אַריינשיקן טרופּן אַהער. מיר זיינען זיכער, אַז אין געגנזאַץ צו אַנדערע מענטשן, אַז זיי וועלן קיינ־מאָל נישט באַנוצט ווערן געגן דער זעלבסטשטענדיגקייט פון אינדיע אָדער געגן אינדישן פאָלק.... די זעלבסטשטענדיגקייט פון אינדיע איז געוועגדט אָן דער פולער קאָאָפּעראַציע מיט די פאַראייניגטע מלוכות. מיר האָפן, אַז אויך די ענגלענדער וועלן דאָס אָנערקענען.... די אַרבעטער גייען נישט מיט גאַנדי'ן.... מיר האָבן גאַנץ קלאָר געמאַכט אונזער שטעלונג, אַז מיר זיינען פאַר אַ פּאָליסי פון נאַציאָנאַלער פאַר־טיידיגונג פון אונזער מוטערלאַנד, צוזאַמען מיט אַ פאַראייניגונג פון אַלע עלעמענטן אין אינדיע אַרום אַזאַ פּראָגראַם.... מיר וואָלטן געוואָלט נאָכפאָלגן די פּאָליסי פון פאַראייניגונג און פאַרטיידיגונג אין דעם איצטיגן מאָמענט, כדי שפּעטער צו פאַרווירקלעכן אַן אמת'ע נאַציאָ־נאַלע רעגירונג.... אויב די מיינונגען אין לאָנדאָן וועלן זיך ניט ענדערן ראַדיקאַל... קאָנען מיר פּאָרויסזען זייער ווייניג גוטס פאַר די פאַר־אייניגטע מלוכות אין דער נאָענטער צוקונפט."

די קאָמוניסטישע מיטגלידער פון דער קאָמיטע פון דעם אַל־אינדישן קאָנגרעס האָבן דעם 26טן אַפּריל, 1942, פאַרעפנטלעכט אַ פּראָיעקט־רעזאָ־לוציע און אַן אַפּיל, וואָס האָט געדאַרפט פאָרגעבראַכט ווערן צו דער זיצונג פון דער קאָמיטע אין אַלאַהאַבאַד. די רעזאָלוציע האָט פאָרגעשלאָגן, אַז „דער קאָנגרעס זאָל נעמען די איניציאַטיווע פאַר אַ ברייטער נאַציאָנאַלער איינינקייט און צו מאָביליזירן דאָס פאָלק פאַר אַ פולשטענדיגן נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד געגן דעם אַגרעסאָר, אַזוי אַז עס זאָלן פאַראייניגט און קאָאָרדינירט ווערן אַלע אַקטן — צי דורך דעם פאָלק, דורך דער רעגירונג אָדער דורך דער

ארמיי — וואָס טרעפן דעם שונא און וואָס פאַרטיידיגן און באַשיצן דאָס פאָלק." זי דערקלערט, אַז דער קאַמף פאַר אינדיע „איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם קאַמף פון די פעלקער פון די פאַראייניקטע מלוכות. . . . עס איז נישטאָ קיין נייטראַליטעט פאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן." זי רופט צו נאַציאָנאַלער איינהייט, ספּעציעל צווישן די אינדוסן און די מוסולמאַנער, און צו קאָאָפּעראַציע מיט דער רעגירונג בעת עס ווערן פאָרטגעזעצט די פאָדערונגען וועגן אַ נאַציאָנאַלער רעגירונג פאַר אינדיע.

די קאָמיטע פון אַל־אינדישן קאָנגרעס האָט גענומען די שטעלונג, אַז: „דאָס אינדישע פאָלק איז גרייט זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון די פּראָגרעסיווע כחות פון דער וועלט און נעמען אויף זיך פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו באַגעגענען די ניי־געשאַפענע פּראָבלעמען און טראָגן די נייע לאַסטן, און פאַרלאַנגט אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן די נויטיגע באַדינגונגען, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן פאַרן אינדישן פאָלק דאָס צו טאָן." „בלויז אַ פרייע און זעלבסטשטענדיגע אינדיע קאָן זיין אין אַ לאַגע צו אונטערנעמען די פאַרטיידיגונג פון דעם לאַנד אויף אַ נאַציאָנאַלן באַזיס און צו העלפן פאַרווירקלעכן די גרעסערע צילן, וואָס וואַקסן ארויס פון דער מלחמה." צו דעם האָט דער קאָנגרעס צוגעגעבן, געגן די שטימען פון די קאָמוניסטן, די וואָרענונג וועגן אַ באַוועגונג פון ניט־קאָאָפּערירן, אויב ענגלאַנד וועט ניט פאַרהאַנדלען באַלד וועגן אַ סעטלמענט.

נאָך דעם ווי עס האָבן זיך אין אויגוסט 1942 אָנגעהויבן די רעפּרעסיעס געגן דער קאָנגרעס־פּאַרטיי, ווען ס'איז דערקלערט געוואָרן קריגס־צושטאַנד און בירגער זיינען געשאָסן געוואָרן אין די גאַסן אויף דעם באַפעל פון דער בריטישער רעגירונג אין אינדיע, האָט די אינדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי געקעיבלט קיין אַמעריקע דאָס פאָלגנדיגע:

„די לעגאַליזירטע אינדישע פּאַרטיי באַגריסט אירע אַמעריקאַנער חברים. די בריטישע הערשער האָבן גאָרנישט ניט געלערנט פון די לעקציעס פון מאַלעיאַ און בורמאַ. די פאַרטיידיגונג פון אינדיע איז אוממעגלעך אָן אַ ווירקלעכער נאַציאָנאַלער רעגירונג.

„מיר הויבן־אָן אַ קאַמפּאַניע פאַר אַל־אינדישער נאַציאָנאַלער איינהייט, פאַר פולשטענדיגן נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד, פאַר איינהייט צווישן דעם קאָנגרעס און דער מוסולמאַנישער ליגע און פאַר אַ פאַראייניגטער פאָדערונג וועגן אַ נאַציאָנאַלער רעגירונג.

„אַפּעלירט צום אַמעריקאַנער פאָלק, אַז עס זאָל אָנהויבן אַ ברייטע קאַמפּאַניע מיטן צוועק אויסצואווירקן ביי פּרעזידענט רוזוועלט, אַז ער זאָל זיך אריינמישן און פועל'ן ביי דער בריטישער רעגירונג, אַז זי זאָל

פאַרהאַנדלען מיט דעם קאָנגרעס וועגן שאַפן באַלד אַווירקלעכע נאַציאָנאַלע רעגירונג אויף דעם באַזיס פון אָנערקענען די זעלבסט־שטענדיגקייט פון אינדיע.

„גאַנדי׳ס פּאַציפיזם איז דאָ אָן אויסנאַם. נערו און די אַנדערע פירער זיינען פולשטענדיג אַנטי־פּאַשיסטיש, זיינען וויליג צו העלפן דער וועלט־דעמאָקראַטיע צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד געגן די פּאַשיסטישע אַריינדרינגער.

„וועקט אויף אייער פאָלק. אָן אינדיע׳ס גורל איז געווענדט זיין אייגענער גורל. מיר מוזן קעמפן צוזאַמען אין דער פעלקער־מלחמה, כדי צו בויען די ברידערלעכקייט פון פרייע פעלקער.״

די דאָזיגע דאָקומענטן גיבן אַ קלאָרע אָנדייטונג וועגן דער לאַגע אין אינדיע אין שייכות צו דעם וועלט־קריזיס, און ווערן באַשטעטיגט דורך מער דעטאַליזירטער אינפאָרמאַציע, וואָס איז דערגאַנגען צו אונז.

עס איז נישט נויטיג צו ווידערהאָלן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל דעם גאַנצן פּלאָנטער אַרגומענטן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ווי אַ שטויב־וואָלקן אַרום דער פראַגע פון אינדיע. ס׳איז בלויז נויטיג צו פרעגן, צי מיר דאַרפן האָבן דאָס אינדישע פאָלק, וואָס זאָל קעמפן אַקטיוו אויף אונזער זייט; מיר דאַרפן וויסן, צי דאָס פאָלק וויל קעמפן אויף אונזער זייט, און אויב יאָ — וואו איז דער אָפּהאַלט?

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אויסער יעדן ספק, אַז מיר דאַרפן האָבן אינדיע אין אַקטיוון קאַמף אויף אונזער זייט. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אויסער יעדן ספק, אַז דאָס אינדישע פאָלק וויל קעמפן אויף אונזער זייט. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אויסער יעדן ספק, אַז די בריטישע רעגירונג האָט נאָך ניט באַשלאָסן צו דערלויבן דעם אינדישן פאָלק צו קעמפן פאַר זיין אייגענער פאַרטיידיגונג, אַז זי אונטערדריקט מיט גוואַלד אַלע באַוועגונגען אין דער דאָזיגער ריכטונג און אַז זי פאַרלאָזט זיך אויף אימפּאָרטירטע באַוואָפנטע כחות און אָפּגעקליבענע אינדישע כחות, מערסטנס פון מינאָריטעט־גרופּן, פאַר דער טאָפּלטער אַרבעט פון אונטערדריקן דאָס אינדישע פאָלק און פאַרטיידיגן די אינדישע גרענעצן געגן די יאַפּאַנעזער.

אָפּגעזען פון דער פּאָליטישער און מאָראַלער זייט פון דער פּראָבלעם און באַטראַכטנדיג די לאַגע פון ריין־מיליטערישן שטאַנדפּונקט, זעען מיר, אַז אָט־די סיטואַציע אַנטוויקלט זיך נאָכאַנאַנד אין דער ריכטונג פון נאָך איינער פון דעם לאַנגן צעטל קאַטאַסטראָפעס פאַר די פאַראייניגטע מלוכות. ווייל ס׳איז קלאָר, אַז די בריטישע רעגירונג האָט ניט די מיטלען גוט־צו־מאַכן איר טאָן פון „רעדן גראָב״, און די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן

אַ באַפעל צו אירע באַוואָפנטע כחות אין אינדיע, אַז זיי זאָלן זיך ניט באַטײליגן אין די רעפּרעסיעס געגן דעם אינדישן פֿאָלק. דער וועג פֿון רעפּרעסיעס מאַכט בלויז שווערער און מער קאָסטלעך די אומפֿאַרמײדלעכע לײזונג פֿון דעם סכסוך, וועלכע מוז נאָכגעבן די פֿאַראײניגטע פֿאָדערונג פֿון דעם אינדישן פֿאָלק : דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן זײן אײגענע פֿאַרטײדיגונג.

פּאָליטישע און מאָראַלע מאָטיוון האָבן ניט די זעלביגע דירעקטע קראַפט ווי מיליטערישע נויטווענדיגקײט. און גראָד די מיליטערישע נויטווענדיגקײט דיקטירט אין דעם איצטיגן מאָמענט, אַז די פֿאָדערונגען פֿון די אָרגאַניזאַציעס פֿון דעם אינדישן פֿאָלק זאָלן נאָכגעגעבן ווערן אַזוי, אַז עס זאָל קאָנען מאָביליזירט ווערן זײער פֿולשטענדיגער אָנטײל אין דער מלחמה און אַז זיי אַלײן זאָלן קאָנען אָרגאַניזירן זײער אָנטײל. דאָס הײסט אָבער ניט, אַז פּאָליטישע און מאָראַלע מאָטיוון דאַרפֿן פֿאַרגעסן ווערן. אין לעצטן סך־הכל האָבן זיי אַן אַנטשײדנדיגע ווירקונג אויף אַלע מיליטערישע פֿראַגן. זיי זײנען דער צעמענט, וואָס האַלט צוזאַמען די פֿאַראײניגטע מלוכות ניט געקוקט אויף אַלע מיליטערישע ריקשטויסן. זיי זײנען דער באַזיס פֿון פּאַטריאָטישער שטימונג, פֿון „מאָראַל", וואָס דאָס איז סוף כל סוף די גרעסטע קראַפט פֿון דער איצטיגער מלחמה, וועלכע וועט שאַפֿן דעם אונטערשײד צווישן זיג און מפּלה. און אַלע מאָטיוון פֿון פּאָליטיק און מאָראַל באַשטעטיגן די פֿאָדערונג וועגן זעלבסטשטענדיגקײט פֿאַר אינדיע — אַניט איז דער „אַטלאַנטיק טשאַרטער" בלויז נאָך אײן פּוסטער דאָקומענט. די ווײטערדיגע אונטעריאָכונג פֿון אינדיע קאָן האָבן בלויז אײן באַרעכטיגונג, און דאָס איז מאַכט — די זעלביגע באַרעכטיגונג, וואָס די נאַציס באַנוצן פֿאַר אַלע זײערע פֿאַרברעכנס. אַזוי ווי די הערשער פֿון אינדיע האָבן מער ניט די מאַכט צו אונטערדריקן דאָס אינדישע פֿאָלק און צו דער זעלביגער צײט געווינען די מלחמה, האָבן זיי מער ניט אַפֿילו אָט־די באַרעכטיגונג.

ניין, עס איז מער נישטאָ אַפֿילו די אימפּעריאַליסטישע באַרעכטיגונג פֿאַר דער ווײטערדיגער אונטעריאָכונג פֿון אינדיע, סײדן די וואָס שלאָגן פֿאָר אַזאַ קורס זײנען גרייט מקריב צו זײן דעם זיג אין דער מלחמה ; זײנען גרייט דורכצוקומען מיט דער „אַקס", כדי אויסצודינגען פֿאַר זיך אַ טײל פֿון זײער אימפּעריאַליסטישן רויב אין די ראַמען פֿון אַ פֿאַשיסטישער וועלט.

לאָמיר טראַכטן קלאָר וועגן אָט־דער פֿראַגע. די אונטערדריקונג פֿון דעם אינדישן פֿאָלק אין דעם איצטיגן מאָמענט גרייט־צו דעם וועג פֿאַר די דעפֿיטיסטן, פֿאַר די וואָס שטעלן וועלכע ס'איז אַנדערע צילן העכער ווי דעם זיג איבער דער „אַקס", פֿאַר די וואָס זײנען גרייט זיך אײנצואָרדענען אין אַ וועלט, וואו היטלער איז דער אויבערהאַר.

איז דער שטרייט וועגן אינדיע אַ „פּריוואַטע פֿראַגע" צווישן דעם

אינדישן פאָלק און דער בריטישער רעגירונג? אזא מיינונג ווערט אָפט אויסגעדריקט דורך אַמעריקאַנער רעדאַקטאָרן און קאָלומניסטן, וועלכע וואָרנען אונז ניט אריינצומישן זיך אין אָט־דער פראַגע. לויט אָט־דער טעאָריע איז עס ניט קיין אונטערשייד, אויב אין דעם שטרייט ארום אינדיע שטייט אויך אין קאָן דער זיג אין דער וועלט־מלחמה; און אויב די בריטישע הערשער און דאָס אינדישע פאָלק קאָנען ניט דורכקומען, און ווי אַ רעזולטאַט דערפון וועט דער לאַגער פון די פאַראייניגטע מלוכות אזוי אָפּגעשוואַכט ווערן, אַז מיר וועלן פאַרלירן די מלחמה, איז עס טאַקע זייער שלעכט, אָבער מיר קאָנען גאָרנישט ניט טאָן וועגן דעם. „אינדיע", זאָגן זיי מיט דאָגמאַטישער ענדגילטיגקייט, „איז אַ היימישע פּראָבלעם פון דער בריטישער אימפּעריע."

און דאָס ברענגט אונז צוריק צו דער פראַגע, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן ווי דער „קאָפּ" פון אָט־דעם קאַפּיטל: „איז אינדיע אַ מיטגליד פון די פאַראייניגטע מלוכות?" ס'איז אמת, אַז איר נאָמען איז דאָרט אונטערגעשריבן דורך אַ רעגירונג, וועלכע איז די באַשעפעניש פון לאָנדאָן. אָבער דער פאַקט גופא, וואָס די אונטערשריפט איז דאָרט פאַראַן, איז אַ סימן, אַז די אַנדערע רעגירונגען אָנערקענען אינדיע ווי אַ מיטגליד, ווי אַ „נעישאָן" אין דעם בונד פון די „יונאַיטעד נעישאָנס". דער פאַקט וואָס די אונטערשריפט פון דער איצטיגער רעגירונג ווערט אָנגענומען אין אינדיע'ס נאָמען איז נישט קיין באַווייז, אַז יענע רעגירונג האָט אַ רעכט צו הערשן איבער אינדיע; ס'איז בלויז אַ באַשטעטיגונג פון אינדיע'ס רעכט צו זיין אָנוועזנד אין דעם ראַט פון די פאַראייניגטע מלוכות. און די דעקלאַראַציע גופא פון די פאַראייניגטע מלוכות, אונטער וועלכער אינדיע'ס נאָמען איז אונטערגעשריבן, לייקנט דאָס רעכט פון דער איצטיגער אינדישער רעגירונג אָנצוהאַלטן איר פּאָזיציע געגן דעם ווילן פון דעם אינדישן פאָלק. די דעקלאַראַציע, דורך וועלכער ס'איז געשאַפן געוואָרן די פאַראייניגטע מלוכות, האָט געגעבן צו אַמעריקע און צו אַלע אַנדערע אונטערגעשריבענע מלוכות דאָס רעכט אויפצוהויבן די פראַגע וועגן דער פולער מאָביליזאַציע פון יעדן לאַנד פאַר דער מלחמה, אריינגערעכנט אינדיע. דאָס דאָזיגע רעכט עקזיסטירט נישט בלויז פאַקטיש, לויט דער איצטיגער סיטואַציע, נאָר אויך יורידיש, לויט דעם אָפּמאַך פון די פאַראייניגטע מלוכות.

אַמעריקע האָט ניט בלויז דאָס רעכט, נאָר אויך די פליכט צו אונטערנעמען די שריט, וואָס וועלן פאַרזיכערן די פולע מאָביליזאַציע פון דער מענטשן־קראַפט און דער ווירטשאַפט פון אינדיע פאַר דעם געמיינשאַפטלעכן זיג אין דער מלחמה. אויב די בריטישע הערשער פירן נישט דורך אָט־די אַרבעט מחמת זייערע ספּעציעלע אינטערעסן און אַלטע פאָראורטיילן, איז עס די אויפגאַבע פון די אַנדערע מיטגלידער פון די פאַראייניגטע מלוכות

זיך אריינצומישן צוליב די געמיינשאפטלעכע אינטערעסן פון אלעמען. מיר געפינען זיך „אלע אויף איין שיף" — צום ווינציגסטן, ביז מיר וועלן געווינען דעם זיג, און מיר האפן, אז די שיף וועט זיין ניצלעך אויך נאך דעם זיג. נאר כדי די שיף זאל צוקומען צום האפן פון זיג, מוז די פאראייניגטע מלוכות קאנטראלירן די נאווינאציע דורך אזוינע פעלזן ווי די אינדישע פראגע, אויף וועלכע די שיף קאן צעשמעטערט ווערן.

אין די אינטערעסן פון דעם זיג פון די פאראייניגטע מלוכות דארף אינדיע — וועלכע איז איצט פארמעל א מיטגליד פון די פאראייניגטע מלוכות און איז אנערקענט ווי א „נעישאן" — באלד קריגן אזא מאס פון פראקטישער נאציאנאלער זעלבסטשטענדיגקייט, וואס זאל פאר איר מעגלעך מאכן צו באקעמפן און באזיגן דעם געמיינשאפטלעכן שונא ביי אירע גרענעצן. וואס איז שייך די אנדערע פראגן, קאנען זיי איבערגעלאזט ווערן צו דער צוקונפט און צום פאלק, נאכדעם ווי דער זיג וועט זיין געוואונען. דאס איז די געזונטע שטעלונג, וואס אמעריקע דארף נעמען; א שטעלונג, וואס ווערט דיקטירט דורך מיליטערישער נויטווענדיגקייט אין א פארצווייפלטער מלחמה; א שטעלונג, וואס ווערט באשטעטיגט דורך דער געמיינשאפלעכער דעקלאראציע פון די פאראייניגטע מלוכות; א שטעלונג, וואס שטיצט זיך אויף אינטער־נאציאנאלער מאראל; א שטעלונג, וואס וועט ענטוזיאסטיש געשטיצט ווערן דורך דער גרויסער מערהייט פון דער באפעלקערונג פון די פאראייניגטע מלוכות, דורך אונטערדריקטע פעלקער אומעטום און דורך דעם ענגלישן פאלק גופא. וועלכער ס'איז אנדערער קורס שאפט די געפאר פון נייע און מער ערנסטע נידערלאגעס פאר די פאראייניגטע מלוכות.

זיינען מיר געגוג גרוים אויף דורכצופירן אונזערע אויפגאבן? האבן מיר די מאראלישע און אינטעלעקטועלע כחות צו בלייבן לעבן אין אט־דער געפערלעכער וועלט? דער ענטפער אויף אט־די פראגן וועט געגעבן ווערן דורך דעם קורס, וואס מיר וועלן נאכפאלגן בנוגע אינדיע.

אפריקע ווי א קראפט אין דער מלחמה

מען קאן ניט איגנארירן א קאנטינענט מיט א באפעלקערונג פון 150 מיליאן. זיכער ווערט ער נישט איגנארירט פון דער „אקס", וועלכע האפט און פלאנעוועט צו עקספלואטירן אפריקע מיט ווינשאפטלעכער גרינט־

לעבקייט ווי אַ שקלאַפן־קאָנטינענט אין איר „נייער אָרדענונג". און ס'איז פונקט אַזוי זיכער, אַז פאַר די פאַראייניגטע מלוכות איז עס לעבנס־וויכטיג צו פאַרטיידיגן אַפריקע געגן דער „אַקס"; און אַמעריקע איז באַזונדער פאַראינטערעסירט אין אַפריקע דערפאַר, וואָס פון דאָרטן קאָן די „אַקס" אָנהויבן אַן אָנגריף אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

קיינער אין די אָפיציעלע קרייזן האָט נאָך נישט באַטראַכט ערנסט די פראַגע פון אַפריקע ווי אַ פּאָטענציעלע מאַכט אויף דער זייט פון די פאַראייניגטע מלוכות און נישט בלויז ווי אַ טעריטאָריע, וואָס דאַרף באַשיצט ווערן פון די „אַקס"־רויבער. אַפריקע ווערט נאָך נישט באַטראַכט ווי אַן אָנטיילנעמער אין דער מלחמה. אָבער אַ מאָביליזירטע און באַוואָפנטע אַפריקע אויף דער זייט פון די פאַראייניגטע מלוכות וואָלט אַנטשיידן פאַרענדערט די מאַכט־פאַרהעלטעניש פון דער וועלט און וואָלט פאַרשנעלערט דעם טאָג פון זיג פאַר אונזער זייט.

איז אונזער זייט דען אַזוי שטאַרק ,אַז מיר קענען זיך פאַרגינען צו פאַרגעסן אָן אָט־דער פּאָטענציעלער מיליטערישער קראַפט? אַז מיר קאָנען איבערלאָזן די פאַרטיידיגונג פון אַפריקע אינגאַנצן צו אייראָפּייאישע און אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, וואָס מוזן געשיקט ווערן דורך לאַנגע שטרעקעס און פאַרנוצן אַ מאַסע שיף־טראַנספּאָרטאַציע, אָנשטאָט צו אָרגאַניזירן די אַפריקאַנער גופא פאַר דער פאַרטיידיגונג פון אַפריקע?

די דזשאָרדאַן־ליום שול פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם באַטראַכט אַפריקע אויסשליסלעך ווי אימפּעריאַליסטישן רויב; זי אָנערקענט, אַז די אַלטע אימפּעריאַליסטישע סטרוקטור איז צעבראָכן און אַז די אַלטע אַדמיניסטראַציע פון דעם קאָנטינענט איז באַנקראָט; זי באַטראַכט מיט באַוואונדערונג די נאַצי־פּלענער וועגן אַ שקלאַפן־אימפּעריע אויף דעם אַפריקאַנער קאָנטינענט און זי קומט צום שלום, אַז די דאָזיגע פּלענער מוזן אָפּגעוואָרפן ווערן פאַר דייטשלאַנד, נאָר אַז זיי דאַרפן אָנגענומען ווערן פאַר אַמעריקע, מיט ענגלאַנד ווי אַ מעגלעכן שותף. דער דאָזיגער פאָרשלאַג, וואָס פאַר אַ ווערט ער זאָל נישט האָבן פאַר ספּעציעלע גרופּן, איז זיכער נישט אַזאַ, וואָס וועט העלפן געווינען די מלחמה. ער שוואַכט אָפּ די מאָראַלע קראַפט פון די פאַראייניגטע מלוכות געגן דער „אַקס"; ער ווירקט צו אונטערגראָבן די פאַראייניגטע מלוכות פון אינעווייניג; ער הויבט־אויף שאַרפע שטרייט־פראַגן צווישן די מלוכות, וואָס מוזן זיין ענג פאַרבונדן כדי צו געווינען די מלחמה; און ער שליסט אויס יעדע מעגלעכקייט צו מאָביליזירן אַפריקע פאַר איר אייגענער פאַרטיידיגונג. באַטראַכטנדיג אַפריקע אויסשליסלעך פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער ראָלע, וואָס זי קאָן שפּילן צו געווינען די מלחמה, מוזן

מיר אינגאַנצן אָפּוואַרפן אַלע אַזוינע גערדאַנקען און פּלענער וועגן יענעם קאָנטינענט.

נישט דורך דער שולד פון איר פאָלק, נאָר מחמת דער לאַנג־יאָריגער אימפּעריאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג, האָט אַפריקע נאָך נישט דערגרייכט צו יענע פאַרבאַדינגונגען פאַר זעלבסטשטענדיגער אַנט־וויקלונג, וואָס אינדיע האָט שוין דערגרייכט. עס איז אָבער קלאָר, אַז דער גאַנג פון געשעענישן פירט אַפריקע אין דער זעלביגער ריכטונג, אַז אירע פּראָבלעמען זיינען אין עצם די זעלביגע, נאָר ווייניגער אַנטוויקלט. די אַפריקאַנער מאַסן שטייגן אין זייער באַוואוסטזיין און סאָלידאַריטעט, קעמפן פאַר אַלץ אַ גרעסערער מאָס בירגער־רעכט, פאַר צעברעכן די קאָלאָניאַלע סיסטעם פון לאַנד־מאָנאָפּאָליע, פאַר ענדערן די ברוטאַלע אויסנוצונג פון די נאַטור־אוצרות פון דעם קאָנטינענט צוליב די אויסשליסלעכע אינטערעסן פון אויסלענדער, פאַר אַ מער־באַלאַנסירטער אַנטוויקלונג פון דערווירט־שאַפט פון דעם קאָנטינענט אין איינקלאַנג מיט די באַדערפעניש פון דער אַפריקאַנער באַפעלקערונג.

די דאָזיגע שטרעבונגען פון די אַפריקאַנער פעלקער קאָנען פאַרבונדן ווערן מיט דער זאַך פון די פאַראייניגטע מלוכות, און אַזוי אַרום קאָנען מיר צוקריגן ווערטפולע שותפים; אָדער זיי קאָנען איגנאָרירט און אונטערדריקט ווערן, וואָס דערמיט וועלן געשאַפן ווערן נאָך מער פּראָבלעמען פאַר די פאַר־אייניגטע מלוכות און עס וועלן דערמוטיגט ווערן מעגלעכע אַרויסהעלפער פאַר דער „אַקס".

דאָס, אין עצם, איז די גרונט־פראַגע וועגן אַפריקע און איר פּלאַץ אין דער מלחמה.

די דאָזיגע פראַגע ווערט כמעט אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיגט. נישט האָבנדיג קיין אויסגעהאַלטענע און לאָגישע פּאָליסי, פירן די פאַראייניגטע מלוכות אין אַפריקע אַ פּלאַנלאָזע פּאָליטיק און קעמפן אין נישט־אַנטשיידנדיגע מילי־טערישע שלאַכטן — וואָס אייניגע ווערן גלענצנדיג געפאָכטן און אַנדערע נישט אַזוי גלענצנדיג — אָבער שטענדיג מיט די אויגן פאַרמאַכט אויף די פּאָטענציעלע כחות, וואָס וואָלטן געקאָנט מאַכן פון אַפריקע אַן אומבאַזיג־באַרע פעסטונג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות.

ס'איז אפשר נישטאָ קיין האָפענונג צו דערוואַרטן אַן ענדערונג אין פּאָליסי אויף דער איניציאַטיווע פון יענע קרייזן, וואָס זיינען איינגעטונקען אין די טראַדיציעס פון קאָלאָניאַליזם און וואָס פאַר זיי איז דאָס אַפריקאַנער פאָלק נישט מער ווי לאַסט־פי. פאַר אַזוינע מענטשן און גרופּן האָבן די ווערטער פון דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער" אַ באַדייטונג בלויז פאַר די „ציווי־ליזירטע פעלקער" פון אייראָפּע, אָבער ניט פאַר זייערע אייגענע „אונטער־

טאַנען", איבער וועמען זיי האָבן געהערשט אין דעם משך פון דורות.

די פאַראייניגטע מלוכות איז אָבער אַ גרויסע קאָאַליציע, וועלכע שליסט איין אַ סך לענדער, וואָס האָבן אַ העכערן ציל אין דעם זיג, ווי אָנהאַלטן אַפריקע אַלס אַ געביט פון קאָלאָניאַלער עקספּלואַטאַציע. אין דער קאָאַליציע גייט אַריין כינע, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פאַראייניגטע שטאַטן, וואָס מחמת פאַרשיידענע מאָטיוון האָבן זיי ניט קיין שום אינטערעס אין דער דירעקטער עקספּלואַטאַציע פון אַפריקע ווי אַ טייל פון אַ קאָלאָניאַלער סיסטעם, נאָר זיי האָבן יאָ אַ דירעקטן אינטערעס אין אַפריקע ווי אַ קעמפנדיגן שותּף געגן דער „אַקס". כינע, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פאַראייניגטע שטאַטן, ווי מיטגלידער פון די פאַראיי־ניגטע מלוכות, האָבן זיך געגנזייטיג פאַרפליכטעט צו מאָביליזירן אַלע זייערע רעסורסן פאַר דעם געמיינשאַפטלעכן זיג איבער דער „אַקס", און זיי האָבן דאָס פולע רעכט אויפצוהויבן די פראַגע פון מאָביליזירן די מענטשן־קראַפט פון אַפריקע פאַר דעם דאָזיגן צוועק. זיי וואָלטן געפונען שטיצע אין ענגלאַנד גופא, אויב ניט אין דער רעגירונג איז צווישן די פאָלקס־מאַסן, וואָס ווייזן אַרויס מער און מער נייגונג צו דריקן אויף דער רעגירונג, אַז זי זאָל דורכפירן די שטעלונג פון פאָלק.

מען מוז צוגעבן, אַז אין אַמעריקע טראַכטן מיר ווייניג אין אַזאַ ריכטונג. אונזער אינטערעס אין אַפריקע איז שטאַרק, און אונזער רעגירונג האָט מילי־טערישע און עקאָנאָמישע מיסיעס אין פאַרשיידענע טיילן פון אַפריקע, וועלכע שטודירן די פּראָבלעמען פון איר פאַרטיידיגונג און איר ווירטשאַפט אין פאַרבינדונג מיט דער מלחמה. אָבער אַפריקע'ס מענטשן־קראַפט פאַר דער מלחמה איז נאָך אַלץ אַ פאַרבאָטענער געגנשטאַנד פאַר ערנסטע אויספאָר־שונגען און פּלענער. די דאָזיגע פראַגע איז פונקט אַזוי ערנסט אין אַפריקע, ווי זי איז געווען אין מאַלעיאַ, סינגאַפור, אינדאָנעזיע און בורמאַ, וואו איר פאַרנאַכלעסיגונג האָט געבראַכט אַזעלכע קאַטאַסטראָפישע רעזולטאַטן פאַר די פאַראייניגטע מלוכות.

וואָס פאַר אַ פּראַקטישע פּראָגראַם קאָן זיין דערפאָלגרייך אויף צו לייזן די טאָפּלטע פּראָבלעם פון געווינען די קאָאָפּעראַציע פון די אַפריקאַנער מאַסן און צו דער זעלביגער צייט קריגן כאָטש אַ מינימום קאָאָפּעראַציע מצד די מלוכות, וועלכע האָבן יאָרן לאַנג רעגירט איבער אַפריקע ווי איבער אַ גרופּע קאָלאָניעס?

עס איז קלאָר, אַז אַזאַ פּראָגראַם קאָן אויסגעאַרבעט ווערן בלויז ווי אַ פּראָגראַם פון די פאַראייניגטע מלוכות און ניט פון די באַזונדערע מלוכות. עס וועט זיך פאָדערן אַ פאַראייניגטער צוגאַנג צו אָט־דער פּראָבלעם, כדי די אַנטוויקלונג פון אַפריקע אין דער מלחמה זאָל ניט איבערגעלאָזט ווערן צום „נאַטירלעכן גאַנג", אין וועלכן ביוראָקראַטישע טעמפּקייט און בורבאָניזם

קאָאָפּערירן מיט די נאַציס אין אַט־דער „נאַטירלעכער" ראָלע. די אַריינ־מישונג פון די פאַראייניגטע מלוכות, וואָס דריקט אויס דעם געמיינשאַפט־לעכן אינטערעס פאַרן זיג, איז די נויטיגע פאַרבאַנדיגונג אויף צו מאָביליזירן די פולע קראַפט פון אַפריקע אויף אונזער זייט פון דער מלחמה.

בלויז דורך האַרמאָניזירן די פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן פון ענגלאַנד, אַמעריקע, כינע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דורך פאַראייניגן זיי אין אַ פּלאַן, וואָס זאָל שאַפן דעם מאַקסימום צושטימונג און אַקטיווע קאָ־אָפּעראַציע פאַר דער מלחמה מצד דער אַפריקאַנער באַפעלקערונג, קאָן גע־שאַפן ווערן די פּראַקטישע מעגלעכקייט צו ענדערן אויף אַן אַנטשיידנדיגן אופן די כחות־פאַרהעלטעניש אין אַפריקע, וואָס זאָל זיין גינסטיג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות.

דורך דער איניציאַטיווע פון די פאַראייניגטע מלוכות קאָן אַזאַ פּראַק־טישע פּראָגראַם געשאַפן ווערן. זי וואָלט נויטיגערווייז געמוזט אַריינגענומען די פאָלגנדיגע שטריכן:

פאַר די אַפריקאַנער פעלקער: אָפּשאַפן די ערגסטע באַשרענקונגען אויף זייערע ציווילע רעכט, ווי דעם קאָפּ־שטייער, די פּאַספּאָרטן־סיסטעם, די פּרעסע־באַשרענקונגען און די באַשרענקונג פון שטים־רעכט אין לאָקאַלער רעגירונג; מאַכן די ניט־גענוצטע לאַנד־שטרעקעס צוגענגלעך פאַר לאַנד־ווירטשאַפט, אָנגעפירט דורך די אַפריקאַנער, אַנטוויקלען ברייטער די סיסטעם פון קליינע פאַרמס און ברעכן די לאַנד־מאָנאָפּאָליע; איינשטעלן אַ קאָנטראָל איבער דער עקספּלואַטאַציע פון אַפריקאַנער נאַטור־אוצרות, ספּעציעל איבער מאַינינג, כדי צו גאַראַנטירן אַלץ אַ גרעסערן טייל נוצן פאַר אַפריקע; אויפ־הויבן די שטופע פון איר ווירטשאַפט און די לעבנס־סטאַנדאַרדס פון איר פאָלק. בלויז אַ גאַראַנטירטע פּראָגראַם פון אַזאַ פּאָליטישן און עקאָנאָמישן פּראָגרעס — נישט אין דער אומבאַשטימטער צוקונפט נאָך דער מלחמה, נאָר איצט, אין לויף פון דער מלחמה און ווי אַ מיטל פאַר בעסערער אָנפירונג מיט דער מלחמה — קאָן אויפהויבן דאָס אַפריקאַנער פאָלק צו אַ שטופע פון באַוואוסטזיניגער שותפות מיט די פאַראייניגטע מלוכות.

פאַר דער געמיינשאַפטלעכער זאַך פון די פאַראייניגטע מלוכות וואָלט אַזאַ פּראָגראַם בייגעטראָגן: די פאַרגרעסערטע מיליטערישע און עקאָנאָמישע פּאָטענציעלע מאַכט פון אַפריקע, וואָס וואָלט געקאָנט אויסגעברייטערט ווערן פּונקט אַזוי שנעל ווי די נייע פּאָליסים וועלן דורכגעפירט ווערן אין לעבן; די איזאָלאַציע און אַנטוואָפענונג פון די צענטערס פון דעם פינפטן קאָלום, וואָס די „אַקס" האַלט דאָרט אָן, כדי אונטערצוגראָבן די פּאָזיציע פון די פאַראייניגטע מלוכות; די קרעפטיגונג פון דער וועלט־קאָאַליציע פון די אַנטי־„אַקס" כחות אין די פאַראייניגטע מלוכות דורך אָפּשוואַכן די קאָנ־

קורענטישע שטרעבונגען אין אפריקע און דורך פארזיכערן כינע, אינדיע, דעם סאוועטן־פארבאנד, לאטיין־אמעריקע און אלע אנטי־אימפעריאליסטן, אז עס וועט ניט דערלויבט ווערן פאר ספעציעלע אימפעריאליסטישע גרופן מיט „חזקה"־אינטערעסן צו שאפן שטערונגען פארן זיג.

אזא צוגאנג צו אפריקע וואלט אנגעווענדט אין דער פראקטיק דעם פינפטן פונקט פון דעם „אטלאנטיק טשארטער", וועלכער זאגט צו „די פולסטע קאאפעראציע צווישן אלע מלוכות אויף דעם עקאנאמישן געביט מיט דעם ציל צו פארזיכערן פאר אלעמען פארבעסערטע ארבעט־באדינגונגען, עקאנאמישן פארטשריט און סאציאלע זיכערקייט". דאס וואלט צוגעגעבן פראקטישע ממשות צו דער דעקלאראציע פון די פאראייניגטע מלוכות „צו קאאפערירן מיט דער אונטערגעשריבענער רעגירונג" און „צו באנוצן אירע פולע רעסורסן, מיליטערישע און עקאנאמישע, פאר דעם זיג אין דער מלחמה".

עס איז, דאכט זיך, נישטא קיין אנדער וועג ווי אזוי די דעקלאראציע און דער „אטלאנטיק טשארטער", וואס פרעזידענט רוזוועלט האט דערקלערט אלס גילטיג פאר דער גאנצער וועלט, זאל געמאכט ווערן גילטיג פאר אפריקע אויף א באלדיגן, פראקטישן אופן.

עס איז קלאר, אז אזא פראקטישע פראגראם פאר אפריקע איז ניט אויסן צו לייזן אלע פונדאמענטאלע פראגן. זי שאפט ניט אפ די אימפעריאליסטישע עקספלואטאציע און קאנטראל איבער אפריקע, נאר אין די אינטערעסן פון דער מלחמה, אין נאמען פון די פאראייניגטע מלוכות שאפט זי געוויסע באשרענקונגען פאר אזא עקספלואטאציע און קאנטראל, אומעגפער ווי ארבעטער־געזעצן באשרענקען קאפיטאליסטישע עקספלואטאציע, נישט אפשאפנדיג דעם קאפיטאליזם, נאר ווי א נויטיגן שטריך פון קאפיטאליזם. די פראגראם פאר־ענטפערט ניט די פראגע וועגן דער נאציאנאלער זעלבסט־באשטימונג פון אפריקאנער פעלקער — פראגן, וואס א צאל פון זיי מוזן פארענטפערט ווערן מער דירעקט אין לויף פון דער מלחמה, און אנדערע — נאך דער מלחמה. די פראגראם פארענטפערט ניט די פראבלעמען פון קאנקורענטישע שטרעבונגען אין אפריקע מצד אייראפייאישע מלוכות, מיט דער אויסנאם פון אויס־שליסן די „אקס" פון אפריקע, נאר זי טעמפט־אפ די שארפקייט פון די קאנקורענטישע אמביציעס אין די פאראייניגטע מלוכות און מאכט גרינגער זיי צו הארמאניזירן און אריינברענגען אלס פארמיטלער אנדערע וועלט־כחות, וואס האבן נישט קיין דירעקטן עגאאיסטישן אינטערעס אין אזא קאנקורענץ. ס'איז א פראגראם פון דראסטישע באשרענקונגען אויף דעם אימפעריאליזם און אפריקע, אויף וויפיל דאס איז נויטיג פאר דער פולסטער אנטוויקלונג פון אפריקע'ס מיליטערישן און עקאנאמישן ביטראג צום זיג; נאר זי לאזט אפן פאר צוקינפטיגער לייזונג די גאנצע פראגע פון דעם נאך־מלחמה סטאטוס

פון אפריקע, חוץ דעם שוין־אָנגעוויזענעם פּונקט פון דעם „אַטלאַנטיק טשאַר־טער”, וואָס זאָגט־צו זעלבסט־באַשטימונג פאַר אַלע פעלקער נאָך דער מלחמה.

כדי צו לייזן אַזוינע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען ווי אַפריקע שטעלט מיט זיך פאָר, וועט פאַרשטייט זיך נויטיג זיין, אַז די פּאַראַיינ־יגטע מלוכות זאָל אַליין ווערן אַ מער אָרגאַניזירטע גאַנצקייט, ווי זי איז איצט. אָבער דאָס איז אין אַ גלייכער מאָס נויטיג פאַר דער אָנפירונג פון דער מלחמה בכלל, — אַ שווערערע און מער קאָמפּליצירטע פּראָבלעם ווי אַפריקע, וועלכע איז בלויז איין סעקטאָר פון דער מלחמה.

אייגנטלעך מאַכט אַפריקע אַ זייער ניצלעכן ביישטראָג צו דער אַנטוויקלונג פון די פּאַראייניגטע מלוכות דורך אַרויסרופן אין אַ שאַרפער און באַלדיגער פאָרם די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון פּאָליסי פאַר די פּאַראייניגטע מלוכות. זוכנדיג אַ וועג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַפריקע, העלפן מיר אין דער זעלביגער צייט קלאָר מאַכן די ראָלע פון די פּאַראייניגטע מלוכות אין דער גאַנצער וועלט־סיטואַציע און גרייטן צו די פּאַראייניגטע מלוכות פאַר אירע אויפגאַבן אין דער נאָך־מלחמה וועלט.

דער געדאַנק וועגן דעם קאָנטראָל פון די פּאַראייניגטע מלוכות איבער דער מאָביליזאַציע פאַר דער מלחמה, מיט דעם אָנטייל פון די אַפריקאַנער פעלקער, טאָר נישט צונויפגעמישט ווערן מיט דער מאַנדאַטן־סיסטעם פון דער פעלקער־ליג איבער קאָלאָניאַלע טעריטאָריעס. ערשטנס, איז די פעלקער־ליג געווען גאַנץ אַנדערש פון די איצטיגע פּאַראייניגטע מלוכות; זי האָט נישט געהאַט ניט די פּאַראייניגטע שטאַטן, ניט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד (ביז די לעצטע עטלעכע יאָר פאַר איר טויט) אַלס מיטגלידער, און כינע איז דאָרט געווען בלויז אַ צווייט־קלאַסיגער בירגער, בעת די דאָזיגע דריי מלוכות זיינען צווישן די „גרויסע פיר” פון די פּאַראייניגטע מלוכות. צווייטנס, איז די מאַנדאַטן־סיסטעם פון דער פעלקער־ליג געווען דער היפּוך פון פּאַראייניגטן קאָנטראָל און אַדמיניסטראַציע, ווי דאָס איז צו זען פון דעם פאַקט, אַז גראָד די מאַנדאַטן־סיסטעם האָט געגעבן צו יאַפּאַן די מיליטערישע באַזעס אין דעם פּאַסיפיק, וואָס ווערן איצט גענוצט אין דער מלחמה קעגן די פּאַר־אייניגטע מלוכות. עס וועט, פאַרשטייט זיך, נויטיג זיין אַ שאַרפע וואַכ־זאַמקייט, אַז די אַלטע „מאַנדאַטן־אידייע” זאָל ניט אַריינדרינגען אין דער פּראָגראַם פון די פּאַראייניגטע מלוכות פאַר אַפריקע, ווייל שטאַרקע טענדענצן אין אַזאַ ריכטונג וועלן זיך זיכער אַרויסווייזן. אַ וואַכזאַמע עפנטלעכע מיינונג אין אַמעריקע און ענגלאַנד, צוזאַמען מיט די נאַטירלעכע נייגונגען פון כינע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער אָנפירערשאַפט פון די פּאַראייניגטע מלוכות, קאָן אָפּהייטן אונזערע איצטיגע פאַרזוכן צו אָרגאַניזירן די וועלט פון די פעלזן, אויף וועלכע די פעלקער־ליג איז צעשמעטערט געוואָרן.

אין אַזאַ צייט איז נויטיג אין אַ געוויסער מאָס אַריינצודרינגען אין „ניט־אויסגעפאָרשטער טעריטאָריע". דער ציל פון זיג אין אַט־דער „גלאָבאַלער" מלחמה פאָדערט אַ „גלאָבאַלע" אויפפאַסונג פון סטראַטעגיע און טאַקטיק און אַ „גלאָבאַלע" מאָביליזאַציע פון כחות. אַפריקע איז איינער פון די גרעסטע כחות אין אַט־דער וועלט־סיטואַציע. אַפריקע מוז אויף אַ פּראַקטישן אופן איינגעגלידערט ווערן אין דער אַלגעמיינער אויפפאַסונג פון די פאַר־אייניגטע מלוכות. דער „גלאָבאַלער" שטאַנדפּונקט, וואָס איך האָב אַנטוויקלט אין דעם בוך, דיקטירט אַט־דעם צוגאַנג צו אַפריקע און די פאָרלויפיגע פּראָגראַם וואָס איז דאָ אָנגעצייכנט געוואָרן אין אַלגעמיינע שטריכן.

קאַפּיטל אַכצן

דער קאַמף פאַר לאַטיין־אַמעריקע

היטלער'ס מאַרש צו וועלט־באַהערשונג האָט געבראַכט אַ געפאַר פאַר דער סאַמע עקזיסטענץ פון די זעלבסטשטענדיגע מלוכות אין לאַטיין־אַמעריקע צום ערשטן מאָל זינט זיי זיינען צו־שטאַנד געקומען אין דער באָליוואַר־רעוואָלוציע אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט. לאַטיין־אַמעריקע געהערט נויטיגערווייז צו די רייען פון די פאַראייניגטע מלוכות. די צען רעפּובליקן פון צענטראַל־אַמעריקע און פון קאַריבייער געביט זיינען געווען צווישן די ערשטע זיך אָנצושליסן. בראַזיל, וואָס האַלט ביים דערקלערן מלחמה געגן נאַצי־דייטשלאַנד, ווען אַט־די שורות ווערן געשריבן, ברענגט אַריין די גרעסטע דרום־אַמעריקאַנער מלוכה אין אַט־דער קאָאַליציע. דאָך האָט וויים־פּרעזידענט וואַלאַס געהאַט גענוג ערנסטן גרונט צו וואָרנען, אין זיי באַרימטער רעדע פון 8טן מאַי, וועגן דער נאָענטער געפאַר פון אַן ערנסטער אַריינדרינגונג פון דער פאַשיסטישער „אַקס" אין לאַטיין־אַמעריקע. דער קאַמף צווישן היטלער'ן און די פאַראייניגטע מלוכות איז אינטענסיוו און ביטער, און היטלער'ס פינפטער קאָלום האָט שוין פון לאַנג אָנגעהויבן זיין אַריינדרינגונג אין יענע לענדער.

אויף דער איצטיגער שטופע דריקט זיך אויס די מלחמה אין לאַטיין־אַמעריקע הויפּטזאַכלעך אין דעם קאַמף פון דעם פינפטן קאָלום. און דער פינפטער קאָלום האָט גרעסערע אָרגאַניזירטע כחות אין לאַטיין־אַמעריקע ווי היטלער האָט באַוויזן צו מאָביליזירן אין וועלכן ס'איז פון די אייראָפּייאישע לענדער, וואָס זיינען געפאַלן קרבנות פון זיין מיליטערישער דעראָבערונג.

אין אַרגענטינע ווערט די רעגירונג נאָך אַלץ באַהערשט פון אַט־די „אַקס"־איינפלוסן, כאָטש די מאַסן און זייערע פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען אין דער גרויסער מערהייט אויף דער זייט פון די פאַראייניגטע מלוכות.

די באַזעס פון די „אַקס"־אָפּעראַציעס אין לאַטיין־אַמעריקע זיינען: ערשטנס, די גרויסע גרופּן פון דייטשע, איטאַליענישע און יאַפּאַנעזישע אימיגראַנטן, וואָס וואוינען הויפּטזאַכלעך אין קאָנצענטרירטע געמיינדעס, וועלכע זיינען באַהערשט פולשטענדיג דורך „אַקס"־פירערשאַפט און שטייען פולשטענדיג צו דער דינסט פון די „אַקס"־רעגירונגען; צווייטנס, די דיפּלאָמאַטישע נעץ פון דער „אַקס"־באַהערשטער שפּאַנישער רעגירונג פון פראַנציסקאָ פראַנקאָ, וואָס פירט און אָרגאַניזירט די רעאַקציאָנערע שפּאַנישע און געבירטיגע עלעמענטן אין דער פאַלאַנגאַ און גרייט זיך אָפּן צו דער ווידער־אויפשטעלונג פון דער אַלטער שפּאַנישער אימפּעריע אין לאַטיין־אַמעריקע מיט דער מיליטערישער הילף פון די „אַקס"־מלוכות; און דריטנס, די ספּעציאַליזירטע באַנדעס שפּיאָנען, סאַבאָטאַזשניקעס און פּראָוואָקאַטאָרס, וואָס היטלער האָט אָרגאַניזירט פון דער אונטערוועלט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אונטער דער קאָמאַנדע פון זיינע דירעקטע דייטשע אַגענטן און וועלכע דרינגען אריין אַפילו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פערזאָנען פון טראָצקיסטן און ענלעכע קרימינעלע עלעמענטן.

די אָפּעראַטיווע מעטאָדן פון דעם פינפטן קאָלום אין לאַטיין־אַמעריקע פאָלגן נאָך דעם קלאַסישן מוסטער. זיי העצן אויף און פאַרביטערן אַלע שטרייטן אין אַ געוויסן לאַנד און זוכן דורך אַלע מיטלען צו צעשפּליטערן די מערהייט פון פאָלק אויף קעמפנדיגע גרופּן. זיי העצן אויף און פאַרביטערן אַלע שטרייט־פראַגן, אמת'ע אָדער אויסגעטראַכטע, צווישן איין לאַנד און אַ צווייטן און באַזונדער צווישן לאַטיין־אַמעריקע בכלל און די פאַראייניגטע שטאַטן, ענגלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זייערע אייגענע כחות האַלטן זיי אויף ווי אַ פעסטע שלאָג־מאַכט דורך באַנוצן זיך מיט דער טיפּישער טעראָריסטישער דיקטאַטור פון די נאַציס.

דאָס האָט די אינטריגע פון דעם נאַצישן פינפטן קאָלום געשאַפן דעם קריזיס אין בראַזיל צוריק מיט עטלעכע יאָר, וואָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פון דעם האַלב־דיקטאַטאָרישן רעזשים, וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף אַ מיליטערישער מאַכט, וואָס איז געווען דורכגעוועבט מיט נאַצי־אַגענטן, בעת דער פּאָפּולערער פירער לואיס קאַרלאָס פּרעסטעס איז אריינגעוואָרפן געוואָרן אין געפענגעניש. ווען דער קאָמוניסטישער מיטגליד פון דעם קאָנגרעס פון קובא, בלאַ ראָקאַ, האָט אויף זיין באַזוך אין בראַזיל ענדלעך געקראָגן די דערלויבעניש צו זען זיך מיט פּרעסטעס'ן אין געפענגעניש, איז דאָס געווען אַ זיכערער סימן, אַז פּרעזידענט וואַרגאַס האָט

געבראכן דעם קאנטראל פון דער נאצי־אינספירירטער קליקע אן דער שפיץ פון דער בראזילישער ארמיי. אט־דער אויספיר איז באשטעטיגט געווארן, ווען בראזיל איז ארײַן אין דער מלחמה געגן דײַטשלאנד און איטאליע. ס'איז איצט צו דערווארטן, אז לואיס קארלאס פרעסטעס, א בריליאנטענער מיליטערישער אפיציר און פאפולערער פירער, וועט אין גיכן באפרײַט ווערן פון געפענגעניש און פארנעמען זײַן פלאץ אין דער מלחמה־אנשטרענגונג.

די אנטי־סאוועטישע העצע איז דאס הויפט־געווער פון דעם פינפטן קאלום אין לאטיין־אמעריקע, פונקט ווי אין די פאראייניגטע שטאטן, אין כינע, אין אייראפע און איבער דער גאנצער וועלט. נאר אין לאטיין־אמעריקע איז אין די הענט פון דעם פינפטן קאלום נישט ווייניגער וויכטיג דאס געווער פון אויסנוצן דעם טראדיציאנעלן חשד און שרעק בנוגע די פאראייניגטע שטאטן, „דעם ריז פון צפון”. „יענקי־אימפעריאליזם” און די „רויטע געפאר” זײַנען די צוויי הויפט־לאזונגען פון דעם פינפטן קאלום פון לאטיין־אמעריקע, וואס זײַנען געווענדט געגן די פאראייניגטע מלוכות.

דער לאזונג וועגן דער „רויטער געפאר” איז אויסגערעכנט ארויסצורופן דעם שרעק פון די אויבערשטע קלאסן געגן דער ארבעטער־באוועגונג און דעם אויפשטײַג פון די דעמאקראטישע כחות, און צו פארשטארקן דעם קלאסן־קאמף אין יעדן לאנד באזונדער. דער לאזונג וועגן „יעקני־אימפעריאליזם” איז אויסגערעכנט צו בלאקירן גוטע באציאונגען צווישן אט־די אויבערשטע קלאסן און די פאראייניגטע שטאטן. און ווען אט־די אויבערשטע קלאסן זײַנען פארטאן אין א פארצווייפלטן פארזוך צו אונטערדריקן זייער אייגענע ארבעטער־באוועגונג און זײַנען אין טויט־שרעק, אז די פאראייניגטע שטאטן זאל אויף זיי ארויפצווינגען א קאנטראל פון צפון, קומען די „אקס”־אגענטן מיט זייערע ברייטע צוזאגן, אז די נײַע וועלט־באזיגער וועלן זיי באפרײַנדן און זיי העלפן באקומען א בעסערן פלאץ אויף דער וועלט. אזא מין פראפאגאנדע האט א ווירקונג, ווײַל די „אקס” נוצט דא אויס א שטארקע אנטי־יענקי טראדיציע, וואס איז באזירט אויף העכער דרײַסיג יאר (נאך דער שפאניש־אמעריקאנער מלחמה פון 1898) פון אימפעריאליסטישע אריינמישונגען מצד די פאראייניגטע שטאטן אין די אינערלעכע ענינים פון די לאטיין־אמעריקאנער לענדער. די „אקס”־אגענטן האבן פארשפארט דערפינדן די געפאר פון יענקי־אימפעריאליזם, זיי האבן זי דארט געפונען א פארטיגע. פרעזידענט רוזוועלט'ס פאליסי פון „גוטע שכנים” האט א סך אויפגעטאן צו אנטוואפענען דעם פאשיסטישן פינפטן קאלום, כאטש עס בלײַבן נאך א סך ערנסטע שוואכקייטן אין דעם אופן ווי אמעריקע האנדלט מיט די רעפובליקן פון דרום, און דאס שפּײַזט נאך אלץ די „אקס”־פראפאגאנדע.

דער לאזונג וועגן דער „רויטער געפאר”, וואס די „אקס” באנוצט, ווערט־

אָן זיין האָפט אין דער מאָס ווי די אמת׳ע „רויטע", די קאָמוניסטישע פּאַר־טייען, טרעטן אַריין אין פּאָליטישן לעבן פון פיל לאַטיין־אַמעריקאַנער רעפּובליקן ווי מיטאַרבעטער און פאַרבינדעטע פון אַנדערע פּראָגרעסיווע פּאַרטייען און גרופּן פון לאַנד. אַזוי איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין קובאַ, וואָס האָט זיך פאַרשמאָלצן מיט אַ צווייטער פּאַרטיי פון לינקס אין דער „יוניאָן רעוואָלוסיאָנאַריאַ־קאָמוניסטאַ", אַ וויכטיגער טייל פון דער דעמאָ־קראַטישער קאָאַליציע, וואָס האָט דערוויילט פולגענסיאָ באַטיסטאַ פאַר פּרעזידענט פון לאַנד און געשפּילט אַ קאָנסטרוקטיווע ראָלע אין פאַרפאַסן די נייע קאָנסטיטוציע פון קובאַ. אין טשילי איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געווען אַ וויכטיגער כח אין שאַפן די זיגרייכע זיבן־פּאַרטיי קאָאַליציע פון דעם פּאָלקס־פראָנט, וואָס רעגירט דאָרט; זי איז אויך די פירנדיגע פּאַרטיי, וואָס אַרבעט פאַר דער זאַך פון די פאַראייניגטע מלוכות צווישן די מאַסן. אין מעקסיקאָ אַרבעטן די קאָמוניסטן האַרמאָניש מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָן דער שפּיץ מיט ווימשענטע לאָמבאַרדאָ טאָלעדאָנאָ, וואָס האָט געשפּילט אַן אַנטשיידנדיגע ראָלע אין דערוויילן דעם פּרעזידענט מאַנועל אווילאַ קאַמאַטשאָ געגן דעם פאַשיסטישן קאַנדידאַט אַלמאַזאַן; און גאַנץ מעקסיקאָ ווייסט, אַז די „רויטע געפאַר" איז אַ שווינדל, וואָס איז אינספּירירט געוואָרן דורך דייטשע אַגענטן. די זעלביגע טענדענץ ווייזט זיך אַרויס אומעטום אין לאַטיין־אַמעריקע. ס׳איז אַ סימן פון דער נידערלאַגע פון דער „אַקס" און דעם זיג פון די פאַראייניגטע מלוכות.

דער גערסטער איינצעלנער איינפלוס אין דער ריכטונג פון פאַראייניגן לאַטיין־אַמעריקע מיט די פאַראייניגטע שטאַטן איז די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג, די טרעיד־יוניאָנס פון יענע לענדער. די דאָזיגע באַוועגונג קריגט איר איינענעם ספּעציעלן קאָנטינענטאַלן אויסדרוק דורך דער לאַטיין־אַמערי־קאַנישער אַרבעטער קאָנפעדעראַציע („קאָנפעדעראַסיאָן דע טראַבאַכאַדאָרעס דע אַמעריקאַ לאַטינאַ"). אָט־די קאָנפעדעראַציע אונטער דער פּרעזידענט־שאַפט פון ווימשענטע לאָמבאַרדאָ טאָלעדאָנאָ פאַרדינט אַ סך אַנערקענונג פאַר אויסוואָרצלען, דעמאַסקירן און באַזיגן דעם פאַשיסטישן פינפטן קאָלום אין מעקסיקאָ, אין טשילי, און אַנדערע לענדער און פאַר די גרויסע שריט, וואָס ווערן געמאַכט אין דער ריכטונג פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט געגן די פאַשיסטישע צעשטערער.

עס בלייבט נאָך אַ סך צו טאָן אין דער ריכטונג פון פאַריאָגן דעם שרעק און פאַרדאַכט בנוגע יענקי־אימפּעריאַליזם, כדי צו שאַפן אין די לענדער פון לאַטיינישער אַמעריקע צוטרוי צו דער ראָלע פון די פאַראייניגטע שטאַטן ווי אַ פירער פון דעם בונד פון די פאַראייניגטע מלוכות. זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי ביטער זיי זאָלן נישט זיין, ווענן געבראַכענע צוזאָגן און

גוואַלדזאַמע אַריינמישונגען, וועגן עקאָנאָמישן דרוק, דיפּלאָמאַטישן שאַכער־מאַכער און פינאַנציעלער עקספּלואַטאַציע, וואָלטן געקאָנט אַוועקגעלייגט ווערן אין די אַרכיוון פון געשיכטע און מער נישט שפּילן קיין שעדלעכע ראָלע, ווען די פעלקער פון לאַטיין־אַמעריקע וואָלטן געווען זיכער, אַז די פּאָליסי פון „גוטע שכנים" איז עפּעס טיפער און מער ממשות׳דיג, ווי אַ צייטווייליגער שריט דיקטירט פון דעם היסטאָרישן מאָמענט. צו ברענגען אַזאַ זיכערקייט צו די לאַטייניש־אַמעריקאַנישע פעלקער מוז ווערן איינע פון די אויפגאַבן און צילן פון די פאַראייניגטע שטאַטן, פון אונזער רעגירונג און אונזער פאָלק. אַט־די אויפגאַבע מעג זיך אָנהויבן מיט ווערטער, אָבער זי מוז זיך ענדיגן מיט טאַטן.

אָנהויבנדיג מיט ווערטער דאַרפן מיר זאָגן, אַז ס׳איז שטענדיג אַ שטערונג פאַר לאַטייניש־אַמעריקאַנישן צוטרוי צו די פאַראייניגטע שטאַטן, ווען אונ־זערע רעגירונגס־מענטשן נעמען זיך דאָס רעכט צו רעדן אויף אַ האַרבער שפּראַך בעת זיי גיבן עצות צו אונזערע שכנים אין דרום. צום ביישפּיל, ס׳איז זיכער נישט געווען קיין טובה פאַר דער זאַך פון די פאַראייניגטע מלוכות, ווען סענאַטאָר טאָם קאָנאַלי פון טעקסאַס, פאָרזיצער פון דער אויסלאַנדס־קאָמיטע פון סענאַט, האָט געסטראַשעט צו בייטן די פּרעזידענטשאַפט פון אַרגענטינע, אויב די דעלעגאַטן פון יענעם לאַנד וועלן ניט שטימען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין אויף דער ריאָ־קאָנפערענץ. דער פּראָסט־רעדנדיגער סענאַטאָר מעג זיך זיין אַן עקספּערט אין די „פּאָליטיקס" פון טעקסאַס, ער איז אָבער ווי אַן אָקס אין אַ קראָם פון גלאָזוואַרג, ווען ער מישט זיך אַריין אין לאַטייניש־אַמעריקאַנער פראַגן. זיין גראָב־סטראַשענדיגע באַמערקונג האָט אָנגעטאָן מער שאָדן פאַר דער איינינקייט פון די אַמעריקעס אויף דער ריאָ־קאָנפערענץ, ווי אַלע מאַכינאַציעס פון די פאַשיסטישע אַגענטן פון פינפטן קאָלום, און אָנשטאָט אָפּצושוואַכן די פּאָזיציע פון די „אַקס"־אַגענטן, האָט ער זי פאַרשטאַרקט.

איבערגייענדיג צו טאַטן וועט עס נויטיג זיין פאַר די פאַראייניגטע שטאַטן צו מאַכן אַ סוף צו דער אומנאָרמאַלער פּאָזיציע פון פּוערטאָ־ריקאָ. אונזערע בירגער זיינען באַזונדער ניט־אינפאָרמירט וועגן אַט־דעם פּונקט אין אונ־זערע אויסלענדישע באַציאונגען. אַט־די אומוויסנהייט איז שעדלעך און באַאומרואיגענד, ווייל זי שפּיגלט אָפּ אַ מאַנגל אין פילבאַרקייט צו מאָראַלישע פּראָבלעמען מצד אונזערע רעגירענדע קרייזן. דער אַמעריקאַנער עולם און מערסטע פון די פירנדיגע קרייזן ווייסן גאָר נישט, אַז זינט 1898 האַלט אונזער רעגירונג אונטער אַן אימפּעריאַליסטישן יאָך אַ לאַטייניש־אַמעריקאַנער לאַנד, וואָס קולטורעל איז עס צווישן די אַנטוויקלטסטע און לויט דער גרויס — דאָס פערצנטע אין דער ריי פון די 21 לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער.

אָבער אַפּילו אויב אַמעריקע בלייבט אומבאַוואוסטזיניג וועגן דער ראָלע, וואָס זי שפּילט ווי אַ ווייטער הערשער איבער אַ קליין לאַנד, הייסט עס נאָך ניט, אַז לאַטיין־אַמעריקע בכלל פּילט דאָס נישט, כאָטש אירע דיפּלאָמאַטן הויבן נישט אויף אָט־די פראַגע אין זייערע געשפּרעכן מיט וואַשינגטאָן. לאַטייניש־אַמעריקאַנער מענטשן זיינען נאַטירלעכערווייז אַלץ מער סענסיטיוו, וואָס מער די בירגער פון אַמעריקע זיינען אומפילבאַר צו אַזוינע זאַכן.

אָט־דער בלויז אין דער עפנטלעכער מיינונג און אין דעם באַוואוסטזיין פון די אָפיציעלע קרייזן בנוגע פּוערטאָ־ריקאָ ווערט פון לאַטיין־אַמעריקאַנער מענטשן אויסגעטייטשט אין דעם זין, אַז אין דער אמת'ן באַטראַכטן מיר זיי גאָרנישט פאַר מענטשן און אַז אונזערע אָפיציעלע דעקלאַראַציעס וועגן מענטשלעכער ברידערלעכקייט זיינען נישט מער ווי דיפּלאָמאַטישע רייד. אָט־דער פאַרדאַכט ווערט ביי זיי געשטאַרקט דורך אַזוינע אינצידענטן ווי דער פאָלגענדיגער:

אַנומעלטן האָט מען געפּרעגט ביי אַ באַאַמטן פון דעם אַמט פאַר ציווילער שוץ („אָפיס אָוו סיווילינען דעפענס") וואָס עס ווערט געטאָן כדי צוצוגרייטן פּוערטאָ־ריקאָ פאַר ציווילער שוץ. דער ענטפער איז געקומען מיט זיך־נישט־קווינקעלדיגער נאַאיווקייט, אַז ציווילע שוץ איז נישט קיין פּראָבלעם אין פּוערטאָ־ריקאָ, ווייל דער אינזל איז איינער פון אונזערע מיליטערישע פאָר־פּאָסטן. אַזוי פולשטענדיג האָבן מיר פאַרגעסן, אַז פּוערטאָ־ריקאָ איז ניט בלויז אַ „פּאָסעסיע", נאָר אויך אַ לאַנד און אַ פאָלק פון נאָענט צו צוויי מיליאָן מענער, פרויען און קינדער.

צו זאָגן, אַז „ס'איז אַזאַ קליינטשיקס", לייזט נאָך נישט די פראַגע. ס'איז אמת, אַז פּוערטאָ־ריקאָ קאָן נישט אויפרודערן דאָס געוויסן אַזוי ווי אינדיע מיט איר געוויש פון ריזיגע אויפברויזן, ווייל פּוערטאָ־ריקאָ איז ניט קיין ריז. אָבער קליינע לענדער האָבן זייער אייגענעם אופן פון באַווייזן, אַז אונטערדריקונג ברענגט שטענדיג מיט זיך איר אייגענע שטראָף, ווי די אירלענדער האָבן דאָס באַוויזן צו ענגלאַנד און צו דער גאַנצער וועלט, — אויב מיר ווילן באַוויליגן צו לערנען עפּעס פון דער אירלענדישער פראַגע, וועלכע האָט שטענדיג געשפּילט און שפּילט נאָך אַפּילו איצט אַ ראָלע אין דער היימישער פּאָליטיק פון די פאַראייניגטע שטאַטן. פּוערטאָ־ריקאָ ווערט פאַר אונזער לאַנד דאָס, וואָס אירלאַנד איז געוואָרן פאַר ענגלאַנד, מיט דעם ווייטערדיגן פאַר־אונז־אומגינסטיגן אונטערשייד, וואָס בעת די אירלענדער האָבן געהאַט בלויז צוויי אָדער דריי מיליאָן ברידער אין אַמעריקע, וואָס זאָלן אַגיטירן פאַר זייער זאַך, האָבן די פּוערטאָ־ריקאַנער 120 מיליאָן ברידער אין 20 לאַטיין־אַמעריקאַנער רעפּובליקן, וואָס קאָנען אויפגערודערט ווערן דורך אַ שטימונג פון סאָלידאַריטעט. און ס'איז גאָרנישט קלוג מצד אַמעריקע צו

האָבן כמעט צוויי מיליאָן אומצופרידענע ברוגז'ע „אונטערטאַנען" אין דעם גיבראַלטאַר פון דעם קאַריבייער ים, ווען עס וואָלט געווען אַזוי גרינג צו האָבן די זעלביגע צאָל ענטוזיאַסטישע און לאָיאַלע פאַרבינדעטע.

אויב פּוערטאָ־ריקאָ איז „אַ קליינטשיקס", קאָנען מיר בלויז אָנווייזן, אַז זעקס פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער רעפּובליקן, וואָס האָבן אונטערגעשריבן די דעקלאַראַציע פון די פאַראייניגטע מלוכות, זיינען נאָך קלענער, אָבער מיר זיינען געווען צופרידן און שטאָלץ צו קריגן זייערע אונטערשריפטן ווי די גלייכע פון די פאַראייניגטע שטאַטן. אַפילו דאָס קליינע לוקסעמבורג מיט אַ זעקסטל פון פּוערטאָ־ריקאָ'ס באַפעלקערונג און ניט קיין סך מער ווי אַ פערטל פון איר שטח, איז אַ שטאָלצער מיט־אונטערשרייבער פון דער דעקלאַראַציע צוזאַמען מיט ענגלאַנד און די פאַראייניגטע שטאַטן. און אויב לוקסעמבורג, פאַרוואָס ניט אונזער „גוטער שכן" פּוערטאָ־ריקאָ?

פּוערטאָ־ריקאָ קאָן ווערן אונזער פאַרבינדעטער, אַ מיטגליד פון די פאַראייניגטע מלוכות, אַ לאָיאַלער קעמפער אויף אונזער זייט, אויב אַמעריקע זאָל באַלד אָנערקענען און פאַרווירקלעכן איר רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג. עס איז נישט קיין לייזונג, נאָר אַ פאַרערגערונג פון דער לאַגע, ווען אונזערע אָפיציעלע פאַרשטייער מאַכן דערקלערונגען צו דער פרעסע, וואָס אָנערקענען די באַרעכטיגונג פאַר פּוערטאָ־ריקאָ'ס שטרעבונגען, נאָר פרואוון זיי צו פאַר־גיטיגן מיט אומקלאָרע צוזאָגן וועגן דעם רעכט צו דערוויילן אַן אייגענעם „גאָווערנאָר" אין דער אומבאַשטימטער צוקונפט נאָך דער מלחמה. דער פאַטאַלער שפּרוך — „צו ווייניג און צו שפּעט" — איז, ווייזט אויס, אַן איינגעבוירענער שטריך פון ביוראָקראַטישער אָנפירונג. אַ קלאָרע און דירעקטע אָנערקענונג פון פּוערטאָ־ריקאָ'ס נאַציאָנאַלע רעכט וואָלט באַלד אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פון אַ נייער און מער געפערלעכער „אירלאַנד" אויף אונזער שוועל און וואָלט צו דער זעלביגער צייט געשניטן אויף העלפט אַלע אונזערע שוועריגקייטן אין לאַטיין־אַמעריקע. דאָס וואָלט געהויבן דעם מאָראַלן איינפלוס פון די פאַראייניגטע שטאַטן איבער דער גאַנצער וועלט און צעמענטירט די פאַראייניגטע מלוכות פאַר די אָנשטרענגונגען פון דער מלחמה מער ווי וועלכער ס'איז אַנדערער אַקט אונזערער, מיט דער אויסנאַם פון אַ דערפאָלגרייכער עטאַבלירונג פון דעם צווייטן פראָנט אין אייראָפּע קעגן די נאַצים.

עס קומט מיר אויף דעם זין די געשיכטע פון אַ פּוערטאָ־ריקאַנער. ער האָט געהאַסט דעם פאַשיזם און נאַציזם אַזוי טיף, אַז ווען ס'האָט זיך אין 1936 אָנגעהויבן דער פראַנקאָ־אויפשטאַנד קעגן דער שפּאַנישער רעפּובליק, איז ער אַוועק קיין שפּאַניע און זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעפּובליקאַנער אַרמיי. ער האָט זיך באַטייליגט אין דער פאַרטיידיגונג פון מאַדריד ביז צום

סוף, איז עטלעכע מאָל פּאַרוואונדעט געוואָרן, און ווען די רעפּובליק איז געפאַלן, איז ער געווען איינער פון די מזל׳דיגע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דעם תליון פראַנקאָ׳ס הינריכטונגס־באַנדעס און איז צוריקגעקומען קיין פּוערטאָ־ריקאָ. דאָרט איז ער געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע קעמפער קעגן דעם שעדלעכן איינפלוס פון דער שפּאַנישער פאַלאַנגאַ, אַן אַגענטור פון דער „אַקס". ער וואָלט געווען דער ערשטער צו פאָדערן, אַז אַ זעלבסט־שטענדיגע פּוערטאָ־ריקאָ זאָל דערקלערן קריג קעגן דער „אַקס" און דרעפּטן אַן אַרמיי צו קעמפן קעגן דער „אַקס" אומעטום צוזאַמען מיט די פאַראייניגטע מלוכות. אָבער ווען דער דרעפט־געזעץ פון די פאַראייניגטע שטאַטן איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף פּוערטאָ־ריקאָ, האָט אָט־דער פלאַמיגער קעמפער קעגן דער פאַשיסטישער „אַקס" זיך אָפּגעזאָגט צו רעגיסטרירן זיך פאַר דעם דרעפט, וואָס האָט פאַרלעצט פּוערטאָ־ריקאָ׳ס נאַציאָנאַלע רעכט, און ער איז ליבערשט געגאַנגען אין פּריזאָן איידער אונטערשרייבן אַ באַשטעטיגונג, אַז זיין לאַנד איז אַן „אונטערטאַן" פון אַ צווייטן לאַנד.

נאָך אַ סימבאָל פון אָט־דער פּראָבלעם איז פּעדראָ אַלביזו קאַמפּאָס, וועלכער זיצט שוין פינף יאָר אין אַטלאַנטאַ פּריזאָן. קאַמפּאָס איז דער פּרעזי־דענט פון דער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי פון פּוערטאָ־ריקאָ. ער איז פאַר־משפּט געוואָרן אויף דער קלאַגע פון מרידה („סעדישאָן"), פאַר דעם זעלביגן פאַרברעכן, פאַר וועלכן קעניג דזשאָרדזש דער דריטער וואָלט געווען אַריינ־געזעצט אין פּריזאָן דזשאָרדזש וואַשינגטאָנ׳ען, ווען ער וואָלט אים געקאָנט אַריינקריגן אין זיינע הענט. קאַמפּאָס שטאַמט פון אַן אַלטער פאַמיליע פון דער באָליוואַר־טראַדיציע, וואָס האָט געגעבן אַ סך באַרימטע נעמען צו פּוערטאָ־ריקאָ. ער איז אַ גראַדואירטער פון האַרוואַרד אוניווערזיטעט, אַ קאַטאָליק און אַ מענטש מיט וועלט־פאַרבינדונגען און אַ וועלט־רעפּוטאַציע. ער איז איינער פון די נאָבעלסטע פּאַטריאָטן. די אַמעריקאַנער רעגירונג ווייסט ניט פון קיין אַנדער וועג ווי אַזוי צו באַהאַנדלען אַזוינע מענטשן און אַזוינע כחות, חוץ פאַרשפּאַרן זיי אין פּריזאָן און צווינגען זיי צו וואַשן צעמענטענע דילן פינף יאָר צייט.

אויב אונזער פּראָקלאַמירטע פּאָליסי פון „גוטע שכנים" איז עפּעס מער און טיפער ווי דער אָפּאָרטוניזם פון מאָמענט, דעמאָלט איז אונזער אופן פון באַהאַנדלען פּוערטאָ־ריקאָ אַ טראַגישער טעות. דאָס האָט אַ זין בלויז ווי אַ טייל פון אַן אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק, וואָס איז אַנטשלאָסן מיט דער צייט צו באַהערשן גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע. יעדער לאַנד פון לאַטיין־אַמעריקע, וואָס קוקט אויף פּוערטאָ־ריקאָ, און יעדער מענטש פון לאַטיין־אַמעריקע, וואָס קוקט אויף פּעדראָ אַלביזו קאַמפּאָס, קאָן אויסרופן צו זיך אַליין:
„ס׳האָט געהאַלטן אויף אַ האָר, אַז איך זאָל זיין אויף זיין פּלאַץ!"

נישט פון די קלענסטע פּראָבלעמען, וואָס שטערן די פאַרהעלטענישן צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און לאַטײַן־אַמעריקע און לאָזן זיך אויסנוצן פון דער „אַקס"־פּראָפּאַגאַנדע, זײַנען די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. אויב מען וויל וויסן, צום בײַשפּיל, פאַרוואָס די פּראָ־פאַשיסטישע כחות אין אַרגענטינע זײַנען אַזוי שטאַרק און אַזוי אײַנגעשפּאַרט, קאָן מען אַ גרויסן טייל פון דעם ענטפער געפינען דורך אַ מיש־טאָן די בלעטער פון די אַלטע בענדער פון אונזער „קאָנגרעשאָנאַל רעקאָרד" און אַ לייען־טאָן די שאַרפע העצערישע רעדעס פון קאָנגרעסלײַט פון טעקסאַס, וואָס פאַרדאַמען אונזער רעגירונג דערפאַר, וואָס זי האָט דערלויבט אַז עטלעכע סענדלעך פון אַרגענטינער פּרע־זערווירטן פלייש זאָלן פאַרקויפט ווערן אויף דעם אַמעריקאַנעם מאַרק אָדער פאַרנוצט ווערן אויף אַמעריקאַנער קריגס־שיפן! יענע רעדעס פון אַמערי־קאַנער קאָנגרעסלײַט האָבן מער געהאָלפן צו באַפעסטיקן די מאַכט פון די פּראָ־פאַשיסטישע עלעמענטן איבער אַרגענטינע, ווי אַלע מאַכינאַציעס פון היטלער'ס אַגענטן; ווייל אָט־די אַגענטן וואָלטן גאָרנישט ניט געקאָנט אויפ־טאָן, ווען די דומע קאָנגרעסלײַט אין וואַשינגטאָן וואָלטן פאַר זיי נישט געוועזן צוגעגרייט דעם וועג.

די באַרימטע שטרייט־פראַגע וועגן אַרגענטינער פּרעזערווירטע פלייש־ן איז בלויז אַ סימפּטאָם פון אַ טיף־גרייכנדיגער פּראָבלעם. לאַטײַן־אַמעריקע נויטיגט זיך שטאַרק אין האַנדל מיט די עקאָנאָמיש־פאָרטגעשריטענע לענדער, כדי צו פאַרקויפן אירע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און מינעראַלן און צו קריגן אינדוסטריעלע סחורות. אַ סך פון אירע עקספּאָרטן מוזן גיין קיין אייראָפּע אָדער בלייבן אָן אַ מאַרק. דער איינציגער וועג צו פאַרענטפערן אָט־די פּראָבלעם פאַר אַרגענטינע איז צו עפענען דעם צווייטן פראָנט אין אייראָפּע און איר ווייזן אויף אַ פּראַקטישן אופן, אַז היטלער וועט נישט קאָנטראָלירן אייראָפּע'ס האַנדל מיט אַנדערע טיילן פון דער וועלט. ווען אַרגענטינע וועט זיך איבערצייגן אין דעם, וועט זי שנעל געפינען אַ וועג אַרויסצושמייסן די היטלער־קליקע, וואָס באַהערשט איצט דאָס לאַנד.

פאַר אַלע לענדער פון לאַטײַן־אַמעריקע בלייבט אָבער די פּערמאַנענטע פּראָבלעם פון צופּאַסן זיך עקאָנאָמיש צו די אַנדערע טיילן פון דער וועלט. אַלע רעפּובליקן פון לאַטײַן־אַמעריקע ליידן פון אַ סיסטעם פון וועלט־עקאָנאָמיק, אין וועלכער די גרויסע מלוכות קאָנטראָלירן דעם האַנדל הויפּט־זאַכלעך צוליב זייערע אייגענע געווינסן און צאַפּן אָפּ די פּראָפיטן פון אָט־דעם האַנדל, וואָס וואָלטן געדאַרפט זײַן געמיינשאַפטלעכע, אויף זייער איי־גענער זייט. דער קאָנטראָל איבער אָט־דעם האַנדל אין די הענט פון די גרויסע מלוכות פירט צו אַ פאַרשאַרפונג פון דער טענדענץ פון „מאָנאָ־קולטור", דאָס הייסט — קולטיווירן און פּראָדוצירן בלויז איין פּראָדוקט;

ספּעציעל איז דאָס דער פאַל אין די מער־הינטערשטעליגע און שוואַכע לענדער. אַט־די טענדענץ האָט פאַר פּוערטאָ־ריקאָ געשאַפן אַ קאַטאַסטראָפּישע אָפּ־הענגיגקייט אָן דער פּראָדוקציע פון צוקער פאַר דעם וועלט־מאַרק — אַן אָפּהענגיגקייט, וואָס האָט אין 1942 געבראַכט אַן אמת'ן הונגער אין יענעם אומגליקלעכן לאַנד. די פאַרזוכן, וואָס ווערן געמאַכט דורך אינטערנאַציאָנאַלע קאַרטעלס אריינצוברענגען אַ געוויסע אָרדענונג אין דעם כאַאָס פון אַט־דער האַלב־קאָלאָניאַלער סיסטעם פון ווירטשאַפט, ברענגען פּראָפיטן בלויז פאַר די גרויסע מלוכות און באַטאָנען בלויז די אָפּהענגיגע לאַגע פון די שוואַכערע לענדער.

פאַר דער צייט פון דער מלחמה איז עס אבסאָלוט נויטיג, אַז די פאַר־אייניגטע שטאַטן זאָל שענקען געהעריגע אויפמערקזאַמקייט צו דער פּראָבלעם פון באַזאָרגן די מינימאַלע עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער אויף באַדינגונגען, וואָס זאָלן נישט פאַרגרעסערן זייערע אינערלעכע שוועריגקייטן, וועלכע זיינען אַזוי אויך גענוג גרויס. פאַר דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד איז עס פּונקט אַזוי וויכטיג צו אַנטוויקלען אַן אַל־געמיינעם פּלאַן פון אַלוועלטלעכע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן אַן אַנטשיידנדיגן אָפּקער פון דער אַלטער סיסטעם פון האַנדל, וואָס האָט די טענדענץ צו דעגראַדירן די שוואַכערע לענדער צו אַ לאַגע פון קאָלאָניאַלער ווירטשאַפט. דאָס איז איינע פון די סאַמע ערנסטע פּראָבלעמען פון לאַטיין־אַמעריקע.

די פאַראייניגטע שטאַטן קאָן דורך אַנטוויקלען אַ געהעריגן צוגאַנג, גייסט און מעטאָד פון האַנדלען מיט לאַטיין־אַמעריקע אַ סך פאַרגרינגערן דעם אומפאַרמיידלעכן צונויפבונד פון יענע לענדער מיט די פאַראייניגטע מלוכות און פאַרגרעסערן זייער ביישטייער צום זיג. מיר האָבן דערוויל געמאַכט בלויז דעם אָנהויב פון אַזאַ געהעריגן צוגאַנג. ס'איז אַן אויפגאַבע פון דער ערשטער וויכטיגקייט פאַר אַלע אַמעריקאַנער, וואָס ווילן העלפן אונזער לאַנד צו מאַכן דעם מעגלעך־גרעסטן ביישטייער צו דער צעשמעטערונג פון דער „אַקס", צו ווערן באַוואוסטזיניג וועגן די פּראָבלעמען פון לאַטיין־אַמעריקע ווי אַ טייל פון אונזערע אייגענע פּראָבלעמען; צו אַנטוויקלען אַן עפנטלעכע מיינונג, וואָס זאָל ווירקן אויף דער רעגירונגס־ביוראָקראַטיע, וואָס איז איינ־געגליווערט אין די אַלטע שטעלונגען און באַציאונגען, אַז זי זאָל ריכטיג באַנעמען די פּראָבלעם פון לאַטיין־אַמעריקע; און צו שאַפן פריינטלעכע פאַרבינדונגען צווישן אונזער פאָלק און אונזערע לאַטיין־אַמעריקנער שכנים, ספּעציעל דורך דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס זאָלן מיט דער צייט קאָנען אויסוואַקסן צו דער שטופּע פון אַ פּערמאַנענטער און פרוכט־באַרער סאָלידאַריטעט פון אונזער העמיספערע.

פערטער טייל

די עקאָנאָמיק פון קריג

קאַפּיטל ניינצן

פון אַ „ווירטשאַפט פון שפע"
צו אַ ווירטשאַפט פון קריג

די צעטומלעניש פון דערפאָלגרייכע געשעפטסלייט, וואָס ראַנגלען זיך אין וואַשינגטאָן מיט די פּראָבלעמען פון אַריבערגיין צו אַ קריגס־ווירטשאַפט, איז ענלעך צום צושטאַנד פון דעם מיידעלע אַליס אין וואונדערלאַנד, ווען זי האָט אַריבערגעשפּאַנט פון יענער זייט שפּיגל. פּלוצים הויבט אַלצדינג אָן אויסצוזען פּונקט פאַרקערט ווי אין דער „נאַטירלעכער" וועלט: פון רעכטס ווערט לינקס און אַלע כּללים פון לעבן אַרבעטן אויף פאַרקערט. קיין וואונדער ניט, וואָס אַ סך פון אָט־די געשעפטסלייט האָבן זיך צוריקגעצויגן פון זייער אַרבעט מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטאָג. ס'איז ניטאָ קיין מער פיינלעכע לאַגע ווי פון אַ געשעפטסמאַן, וואָס איז געצוואונגען צו טראַכטן אין אַ נייער ריכטונג, סיידן דאָס איז אַ ביוראָקראַט אין אַן ענלעכער לאַגע.

די אָנפירונג מיט דער קריגס־ווירטשאַפט פאָדערט אומדערבאַרעמדיק נייע קאַנאַלן פון טראַכטן. דער כאַאָס אין וואַשינגטאָן היינט־צו־טאָג איז בלויז דער אויסדרוק פון אָט־דעם שווערן איבערגאַנג פון איין סיסטעם פון עקאָנאָמישע כּללים צו אַ צווייטער, וועלכע איז נאָך אַלץ ניט באַנומען ווי געהעריק.

אונזערע עקאָנאָמישע פירער האָבן דערלערנט זייער טעאָריע און,זייער פּראַקטיק אין אַ ווירטשאַפט, וואו אַ שפע פון געלט האָט אויטאָמאַטיש מיט זיך געבראַכט אַ שפע פון סחורות, און די איינציגע מעגלעכע גרענעץ פאַר דער פּראָדוקציע און ליפערונג פון סחורות איז געווען די גרענעץ פון ווירקזאַמער נאָכפראַגע, — דאָס הייסט, די נאָכפראַגע, וואָס האָט הינטער זיך געהאַט די באַפעלערישע מאַכט פון געלט.

די מלחמה ענדערט זייער שנעל אָט־די פאַרהעלטעניש. דער קאָנגרעס האָט אַסיגנירט אַ ים מיט געלט פאַר דער מלחמה. די אַסיגנירונגען באַטרעפן

שוין העבער צוויי הונדערט ביליאָן דאָלאַר. דערמיט האָט דער קאָנגרעס באַ־רואיגט זיין געוויסן, „ביישטראָגן זיין חלק" פאַר דער מלחמה, און קאָן זיך איצט ווידער נעמען צו „פּאָליטיק ווי געוויינטלעך". אין דער ווירקלעכקייט האָבן אָבער אָט־די געלט־אַסיגנירונגען בלויז איין באַדייטונג: דער קאָנגרעס האָט איבערגעגעבן דעם פּרעזידענט די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אויטאָריטעט פאַר דער קריגס־פּראָדוקציע. די פאַרגעטערונג פון דעם דאָלאַר־צייכן, וואָס זעט אין די געלט־אַסיגנירונגען אַן אַנטשיידנדיגן אַקט אויף צו לייזן די עקאָנאָמישע פּראָבלעם פון קריג, איז שוין אויסגעשפּילט און האַלט שוין אין פאַרשווינדן. דער קריגס־בודזשעט איז בלויז אַן אויסדרוק פון דער אומבאַגרענעצטער נאָכפראַגע אויף מער און מער פּראָדוקציע פאַר דער מלחמה.

לויט די אַלטע כללים מוז אַזאַ אומבאַגרענעצטע נאָכפראַגע באַלד ברענגען מיט זיך אַן אומבאַגרענעצטן אָנבאָט. און די קריגס־פּלענער פון אַמעריקע זיינען ווירקלעך באַזירט אויף אַזוינע אידייען. אָבער דער גרויער באַגינען פון דעם פרימאָרגן נאָך אַזאַ פעריאָד פון שיכור'ן דענקען האָט שוין אָנגעהויבן שאַריען. די אַלטע כללים אַרבעטן פּשוט ניט. אין דער אמת'ן אַרבעטן זיי אָפּט אויף פאַרקערט.

ווי נאָר אונזערע פירנדיגע עקאָנאָמישע דענקער כאַפּן זיך וועגן אָט־דעם פאַקט, אַזוי הויבן זיי באַלד אויף אַ געשריי וועגן דער געפאַר פון אינ־פלאַציע. אַן אומבאַגרענעצטע פאָדערונג, וואָס ווערט אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אַ באַגרענעצטער פּראָדוקציע, מיינט — אַ טענדענץ צו הימל־הויכע פּרייזן און דער אָנהויב פון דעם „ספּיראַל פון אינפלאַציע", די ספּרוזשינע וואָס פאַנגט זיך אָן פון אַ פּונקט און אַנטוויקלט זיך אַרויף־צו מיט אַלץ גרעסערע קרייזן. בעת פריער האָט אַ פאַרגרעסערטע נאָכפראַגע אויף סחורות מיט זיך געבראַכט אַ פאַרקלענערונג אין די קאָסטן פון פּראָדוקציע, ווערט אָבער פּלוצים אָט־דער כלל איבערגעקערט קאַפּויר, און דער ריזיגער וואוקס פון דער נאָכפראַגע יאָגט אַרויף אַלץ העבער די פּראָדוקציע־קאָסטן און די פּרייזן. די עקאָנאָמישע עקספּערטן פון דער „ניו יאָרק טאַימס" און דער „נעשאָנאַל מאַניופעקטשורערס אַסאָסיעישאָן", ווי אַנדערע פון זייער מין, זעען דעריין אַ באַלדיגע געפאַר פון אינפלאַציע און צו דער זעלביגער צייט זעען זיי די רפואה פאַר דער מכה. די רפואה איז, פאַרשטייט זיך, אָפּצושאַפן די טראַדיציאָנעלע כללים בנוגע אַרבעט־לוין. מיט אַנטריסטונג קומען זיי אַרויס נעגן יעדן פאַרזוך צו ענדערן די כללים בנוגע רענט, פּראָצענט אויף קאַפּיטאַל און פּראָפיט; דאָס זיינען הייליגע זאַכן, די הויפּט־ספּרוזשינעס פון פּראָ־דוקציע, וואָס אָן זיי וועט זיך די גאַנצע מאַשינעריע אָפּשטעלן. אָבער שכירות קומען נישט אונטער דער שוץ פון די, וואָס ווילן אָנהאַלטן די

אַלטע כּללים; מ׳האָט זיי שטענדיג געלערנט, אַז דאָס איז דער פּלאַן, וואו מען דאַרף איינציען דעם לויז־געוואָרענעם פּאָס; און אויף דעם חשבון פון ווערדזשעס זוכן זיי איצט צו פאַרמיידן אינפלאַציע.

איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן דורקוקנדיג די לויפנדיגע שריפטן איבער די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער מלחמה. אין ערגעץ האָב איך נישט געפונען קיין סימן פון אַן אַלגעמיינעם בילד פון דער פּראָבלעם, מיט די פאָלגענדיגע אויסנאַמען: צוויי מעמאָראַנדומס, וואָס מר. בערנאַרד מ. באַרוך האָט פאַרגעבראַכט פאַר דער „דזשאָינט קאָנגרעשאָנאַל ענד קאַבינעט קאָמישאָן", דעם 6טן מערץ, 1931, און וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אונטער דעם נאָמען „טעיקינג די פּראָפּיט אוט אָוו וואָר" („באַזייטיגן דעם פּראָפּיט פון דער מלחמה"); מר. באַרוך׳ס לעצטע דערקלערונגען, ווי זיי זיינען באַריכטעט געוואָרן אין די צייטונגען, און די באַריכטן פון דער „טאָלאַן קאָמיטע אָן מאַיגרעישאָן אָוו לעיבאָר" (די קאָנגרעס־קאָמיטע אויף אויסצור־פאָרשן די וואַנדערונגען פון אַרבעטער), וואָס זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון מר. באַרוך׳ן. דאָס האַרץ פון דער פּראָבלעם איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דעם „דריטן פאָרלויפיגן באַריכט" פון דער טאָלאַן־קאָמיטע אין די פאָלגענדיגע ווערטער:

> „. . . ס׳איז ניטאָ קיין איין פאַזע פון אונזער עקאָנאָמישן לעבן, וואָס קאָן זיין אומוויכטיג אין טאָטאַלער מלחמה. יעדע פאַזע מוז פּלאַנירט ווערן, מוז אָנגעפירט ווערן, מוז געבראַכט ווערן אונטער אַ צענטראַלן אַדמיניסטראַטיוון קאָנטראָל. טאָטאַלע מלחמה פאָדערט, אַז אונזער ריזיגע עקאָנאָמישע סיסטעם זאָל באַטריבן ווערן לויט די אָר־גאַניזאַציאָנעלע ליניעס פון אַן איינציגער אינדוסטריעלער אונטער־נעמונג. אונטער באַדינגונגען פון מאַקסימום קריגס־פּראָדוקציע פאַר־שווינדן כמעט אינגאַנצן די טאָג־טעגלעכע מאַרק־פאַרהעלטענישן."

די איצטיגע פאַלן פון מיש־מאַש, הינטערשטעליגקייט, „ענגע ערטער" און צוזאַמענברוך אין דער קריגס־פּראָדוקציע זיינען אין דער גרעסטער מאָס אַ רעזולטאַט פון פאַרפעלן צו באַנעמען אָט־דעם צענטראַלן אמת און ציען דערפון די נויטיגע שלוסן. אַ פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן צו שאַפן אַ געוויסן קאָמפּראָמיס צווישן דער אַלטער ווירטשאַפט פון באַגרענעצטער נאָכ־פראַגע און דער נויטיגער נייער קריגס־ווירטשאַפט, וועלכע איז אַ ווירטשאַפט פון אומבאַגרענעצטער נאָכפראַגע און ממילא — פון רעלאַטיוון מאַנגל, וואָס קאָן געלייזט ווערן בלויז דורך אַדמיניסטראַטיוון קאָנטראָל איבער דער פּראָ־דוקציע לויט אַ באַשטימטן פּלאַן. דער אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון

אזא פאַרזוך צו שאַפן אַ קאָמפּראָמיס צווישן די צוויי טיפּן ווירטשאַפט איז, אַז מיר קריגן אַלע חסרונות פוןביידע און קיינע פון זייערע מעלות.

די קאַמפּאַניע געגן „געשעפט ווי געוויינטלעך" האָט איגנאָצן פאַרזען דעם דאָזיגן פּונקט. געוויס פאַרשטייט יעדער איינער, אַז מיר קאָנען נישט באַטרייבן די געשעפטן ווי געוויינטלעך; אָבער די גרויסע לעקציע, וואָס מיר דאַרפן איצט דערלערנען איז, אַז מיר קאָנען נישט האָבן קיין „געשעפט אויף פופציג פּראָצענט ווי געוויינטלעך" אָדער אפילו „געשעפט אויף צען פּראָצענט ווי געוויינטלעך", ווייל די גאַנצע ווירטשאַפט אָפּעריִרט אונטער נייע באַדינגונגען. ווי דער באַריכט פון דער טאָלאַן־קאָמיטע דערקלערט, איז עס בוכשטעבלעך אמת, אַז אין די אינטערעסן פון מאַקסימום קריגס־פּראָדוקציע מוז „יעדע פאַזע" פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט „פּלאַנירט ווערן, מוז געבראַכט ווערן אונטער אַ צענטראַלן אַדמיניסטראַטיוון קאָנטראָל" און אַז „די טאָג־טעגלעכע מאַרק־פאַרהעלטענישן פאַרשווינדן כמעט אינגאַנצן".

די סיסטעם פון פּריאָריטעט, דורך וועלכער ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך צו שאַפן אַ געוויסן צענטראַלן קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפט פון לאַנד, האָט צוזאַמענגעבראָכן גראָד דערפאַר, וואָס זי באַווייזט נית צו דער־גרייכן אַט־די ציל. זי פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף די אַלטע מאַרק־פאַר־העלטענישן, איבער וועלכע זי פּרוּווט שאַפן אַ העכערע אָנפירונג. דערמיט שאַפט זי אַ מיש־מאַש אין די מאַרק־פאַרהעלטענישן, אָבער קיין נייעם עלעמענט פון אָנפירונג ברענגט זי נישט אריין. פּריאָריטעט־סיסטעמען פּלאַנירן גאָרנישט, זיי שאַפן אָנפירונג בלויז אויף אַ נעגאַטיוון אופן.

מאַקסימום קריגס־פּראָדוקציע פאָדערט אַ צענטראַלע אַדמיניסטראַציע, וואָס זאָל פּלאַנירן, קירעווען, אָנפירן און קאָנטראָלירן די גאַנצע ווירטשאַפט פון לאַנד. ביז מיר וועלן זיך נעמען בויען אַזאַ צענטראַלע אַדמיניסטראַציע, וועלן מיר בלויז פּלאָנטערן און בלאָנדזשען, שאַפן איין אומגעשיקטע סיסטעם פון קאָנטראָל און זי דערנאָך פאַרבייטן מיט אַ צווייטער פאַרטאַטשישער סיסטעם פון דעם זעלביקן סאָרט.

ס'איז זייער אַן אינטערעסאַנטע פראַגע פאַרוואָס גראָד די טאָלאַן־קאָמיטע — פון אַלע רעגירונגס־אַגענטורן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט — איז געקומען אַזוי דירעקט צום האַרץ פון דער גאַנצער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער קריגס־ווירטשאַפט.

אָן ספק איז דאָס גראָד דערפאַר, וואָס די טאָלאַן־קאָמיטע האָט פאַר זיך געהאַט די ספּעציפישע אויפגאַבע אויסצופאָרשן די באַשרענקטע פּראָבלעם פון אַרבעטער־וואַנדערונג, און איז לויט דעם עצם כאַראַקטער פון איר ספּע־ציעלער אויפגאַבע געפירט געוואָרן אויף דעם ריכטיגן וועג צום האַרץ פון דער גרעסערער פּראָבלעם. ווייל די פּראָבלעם פון מאַקסימום קריגס־פּראָ־

דוקציע איז פונדאמענטאל און אנטשיידנדיג א פּראָבלעם פון אָרגאניזירן און פאַרטיילן אַרבעט־קראַפט. אַלע אַנדערע רעגירונגס־אגענטורן, וואָס ראַנגלען זיך מיט דער ווירטשאַפט פון לאַנד, האָבן פאַרפעלט צו באמערקן די צענטראַלע פּראָבלעם גראָד דערפאַר, וואָס די פראַגע פון ארבעט־קראַפט איז געווען אַן אויסערלעכער עלעמענט פון זייער טראַכטן און נישט דער צענטראַלער עלע־מענט. דער סימבאָל פון דעם דאָלאַר־צייכן האָט באהערשט זייערע מוחות, וואָס זיינען איינגעפּאַסט אין דעם מעכאַניזם פון קאָנטראָל דורך פינאַנץ, און דער סימבאָל פון מאַן־שטונדן פון ארבעט איז באַטראַכט געוואָרן בלויז ווי א טעכנישער עלעמענט, אומגעפער ווי קילאָוואַט־שטונדן פון עלעקטרישער ענערגיע. און דערפאַר האָבן מיר נאָך היינט־צו־טאָג אַזויפיל אומבאַשעפטיגטע ארבעטער און מאַשינען. א סך מער מענטשן ווי פריער זיינען באַשעפטיגט אין דער קריגס־פּראָדוקציע, אָבער דאָס איז דערגרייכט געוואָרן בלויז פאַר דעם פּרייז פון ריזיגע און אומנויטיגע צערודערונגען פון דער טאָטאַלער ווירטשאַפט, וואָס דראָען שוין מיט שווערע פּאָליטישע אָפּקלאַנגען צווישן די געטראָפענע טיילן פון דער באַפעלקערונג.

די „טאָג־טעגלעכע מאַרק־פאַרהעלטענישן" פאַרשווינדן שוין, נאָר דאָס קומט פאַר אויף א כאַאָטישן און דעזאָרגאַניזירטן אופן, בעת די צענטראַלע אַדמיניסטראַציע איבער דער ווירטשאַפט לויט א באַשטימטן פּלאַן האָט נאָך נישט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די מאַרק־פאַרהעלטענישן. דאָס איז די אמת'ע געפאַר הינטער די פּאַניק־געשרייען וועגן אינפלאַציע, וואָס קומען פון די טראַדיציאָנעל־דענקענדיגע עקאָנאָמיסטן.

עס קאָן נישט זיין קיין אינפלאַציע אונטער א גוט־אָרגאַניזירטער צענט־ראַלער אַדמיניסטראַציע פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. און אינפלאַציע קאָן נישט אויסגעמיטן ווערן אָן אַזאַ אַדמיניסטראַציע. ווייל אינ־פלאַציע איז בלויז א צייכן פון דעם צוזאַמענברוך פון א ווירטשאַפט, אין וועלכער דער מאַרק, ווי א רעגולירנדיגער מעכאַניזם, איז פאַרשוואונדן, און קיין אַדמיניסטראַציע וואָס זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון מאַרק, איז נאָך נישט געשאַפן געוואָרן.

דער הויפּט־מעכאַניזם פאַר צענטראַלן אַדמיניסטראַטיוון קאָנטראָל פון דער ווירטשאַפט איז קאָנטראָלירטע פאַרטיילונג אָדער „רעשאָנינג". אָבער דאָס איז נישט די „רעשאָנינג"־סיסטעם, וואָס איז שוין באַקאַנט דעם אַמערי־קאַנעם עולם און וועלכע איז בלויז דער ערשטער שריט אין דער ריכטונג פון פּלאַנירטן און קאָנטראָלירטן פאַרברויך. מיר רעדן איצט וועגן דער „רעשאָנינג"־סיסטעם אויף דעם געביט פון פּראָדוקציע, וועגן א קאָנטראָלירטן פאַרטייל פון מאַטעריאַלן און ארבעטער לויט א באַשטימטן פּלאַן, וואָס זאָל

זיין אויסגערעכנט צו באַשטימען אַ פּראָדוקציע־אויפגאַבע פאַר יעדן אַרבעטער און יעדער מאַשין, אָפּגעזען פון מאַרק־פאַרהעלטענישן.

דאָס איז גאָרנישט אוממעגלעך. די טעכניק פון אַזאַ סיסטעם איז גוט באַקאַנט און די טעכניקער זיינען פאַראַן. ווי אַ טעכנישע פּראָבלעם איז דאָס בלויז אַן אויסברייטערונג פון דער סיסטעם, דורך וועלכער די גרויסע טראַסטס זיינען געבויט געוואָרן אויף אַרומצונעמען די גאַנצע ווירטשאַפט פון לאַנד. די שוועריגקייטן אין וועג זיינען נישט קיין טעכנישע, זיי זיינען די שוועריגקייטן פון מאַכן ווירקזאַמע באַשלוסן דורכצופירן די אַרבעט. און די אַרבעט ווערט נישט געטאָן דערפאַר, וואָס עס פעלט דער ווילן זיך צו נעמען דרייסט פאַר דער דאָזיגער אַרבעט. אָט־די אומווילינקייט איז אַזוי שטאַרק, אַז ס'וועט אפשר נויטיג זיין אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע, אַז דאָס לאַנד זאָל געשטויסן ווערן דאָס צו טאָן. נאָר גראָד אַזאַ מין סיסטעם וועט מוזן געשאַפן ווערן, ווייל ס'איז דער איינציגער וועג וואָס וועט פירן צו מאַקסימום פּראָדוקציע; ס'איז דער איינציגער וועג צו אַ נישט־אונטערבראָכענער פונקציאָנירנדיגער ווירטשאַפט אין דעם לויף פון דער מלחמה.

לאָמיר אויף אַ מאָמענט אַ קוק טאָן אויף די הויפּט־שטריכן פון דעם קורס פון קריגס־פּראָדוקציע אונטער דער איצטיגער סיסטעם. צום באַדויערן, האָבן מיר נישט די לעצטע רעזולטאַטן פון די אויספאָרשונגען פון דער טאָלאַן־קאָמיטע, וועלכע זיינען נאָך ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן; זיי וואָלטן געווען מער איבערצייגנדיג, ווייל זיי נעמען אַרום די ערשטע חדשים פון דעם אָפיציעלן מלחמה־פּעריאָד. מיר ווייסן שוין אָבער, אַז עס זיינען ניט פאָרגעקומען קיינע ענדערונגען אין די הויפּט־שטריכן פון דעם בילד, וואָס איז אויפגעדעקט געוואָרן דורך דעם „דריטן פאַרלויפיגן באַריכט" פון דער קאָמיטע. יענער באַריכט ווייזט, אַז צום סוף פון 1941 איז די פאַרטיילונג פון קאָנטראַקטן אויף קריגס־פּראָדוקציע צווישן די פאַראַנענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען געווען אַזאַ:

174.000 אונטערנעמונגען האָבן נישט קיין שום קאָנטראַקטן;
10,000 האָבן דירעקטע קאָנטראַקטן אָדער סוב־קאָנטראַקטן, פון וועלכע
100 האָבן 83 פּראָצענט פון אַלע קאָנטראַקטן, צווישן וועלכע
10 האָבן כמעט אַ העלפט דערפון.

דער באַריכט דערקלערט:

„די פאַקטן ווייזן, אַז ווי אַ רעזולטאַט פון ניט־געהעריגער פּלאַנירונג פון פּראָדוקציע און באַזאָרגונג, שטייען אַ סך געמיינדעס איבערן לאַנד פאַר דער געפאַר פון עקאָנאָמישער פאַרערגערונג און פאַנאַנדערפאַל.

> צענדליגער טויזנטער קליינע פירמעס ווערן געצוואונגען זיך צו שליסן. רעזערוואארן פון ארבעטלאָזע שאַפן זיך איבערן גאַנצן לאַנד. אַ כאַאָטישע וואַנדערונג פון אָט־די ארבעטלאָזע האָט זיך שוין אָנגעהויבן."

די גרויסע מערהייט פאַבריקאַנטן און זייערע ארבעטער מאָנען די געלעגנהייט צו זיין באַשעפטיגט אין קריגס־פּראָדוקציע. זיי קריגן נישט אַזאַ געלעגנהייט און זיי ווערט אַפילו נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו פּראָדוצירן פאַר ציווילע צוועקן. אין דער זעלביגער צייט זיינען די גרויסע קאָרפּאָראַציאָנס, וואָס האָבן אין זייערע הענט דעם גרעסטן טייל פון אַלע קאָנטראַקטן, באַשעפטיגט מיט פאַרשווענדן אַ סך צייט און מאַטעריאַלן אויף צו בויען נייע פאַבריקן, וואָס זאָלן פּראָדוצירן די באַשטעלטע זאַכן, בעת די פאַראַנענע פאַרטיגע פאַבריקן שטייען ליידיג.

געוויסע „עמוירדזשענסי"־שריט ווערן שוין אַרויפגעצוואונגען אויף וואַשינגטאָן דורך פּאָליטישן דרוק אין דער ריכטונג פון פאַרלייכטערן אָט־די אומדערטרעגלעכע לאַגע. אַזוינע „עמוירדזשענסי"־מילטען זיינען נויטיג, אָבער פאַר אונזער הויפּט־אַרגומענט זיינען זיי אומוויכטיג, ווייל זיי ענדערן ניט אויף קיין אופן דעם כאַראַקטער פון דער סיסטעם, וואָס האָט געשאַפן די אוממעגלעכע סיטואַציע, ווי זי איז אַנטפּלעקט אין די אויבן־אָנגעגעבענע ציפערן.

עס ווערט אָנגעגעבן די טענה, אַז דאָס איז דער אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון געבן פּראָדוקציע־קאָנטראַקטן צו די גרעסטע און פייאיגסטע אונטערנעמונגען, און אַז דאָס איז נויטיג ניט געקוקט אויף די שעדלעכע ביי־פּראָדוקן, וואָס אַזאַ צושטאַנד מוז שאַפן. געווים דאַרפן די גרעסטע און פייאיגסטע פּראָדוקציע־אונטערנעמונגען די ערשטע געשטעלט ווערן צו דער אַרבעט, איידער די פּראָדוקציע קאָן אויסגעשפּרייט ווערן איבער די קלענערע אונטערנעמונגען. מיר זעען אָבער, אַז נאָך דעם ווי ס'איז אַוועק העכער אַ יאָר פון אַ כלומרשטן מאַקסימום איבערגאַנג צו קריגס־פּראָדוקציע, ווערט נאָך די פּראָדוקציע ניט אויסגעשפּרייט וועזענטלעך איבער די קליינע אונטערנעמונגען. אַנשטאָט דעם ווערט פּאַקטיש צעשטערט און פאַרניכטעט אַ טייל פון דער פאַראַנענער פּראָדוקיווער קאַפּאַציטעט.

קורץ, דער פּראָצעס פון איבערגאַנג צו אַ קריגס־פּראָדוקציע, ווי ער ווערט אָנגעפירט, איז אַזוי פאַרשווענדעריש, כאַאָטיש, לאַנגזאַם און שעדלעך פאַר דער ציווילער מאָראַל, ווי מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן.

פיל ליבעראַלן דערקלערן דאָס אַלץ ווי אַ טיילווייזן רעזולטאַט פון דעם צו־גרויסן איינפלוס פון די „דאָלאַר־אַ־יאָר" מענטשן — די פאָרשטייער פון די אינדוסטריאַליסטן, וואָס אַרבעטן קודם כל פאַר זייערע אייגענע פירמעס און בלויז ווי אַ נעבן־זאַך — פאַר דער רעגירונג. איך קאָן ניט מיטגיין מיט

אונזערע ליבעראַלע פּריינט אין זייער קריגס־רוף גענן „דאָלאַר־אַ־יאָר״ מענטשן בכלל. איך צווייפל נישט, אַז אַ סך פון די פאַרברעכנס, אין וועלכע יענע ווערן באַשולדיגט, זיינען ווירקלעך באַגאַנגען געוואָרן, און אַז שטרענגע האַנדלונג איז נויטיג אין אַזוינע פאַלן. אָבער די וואָס זעען נישט קיין אַנדער סיבה, פאַרפעלן צו זען די הויפּט־זאַך. ווען יעדער געשעפטסמאַן און יעדער „עקזעקוטיוו״, וואָס פאָרט קיין וואַשינגטאָן, זאָל פאַרמאָגן אַ פּאַטריאָטיזם אַזוי ריין ווי דער פּריש־געפאַלענער שניי, און איבערלאָזן אין דער היים יעדן מאָטיוו פון עגאָאיסטישן אינטערעס, וואָלט ער נאָך אַלץ נישט געקאָנט טאָן די אַרבעט פיל בעסער ווי איצט, סיידן עס זאָל איינגעשטעלט ווערן אַ סיסטעם פון אָנפירונג, פּלאַנירונג און קאָנטראָל. ס׳איז אוממעגלעך אָפּצוטיילן די שעפּסן פון די בעק אַזוי לאַנג ווי די שעפּסן ברענגען דעם זעלביגן שאָדן ווי די בעק. און אַזוי לאַנג ווי ס׳איז נישטאָ קיין פּלאַן, קיין פּלאַנירטע ווירטשאַפט און קיין פעסטע אַדמיניסטראַטיווע סיסטעם, וואָס זאָל ווירקלעך איבערנעמען דעם קאָנטראָל איבער דער גאַנצער ווירטשאַפט, איז עס סוף כל סוף נישט קיין גרויסער אונטערשייד, צי איר וועט אוועקשטעלן גוטע אָדער שלעכטע מענטשן ביי דער אַרבעט. זיי וועלן אַלע שאַפן אומגעפער דעם זעלביגן סאָרט כאַאָס, וואָס מיר האָבן היינט־צו־טאָג. ביים באַטראַכטן עקאָנאָמישע פראַגן וויל איך זיך דעריבער נישט זאָרגן צופיל וועגן די שלעכטע „דאָלאַר־אַ־יאָר״ מענטשן, ווייל מיט דער אויסנאַם פון געוויסע עלעמענטן פון פינפטן קאָלום און פון דעפּיטיסטן, וואָס באַקעמפן און שטערן די מלחמה־אָנשטרענגונג פון לאַנד, קאָן איך נישט וויסן ווער ס׳איז גוט און ווער ס׳איז שלעכט, ביז מיר וועלן נישט האָבן קיין סיסטעם און קיין ריכט־ליניע, דורך וועלכע זיי זאָלן געשטעלט ווערן צו דער פּראָבע. אַזוי לאַנג ווי מען לאָזט זיי אויף זייערע פלעצער אָן וועלכער ס׳איז אַנדערער אָנפירונג, חוץ זייער אייגענער פאַרגאַנגענער דערפאַרונג, וועלן זיי אומפאַרמיידלעך אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג, ווייל זייער פאַרגאַנגענע דערפאַרונג האָט זיי נישט צוגעגרייט צו לייזן די פּראָבלעמען פון אַ קריגס־ווירטשאַפט.

ס׳איז נישט קיין פראַגע פון גוטע פאַרוואַלטער אָדער שלעכטע פאַרוואַלטער, פון „דאָלאַר־אַ־יאָר״ מענטשן אָדער קאַריערע־מענטשן, פון פּאַטריאָטן אָדער פּראָפיטירער. די דאָזיגע פראַגן קאָנען האָבן אַ ממשות ערשט דעמאָלט, ווען מיר וועלן האָבן אויסגעאַרבעט אַ קלאָרע אָנפירונג און אַן אַלגעמיינעם פּלאַן. אַזוי אַז מען זאָל קאָנען אורטיילן מענטשן לויט דער קוואַליטעט פון זייער אַרבעט פאַר אַזאַ פּלאַן. אַזוי לאַנג ווי זיי בלייבן פּלאַנלאָז, האָט עס פּונקט אַזוי וויניג זין צו זוכן גוטע מענטשן אָדער שלעכטע מענטשן, ווי צו זוכן אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי.

די העסלעכע דערשיינונגען פון וואַשינגטאָנער לעבן זיינען נישט קיין

רעזולטאַט פון די „רייסערייען און קריגערייען, אייפערזוכט און קאָנקורענץ" צווישן די פאַרשיידענע רעגירונגס־אַגענטורן, ווי די צייטונגס־קאָלומניסטן ווילן אונז איינרעדן ; אַזוינע רייסערייען און קריגערייען זיינען דער רעזולטאַט, נישט די סיבה, פון דעם צוזאַמענברוך פון אונזער פּלאַנלאָזער קריגס־ווירטשאַפט.

נישט די אינפלאַציע, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, דערשטיקט אונזער פאַרזוך צו אַנטוויקלען די קריגס־פּראָדוקציע, נאָר דער מאַנגל פון אַ ווירקלעכער צענטראַלער אָנפירונג מיט דער ווירטשאַפט, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף באַשטימטע פּלענער און געקרעפטיגט דורך „רעשאָנינג" און פעסטע פרייזן (מיט האַרבער שטראָף פאַר איבערטרעטונגען) ; אינפלאַציע אַליין איז דער רעזולטאַט פון דעם צוזאַמענברוך, ניט די סיבה (געוויס קאָן די וויטערדיגע אַנטוויקלונג פון אינפלאַציע מאַכן דעם צוזאַמענברוך נאָך ערגער, אָבער דאָס טאָר ניט פאַרשטעלן די גרונט־סיבה.)

מיר דאַרפן אָנערקענען דעם אמת, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין וואַשינגטאָן צו לייזן עקאָנאָמישע פּראָגן, איז נישט בלויז נוצלאָז, נאָר באַשטימט שעדלעך, ווייל ער האָט ניט קיין אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיט פּראָדוקציע און ווערט אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט אין אַ שטערעדישן פּאַראַזיט. ער פּלאַנירט נישט, פירט נישט און קאָנטראָלירט נישט, נאָר ער צווינגט בלויז אַרויף געוויסע פאָדערונגען אויף דעם קורס פון פּראָדוקציע. ער קאָן זיך נישט אַנטוויקלען צו עפּעס בעסערס, ווייל ער האָט נישט הינטער זיך קיין פּראַקטישע אויפּפּאַסונג בנוגע פאַרוואַלטונג און אָנפירונג. אַזאַ אַפּאַראַט קאָן בלויז צוזאַמענברעכן אין אַ כאַאָס פון רייסערייען און אין וואָלקנס פון ביטערקייט און מיספאַרשטייעניש.

ווי אַ רעזולטאַט פון אַזאַ בלאָנדזשען אָן אַ רודער און אָן אַ קאָמפּאַס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן נייע טענדענצן, וואָס שאַפן די געפאַר פון נייע קאָמפּליקאַציעס פאַר דער צענטראַלער פּראָבלעם, אָן דער אויסזיכט פון אַ לייזונג. איינע פון אָט־די טענדענצן איז די נייגונג מצד דער אַרמיי אַריינצומישן זיך מער און מער און איבערנעמען די אויפזיכט איבער דער גאַנצער פּראָבלעם פון פּראָדוקציע. מר. בערנאַרד מ. באַרוך האָט שוין אין 1931 פאָראויסגעזען די דאָזיגע טענדענץ און אונז געוואָרנט נעגן איר אין דעם אויבן־ציטירטן מעמאָראַנדום. מר. באַרוך האָט אויסגעדריקט די וואָרנונג מיט די ווערטער : „מיר טאָרן נישט ניט מיליטאַריזירן די אינדוסטריע און נים אַנדוסטריאַליזירן די אַרמיי." „די אַרבעט פון דעם קריגס־דעפּאַרטמענט איז אָנצופירן מיט אונזערע באַוואָפנטע כחות. דאָס איז אַ גרויסע אַרבעט. ווען מ'זאָל נאָך אַרויפוואַרפן דערויף די אַרבעט פון עקאָנאָמישער מאָביליזאַציע, וואָלט דאָס פאַרזיכערט דעם דורכפאַל פון ביידן." איך בין פול־

שטענדיג איינשטימיג מיט אַט־דעם אויספיר, וואָס מר. באַרוך מאַכט. די צענטראַלע אַדמיניסטראַציע פון דער ווירטשאַפט, וועגן וועלכער איך רעד, האָט גאָרנישט קיין געמיינשאַפטלעכס מיט דער מיליטאַריזאַציע פון דער אינדוסטריע, און קיין זאַך קאָן נישט מאַכן מער אוממעגלעך אַזאַ צענטראַלע אַדמיניסטראַציע פון דער ווירטשאַפט, ווי דער פאַרזוך פון דער אַרמיי צו פאַרנעמען דאָס צענטראַלע אָרט אין דער פּראָדוקציע. דער מיליטערישער מוח איז אַבסאָלוט אומפּאַסיק צו לייזן אַט־די פּראָבלעם און קאָן בלויז מאַכן דעם מיש־מאַש נאָך ערגער.

איינער פון די באַליבטסטע אַרגומענטן געגן אַ צענטראַלער עקאָנאָמישער אַדמיניסטראַציע איז די פראַגע: „וואו וועט די רעגירונג געפינען בעסערע פּאַרוואַלטער ווי די וואָס באַטרייבן איצט אונזערע פּראָדוקציע־אונטער־נעמונגען?" דער ענטפער איז, אַז מיר דאַרפן גאָרנישט געפינען קיין בעסערע פּאַרוואַלטער, אויב מיר זאָלן נאָר געבן די איצטיגע פּאַרוואַלטער אַ באַ־שטימטע אויפגאַבע און זען, אַז זיי זאָלן זי דורכפירן. מיר וואָלטן געקאָנט פּטור ווערן פון הונדערט טויזנט נוצלאָזע באַאַמטע אין וואַשינגטאָן, ווען מיר זאָלן בלויז האָבן עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס זאָלן אַרבעטן צוזאַמען אונטער אַ שטאַרקער פירערשאַפט און וואָס זייער איינציגער ציל זאָל זיין צו באַשטימען קאָנקרעטע פּראָדוקציע־אויפגאַבן און מאַכן צוגענגלעך די נויטיגע מאַטעריאַלן און אַרבעטער פאַר יעדן פון די איצטיגע פּראָדוקציע־פּאַרוואַלטער, וואָס איז גרייט דורכצופירן די אויפגאַבן, און פאַר יעדער פאַבריק, וואו די אַרבעט קאָן דורכגעפירט ווערן. דאָס לאַנד האָט געהאַפט, אַז גראַד אַזאַ אַרבעט האָט מר. נעלסאָן זיך פאַרמאָסטן דורכצופירן. אָבער מר. נעלסאָן ווייזט זיך אַרויס צו זיין ניט קיין סך מער ווי אַ ווידערהאָלונג פון מר. קנודסען, ווייל מיר האָבן בלויז אומגעביטן מענטשן, בעת געדאַרפט האָבן מיר בייטן די פּאָליסי.

ס'איז נוצלאָז צו קריטיקירן און פאַרדאַמען די אינדוסטריאַליסטן און פּראָדוקציע־פּאַרוואַלטער און זיי באַשולדיגן אין אַלע אונזערע שוועריגקייטן, סיידן מיר וועלן האָבן אויסגעאַרבעט אַ בעסערן און מער פּראַקטישן פּלאַן, וואָס זיי וועלן צוריקווייזן. זיי זיינען נישט דערפאָלגרייך אויף זייערע איצטיגע פּאָזיציעס, ווייל זיי האָבן אויף זיך אַ טוץ דעה־זאָגער, וואָס קיינער פון זיי האָט נישט די מינדסטע אַנונג וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן, נאָר יעדערער פון זיי וויל זיך אויספּינען פאַר דער וועלט און זיינע פריינט, אַז ער האָט די גאַנצע דעה. אונטער אַזוינע באַדינגונגען וועט דער פייאַנסטער און פּאַטריאָטישסטער פּאַרוואַלטער אין דער וועלט פאַרענדיגן זיין קאַריערע אין אַ סאַנאַטאָריום פאַר גייסטיג־קראַנקע. ניין, דערווייל האָב איך נאָך נישט דאָס האַרץ צו זידלען די מענטשן, וואָס געפינען זיך אין אַזאַ לאַגע.

קאַפּיטל צוואַנציק

די אַרבעטער אין אַ קריגס־ווירטשאַפט

די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס וואַקסן אַרויס אין אונזער לאַנד ווי אַ רעזולטאַט פון די מלחמה־באַדערפעניש, זיינען ניי פאַר אַמעריקע, און דערפאַר ווייל זיי זיינען ניי, טאַפּן מיר נאָך דעם וועג צו זייער לייזונג. קיינער האָט נאָך נישט געגעבן קיין קלאָרע און ברייטע אָנדייטונג ווי אַזוי צו פאַרענטפערן די דאָזיגע פראַגן. דעריבער איז עס באַזונדער נויטיק פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג צו טראַכטן טיף וועגן די פּראָבלעמען פון אַ קריגס־ווירטשאַפט, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דערפאָלגרייכער מלחמה, און פאַראויס־ברענגען איר ביישטייער צו דער לייזונג פון אָט־די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

פאַר די טרעיד־יוניאָנס איז עס דרינגענדיק־וויכטיק צו באַהאַנדלען די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אויף אַ נייעם אופן. די פונקציע פון טרעיד־יוניאָנס, ווי די באַשיצער פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַרבעטער, ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ וויכטיגער נישט בלויז פאַר די אַרבעטער, נאָר פאַר דעם גאַנצן לאַנד, פאַר דער פּראָדוקציע און פאַר דעם זיג. נאָר דער כאַראַקטער פון דער דאָזיגער פּראָבלעם ענדערט זיך אַזוי שנעל, אַז ווען די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג בלייבט הינטערשטעליק אויף דעם געביט פון פולשטענדיק באַנעמען אָט־די ענדערונגען, שאַפט דאָס די ערנסטע געפאַר נישט בלויז פון אַלץ מער אָנגעשטרענגטע עקאָנאָמישע באַציאונגען אין לאַנד, צווישן אַרבעטער און אַרבעטגעבער, וואָס קאָנען פירן צו געפערלעכע עקאָנאָמישע שטרייטן, נאָר אויך די געפאַר פון אומנויטיגע אָנגעשטרענגטע פּאָליטישע באַציאונגען צווישן די אַרבעטער און דער רעגירונג. מיר מוזן פאָראויסזען אָט־די פּראָבלעמען, כדי מיר זאָלן נישט דאַרפן בלאָנדזשען און באַגיין פעלערן אויף דעם וועג צו זייער לייזונג. מיר מוזן באַצייטנס דערבליקן די נעהעריגע לייזונגען, כדי צו פאַרמילדערן די אָנגעשטרענגטע באַציאונגען און פאַרמיידן שטרייטן. אַניט וועלן אויסוואַקסן שעדלעכע קאָנפליקטן, וואָס וועלן שטערן די מלחמה־אָנשטרענגונג פון אונזער לאַנד און אָפּלייגן, אויב ניט שטעלן אין געפאַר, אונזער זיג.

אין געוויסע אומפּאַראַנטוואָרטלעכע קרייזן ווערט שוין די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַשולדיגט, אַז זי האָט בדעה מקריב צו זיין די אינטערעסן פון די אַרבעטער צו די קאַפּיטאַליסטן, דערפאַר וואָס מיר באַשטייען אויף דער נויטיגקייט פון ניט־אונטערבראָכענער פּראָדוקציע. ערשט ניט לאַנג האָט די אומפּאַראַנטוואָרטלעכע ציטונג, „ניו לידער", אָפּגעדרוקט אַזאַ אָנקלאַגע געגן אונז. און געוויסע שרייבער, וואָס האָבן אַ צוטריט צו די קאָלומס פון דעם אָפיציעלן נייעס־בלאַט פון דער „אַמעריקען פעדערעישאַן אָוו לייבאָר", האָבן אויך אָפּגעדרוקט אַזאַ קלאַגע געגן אונז. אָט־די באַשולדיגונג איז אַ בייזוויליגע פאַרלוימדונג, וואָס קאָן געמאַכט ווערן בלויז פון אַזוינע מענטשן, וועלכע שטעלן זייערע שמאָלע פראַקציאָנעלע חשבונות העכער פון די אמת'ע אינטערעסן פון די אַרבעטער, וואָס זיינען ניט אָפּצוטיילן פון די אינטערעסן פון אונזער לאַנד און די אינטערעסן פון דער איצטיגער מלחמה.

מיר מוזן אָבער זאָגן, אַז די פראַגע פון לוין (ווערידזשעס) דאַרף באַהאַנדלט ווערן פון אַ נייעם שטאַנדפּונקט. אַזוי לאַנג ווי ווערידזשעס ווערן באַטראַכט ווי אַ „באַלוינונג", אָנשטאָט ווי אַ באַדערפעניש פאַר פּראָדוקציע; אַזוי לאַנג ווי דער ענין ווערט באַהאַנדלט בלויז לויט דעם צו־איינפּאַכן און צייטנווייז פאַרפירערישן לאָזונג פון „גלייכע קרבנות" (איקוואַליטי אָוו סעקריפאַיס"), וועלן מיר ניט געפינען קיין וועג אויף צו לייזן די פראַגע פון ווערידזשעס אָן קאָנפליקטן. עס קאָן ניט דערלויבט ווערן, אַז ווערידזשעס זאָלן באַשטימט ווערן דורך קאָנפליקטן, וואָס מוזן פירן צו סטרייקס.

מיט וואָס טויג ניט דער לאָזונג פון „איקוואַליטי אָוו סעקריפאַיס" ווי אַ ריכט־שנור אין דער פראַגע פון ווערידזשעס? ער טויג ניט דערמיט, וואָס ווערידזשעס ווערן דאָ באַטראַכט ווי אַ מין ריוח, וואָס ווערט אַרויסגענומען פון דער ווירטשאַפט, פּונקט ווי פּראָפיטן ווערן אַרויסגענומען פון דער ווירטשאַפט; און אַז אויב די קאַפּיטאַליסטן זיינען מקריב זייערע פּראָפיטן, מוזן די אַרבעטער מקריב זיין זייערע ווערידזשעס. איך וויל נישט באַשטרייטן אָט־די טענה פון וועלכן ס'איז מאָראַלן שטאַנדפּונקט. איך רעד דאָ דורכאויס אין טערמינען פון עקאָנאָמיק, פון דער „פּאַרומערטער" וויסנשאַפט, ווי דער גרויסער ענגלישער שרייבער קאַרלאַיל האָט זיך אויסגעדריקט, און איך וויל אַרויסטרעטן געגן דעם לאָזונג פון „איקוואַליטי אָוו סעקריפאַיס" ווי אַ שטערונג און שטרויכלונג אויף דעם וועג צו מאַקסימום־פּראָדוקציע פאַר דער מלחמה.

עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז קרבנות מוזן געבראַכט ווערן, כדי צו געווינען די מלחמה; אָבער די קרבנות קאָנען ניט געמאָסטן ווערן ריכטיג מיט דער מאָס פון „גלייכקייט".

ווערידזשעס מוזן באַהאַנדלט ווערן פון דעם שטאַנדפּונקט פון שאַפן דעם

פּייאיגסטן אַרבעטער־קלאַס פאַר די צוועקן פון פּראָדוקציע, אין איינקלאַנג מיט דעם סכום געברויך־סחורות און באַדינונגען, וואָס קאָן געשאַפן ווערן אין לאַנד אונטער די באַדינגונגען פון אַ פולשטענדיגער קריגס־ווירטשאַפט. ווי נאָר מיר וואַרפן אַ בליק אריבער דער געלט־פאָרם פון ווערדזשעס און נעמען טראַכטן אין טערמינען פון די ווירקלעכע באַדערפענישן פון דער פּראָדוקציע, וואָס פון איר איז אַזוי שטאַרק אָפּהענגיג דער זיג אין דער מלחמה, באַקומט די פראַגע פון ווערדזשעס אַ גאַנץ נייע באַדייטונג. ווערדזשעס, ווי זיי ווערן אויסגעדריקט דורך געלט, זיינען מער נישט קיין מאָס פון לעבנס־סטאַנדאַרד; דעריבער מוזן איצט ווערדזשעס אויסגעדריקט ווערן אין אַ גאַראַנטירטער באַזאָרגונג פון די באַדערפענישן פון דעם אַרבעטער אַלס פּראָדוצירער. דאָס איז דער איינציגער וועג ווי די פּראָדוקציע קאָן אָנגעהאַלטן ווערן אויף דעם נויטיגן מאַסשטאַב פאַר אַ דערפאָלגרייכער מלחמה־אָנפירונג; און אין דער איצטיגער מלחמה פאַר עקזיסטענץ זיינען די באַדערפענישן פון זיג — דער העכסטער געזעץ, וואָס גילט איבער אַלע אַנדערע כללים אויף יעדן געביט פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן.

אין דער דיסקוסיע — אויב מען קאָן דאָס באַערן מיט דעם וואָרט „דיסקוסיע" — וואָס גייט איצט אָן אין אונזערע צייטונגען וועגן די געפאַרן פון אינפלאַציע, ווערט אָנגעגעבן דער אויטאָמאַטישער ענטפער, אַז אינפלאַציע מוז אויסגעמיטן ווערן דורך אַראָפּדריקן די לעבנס־סטאַנדאַרדס פון דעם אַרבעטער־קלאַס, דאָס הייסט — דורך פאַרעגערן די באַזאָרגונג פון דעם מענטשלעכן עלעמענט אין דער פּראָדוקציע. דאָס ווערט אָנגעגעבן ווי דער הויפּט־מיטל, אויב ניט דער איינציגער מיטל, צו באַקעמפן אינפלאַציע. ס'איז פולשטענדיגער אומזין אויף דעם עקאָנאָמישן געביט; ס'איז אידיאָטיש אויף דעם פּאָליטישן געביט; און ס'איז די גרעסטע געפאַר פאַר דער פּראָגראַם פון קריגס־פּראָדוקציע.

כדי דער אַרבעטער־קלאַס זאָל שאַפן דעם מאַקסימום פּראָדוקציע פאַר דער מלחמה, מוז יעדער מעגלעכער אַרבעטער און יעדע מאַשין זיין באַשעפטיגט. ווען יעדער אַרבעט־פייאיגער מאַן און יעדע פרוי זאָל באַשעפטיגט ווערן אין דער קריגס־פּראָדוקציע, איז עס קלאָר, אַז ווערדזשעס מוזן איבערזעצט ווערן אין טערמינען פון דער שפייז, די קליידער און די וואוינונגען, וואָס קאָנען באַזאָרגט ווערן אונטער אַן אָרגאַניזירטער קריגס־ווירטשאַפט פאַר אָט־די מענטשן, וועלכע טוען די נויטיגע אַרבעט, כדי צו זיכערן זייער מעגלעך גרעסטע אַרבעט־פייאיגקייט, — וואָס דאָס נעמט אויך אַריין די אויפהאַלטונג פון זייערע פאַמיליעס.

ווי גרויס אָדער קליין עס זאָל נישט זיין דער לוין, ייאָס מוז געצאָלט ווערן מיט געלט, קאָן דאָס אונטער אַ פולשטענדיגער קריגס־ווירטשאַפט נישט

האָבן קיין אַנדער באַדייטונג, אין טערמינען פון דירעקטן פאַרברויך פון לעבנס־מיטלען, ווי אויסנוצן אויף דעם בעסטן אופן די פּאַראַנענע לעבנס־מיטלען. דער סכום פון געברויך־סחורות בלייבט ניט שטענדיג דער זעלביגער, כאָטש אונטער דעם דרוק פון מלחמה ווערט ער שטאַרקט באַשרענקט. אָבער ווען די ווירטשאַפט ווערט ווי געהעריג אָנגעפירט, מיט דער הילף פון אַ ווירקזאַמער „ראַשאָנינג״־סיסטעם און פעסטע פּרייזן, אַזוי אַז זי זאָל זיך ניט אַרויסרייסן פון די אָהלאָבליעס און נישט שאַפן קיין צערודערונג און קיין צוזאַמענברוך, איז נישטאָ קיין שום סיבה פאַרוואָס דער געלט־לוין — ווי ער זאָל זיך נישט אויסדריקן אין דער צאָל דאָלאַרן — זאָל ניט קאָנען פאַרנוצן די פּאַראַנענע געברויך־מיטלען; און ס'איז אויך ניטאָ קיין סיבה פאַרוואָס נייע קוואַלן פון געברויך־סחורות זאָלן ניט אַנטוויקלט ווערן, כדי צו שטאַרקן אונזער אַרבעט־קראַפט אויף דעם ווירקזאַמסטן אופן.

עס איז געוואָרן אַבסאָלוט נויטיג פאַר די טרעיד־יוניאָנס, אַז זיי זאָלן אָנהויבן טראַכטן וועגן וועידזשעס אין אָט־די טערמינען, אין טערמינען פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, וואָס איז צוגעפּאַסט צו טאָטאַלער מלחמה, און אין טערמינען פון דער נאַציאָנאַלער באַדערפעניש צו באַזאָרגן שפּייז און קליידער און וואוינונגען פאַר די אַרבעטנדיגע מענטשן.

דאָס פאַרשווינדן פון די מאַרק־פאַרהעלטענישן, וועלכע זיינען געווען גילטיג פאַר דער מלחמה; די אויסגעשפּילטקייט פון „ביזנעס עז יוזשועל״ אין אַ קריגס־ווירטשאַפט; און די דרינגענדיגע באַדערפעניש פון נישט־אונטערבראָכענער פּראָדוקציע, — דאָס אַלץ פאָדערט ממילא, אַז עס זאָלן אויך אַנטוויקלט ווערן נייע מעטאָדן פון רעגולירן אַרבעט־באַדינגונגען. דער נאַצי־פאַשיסטישער מעטאָד פון לייזן די דאָזיגע פּראָבלעם איז — די פאַרשקלאַפונג פון די אַרבעטער, די פאַרניכטונג פון אַלע זעלבסט־שטענדיגע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער און פון פאָלק, דאָס אַרויפצווינגען אַ טעראָריסטישע דיקטאַטור אויף דעם פאָלק. דער דעמאָקראַטישער מעטאָד איז אַ מעטאָד פון אַריינציען די אַרבעטער אין דער רעגירונג און אין אַלע קריגס־אַגענטורן; אַ מעטאָד פון אַריינגעמען די אַרבעטער אין אַ געמיינשאַפטלעכער אחריות פאַר דער פּראָדוקציע; אַ מעטאָד פון שליכטן סכסוכים דורך פאַרמיטלונג און אַרביטראַזש, פון אָנהאַלטן און אויסברייטערן די רעכט פון די אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן און פאַרהאַנדלען קאָלעקטיוו מיט די אַרבעט־געבער, און דער פרייוויליגער באַשלוס פון די אַרבעטער זיך ניט צו באַנוצן מיט זייער רעכט צו סטרייקן.

די אַנטוויקלונג פון דעם דעמאָקראַטישן מעטאָד פון אַריינפּאַסן די אַרבעטער אין דער קריגס־ווירטשאַפט איז העכסט דערפאָלגרייך און פולשטענדיג מצד די אַרבעטער אין זייער פרייוויליגער קאָאָפּעראַציע ביים דורכ־

פירן די קריגס־פּאָליסי פון דער רעגירונג, אויף וויפיל אזא פּאָליסי איז אנט־וויקלט געוואָרן. ווייניגער דערפאָלג איז פארצייכנט געוואָרן אויף דעם געביט פון שאפן נייע אינסטיטוציעס צו רעגולירן ארבעט־באדינגונגען אָדער אויף דעם געביט פון אויסנוצן פארטרעטער פון די ארבעטער ביים פאָרמולירן און אָנווענדן קריגס־פּאָליסים. ממילא איז דער בייטראָג פון די ארבעטער בלויז טיילווייז פרוכטבאר, ווייל אין גרויסן און גאנצן קריגן די ארבעטער נישט די געלעגנהייט צו שפּילן א קאָנסטרוקטיווע ראָלע ביים אויסהאַמערן די פאָרמען פון דער נייער עקאָנאָמישער אָרגאניזאציע. דאָס איז א גרויסע שוואכקייט, רעדנדיג בלויז פון דעם שטאנדפּונקט פון מאקסימום פּראָדוקציע. אויך דאָ פּרואוון מיר זיצן — און מיר פאלן אנידער — צווישן צוויי שטולן: מיר נעמען נישט אָן פולשטענדיג ניט דעם נאַציישן און ניט דעם דעמאָ־קראטישן מעטאָד, נאָר מיר פּרואוון גיין מיט א צרה׳דיגן צווישן־וועג.

פיליפּ מאָרעי, פּרעזידענט פון דעם קאָנגרעס פון אינדוסטריעלע אָרגאני־זאציעס (סי־איי־אָ), האָט אָן ספק אָנגעוויזן אויף דער גרונט־פּראָגע פון דער קריגס־ווירטשאפט, ווען ער האָט פאָרגעשלאָגן, אז די ארבעטער זאָלן קריגן א מער געהעריגע פארטרעטערשאפט אין דער „וואָר פּראָדאקשאָן באָארד" און אין דער רעגירונג, און אז עס זאָל געשאפן ווערן א סיסטעם פון פּראָ־דוקציע־קאונסילס, וואו די ארבעטער, די פאבריק־אדמיניסטראציע און די רעגירונג זאָלן געמיינשאפטלעך אויסארבעטן די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון אויפבויען א נייע סטרוקטור פון קריגס־ווירטשאפט. זיין פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן „אין פּרינציפּ", — א העפלעכער אופן פון זאָגן, אז ער ווערט צוריקגעוויזן אין דער פּראַקטיק.

אָן עקאָנאָמישע סיסטעם איז אין עצם א סיסטעם פון ארבעט־פאר־העלטענישן אין דעם פּראָצעס פון פּראָדוקציע. מערסטע פון אונזערע עקאָ־נאָמישע שוועריגקייטן שטאמען פון דער אומפעיאיגקייט צו באַנעמען אָט־דעם אמת און צו ציען די שלוסן דערפון. דעריבער ווערט אין אלע באטראכטונגען פון דער קריגס־פּראָדוקציע אָפּגעלייגט צום סאמע לעצטן דער הויפּט־עלעמענט פון דער פּראָדוקציע, דאָס הייסט — דער פּראָדוצירנדיגער ארבעטער גופא. אונטער די אַלטע עקאָנאָמישע כללים איז דער ארבעטער־קלאַס באטראכט געוואָרן ווי א קלאַס, וואָס „קריגט ארבעט" ביים באדינען די ווירטשאפט און אַליין איז ער אויסערהאַלב דער עקאָנאָמישער סיסטעם, סיידן ער ווערט איינ־געלאָדן דורך קאפּיטאל אָדער „מענעדזשמענט". דאָלארן, געלט, קאפּיטאל, — דאָס זיינען געווען אַנטשיידנדיגע עלעמענטן; דער וואוקס פון געלט דורך פּראָפיטן, פּראָצענט אויף קאפּיטאל און רענט איז געווען דער סטימולירנדיגער כח, בעת די ארבעטער זיינען באטראכט געוואָרן ווי א מין אָנשיקעניש, א מין פּאראזיט, וואָס האָט די טבע זיך ארייַנצורייסן אַלץ מער און מער מיט

זיינע „אומגערעכטע" פאָדערונגען אין דעם סאַמע האַרץ פון דער סיסטעם, וואָס האָט שטענדיג געדאַרפט „באַשיצט" ווערן געגן די אַרבעטער. אָט־דער גאַנצער געדאַנקען־גאַנג איז ביי אַמעריקאַנער אינדוסטריאַליסטן געוואָרן אַ צווייטע נאַטור און דער פונדאַמענט פון זייער עקאָנאָמישער בילדונג — עפּעס אַזוינס, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי זעלבסט־פאַרשטענדלעך און אומבאַדינגט־נויטיג, אַזוי ווי די לופט צום אָטעמען — אַ „נאַטור־געזעץ", וואָס איז קיינמאָל ניט געשטעלט געוואָרן אונטער קיין פראַגע־צייכן. אָט־די פאָרמען פון דענקען, וואָס האָבן געשטימט מיט די דערפאָלגרייכע טעגלעכע אָפּעראַציעס פון דער אינדוסטריע אין אַ פריערדיגער שטופע פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, ברעכן צוזאַמען אויף אַ צרה'דיגן אופן, ווען זיי ווערן גענוצט ווי אַן אינסטרומענט פאַר דעם איבערבוי פון אונזער ווירטשאַפט פאַר די צוועקן פון קריג.

הערבערט הואווער האָט דורך דעם פאָרשלאַג, וואָס ער האָט לעצטנס געמאַכט וועגן איינפירן די נאַצי־עקאָנאָמיק אין אַמעריקע, אויסגעדריקט אָט־די טראַדיציאָנעלע שול פון עקאָנאָמישן געדאַנק בנוגע דער איצטיגער לאַגע. אָנערקענענדיג, אַז די טראַדיציאָנעלע ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור איז נישט צוגעפּאַסט פאַר די אויפגאַבן, וואָס די מלחמה האָט אַרויסגערוקט, האָט ער פאָרגעשלאָגן, ווי אַן „עמוירדזשענסי מיטל", אַז עס זאָל אָנגענומען ווערן די נאַצישע ווירטשאַפט־סיסטעם, וואָס איז געבויט אויף דער פאַרשקלאַפונג פון די אַרבעטער. אָט־דאָס האָט מר. הואווער געמיינט, ווען ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מר. רוזוועלט זאָל קריגן מער מאַכט אויף איינצופירן אַ „נאַצי־עקאָנאָמיק" אין אונזער לאַנד אין לויף פון דער מלחמה. די וואַשינגטאָנער אַדמיניסטראַציע האָט אָפּגעוואָרפן מר. הואווער'ס טענדענץ, וועלכע באַהערשט אָבער דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער מערהייט אין קאָנגרעס. נאָר די אַדמיניסטראַציע האָט בשום אופן נישט אַנטוויקלט קיין אויסגעהאַלטענע און פאַרגאַנצטע אויפפאַסונג פון דער קריגס־ווירטשאַפט, וואָס זי זוכט צו שאַפן; זי פּרוּווט נאָך אַלץ צו אָפּערירן לויט די אַלטע טראַדיציאָנעלע באַגריפן, און ממילא איז זי אין אַן אומגינסטיגער לאַגע, ווען עס קומט צו באַגעגענען און אָפּשלאָגן די אַטאַקעס פון די הערבערט הואווערס און די האַוואַרד סמיטס, וואָס פאָדערן „נייע מעטאָדן", וועלכע גייען אין דער נאַצישער ריכטונג. און די אַדמיניסטראַציע וועט בלייבן אין אַן אומגינסטיגער לאַגע אין דעם דאָזיגן קאַמף אַזוי לאַנג ווי זי וועט נישט האָבן אויסגעהאַמערט קיין אויפפאַסונג פון אירע אייגענע נייע מעטאָדן. דאָס קאָן געטאָן ווערן בלויז דורך צוגיין צו דער גאַנצער ווירטשאַפט ווי צו אַ פּראָבלעם פון פאַרטיילן און אָרגאַניזירן די אַרבעט־קראַפט; דורך אַריינברענגען טרעיד־יוניאָן פאָרשטייער, וואָס די אַרבעטער אַליין האָבן אויסגעקליבן, אויף אַ מער ווירקזאַמען אופן אין דער

אדמיניסטראַציע; דורך סובאָרדינירן פולשטענדיג די געוויינטלעכע פאַר־מולעם פון פרידנס־צייט בנוגע קאַפּיטאַל, קאָסטן, פּראָפיטן, פּרייזן, מארק־פאַרהעלטענישן, אַנבאָט און נאָכפראַגע, און אַזוי ווייטער.

דאָ דערהער איך, דאַכט זיך, די שטימען פון די טראַדיציאָנעלע עקאָנאָ־מיסטן, ווי זיי שרייען אוים: „אהא, פּונקט ווי כ'האָב דערוואַרט! בראָודער פּרוואוט דורכשמוגלען אַ פּראָגראַם פון סאָציאַליזם, פאַרמאַסקירט ווי אַ קריגס־ווירטשאַפט!”

דער אמת איז אָבער, אַז איך האָב נישט די מינדסטע האָפענונג צו קאָנען „דורכשמוגלען” וואָס ניט איז און ווען ניט איז. מיין אויפפאַסונג פון געשיכטע און איר מאַטעריעלן באַזים פירט מיך צו דער טיפער איבערצייגונג, אַז ענדערונגען אין עקאָנאָמישע סיסטעמען קאָנען קיינמאָל נישט „דורכגע־שמוגלט” ווערן דורך „פלינקע” מענטשן; אַז זיי זיינען שטענדיג אַ פּראָדוקט פון האַרבער נויטווענדיגקייט, וואָס צווינגט אַרויף די ענדערונג; נאָר אַז אין קריטישע מאָמענטן ווערן אַזוינע ענדערונגען געוויינטלעך דורכגעפירט דורך דעם באַוואוסטזיניגן ווילן פון מענטשן צו מאַכן די נויטיגע ענדערונג. אידעאָלאָגיע שפּילט דאָ אַ צווייט־גראַדיגע ראָלע, ווייל די ענדערונגען שטאַמען נישט פון פּאַרטיגע אידייען, נאָר גיכער ווערן זיי דורכגעפירט נעגן דעם ווידערשטאַנד פון פּאַרטיגע אידייען און פּאָראורטיילן.

די ענדערונגען, וואָס ווערן דאָ פאָרגעשלאָגן ווי אַ באַדערפעניש פון דער קריגס־ווירטשאַפט, זיינען נישט סאָציאַליסטיש און ברענגען מיט זיך ניט קיין סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט. די קריגס־ווירטשאַפט אונטער אַ צענט־ראַלער אַדמיניסטראַציע, מיטן אַקטיוון אָנטייל פון די אַרבעטער, וואָס איך האָב דאָ געפּרוואוט אָנצייכענען, וואָלט געווען אַ קאַפּיטאַליסטישע ווירט־שאַפט — אייגנטלעך, די העכסטע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. צו די וואָס טענה'ן, אַז דאָס איז שטאַט־קאַפּיטאַליזם, קאָן מען זאָגן, אַז שטאַט־קאַפּיטאַ־ליזם איז בלויז אַן אַנדער וואָרט פאַר קאַפּיטאַליזם, וואָס איז צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון טאָטאַלער מלחמה.

נאָך מער: אין מיין איצטיגן אַרגומענט ווערט אַפילו נישט באַטראַכט די פראַגע, צי אַזאַ צענטראַליזירטע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט (מיט וואָס פאַר אַ נאָמען מען זאָל זי ניט אָנרופן) איז געוואונטשן אָדער ניט געוואונטשן אין זיך גופא, אָפּגעזען פון די קריגס־באַדערפענישן. מיין איינציגער אַרגומענט איז, אַז דער זיג פאָדערט געוויסע פאַרבאַדינגונגען, וואָס מיר מוזן זיי גע־פינען דורך אונזער פאַרשטאַנד און שאַפן דורך אונזער געמיינשאַפטלעכער אַקציע, ווי אַ לאַנד און אַ פאָלק. יעדער פאָרשלאָג אין אָט־דעם זין איז גילטיג, אויב ער איז נויטיג פאַרן זיג אָדער ער פירט צום זיג; און אויב דאָס איז באַוויזן געוואָרן, שטייט מיין פאָרשלאָג אויף זיינע אייגענע פיס — מיט וואָס

פאַר אַ נאָמען מען זאָל אים ניט באַצייכענען. אויב ווידער איך האָב ניט באַוויזן, אַז דאָס איז אַ מלחמה־באַדערפעניש, איז מיין אַרגומענט נישט גילטיג — אָפּגעזען, ווידער אַמאָל, פון דעם נאָמען, מיט וועלכן ער ווערט באַצייכנט.

מיין אַרגומענט פאַר אַ פולשטענדיג־צענטראַליזירטער נאַציאָנאַלער פאַר־וואַלטונג איבער דער ווירטשאַפט האָט די זעלביגע גילטיגקייט, אין אָט־דעם זין, צי מען וועט דאָס רופן שטאַט־קאַפּיטאַליזם, אָדער — ווי די פלאַכע געגנער פון טאָטאַלער מלחמה רופן דאָס — סאָציאַליזם. איך בין געגן דעם, אַז מען זאָל דאָס רופן סאָציאַליזם, ווייל ס'איז נישט קיין סאָציאַליזם. אָבער וואָס דאָס זאָל ניט זיין, איז דאָס אַ קריגס־באַדערפעניש.

לאָמיר נעמען אַ קאָנקרעטן ביישפּיל פון אַן איינפאַכער פּראָדוקציע־פּראָבלעם, ווי זי ווערט באַהאַנדלט היינט־צו־טאָג, און דאָס פאַרגלייכן מיט דעם אופן ווי אַזוי די פּראָבלעם וואָלט באַהאַנדלט געוואָרן אונטער אַ צענט־ראַליזירטער אַדמיניסטראַציע, וואָס טראַכט אין טערמינען פון אויסנוצן אויף דעם בעסטן אופן די פאַראַנענע אַרבעטער און מאַשינען.

די אַרמיי דאַרף האָבן עטלעכע מיליאָן אוניפאָרמס. קאָנטראַקטן ווערן אַרויסגעבן צו דעם אונטערנעמער וואָס באָט אָן דעם קלענסטן פּרייז, און דאָס איינציגע וואָס פאָדערט זיך פון אים איז, אַז ער זאָל זיין „פינאַנציעל פאַראַנטוואָרטלעך", דאָס הייסט — ער זאָל פאַרמאָגן געלט. מיר ווייסן, ווי אַ פעסטגעשטעלטן פאַקט, אַז די דאָזיגע קאָנטראַקטן האָבן נישט אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט די מאַשינען און אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וואָס זיינען איצט אומבאַשעפטיגט און זיינען גרייט און פיאיג צו אַרבעטן. די קאָנטראַקטן ייינען געגעבן געוואָרן צו מענטשן, וואָס נעמען זיך בויען — אויף דעם באָדן פון די באַקומענע קאָנטראַקטן — אַ גאַנץ נייע קליידער־אינדוסטריע, אָנ־הויבנדיג פון סאַמע אָנהויב: זיי בויען נייע פאַבריקן, שטעלן אַריין מאַשינען, טרעגירן אַרבעטער, בעת די אַלע מאַטעריאַלן און כחות וואָלטן געקאָנט אויס־גענוצט ווערן פאַר אַנדערע וויכטיגע צוועקן. דער רעזולטאַט איז — אַן „עקאָנאָמיע" פון צען סענט פער אוניפאָרם, וואָס דאָס ברענגט מיט זיך דעם עקאָנאָמישן פאַרלוסט פון אַ גאַנצער אינדוסטריע, וועלכע בלייבט אומ־באַשעפטיגט; די פאַרשווענדונג פון אַרבעטער, מאַטעריאַלן און מאַשינען, וואָס זיינען נויטיג אַנדערש־וואו; אַן אָפּהאַלט אין דער פּראָדוקציע, בעת עס ווערן געבויט נייע פאַבריקן, און שווערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע צערודערונגען און אויפטרייסלונגען. ס'איז קלאָר, אַז דאָס אַלץ איז נאַריש און נישט עקאָנאָמיש; ס'איז אָבער דער אומפאַרמיידלעכער פּראָדוקט פון דער איצטיגער פלאַנלאָזיגקייט.

ווען מיר זאָלן אָבער אָפּערירן אונטער אַ צענטראַליזירטער נאַציאָנאַלער

פאַרוואַלטונג איבער דערווירטשאַפט, וואָלטן די באַשטעלונגען אויף קליידער פאַר דער אַרמיי (און אויף אַלע אַנדערע זאַכן) אויטאָמאַטיש געגעבן געוואָרן צו די פּאַרטיגע און אָרגאַניזירטע פאַבריקן און אַרבעטער, וואָס וואָלטן געקאָנט אויפמאַכן די אַרבעט מיט אַ מינימום שטערונג פאַר דער גאַנצער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. נייע אַרבעטער וואָלטן נישט אַוועקגענומען געוואָרן פון אַנדערע געביטן און וואָלטן נישט טרענירט געוואָרן צו נייען קליידער, סיידן ס'וואָלטן אָנגעהויבן אויספעלן טרענירטע נאָדל־אַרבעטער; נייע מאַשינען וואָלטן נישט געגעבן געוואָרן צו וועלכער ס'איז אינדוסטריע, ביז די פאַראַנענע מאַשינען זיינען נישט באַשעפטיגט אין דער פולער מאָס.

עס פעלט נישט קיין אינפאָרמאַציע וועגן די דאָזיגע ענינים, ס'איז ניטאָ קיין טעכנישע שוועריגקייט, וואָס זאָל שטיין אין וועג, ס'איז ניטאָ קיין שום סיבה פאַרוואָס דאָס זאָל נישט געטאָן ווערן, — נאָר אונזערע געדאַנקען זיינען אָנגעשטעלט אין אַן אַנדער ריכטונג און אונזערע אַקציעס פאָלגן אויטאָמאַטיש נאָך דעם אַלטן מוסטער, אַפילו ווען פאַר אונז איז קלאָר, אַז דאָס פירט צו זינלאָזע און נאַרישע רעזולטאַטן. מיר באַקומען אָט־די זינלאָזע רעזולטאַטן, ווייל מיר טראַכטן נאָך אַלץ אין טערמינען פון מאַרק־פאַרהעלטענישן, וואָס די מלחמה האָט זיי אַוועקגעבלאָזן הימל־הויך און וואָס קאָנען ניט גילטן אַזוי לאַנג ווי די מלחמה גייט אָן. מיר באַוויזן נישט צו קריגן די מעגלעכע ראַציאָנאַלע רעזולטאַטן, ווייל מיר קאָנען נישט באַנעמען די ווירטשאַפטלעכע סיסטעם ווי אַ סיסטעם פון אויסנוצן אויף דעם עקאָנאָמישסטן אופן די פאַרטיילונג און אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט־קראַפט און די באַוואוסטזיניגע פאַרשטענדיגונג צווישן די אונטערנעמער, די יוניאָנס און דער רעגירונג פאַר דעם דאָזיגן צוועק, — נאָר אָנשטאָט דעם טראַכטן מיר אין טערמינען פון פּרייזן, געלט, קאַפּיטאַל, פּראָפיטן, קאָסטן און טויזנט אַנדערע מינדער־וויכטיגע עלעמענטן, וואָס באַהאַלטן דעם אַל־וויכטיגן און אַנטיישדענדיגן עלעמענט פון אויסנוצן אין דער פולער מאָס די פאַראַנענע אַרבעט־קראַפט און די פאַבריקן מיט זייער אויסשטאַטונג.

אין אַ צענטראַליזירטער קריגס־ווירטשאַפט פאַרלירן פּרייזן זייער פריערדיגע באַדייטונג ווי אַ פאַרצייכענונג פון מאַרק־פאַרהעלטענישן און זיי ווערן אַן ענין פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון בוכהאַלטעריע און חשבון־פירונג; פּרייזן מוזן פיקסירט ווערן, ווייל אַז ס'איז ניטאָ קיין פרייער מאַרק, קאָנען די פּרייז־וואַקלונגען שאַפן אומנויטיגע רייבונגען, די פּרייז־ענדערונגען קאָנען ווערן הפקר'דיג און דאָס וואָלט אוממעגלעך געמאַכט אַן אַלגעמיינעם אַדמיניסטראַטיוון קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפט.

אין אַ צענטראַליזירטער קריגס־ווירטשאַפט פאַרלירן פּראָפיטן זייער פריערדיגע באַדייטונג ווי אַ קוואַל פון אומבאַגרענעצטן פּערזענלעכן פאַרברויך

און ווי אַ באַזיס פאַר אומבאַשרענקטער אָנזאַמלונג פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל, ווייל אין איין פאָרם אָדער אַ צווייטער קאָנטראָלירט די רעגירונג אַלע סחורות, וואָס ווערן פּראָדוצירט און פאַרטיילט זיי לויט אַ סיסטעם פון „רעשאָנינג" סיי אין דעם געביט פון פּערזענלעכן פאַרברויך און סיי אין אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, אַפּגעזען פון דער קויף־קראַפט פון געלט. די לאָגיק פון קריגס־ווירטשאַפט פאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל איבערנעמען די מאַכט פון אויסנוצן אַלע פּראָפיטן אין לויף פון דער מלחמה, מיט דער אויסנאַם פון אַ געוויסן טייל, וואָס ווערט באַשטימט ווי אַ מין „פּאַיאָק", אַ פאַרברויך־פּאָרציע פאַר די אומבאַשעפטיגטע קלאַסן. דאָס איז די עקאָנאָמישע באַדייטונג פון פּרעזידענט רוזוועלט'ס באַרימטן פאָרשלאַג צו באַשרענקען פּערזענלעכע אײַנקונפטן אויף דער סומע פון $25,000 אַ יאָר. פון דעם שטאַנדפּונקט פון קריגס־ווירטשאַפט איז עס קיין שום אונטערשייד נישט, צי די רעגירונג נעמט איבער דעם קאָנטראָל איבער די דאָזיגע פּראָפיטן דורך באַשטייערונג אָדער זי טוישט זיי אויס אויף רעגירונגס־באָנדס.

אין אַ צענטראַליזירטער קריגס־ווירטשאַפט, כאָטש פּריוואַט־אייגנטום בלייבט אומבאַרירט, פאַרלירט פּריוואַטער קאַפּיטאַל זײַן באַדייטונג ווי אַ פאָרבאַדינגונג פאַר פּראָדוקציע. שוין איצט, נאָך איידער מיר האָבן אַ צענטראַליזירטע קריגס־ווירטשאַפט, זעען מיר ווי פּריוואַטע קאַפּיטאַל־אינוועסטירונגען האָבן כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט צו דעקן די באַדערפענישן פון לויפנדיגער פּראָדוקציע. קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג און די פאַרטיילונג פון קאַפּיטאַל פאַר פּראָדוקטיווע צוועקן ווערט שוין דורכגעפירט דורך דער רעגירונג, כאָטש די רעגירונג פּלאַנירט נאָך נישט אַזאַ אויסנוצונג פון קאַפּיטאַל. ס'וועט זײַן אַבסאָלוט נויטיג צו אונטערוואַרפן אָט־דעם פּראָצעס צו אַ רעגירונגס־פּלאַן.

אין אַ צענטראַליזירטער קריגס־ווירטשאַפט וועלן די פּראָדוקציע־קאָסטן שפּילן אַ ראָלע בלויז אין דעם זין פון קאָנטראָלירן די אָפּעראַטיווע טיכטיגקייט, די „עפישענסי" פון יעדער פּראָדוציר־אונטערנעמונג און וועלן נישט טאָרן באַשטימען — מיט דער אויסנאַם פון עקסטרעמע פאַלן — צי די פּראָדוקציע זאָל פאָרטגעזעצט ווערן אָדער ניט, — ווייל די באַדערפענישן פון דער מלחמה מוזן באַזאָרגט ווערן, וואָס די קאָסטן זאָלן נישט זײַן. עס וועט גילטן דער כלל, אַז אַלע פּראָדוקטיווע אונטערנעמונגען מוזן אויסגענוצט ווערן אין דער פולער מאָס ,אַז אַן אומבאַשעפטיגטע פּראָדוקטיווע אונטערנעמונג איז דאָס העכסטע עקאָנאָמישע פאַרברעכן, דער איינציגער קאָסט, וואָס איז צו־שווער און מוז פאַרבאָטן ווערן.

אין אַ צענטראַליזירטער קריגס־ווירטשאַפט האָבן ווערדזשעס אַ טענדענץ צו פאַרלירן זייער באַדייטונג ווי אַ מאַרק־פאַרהעלטעניש. ווערדזשעס מוזן

אויפגעפאַסט ווערן אין זייער עקאָנאָמישן זין — ווי די גאַראַנטיע פון די פולסטע באַדערפעניש — שפייז, קליידונג און וואוינונגען (ווי אויך די מעגלעכע סאָציאַלע באַדינגונגען) פאַר די הויפּט־כחות פון פּראָדוקציע, פאַר דער מענטשלעכער אַרבעט־קראַפט אין דער ווירטשאַפט, כדי צו זיכערן איר פייאיגקייט פאָרטצוזעצן דעם מאַקסימום פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע. די רעלאַטיווע „גערעכטיגקייט" פון די פאָדערונגען מצד קאַפּיטאַל און אַרבעט בנוגע דער פאַרטיילונג פון די ווירטשאַפטלעכע געווינסן האָט דעריבער גאָר־נישט ניט צו טאָן מיט דעם ענין. דעם קאַפּיטאַליסט ווערט דערלויבט צו קריגן זיינע 25 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר נישט דערפאַר וואָס „גערעכטיגקייט" פאָדערט עס, און נאָך וויניגער צוליב זיין עקאָנאָמישער „ניצלעכקייט" אין דער קריגס־ווירטשאַפט, נאָר פשוט ווי אַ פראַגע פון פּאָליסי: כדי ער זאָל נישט ווערן אַזוי אומצופרידן, אַז ער זאָל פאַרלירן זיין פּאַטריאָטיזם און זיך נעמען סאַבאָטאַזשירן די מלחמה. דער אַרבעטער, פון דער אַנדערער זייט, קריגט וועידזשעס דוראכוים צוליב זיין ניצלעכקייט אין דער פּראָדוקציע. קלאָר, אַז די געזעלשאַפטלעך־אָנערקענטע באַדערפענישן פאַר אָנהאַלטן און באַנייען די פּראָדוקטיווע פייאיגקייט דאַרפן און קאָנען באַשטימט ווערן בלויז מיט דער פולער און פרייער קאָאָפּעראַציע פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס נעמען אַרום די גרעסטע צאָל דירעקט־פאַראינטערעסירטע מענטשן, — די טרעיד־יוניאָנס. די וועידזשעס דאַרפן אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין רעאַלן לוין און באַשיצט ווערן דורך קאָנטראָלירטער פאַרטיילונג פון געברויך־סחורות, דאָס הייסט — דורך „רעשאָנינג". די טענדענץ איז, אַז לוין־איינקונפט, וואָס שטייגט אַריבער די נאַציאָנאַל־באַשטימטע נאָרמען פון „רעשאָנינג", זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין שפּאָרונגען און זאָל אָדער אויטאָמאַטיש אָדער פרייוויליג אינוועסטירט ווערן אין רעגירונגס־באָנדס און אַזוי אַרום צוריקגעקערט ווערן צו דער קריגס־ווירטשאַפט. די טענדענץ אין די טרעיד־יוניאָנס, וואו די קלאָרע אויפפאַסונג פון דער איצטיגער מלחמה ווי אַ פאָלקס־מלחמה האָט אויסקריסטאַליזירט אַ פעלזן־פעסטן פּאַטריאָטיזם, איז אין איינקלאַנג מיט אָט־דער אַנטוויקלונג.

מען וועט אויסזעצן, אַז אַזאַ צענטראַלע פאַרוואַלטונג מיט דער ווירט־שאַפט ווי מיר האָבן דאָ אָנגעצייכנט, וואָלט געפאָדערט אַ ריזיגן רעגירונגס־אַפּאַראַט, וואָס זאָל זי קאָנטראָלירן. די דאָזיגע אויסזעצונג איז אינגאַנצן אומבאַגרינדעט. דאָס וואָלט געפאָדערט וויניגער רעגירונגס־אַגענטורן און אַ קלענערן פּערסאָנאַל ווי מיר האָבן איצט אין וואַשינגטאָן און איבערן גאַנצן לאַנד, — אָן אָנצאָל באַאַמטע, וואָס צווינגען אַרויף זייער דעה אויף די פּראָ־דוקטיווע אונטערנעמונגען, וועלכע זיי בויען ניט און פאַרוואַלטן ניט. אַ סך מענטשן פון דעם איצטיגן רעגירונגס־אַפּאַראַט, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אָט־די

ענינים, וואָלטן שנעל אַנטפּלעקט זייער פולשטענדיגע נוצלאָזיגקייט און וואָלטן געקאָנט אַריבערגעפירט ווערן אויף ניצלעכער קריגס־אַרבעט. אַ צענטראַלע אַדמיניסטראַציע, וואָס זאָל וויסן וואָס אירע אייגענע אויפגאַבן זיינען און זאָל הינטער זיך האָבן די פולע קריגס־מאַכט פון דער רעגירונג, — מיט אַ גע־העריגער פאַרטרעטערשאַפט פאַר די יוניאָנס, וואָס זאָלן שפּילן אַן איינפלוס־רייכע ראָלע לויט דעם מוסטער פון די טיכטיגסטע טראָסטס און קאַרטעלס, — אַזאַ צענטראַלע אַדמיניסטראַציע וואָלט שנעל געשאַפן אַ קאָנטראָל־סיסטעם, וואָס וואָלט געפאָדערט בלויז אַ קליינעם טייל פון די מענער און פרויען, וועלכע זיינען איצט באַשעפטיגט מיט דער האָפענונגסלאָזער אויפגאַבע צו שאַפן אַ קריגס־ווירטשאַפט אָן אַ פּלאַן, אָן אַ נאַציאָנאַלער צענטראַליזירטער אַדמיניסטראַציע.

אין אַ צענטראַליזירטער קריגס־ווירטשאַפט איז נישט נויטיג, אַז די רעגירונג זאָל „איבערנעמען" די פאַבריקן, — סיידן אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דער קאָנגרעס האָט שוין אָנגענומען די געהעריגע געזעצן, וואָס אויטאָ־ריזירן די רעגירונג איבערצונעמען פאַבריקן, ווען דאָס איז נויטיג ווי אַ מיטל ביייצוקומען דעם ווידערשטאַנד מצד די איצטיגע אינדיווידועלע אייגנטימער און פאַרמיידן מעגלעכן סאַבאָטאַזש פון זייער זייט געגן דער איינגעאָרדנטער ווירטשאַפט. חוץ אָט־די אויסנאַמס־פאַלן קאָנען די איצטיגע פאַרהעלטענישן פון באַזיץ און דירעקציע („מענעדזשמענט") בלייבן ווי זיי זיינען היינט־צו־טאָג. זיי קאָנען „פאַרפרוירן" ווערן „פאַר די דיורעישאָן", אַזוי לאַנג ווי די מלחמה וועט אָנהאַלטן. עס דאַרף אָנגענומען ווערן דער כלל, אַז יעדע ענדערונג אין אָט־די פאַרהעלטענישן דאַרף אין יעדן באַזונדערן פאַל זיך באַרעכטיגן ווי אַ נויטיגער שריט פאַר מאַקסימום קריגס־פּראָדוקציע.

בלויז אַזאַ פולשטענדיגע פּראָגראַם, ווי מיר האָבן דאָ אָנגעצייכנט, קאָן שאַפן אַ טאָטאַלע קריגס־ווירטשאַפט. ווייניגער ווי דאָס וועט ניט שאַפן דעם מאַקסימום קריגס־פּראָדוקציע, וואָס איז אַזוי נויטיג פאַר אונזער זיג.

פינפטער טייל

דער זיג—און דערנאָך

קאפיטל איין־און־צוואנציג

די וועלט נאָך דער מלחמה

דער זיג פון די פאראייניגטע מלוכות איבער דער „אקס" וועט אונז ברענגען פנים אל פנים מיט די פראָבלעמען פון רעאָרגאניזירן די וועלט נאָך דער מלחמה. א סך פערזאָנען און אָרגאניזאציעס זיינען באשעפטיגט מיט צוגרייטן די אַרכיטעקטאָרישע צייכענונגען פאר יענעם טאָג. דאָס איז א צייט־פארטרייב, מיט וועלכן איך קאָן זיך נישט אָפּגעבן. איך האָב נישט קיין ארכיטעקטאָרישן פּלאַן, קיין „בליופּרינט" פאר דער נאָך־מלחמה וועלט.

עטלעכע זאכן וועגן דער נאָך־מלחמה וועלט קאָנען מיר זאָגן מיט א היבשער מאָס זיכערקייט.

נאָכדעם ווי די „אקס" וועט צעשמעטערט ווערן, וועט די גאַנצע מענטש־הייט פאר זיך האָבן די פּראָבלעם פון איבערבויען די וועלט אין א סביבה פון פרייהייט צו אַנטוויקלען אירע מעגלעכקייטן א סך ברייטער ווי וועלכער ס'איז פריערדיגער דור. עס וועט אויפבליען דער געניאַלער כח פון מענטש־לעכן פארשטאַנד, אזוי ווי ס'האָט אַלעמאָל פּאסירט ,ווען גרויסע אונטער־דריקערישע כחות זיינען באזייטיגט געוואָרן.

עס וועט געשאפן ווערן פרייהייט פאר דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון די ביז־איצט אונטערדריקטע פעלקער פון אזיע, אפריקע און לאַטיין־אַמעריקע, און פון די אונטעריאָכטע פעלקער און לענדער אין אייראָפּע. די דאָזיגע פעלקער וועלן דערגרייכן צו א שטופּע פון זעלבסט־באַשטימטער עקזיסטענץ, וואָס וועט פאַרצייכענען א נייעם הויך־פּונקט אין דער געשיכטע. קיינע רעאקציאָנערע נאָך־מלחמה טענדענצן צווישן די גרויסע מלוכות זיינען נישט בכח אויסצושטרייכן אָט־דעם געווינס. און עס וועט זיין א געווינס פאר דער פרייהייט פון דער גאַנצער וועלט.

א סך לענדער, וואָס זיינען שוין לאַנג סאָציאַליסטיש אין זייער הערשנ־דינער טענדענץ פון פּאָליטישן געדאַנק, וועלן ענדלעך זיין פריי צו איבערזעצן זייער געדאַנק אויף דער שפּראַך פון אקציע. ס'איז גאַנץ וואַרשיינלעך, אז די באַלדיגע נאָך־מלחמה וועלט וועט צום לעבן ברענגען צום ווינציגסטן נאָך איין סאָציאַליסטישע רעפּובליק, חוץ דעם איצטיגן פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. אנדערע וועלן אפשר איינפירן נייע צווישנדיגע

פאָרמען פון סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע, וואָס וועלן נישט זיין ענלעך אויף די ביז־איצט־באַקאַנטע פאָרמען פון סאָציאַליזם אָדער קאַפּיטאַליזם.

אַמעריקע — אויב זי וועט נאָר אויסהאַלטן מיט דערפאָלג די גרויזאַמע פּראָבעס פון דער איצטיגער מלחמה און וועט ביישטראָגן איר חלק צום זיג, — וועט במעט זיכער אַריינטרעטן אין דער נאָך־מלחמה וועלט ווי דאָס שטאַרקסטע קאַפּיטאַליסטישע לאַנד און דער פּאָליטישער גראַוויטעט־צענטער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן טייל פון דער וועלט. זי וועט דעריבער האָבן צו שפּילן אַ גוואַלדיג־וויכטיגע ראָלע אין דער פאַמיליע פון פעלקער און לענדער.

די צענטראַלע פּראָבלעם פון דער נאָך־מלחמה וועלט וועט באַשטיין אין דעם, צי די קאָאָפּעראַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר דער מלחמה דורך דעם בונד פון די פאַראייניגטע מלוכות, קאָן פאָרטגעזעצט און אויסגעברייטערט ווערן נאָך דער מלחמה, כדי צו האַנדלען קאָלעקטיוו וועגן די פּראָבלעמען פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער רעקאָנסטרוקציע פון דער וועלט. אָן דעם ענטפער אויף אָט־דער פראַגע ווענדט זיך דער צוקינפטיגער כאַראַקטער פון דער נאָך־מלחמה וועלט.

אויב די פאַראייניגטע מלוכות, ווי אַ צענטער פון אַלוועלטלעכער קאָאָפּעראַציע, קאָן פאָרטגעזעצט און אויסגעברייטערט ווערן, איז עס מעגלעך צו דערבליקן די רעאַליסטישע פּערספּעקטיוו, אַז די שרעקלעכע וואונדן פון דער מלחמה וועלן שנעל פארהיילט ווערן און אַז אַלע פעלקער וועלן פאָראויסגיין מיט גרויסע שריט צו די צילן פון קולטורעלן און עקאָנאָמישן פאָרטשריט, וואָס זיינען אָנגעצייכנט אין די ברייטע שטריכן פון דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער". עס וועט דעמאָלט זיין מעגלעך צו דערפירן צו אַ מינימום די אויפטרייסלונגען און בירגער־מלחמות, וואָס ווערן געבוירן אין דעם גאַנג פון אינטערנאַציאָנאַלער מלחמה און ברעכן אויס, ווען די מלחמה קומט צו אַ סוף; עס וועט מעגלעך זיין צו דערגרייכן אַ מאַקסימאַלע שטופּע פון פרידלעכער און אָרדענונגסמעסיגער אַנטוויקלונג פאַר אַלע לענדער און פעלקער.

דאָס, דאַכט מיר, איז די צענטראַלע פּראָבלעם, וואָס דאַרף שטיין אין פאָדערגרונט פון אונזער טראַכטן וועגן די נאָך־מלחמה פּראָבלעמען, כדי מיר זאָלן אויסמיידן די גרויסע געפאַר, אַז די פאָרטיגע סכעמעס און אַרכיטעקטאָרישע פּלענער זאָלן ווערן שטערונגען אָנשטאָט הילף־מיטלען פאַר דעם איבערבוי פון דער וועלט. דאָס איז נאָך מער נויטיג ווי אַ מיטל, דורך וועלכן די באַטראַכטונג פון נאָך־מלחמה פּראָבלעמען זאָל העלפן איצט, אין לויף פון דער מלחמה, ברענגען דעם זיג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות, אָנשטאָט צו ווירקן ווי אַ מיטל צו צעטיילן די פאַראייניגטע מלוכות און אונטערגראָבן די קריגס־אָנשטרענגונג.

ס'איז די פּאָליסי פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו העלפן אויף יעדן מעגלעכן אופן, אין קאָאָפּעראַציע מיט אַלע ענלעך־דענקענדיגע פּערזאָנען און גרופּן, צו שאַפן די פולסטע פאַרגאַנצונג פון די פאַראייניגטע מלוכות סיי פאַר דער מלחמה און סיי פאַר דעם נאָך־מלחמה פעריאָד, נאָכדעם ווי דער זיג וועט געוואונען ווערן.

אויב דאָס וועט דערגרייכט ווערן, וועט דאָס זיין אַ פּרעצעדענטלאָזער שריט פאָראויס, — אַ שריט וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע. און ס'איז קלאָר, אַז אַזאַ פּרעצעדענטלאָזער פאָרטשריט, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן אין דער פאַרגאַנגענהייט, קאָן נישט דערגרייכט ווערן דורך נאָכפאָלגן אַלטע לערעס, וואָס זיינען געבויט אויף פּרעצעדענטן.

דאָס הייסט ניט, אַז אָט־דער ציל איז אוטאָפּיסטיש אָדער ניט־ראַציאָנאַל. דער סאַמע עיקר פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג דריקט זיך אויס אין דערגרייכן פּרעצעדענטלאָזע זאַכן, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער פאַרגאַנגענהייט. אויב עס זאָל נישט פּאַסירן קיין זאַך, וואָס איז נישט באַזירט אויף אַ פּרעצעדענט, וואָלט בכלל נישט געווען קיין געשיכטע. די קאָמוניסטישע אויפפאַסונג פון געשיכטע, לויט דער שול פון מאַרקס, ענגעלס, לענין און סטאַלין, שאַפט נישט קיין אָפּהאַלט פאַר אַזאַ ציל ווי אַ בונד פון די פאַראייניגטע מלוכות פאַר קריג און פרידן; פאַרקערט, אַזאַ אויפפאַסונג פון געשיכטע שאַפט די גרעסטע הילף אויף צו דערגרייכן דעם ציל. מיר קאָמוניסטן זיינען שוין פון לאַנג צוגעוואוינט צו פּלאַנירן פּרעצעדענטלאָזן פאָרטשריט, און אונזער טעאָריע איז נישט קיין דאָגמע אָדער שטייפע דאָקטרינע, נאָר אַ וועג־ווייזער צו אַקציע אין דער ווירקלעכער וועלט. מענטשן מאַכן געשיכטע, אפילו אויב זיי מוזן זי מאַכן פון די מאַטעריאַלן, וואָס זיי געפינען צו דער האַנט. און אויב אין דער צייט פון מלחמה שמידן מיר צונויף אַ מעכטיגע גאַנצקייט אין דער פאָרם פון די פאַראייניגטע מלוכות, וועט דאָס אויך זיין דער מאַטעריאַל אויף צו בויען דעם פרידן.

דער סאָרט פרידן, וואָס וועט קומען נאָך דער מלחמה, ווענדט זיך אָן דעם מין מלחמה, וואָס מיר וועלן פירן. אין דער מאָס ווי מיר פירן און געווינען די מלחמה ווי אַ מלחמה פון די פאַראייניגטע מלוכות, — אין דער זעלביגער מאָס גרייטן מיר צו די פאַראייניגטע מלוכות ווי דעם אינסטרומענט פאַר איינאָרדענען די נאָך־מלחמה וועלט.

דער זיג איבער דער „אַקס" וועט מאַכן אַ סוף צו דער גרעסטער פון אַלע געפאַרן פאַר דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע; דער זיג וועט אָבער צו דער זעלביגער צייט באַזייטיגן די קראַפט, וואָס איז הויפּטזאַכלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צונויפשמידן די פאַראייניגטע מלוכות. נאָכדעם ווי די געפאַר פון נאַצי־פאַרשקלאַפונג וועט פאַרשווינדן, וועלן אַלע צעטיילענדיגע טענדענצן

אינערהאַלב די פּאַראייניגטע מלוכות ווידער קומען צום אויסדרוק מיט נייער קראַפט. דאָס וועט זיין אַ נייע פּרוביר־צייט פאַר די פאַראייניגטע מלוכות, און אַט־די פּראָבע וועט באַשטימען אויף וויפיל די פייערן פון קריג האָבן צונויפגעשמידט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

נאָך דער מלחמה וועט די הויפּט־פּראָבלעם אין דער היים זיין — דער איבערגאַנג פון אַ קריגס־ווירטשאַפט צו אַ פרידנס־ווירטשאַפט. דאָס וועט אונז פּלוצים ווידער ברענגען פּנים אל פּנים מיט דער פּראָבלעם, וואָס האָט אריינגעשליידערט די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט אין אַ קריזיס, פון דעם יאָר 1929 ביז די איצטיגע מלחמה האָט ארומגענומען די גאַנצע וועלט; דאָס הייסט — די פּראָבלעם פון אַ שטאַרק־באַשרענקטער נאָכפראַגע אויף סחורות, ווייט אונטער די פּראָדוקטיווע מעגלעכקייטן פון דער נאַציאָנאַלער ווירט־שאַפט. די מלחמה וועט האָבן שטאַרק אונטערשטראָכן אַט־די פּראָבלעם, ווייל עס וועלן זיין אַ סך מער פאַבריקן, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אין לויף פון דער מלחמה.

וועט אַמעריקע און די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות צוריק אריינ־פאַלן אין דעם כראָנישן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט זינט 1929? וועלן מיר צוגעבן, אַז מיר קאָנען דערגרייכן אַ מאַקסימום פּראָ־דוקציע פאַר קריג, נאָר אַז ס׳איז אוממעגלעך צו פּראָדוצירן פאַר פרידן מיט דעם זעלביגן פאַרנעם?

אַזאַ ענטפער האָבן שוין אָנגעגעבן אונזערע העכסט־אויטאָריטעטע עקאָ־נאָמישע דענקער אין די ערשטע טעג פון אונזער פּולן אריינטריט אין דער מלחמה. אַט איז דאָס בילד פון דער אַמעריקאַנער נאָך־מלחמה ווירטשאַפט, ווי עס ווערט געמאָלט פון דער „אַמעריקאַנער אקאַדעמיע פון פּאָליטישער און סאָציאַלער וויסנשאַפט”:

„אונזער נאַציאָנאַלע איינקונפט וועט פאַלן כמעט איבער נאַכט צו אַ דריטל אָדער אַ העלפט פון דער הויכער מלחמה־שטופע. . . . דאָס וועט שאַפן אַנטשפּרעכיגע ארבעטלאָזיגקייט, וואָס וועט נאָך מער פאַרגרעסערט ווערן . . . דורך די עקאָנאָמיעס פון פּראָדוקציע־מעטאָדן. . . . יעדער פּלאַן פאַר דער צוקונפט, וואָס פאַרפעלט צו אָנערקענען אַט־די פאַקטן, איז נישט־רעאַליסטיש און נוצלאָז.” *)

ס׳איז פאַר מיר אוממעגלעך איינצושטימען מיט אַט־דעם דעפּיטיסטישן צוגאַנג צו אונזערע עקאָנאָמישע נאָך־מלחמה פּראָבלעמען. פאַרקערט, מיר

*) „אַנאַלס אָוו די אַמעריקען אַקעדעמי”, זייט 8, פילאַדעלפיע, מערץ 1942.

דאכט זיך, אז גראד אט־דער צוגאנג איז „נישט־רעאליסטיש און נוצלאז" און אז דאס אמעריקאנער פאלק וועט אים קיינמאל נישט אננעמען. ס'איז העכסט אומזיניג צו גלויבן, אז בלויז די אומבאגרענעצטע באדערפעניש פון קריג קאן ארויסברענגען דעם מאקסימום פראדוקציע פון אונזערווירטשאפט, בעת פרידן מוז נויטיגערווייז מיט זיך ברענגען ארבעטלאזיגקייט און גליוורונג. די דאזיגע פערספעקטיווע ליגט זיך לחלוטין נישט אויפן געזונטן פארשטאנד, אויף דעם „קאמאן סענס" פון פאלק. אויב מיר קאנען פראדוצירן קריג־שיפן, טאנקען, עראפלאנען און אלע אנדערע מינים מיליטערישע אויסשטאטונג אין אזא ריזיגער מאס אין צייט פון מלחמה, איז נישטא קיין ווירקלעכע סיבה פארוואס מיר זאלן נישט קאנען פראדוצירן פונקט אזוי פיל סחורות פאר די פרידלעכע באדערפענישן פון דער באפעלקערונג נאך דער מלחמה. עקאנאמיסטן, וואס זאגן זיך אפ צו באגעגענען אט־די פראבלעם און זי פארענטפערן אויף א געזונטן ראציאנאלן אופן, וועלן אויסגעפינען, אז ווען ס'וועט קומען די צייט צו אנטשיידן אזוינע פראגן, וועט דאס פאלק אפווארפן אלע זייערע נאך־מלחמה פלענער.

עס איז אמת, אז מיר האבן נישט קיין פרעצעדענטן וואס זאלן אונז ווייזן, אז דאס קאן דערגרייכט ווערן אן פונדאמענטאלע ענדערונגען אין אונזער ווירטשאפט. נאר פונקט ווי די מלחמה האט באוויזן די מעגלעכקייט צו לייזן „אוממעגלעכע" פראבלעמען, אזוי וועט דאס אויך באווייזן דער קומענדיגער פרידן. פרעצעדענטלאזע אויפטוען אין דער מלחמה וועלן אונז לערנען ווי אזוי דורכצופירן פרעצעדענטלאזע זאכן, וואס וועלן זיין נויטיג אין פרידן. די טעאריעס, וואס „באווייזן", אז נויטיגע זאכן זיינען „אוממעגלעך", וועלן דארפן גיין אויף דעם מיסט־הויפן.

זיך ארייננצולאזן ווייטער אין דער „נישט־אויסגעפארשטער טעריטאריע" פון דער נאך־מלחמה וועלט וואלט איצט נישט געבראכט קיין נוצן. ביז אט־דעם פונקט דארפן מיר איצט דערגיין, כדי צו פארשטארקן אונזער מלחמה־אנשטרענגונג. דאס פאלק מוז פאר זיך האבן א פראקטישע פראגראם, וואס זאל אנצייכענען א רעאליסטישע פערספעקטיווע פון אן ארדענונגסמעסיגער וועלט נאך דער מלחמה; און אזא פערספעקטיווע גיט אונז די פאראייניגטע מלוכות פאר פרידן אזוי גוט ווי פאר קריג. דאס פאלק רעבעלירט געגן דעם סאמע געדאנק, אז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגן, וועלן די מאסן ארויסגעווארפן ווערן אויף דעם מיסט־הויפן פון ארבעטלאזיגקייט; די פאלקסמאסן מוזן דעריבער קריגן די פארזיכערונג, אז דאס וועט נישט געשען, אז אונזער נאציאנאלע ווירטשאפט וועט זיי דינען אין פרידן מיט אומגעפער דער זעלביגער טיכטיגקייט, ווי זי דינט איצט דעם קריג.

נאָכשריפט

בײם פֿאַרענדיגן אָט־דעם בוך, װאָס איז געשריבן אין היבשער אײלעניש, בין איך שאַרף באַװאוסטזיניג װעגן זײנע ליטעראַרישע קנאַפּקײטן. אָבער אין דעם ברען פֿון דער איצטיגער מלחמה דערלויבט ניט די צײט צו פֿאַלירן און פּוצן דאָס אָנגעשריבענע, און דער בוך מוז גײן צום דרוקער כמעט אין דעם צושטאַנד װי ער איז צום ערשטן אַרויס פֿון דער שרײב־מאַשין. איך געפֿין אַ טרײסט אין דעם געדאַנק, װאָס איז אַזױ גוט אויסגעדריקט אין געטע׳ס װערטער:

געזונטער פֿאַרשטאַנד, ריכטיגער אורטײל
געפֿינט אַן אויסדרוק אָן קונץ און אָן כּלל;
און װען ס׳איז עכט דער דראַנג צו רעדן,
דאַרף מען דען פֿלינקע װערטער זוכן?
די פֿײנע רעדעס אײערע, די געפּוצטע און די דינע,
װאו איר פֿאַרפּלאָנטערט די פֿעדים פֿון מענטשלעכן דענקען,
דערפֿרישן נישט, — אַזױ װי דער לײדיגער װינט,
װאָס פֿײַפֿט דורך פֿאַרװעלקטע בלעטער און האַרבסטיגן נעפּל.

נישט געקוקט דערויף, װאָס אָט־דער בוך איז גאָרנישט אָרטאָדאָקסיש און פֿאָלגט־נאָך די ליניע פֿון קריגס־באַדערפֿעניש גיכער װי די ליניע פֿון טעאָריע, גלויב איך, אַז ער שטימט מיט די פּאָליטישע פּרינציפּן, װעלכע איך האָב לאַנג פֿאַראײגנט און װאָס װײַזן דעם װעג פֿאַר מײַן פּאַרטײ. אונזער טעאָריע איז נישט קײן דאָגמע, נאָר אַ ריכט־שנור פֿאַר אַקציע. אין צײַט פֿון מלחמה — אַ מלחמה, װאָס מוז דערפֿירט װערן צו אַ זיג — װאָלט עס באמת געװען אַ צרה׳דיגע טעאָריע, װען זי זאָל נישט באַװײַזן צו שטיצן דאָס, װאָס איז נויטיג פֿאַרן זיג. אונזער טעאָריע איז עכט װײל זי איז נאָענט צום לעבן, װײל זי שטאַמט דירעקט פֿון לעבנס־דערפֿאַרונג און איר צװעק איז צו דינען דעם לעבן און עס פֿירן צו העכערע שטופֿעס. דאָס האָב איך אין די שריפֿטן פֿון אַ גאָר באַרימטן טעאָרעטיקער, װלאַדימיר איליטש לענין, געפֿונען אָט־די װערטער געטע׳ס:

גרוי, מײַן יונגער פֿרײַנט ,איז לויטער טעאָריע,
און גרין אַלײן איז דער גאָלדענער לעבנס־בוים.